STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05956

DER LETSTER SHTRIKH

M. Artsybashev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אַרציבאַשעוו

דער לעצטער שטריך

У ПОСЛѢДНЕЙ ЧЕРТЫ.

ראָמאַן אין צוויי בענד

איבערזעצט פון רוסיש
פון
צ. סארין

צווייטער באַנד

פ א ר ל א ג
מאַקס יאנקאָוויץ, 179 איסט בראָדוויי
ניו־יארק.

1.

אין די קאַליזשעס האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט ווייסע שטיקלעך הימעל, נאַסע אַקאַציעס, מיט זייערע אָראָפּגעלאָזענע צווייגען, וועלכע האָבען געציטערט ווי פון קעלט, און געלע בלעטער, וועלכע דער ווינט האָט ביינאַכט פון די ביימער אַראָפּגעריסען זענען אַרומגעשוואומען אין די קאַליזשעס און האָבען זיך געוואָרפען אין אַלע זייטען, גלייך ווי זיי וואָלטען געווען לעבעדיגע. נאָכ'ן רעגען איז עפּעס אין דרויסען געווען אַזוי מאָדנע פּוסט, העל און ליכטיג.

אין אַן אַלטינקען מאַנטעל, אין קלייניגקע צוריסענע קאַלאָשען איז טושיזש אומגעלאָפען איבער'ן בולוואַר און האָט געפּלוכט:

„ער, דער דיקער טייפעל, וועט קיין געלט ניט געבען!... און דו ועסט, דערווייל, קריגען לונגען אַנצינדונג... פע, ס'איז מיאוס־קייט!"

ביים געדאַנק, אַז ער קען זיך פאַרקיהלען, קראַנק ווערען און שטאַרבען אין אַט דעם אומעטיגען נאַסען שטעדטעל; שטאַרבען אין דער אַבסאָליוטער איינזאַמקייט, ווייט פון יענעם לעבען, וועגען וועל־כען ער האָט אַזוי לאַנג און ליידענשאַפטליך געטרוימט, האָט טושיזש'ן אַרומגעכאַפּט אַ מורא'דיגע פּיין און ביינקשאַפט. אַזוי קליין פאַרוואַר־פען און אומגליקליך האָט ער אויסגעזעהן אין זיינע אייגענע אויגען, אַז טרערען האָבען איהם גענומען שטיקען.

„דאָס גאַנצע לעבען אַזוי... ווייסט עס דער טייפעל!"

דעם קלייניקען סטודענט איז געווען מאָדנע. אָט ענדע, איז ער דאָך ניט צוליעב דעם געבוירען געוואָרען אום אומצולויפען איי־

לעקציעס און טיאַפּען אין דער בלאָטע מיט צוריסענע קאַלאָשען; און פּרובטלאָז טרוימען, און שטאַרבען אַהן א זין און אַהן א שפּור?... אין דעם איז געווען שוין עפּעס צופיעל אומגעלומפּערטקייט; ער איז דאָך — א מענש!

ווארום דענקען אַלע און זאָגען אז דאָס לעבען — באַלאַנגט צו די דענקענדע, פּיהלענדע און קלוגע מענשען?... און אָט, איז ער טזשיזש א אינטעלעגענטער און דענקענדער מענש, מוז א הונגעריגער און פאַרקעלטעטער ציטערען פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג, און דאָ דער־ביי, לעבען די נאַרישסטע מענשען, וועלכע ניט נאָר גיבען עפּעס דעם לעבען, נאָר פאַרקערט, ברענגען שאָדען, לעבען צופרידען און שפּייען אויף אַלע איידעלע און שעהנע אידעען.

דעם גאַנצען לעבען, וועט ער טזשיזש דענקען און ליידען, און זיי וועלען רוהיג געניסען דעם וואויל־טאָג... און יענע, גיטער, יענע רייכ־טימער צו וועלכע עס וועלען זיך דורך קאַמף און ליידען דערשלאָגען. די עהנליכע צו איהם, וועלען פריהער פון אַלעם אויסגענוצט ווערען פון אָט די גראָב־הויטיגע חיות... זעהר פּשוט!... די בעסערע מענשען, די נביאים, פאַר וועמען די מענשהייט בוקט זיך אַזוי ניט אויפריכטיג, די העלדען שטעלען זיך נים אַפּ פאַר קיין שום אָפּפער. און פאַלען, און פאַלען, און איבער זייערע טויטע קערפּער געהט פאַר־אויס אָט די פיעל קעפּיגע טעמפּע מאַסע!... און זיי אָט די העלדען און דענקער לעבען בלויז צוליעב דעם, אום מיט זייער בלוט, צוזאַמענ־שמעלצען די ציגלען פון דעם אַלגעמיינעם גליק. און אין יעדען אויפ־געבויטען פון זייערע הענט שטאָק, באַזעצען זיך טריאומפירענדע חזרים, וועלכע ברוקען אונטער אויף זיי מיט פאַראַכטונג!... איז דאָס דען ניט אַזוי?... די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט, איז די געשיכטע פון געפאַלענע מאַרטירער, סיי פון געדאַנק, סיי פון וואָרט. און יעדער עפּאָכע איז דער שפּיץ פון דער טריאומפירענדער אַלטעג־ליכער וואָכעדיגקייט!... צו זיי, צו די טעמפּע חיות באַלאַנגט אַלעס: רייכטום; נייע ערפינדונגען, שעהנע געבאַידעס, צאַרטע שעהנע פרוי־ען, כבוד און לוקסוס... ליידען, צרות, נויט און שווערע געדאַנקען, דאָס איז דער גורל פון קליינע און גרויסע טזשיזש'ן! אַזוי איז דאָס געווען און אַזוי וועט דאָס אימער זיין!... אימער?... דאָס איז א

שרעקליך וואָרט !... אַט דאָס וואָרט ענטהאַלט אין זיך דעם סוף, דעם טויט צו אַלץ און אַלעמען !... אָבער דאַן, אויף אַזאַ אופן איז אַלעס אומגעלומפּערט !... און אויב אַזוי, טאָ וועד־זשע איז גערעכט, ווער איז פאַרנינפטיגער ? די קריסטוסעס אָדער די ראָטשילדס ?...

דער קליינינקער סטודענט האָט זיך אונטערגעגעבען מוטה. — ווייל ער האָט אפילו ניט געקענט דערלאָזען צו קיין פראַגע. אַ פראַגע — הייסט שוין אַ צווייפעל, און אַ מינוט פון צווייפלען האָט אויס־געמעקט און אָפּגעלייקענט זיין גאַנצען לעבען, צוזאַמען מיט אַלעם אין וואָס ער איז געווען געוואוינט צו גלויבען, פאַר וואָס ער האָט זיך געבוקט.

— נו, וואָס־זשע... — האָט ער איבערצייגענד געטראַכט. — אַ חזיר איז געווים גליקליכער פון מיר, אָבער איך וועל זיך דאָך ניט בייטען מיט קיין חזיר ?...

עפּעס אַ גלייכגילטיגע צו אַלץ, אינערליכע שטים האָט איהם אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז בלויז דערפאַר וואָס ער האָט זיך צוגע־וואוינט צו זיין פעל, האָט זי ליעב געקראַגען און אַלס נחמה פאַר זיך אליין האָט ער זיך אויסגעלערענט צו גלויבען אין איהר גרויסקייט. אָבער טזשיזש האָט אָפּגעטריבען פון זיך אַט דעם בייזען געדאַנק.

„ניט אימער וועט זיין אַזוי ! — האָט ער זיך אַלץ געשטאַרקט און ניט אונטער־געגעבען דער נאָגענדער ביינקשאַפט, און דערביי צי־שפּריצט מיט די קאַלאָשען אין אַלע זייטען די קאַלטע בלאָטע... עס וועלען דאָך אַמאָל קומען אַנדערע נייע צייטען... עס וועלען לעבען אַנדערע מענשען... דאַן וועלען טאַלאַנט און שכל ווערען די באַלעבאַ־טים פון לעבען... דאַן וועט זיין גוט !...

אָ, עס וועט זיין, עס וועט זיין ! דאַן וועט זיך אַפילו קיינער ניט זיין אימשטאַנד פאַרצושטעלען די עקזיסטענץ פון אַזאַ מין אומגליק־ליכען הונגעריגען סטודענט, וועלכער איז צוריצט פון אייביגער דחקות... דאַן וועט ניט זיין קיין פּיין... און קיין צוריסענע קאַלאָ־שען !...

מענשען וועלען זיין פריי און גליקליך ; און זייערע געזיכטער וועלען שיינען ; מיט צונויפגעקריצטע ציין און מיט אַן איינגעשפּאַרטקייט פון אַ פאַנאַטיקער, האָט טזשיזש ווידערהאָלט : יאָ עס וועט זיין.

אַט די שעהנע צוקונפט האָט זיך טזשיזש'ן געמאָלען, ווי עפּעס

א מיז ליכטיגער טאג אונטער דעם שפיץ פון א הויכען פרייעם הי־מעל. עס איז זיך אפילו אונמעגליך געווען פארצושטעלען, אז אויך דאן זאל קענען רעגענען, עס זאל זיין קאלט אדער בלאטיג, שוין אפגע־רעדט פון ריין פיזישע ליידען... דער ווייטער שימער, מיט וועלכען עס האט פון דארטען, פון דער אייביגקייט ארויסגעשיינט דער פריי־דיגער טאג, האט באלויכטען די נשמה, און אין זיין ליכט איז צוגאנ־גען די ביינקשאפט, און עס האט זיך אויפגעהויבען א מונטערע קאמפס־שטימונג. אפילו די שפראצען פון אונטער די קאלאשען זענען פרעהלי־כער געפלויגען.

נאר ווען דער קלייניקער סטודענט האט זיך פארגעשטעלט דעם שמאל־שטערענדיגען און קורץ־האלזיגען סוחר טרעאגולאוו'ן, און געבען איהם דעם אונבאקאנטען מענשען פון דער צוקונפט, מיט א קלארען געזיכט פון א מאלער און חכם, איז איהם מיט אמאל קלאר געווארען דער אונגעהויער מהלך צווישען זיי, און אזוי דייטליך איז געווארען די פארשטעלונג וועגען די גאנצע טויזענד יעהריגע קעמפע און ליידען, אז דער גייסט איז ארונטערגעפאלען ווי א שוועבענדער אין דער הויך, אונטערגעשאסענער פויגעל.

עס וועט קומען יענע גאלדענע צייט, עס קען ניט זיין זי זאל ניט קומען, געוויס... אבער ווען ?...

וואו וועט דאן זיין דער קלייניקער סטודענט, מיט זיין אויפגע־רייצטען הערצעל, צוריסענע קאלאשען און אלטינקען מאנטעל ?... ער וועט שוין דאן אין ערגעץ ניט זיין. עס וועט אפילו זיין לעכערליך צו דערמאנען זיך אין איהם !...

„לעכערליך !“

טזשיזש האט מיט א ביטערען פארוואורף א קוק געטאן אויפ'ן ווייסען הימעל, איבער וועלכען עס האבען אונבאמערקט אומגעקראכען אונענדליכע גרויע וואלקענס. ער האט א קוק געטאן און א ביטערען שמייכעל געטאן.

אונערווארטעט האט זיך אין איהם אנגעצונדען דער כעס.

„פרעגט זיך, צו איז טאקע באמת ווערט אט דאס בארימטע גליק, די גאנצע גאלדענע צייט, צוזאמען מיט דער צוקונפטיגער מענש־הייט, אט די אונבאמערקטע ליידען פון איין קלייניקען הונגעריגען און באליידיגטען סטודענט ?... ס'ארא מין אומגליקליכער און רחמנות'־

דיגער ער איז, און ווי שווער עס לעבט זיך איהם, און ער דענקט ווע־גען אייער גליק, מענשען פון דער צוקונפט. ער דענקט און טרוימט אזוי פיעל וועגען אייער גליק — אזוי ווי אין דעם וואלט געווען זיין אייגענער איין־און־איינציגער גליק. ער זארגט ניט צופיעל וועגען זיך, ווען ער טוט דאס, וואלט ער געקענט זיין פיעל גליקליכער ווי ער איז... און איהר גליקליכע מענשען פון דער צוקונפט, ווי וועט איהר דאס נאך אויסקוקען?... אפשר וועט איהר נאך זיין פרעמד און דער־ווידער דעם קליינינקען סטודענט?... זענט איהר ווערט זיינע ליידען, וועט איהר ערפיהלען זיינע טרוימען?

ווער ווייסט, וויפיעל בלוט, אנגסט, און פיין פון אזעלכע אונ־באמערקטע קליינינקע טרוימער מען וועט נאך דארפען כדי איהר צו־קונפטס מענשען זאלט קענען געניסען דאס לעבען!...

צו איז ניט צו גרויס דער פרייז, און צופיעל דער אפפער פאר אייך... איהר גליקליכע חזרים פון דער צוקונפט?"

אט דער חוצפה'דיגער געדאנק האט זיך באוויזען אזוי ספאנטאן און איז געווען אזוי פרעמד טושיזש'ן, אז ער האט זיך דערשראקען. אזוי פונקט ווי ער וואלט שטערבליך באליידיגט דאס טייערסטע, אזוי ווי ער וואלט שפאטען איבער א הייליגטום. און דער קליינינקער סטו־דענט האט זיך גענומען איילען אויף צוריק:

„נו, ווי סענטימענטאל איהר זענט דאס געווארען, קיריל אלעק־סעיעוויטש!... ווייסט דאס דער טייפעל, פון נאסקייט איז מיין נשמה צושוואומען! עס האט זיך איהם אויך פארוואלט א שטיקעלע גליק אין זיין אייגענער קעשינקע ארייגלייגען!... אפשר עפענען א קליי־טעל, אדער נאך א גוטע זאך — אוועק אין דער שפיאנען אבטיילונג! און די אידעאלען וועגען דער מענשהייט איבערלאזען צו די, וואס זענען שטארקער, צו די, וואס פוילען זיך ניט... א טייפעל!... זיינט אלע דרייפאך פארשאלטען!"

עס בלייבט א סוד צו וועמען עס איז געווען געווענדעט אט די טראגישע קללה. אבער דאס הארץ פון קליינינקען סטודענט איז איינ־פאך געשפרונגען פון כעס.

די וואסער האט זיך געבולבעט אין די קאלאשען, א מיאוס'ע קלעפיגע נאסקייט האט זיך פארקליבען אין די שמיוועל און אונטער'ן קאלנער.

טזשיזש איז גרייט געווען צו וויינען פון כעס און באַליידיגונג ער איז צוגעקומען צום סוף בולוואַר פון וואַנען אַ בלאַטיגע ריטשקע אוועקטראַגענדיג די גנלע בלעטער מיט אַזאַ אימפּעט און גע־דרעה, זיך געטראָגען אין יענעם הינטערגעסל, וואו עס האָבען גע־וואוינט זומער דאַווידענקאָ מיט מישקען. פאַרטראַכטערהייט האָט טזשיזש, שיעור ניט פאַרקערעוועט אהין, אָבער ער האָט זיך גלייך דערמאַנט, אַז די חברים זענען שוין לאַנג אוועקגעפאָהרען, און האָט זיך אַנגעבלאָזען.

„גליקליכע!“ האָט מיט ביטערער קנאה אַ טראַכט געטאָן טזשיזש.

איהם האָט זיך פאַרגעשטעלט די גרויסע שטאָדט, די רייהען פור־לעך, די שוואַרצע מענשען־מאַסע, וואָס פליסט אהן און אויפהער איבער די טראָטואַרען, די אַלטע געביידע פון אוניווערסיטעט, די פּראַכטפולע פעדערשטע טיהרען פון די גרויסע טעאַטערע, דער געריוש פון די טראַמוויי'ען, דער אָבענט'ס הימעל, וועלכער איז באַלויכטען מיט אַ לעבעדיגען אָפּשיין פון מיליאָנען פייערען!... ווי ווייט דאָס אַלעס איז פון איהם!

אונטער די פיס האָט געפּלוכעט די קאַלטע וואַסער, און געבולבעט אין די קאַלאָשען. דער ווינט בויגט די רחמנות'דיגע אַקאַציעס, די נאַ־סע דעכער און פאַרקאַנס בלאַנקען, און עס איז אַזוי לאַנגווייליג און אומעטיג!

אַזוי אומעטיג אַז עס ווילט זיך כאָטש מיט וואָס ניט איז צו טרייסטען. טזשיזש האָט ניט ווילענדיג, אונבאַמערקט פאַר זיך גע־נומען פאַרזיכערען זיך אַליין:

„אין גרונט גענומען, וואָס איז דאָ אַזוינס?... אין וואָס האַנ־דעלט זיך דאָס דאָ?... ביכער זענען דאָ פאַראַן; טעאַטערע — דאָס איז דאָך ניט מעהר ווי אַ פאַרוויילונג, אָבער ניט אין לאַנגווייליגקייט איז דאָ די גאַנצע זאַך!... מענשען?... אַלץ איינס קענסטו אַלע מענשען ניט זעהען און ניט קענען... און אויף וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר?“

אין געדאַנק האָט טזשיזש פאַר זיך אויסגעשטעלט אין איין רייהע אַלע באַקאַנטע פּראָפעסאָרען, ליטעראַטען, סטודענטען און מאָ־לער. ער האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין זייערע געוועהנליכע לאַנגווייליגע פנים'ער און האָט אַ צוכעס'טער זיך אויסגעשאַלטען:

אך, נו זאלען זיי געהן צום טייפעל!... מיאוסקייטען, וואס זיי זענען?... און אט די קללה האט נאך געבוירען אין איהם א גרעסערען אומעט. די גאנצע וועלט איז געווארען ליידיג און פוסט.

„די נערוועז האבען זיך צושרויפט, — האט געטראכט טזשיזש, אפשר גאר אריינגעהן אין קלוב?“

איהם האט זיך פארגלוסט דורכצוריידען כאטש־בי מיט דעם דאקטאר ארנאלדי, א פארשלאפענעם דאך א לעבעדיגען מענשען. ניט ווייל ס'האט זיך איהם זעהר שטארק געוואלט, נאר גלאט אזוי זיך, מען האט דאך פארט באדארפט עפעס אונטערנעמען.

אבער אין פאר־הויז פון קלוב איז געווען פוסט און דונקעל. דער נאסער פענסטער, פארוויינט פון רעגען האט קארג און בלאס דורכגעלאזען דאס שוואכען ליכט. פון אונטער דעם דינערס אפצאמונג האט געשמעקט מיט סאלדאטסקע בארשט, מאכארקע און מיט שוויים פון אן אלטען שמוציגען מענשען. אויף דעם הענגער איז ניט געווען אפילו קיין איין הוט.

און דאס האט געווירקט אויף טזשיזש'ן, ווי אן אמת'ער אומגליק. ער האט אפילו ניט געגלויבט און האט אריינגעקוקט צום דינער. דער דינער איז געשלאפען אנגעשפארט מיט'ן פנים אין א שמוציגער קישען און האט אויסגעשטעלט אנטקעגען טזשיזש'ן די נאקעטע פיאטעס פון די שמוציגע פיס מיט די געלע צוקרימטע פינגער.

ווי א שולדיגער איז טזשיזש אויף די שפיץ פינגער אפגעטראטען פון דעם אפגעצאמטען ווענטעל, האט אויפגעעפענט און שטיל פארמאכט הינטער זיך די טיר. ער האט זיך אזוי געשעמט, אז דער דינער זאל זיך אויפכאפען און איהם דערזעהן, און אויף אזא אופן פארשטעהן אז איהם איז אומעטיג און עס ווילט זיך איהם אנכאפען אין וועמען ניט איז.

און ווידער האט זיך טזשיזש געשלעפט איבער דער בלאטע מיט הויך אויפגעהויבענע פלייצעס, כדי די נאסקייט זאל ניט קריכען אונטער'ן קאלנער. עס איז מעהר גאר ניט געבליבען ווי געהן אויף דער לעקציע.

2.

אין קלאס צימער איז געווען שמוציג און דונקעל. די אינגלעך זענען ווי עס ווייזט אוים ערשט אומגעלאפען איבער'ן רעגען, אויפ'ן דיל זענען געווען סמנים פון פרישער בלאטע און פון זייערע וואלגענ... העמדלעך האט געשמעקט מיט נאסען הונט. טושיזש האט גערויי־בערט געשאקעלט מיט'ן קאפ און פויל געצויגען עפעס פון דער מיטעל־אלטער געשיכטע, צו וועלכער ניט ער, ניט די אינגלעך האבען געהאט דעם קלענסטען אינטערעס.

פון צייט צו צייט האט דער קלייניקער סטודענט זיך געכאפט, אז זיינע געדאנקען זענען אנטלאפען פאר טויזענדער ווערסטען. דאן פלעגט ער זיך ווי אויפכאפען פון שלאף, זיך אומקוקען און פארזארגט אויפהויבען זיין שטים און זיך צוהיצען. אבער די טעמפע אינגלעך זענען געווען אזוי גלייכגילטיג, אז די היציגקייט פלעגט גלייך אריבער־געהן אין צורייצטקייט, וועלכער עס האט שנעל געפאלגט די פריער־דיגע אפאטיע.

ווען אימיצער, פון דער זייט, זאל געווען הערען, ווי טושיזש גיט איבער, אדער דערצעהלט וועגען די גרויסע געשעהענישען פון די קרייץ־צוגען, וואלט ער געדענקט אז מען לייענט קאפיטלעך תהלים איבער א מת.

שטיל און בלאס ווי א שאטען איז אריינגעקומען ליזא.

טושיזש האט זיך דערפרעהט מיט איהר און הארציג זי באגריי־סענדיג געפרעגט: איהר לאנגווייליגט זיך?

ליזא האט מאדנע, אזוי ווי דערשראקען א קוק געטאן אויף איהם זי האט שוואך געדריקט זיין האנט און האט זיך געזעצט אויף איהר געוועהנליכען ארט.

טושיזש האט פארטגעזעצט זיין לעקציע, און בגנבה געכאפט אלע וויילע א קוק אויף דער מיידעל, וועלכע איז שווייגענדיג געזעסען ביים פענסטער.

א בלאסע וואסערדיגע שיין איז געפאלען אויף איהר אפגעצערט

געזיכט; די העלע נאיווע אויגען האבען פיינליך געקוקט אין ווייסען אומעטיגען הימעל.

„א ווי שלעכט איהר איז!" — האט א טראכט געטאן דער קלייניקער סטודענט.

איהם האבען זיך דערמאנט אלע שמוציגע רכילות'ען, וועלכע זענען אזוי בייזוויליג און ציניש, פונקט ווי אומגעלומפערטע פארזעהעניש נאקעט אומגעגאנגען איבער'ן שטאדט, פארשפייענדיג ליזע'ס גוף און נשמה. נאך היינט, האט זיין באלאבאסטע, א דיקע אומריינע און אויסגעלאסענע פרוי געזאגט צו איהם:

— נו, געווים איז זי אין אנדערע אומשטענדען!... שרעקליך!... זי איז דאך נאך גאר א יונגינקע מיידעלע!...

דערביי האט זי אזוי מיאוס און בייז־פריידיג געשמייכעלט, פונקט ווי ליזא וואלט געווען איהר א פערזענליכע שונא.

דער קלייניקער סטודענט איז שטארק בייז געווארען: טעמפע הארצלאזע מענשען!... אנשטאט דעם זיי זאלען רחמנות האבען אויף דער מיידעל, האבען זיי זיך צוגעאיילט צו פארטרינקען זי איבער'ן קאפ אין בלאטע. — „און זיי וועלען זי דערטרינקען!" — האט מיט ווייטאג און רחמנות, א טראכט געטאן טזשיזש.

א מאדנע זאך, פון זינט ליזא האט זיך אפגעגעבען צו א מענשען וועמען ער האט פאראכטעט פון גאנצען הארצען, דאס הייסט, זינט זי איז באגאנגען א טהאט, פאר וועלכען ער האט ניט געוואוסט קיין בארעכטיגונג, האט דער קלייניקער סטודענט, אנשטאט דער פריער־דיגער פאראכטענדער אפגעפרעמדקייט דערפיהלט צו איהר א טיעפען רחמנות און אפילו א מין צערטליכען רעספעקט. אט פונקט אזוי ווי אין איהר פאלען, וואלט זי זיך דערהויבען. איהרע נאיווע אויגען, וועלכע האבען איהם פריהער אויסגעזעהן אזוי נאריש, האבען איצט דעם קלייניקען סטודענט געגומען אויסזעהן ווי הייליגע, ווי קינדיש־ריינע און קינדיש־אומעטיגע אויגען פון א מארטירערין.

איהם האט באמת וועה געטאן, ווען ער האט זיך געכאפט אין ניט קיין גוטען בליק אויף איהר שעהנעם שוין ניט מעהר אונשול־דיגען קערפער

דאס איז אויך געווען מאדנע: ער א קלוגער מענש, וועלכער איז געווען אינגאנצען פרעמד צו פאראורטיילען, האט קיינמאל אזוי ניט

געקוקט אויף פאַרהייראַטע פרויען. יענע האָבען קיינמאָל ניט גע־וועקט אין איהם אזא מין אומרוהיגע און שלעכטע נייגעריגקייט. כאַפּענ־דיג זיך אויף ציניש׳ע געדאַנקען, פלעגט ער מיט בושה ווערען באַזונ־דער אויפמערקזאַם און צערטליך און אַרויסווייזען ליזען אביסעל א איבערטריבענעם רעספּעקט.

אָבער אין אַלגעמיין האָט ער געוואָלט כאָטש מיט וואָס ניט איז איהר העלפען, און עס האָט איהם זעהר פאַרדראָסען וואָס ער קען דאָס ניט טאָן.

— נו, וואָס־זשע מאַכט איהר? — האָט ער געפרעגט.

ליזא האָט דערשראָקען אויף איהם א קוק געטאָן. זי האָט איצט, ווי עס ווייזט אויס, מורא געהאַט פאַר אַלעמען, און אין יעדער ווענ־דונג האָט זי געפיהלט א באַזונדער ציניש׳ען און שרעקליכען זין.

גאַרניט... — האָט זי אייַלענדיג געענטפערט.

וואָלט שוין כאָטש דער ווינטער געקומען שנעלער... עס האָט שוין דערעסען אָט די פאַרפלוכטע בלאָטע! האָט פאַרטגעזעצט טזשיזש פון גאַנצען האַרצען, ווערענדיג איהר זאָגען עטוואָס גוטעס.

— יאָ... — האָט שטיל געענטפערט ליזא און האָט זיך אַפּגעקע־רעוועט צום פענסטער, אַט ווי זי וואָלט זיך בעטען מען זאָל זי לאָזען צופרידען, באַהאַלטענדיג אין דעם הערבסט הימעל איהרע טרויעריגע אויגען, וואָס האָבען געזוכט אַן ענטפער.

טזשיזש איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך שטאַרק פאַר־צויגען מיט א סיגאַרעטעל; א דינינקע האַפּנונגסלאָזע בײַנקשאַפט האָט זיך ווי א שפּינוועב געוועבט אַרום זיין האַרצען.

„ס׳אַרא פרעמדע מיר זענען אַלע איינע די אַנדערע!... אפילו טרייסטען און דערנעהענטערען זיך מיט א צערטליכקייט קענען מיר ניט! אַלע זענען איינזאַם, און יעדערע איז פאַר זיך אומגליק־ליך, און קיינער קען ניט טיילען מיט׳ן אַנדערען זיינע ליידען.“

אין טיר האָט אַריינגעקוקט א צושוואָומענער פעטער פּנים און א זינגענדיגע שטים האָט אַרויסגעזונגען:

לי־זאָ דער טאַ־טע רופט, געה...

אין דעם רוף איז ניט געווען קיינע באַזונדערעס, נאָר סיי טזשיזש, סיי ליזא, און אפילו די אינגלעד האָבען גלייך עפּעס דערפיהלט. טזשיזש האָט זיך פאַרלאָרען און דאָס ציגאַרעטעל איז איהם אַרויס־

געפאלען פון האנט. די אינגלעך האבען איבערגעלאזען זייערע העפטען און האבען מיט נייגעריגקייט זיך אנגעשטעלט אויף דער שוועסטער. ליזא האט זיך ניט גערירט פון ארט, די הענט בלויז האבען איהר אנגעהויבען ציטערען.

— געה גיכער! — האט ווידערהאלט די מוטער און איז פאר־שוואונדען הינטער דער טיר. עס איז אריבער א שטיקעל צייט אין א נוגענדען שווייגען. טזשיזש האט מורא געהאט א קוק צו טאן אויף דער מיידעל, די אינגלעך האבען ניט אראפגעלאזען פון איהר זייערע נייגעריגע אויגען. ליזא, האט ווי עס ווייזט אויס אין א מורא'דיגער אינערליכער אנשטרענגונג געקוקט אויפ'ן הימעל. הינטער'ן פענסטער האט ווידער געקלאפט דער רעגען און קרומע פלינקע שטראמעלעך זענען געלאפען איבער די שויבען. אם ענדע האט דאס מיידעל זיך א ריהר געטאן, אויף א ווײַלע איז זי געבליבען זיצען אונענטשלאסען, דאן איז זי אויפגעשטאנען און ניט קוקענדיג אויף קיינעם איז זי לאנגזאם ארויס פון צימער.

טזשיזש, פארלארען, האט זי באגלייט מיט די אויגען און מיט א אונפארשטענדליכען כעס ווילד א געשריי געטאן אויף די אינגלעך:

— נו, איהר, האט שוין געמאכט?... איך ווארט!

די אינגלעך האבען זיך דערשראקען אומגעקוקט אויף זיין שרעק־ליך פארענדערטען געזיכט, און האבען איילענדיג זיך אריינגעטאן אין די העפטען.

עס איז לאנג געווען שטיל, דערנאך האבען זיך פון ערגעץ, פון דריטען צימער, גענומען דערטראגען טויבע שטימען. טזשיזש האט זיך מיט אן אונקלארער אונרוהיגקייט צוגעהערט, דערביי זיך געמיהט, אז די אינגלעך זאלען גארניט הערען, און האט איבערטריבען הויך זיי דיקטירט די באדינגונגען פון א נייער אריטמעטישער פראבלעמע. זיין נשמה האט גענאגט, און איהם איז געווען א שמערצליכער בזיון, פונקט ווי ער וואלט אנוועזענד געווען ביים פייניגען פון א קינד, און וואלט זיך ניט באשלאסען איינשטעלען פאר דעם.

דערנאך האט זיך עפעס הילכיג צוטראגען איבער'ן הויז, עס איז געווארען א טומעל, דאן איז א ווײַלע שטיל געווארען, און גלייך האט זיך דערהערט פול שרעק און וועהטאג ליזע'ס הילכיגער פאר־צווייפעלטער געשריי.

אין דער זעלבער מינוט אונטערגעכאַפּט פון א ליכטיגער קראַפט, אליין ניט וויסענדיג וואס ער טוט, האט זיך דער קליינינקער סטו־דענט א וואַרף געטאַן פון צימער, און נאָך איהם, פאַרוואַרפענדיג די ביכלעך זענען ווי אַהין קעפּ געפלויגען די אינגלעך.

אין זאל האט ער זיך אַנגעשטויסען אויף ליזע׳ן, וועלכע האט פאַרשטעלט מיט די הענט דאס געזיכט און איז געלאָפען אנקעגען. און אין אויפגערייצטער, ווי א פאַרוואונדעטער שפּערלינג, א ליידענ־דער און ענטריסטעטער איז ער אַנגעלאָפען אויף דעם סוחר טרעגו־לאָוו׳ן.

— וואס טוט איהר!... ווי שעהמט איהר זיך ניט! — האט ער הילכיג געשריען מיט כעס און אנגסט.

אין דער מינוט איז דעם קליינינקען סטודענט׳ס נשמה געווען איינגאַנצען אויפגערודערט.

דער דיקער, קורץ־האַלזיגער טרעגולאָוו אַהן א אויבער־רעקעל, אין איינע פאַרשמאַלצעוואטע הויזען, מיט ווילדע אנגעגאַסענע מיט בלוט אויגען, האט זיך טעמפּ אַנגעשטעלט אויפ׳ן קליינינקען סטו־דענט, וועלכער האט זיך אַזוי פּלוצלונג באַוויזען פאַר איהם.

א ווײַלע זענען זיי שווייגענדיג געשטאַנען איינע אַנטקעגען די אַנדערע און ניט פאַרשטאַנען ווי אזוי האט דאס פּאַסירט. דערנאָך איז דעם סוחר׳ס געזיכט בלוי געוואָרען, עס האט זיך אויפגעבלאָזען, די אויגען זענען ארויס פון אונטער׳ן שטערען, זיינע ליפּען האבען גע־נומען ציטערען און שפּרינגען.

— וואס האט דאס צו דיר?... — האט ער הייזעריג געגוואַלדע־וועט איבער׳ן גאַנצען הויז. — דו אויך מיט איהר?... אויסוואורף, ארויס פון דאַנען!... דיין געביין זאל דא ניט זיין... איך וועל דער־הרג׳ענען!...

אונטער טזשיזש$ס נאָז איז אויסגעוואקסען, ווי אין א קאַשמאַר אַן אויפגעבלאָזענע רויט־בלויע ווילדע מאַרדע, וועלכע האט זיך איהם אויסגעוויזען אונגעהויער גרויס. אינסטינקטיוו, פאַרשטעלענדיג מיט דעם עלענבויגען דעם פּנים, האט ער בלויז דערוויזען א געשריי צו טאָן: איהר וועט ניט וואַגען מיך!...

עפּעס האט א קנאַק געטאָן און געגומען רעווען... א מין וואַלקאַנען

אויסגוס האט איהם צוקוועטשט... דער קליינינקער סטודענט, האט נאך אמאל רחמנות'דיג ווי א האז א געשריי געטאן, ער האט פארלא־רען דעם באוואוסטזיין, קיין זאך ניט געזעהן און ניט פארשטאנען און מיט שרעק ארויסגעפלויגען אין פארהויז. א ווילדער געשריי איז געהאנגען איבער איהם... אימיצער האט איהם געשטופט, געטריי־סעלט און געשטערט צו טרעפען מיט די הענט אין די ארבעל פון מאנ־טעל.

ער האט זיך געפיהלט אין דער מאכט פון אן אונבאשטרייטבא־דער קראפט, און ווי א קעצעל האט ער זיך אומגעווארפען אין אימי־צענס לאפעס. מיט אמאל איז ער אויסגעוואקסען אין דרויסען אין מיטען א קאליזשע, אין איין קאלאש, דעם אנדערען האט ער געהאלטען אין די הענט. נאך איהם איז נאכגעפלויגען זיין היטעל, און איז מיט א שפרונג אריינגעפאלען גלייך אין בלאטע אריין.

די טיר האט זיך פארהאקט און טזשיזש איז געבליבען אליין אונטער'ן ווייסען הימעל, פון וועלכען עס האט אונאויפהערליך געקאפעט א דריבנער קאלטער רעגען. ער האט זיך ארומגעקוקט.

זיינע הענט און פיס האבען געציטערט, און דער גאנצער קערפער האט זיך געטרייסעלט און גענאגט. עס איז געווען דער שרעקליכער באוואוסטזיין פון בזיון, מורא'דיגער באליידיגונג, און פולער הילפלא־זיגקייט. קיינמאל אין לעבען האט דער קליינינקער סטודענט ניט גע־פיהלט אזוי שארף און הילפלאז זיין פיזישע נישטיגקייט און אונבא־האלפענקייט. אין זיין זכרון האט ערוואכט דאווידענקעס מעכטיגע פיגור, און איהם האט זיך ביז צום וועהטאג פארגלוסט, אז ער זאל על־פי נס מיט אמאל אויסוואקסען דא.

טזשיזש אינגאנצען א פארטויבטער, און ציטערענדיגער, האט אוועקגעשטעלט זיין קאלאש גלייך אין וואסער, און האט זיך ווי ניט איז אנגעטאן מיט ציטערעדיגע הענט. ער האט אויפגעהויבען די הי־טעל און זי לאנג געווישט מיט די ארבעל פון אלטינקען מאנטעל. און גאט ווייסט, פארוואס האט טאקע אט די איינציגע אלטינקע היטעל זיינע אינגאנצען א נאסע און צופאטער'טע האט איהם א שניט געטאן איבער'ן הארצען, מיט אזא אונענדליכען רחמנות צו זיך אליין, אז טזשיזש'ס ליפען האבען גענומען שפרינגען און ביטערע טרערען זענען ארויסגעטראגען אין די אויגען, פארשטעלענדיג אלעס ארום.

ער האָט הילפלאָז פאַרדריקט די פויסטען, פאַרביסען די ליפען און געשווינד אַנטלאָפען פון הויף. טרעגולאָוו'ס דינער און אַנטריי־בער, וועלכע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אויפ'ן קיך־גאַניק האָבען איהם באַגלייט מיט אַ בייזען געלעכטער און פייפעריי.

3.

ליזאַ איז געלעגען אויפ'ן בעט מיט'ן פּנים איינגעגראָבען אין דער נאַסער פון טרערען קישען. איבער'ן קישען זענען געווען צו־וואָרפען די העלע צושויבערטע האָר. פון איין פוס איז איהר אַראָפּ־געפאַלען דאָס שיכעל, און די פוס, אין דעם אָנגעצויגענעם שוואַרצען זאָק, איז אַראָפּגעהאָנגען פון בעט ניט דערגרייכענדיג דעם דיל, אַזאַ שעהנע און רחמנות'דיגע אין איהר הילפלאָזען צויבער.

דאָס קליינע צימערעל מיט איין פענסטער אין דעם נאַסען געל־געוואָרענעם גאָרטען האָט אויסגעזעהן אונהיימליך און אָרעם. ריהרענד און לעכערליך האָבען אויסגעזעהן די ביכלעך, אויפ'ן טיש דער שפּי־געל, אַזוי נאַיוו באַפּוצט מיט טיול און די שעהנע קאַרטלעך אויף די ווענט: אַלעם איז דאָ געווען אַזוי פּשוט, געוועהנליך און האָט דער־צעהלט וועגען אַ קליינינקען מיידעלשען לעבען מיט איהרע נאַיווע גע־דאַנקען, טרוימען און אונשולדיגען קאָקעטירען.

מיט אַ מורא'דיגען צער האָט געבלאָזען פון דער בויגזאַמער פרוי־ען־פיגור, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעדרעהט אין שטומער פאַרצווייפ־לונג.

קיינער איז צו איהר ניט אריינגעקומען. דער פאָטער האָט זיך געפיהלט שלעכט, און אַ פאַרשוויצטער מיט אַ צוריסענעם קאַלנער פון העמד איז ער, ווי אַ באַרג, געלעגען אויפ'ן בעט. די מוטער מיט אַ דערשראָקען נאַס געזיכט, איינגאַנצען צוזאַמענגעבראָכען פון צרות האָט אַריינגעקוקט אין צימער דורכ'ן טיר און איז אַוועק, צופיהרענדיג מיט די הענט, שטיל זאָגענדיג:

— גאט, גאטיוניו, הייליגע מוטער, וואס־זשע איז דאס אזוינס!...
וואס וועט איצטער זיין!... ליזא מיין ליזאנקא!...

און העל איז אויפגעשטאנען פאר איהר יענע צייט, ווען זי האט געבוירען, געזויגען און געטראגען אויף די הענט די קליינע ראזעווע ליזאנקע, וועלכע האט געקוקט אויף דער וועלט מיט נארישע בלויע אויג־לעך, געלאזען זייף־בלאזען און געפאטשט מיט די פיצינקע הענטעלעך איבער איהר פולען, דאן נאך יונגען און שעהנעם געזיכט. האט זי דען געטראכט דאן!...

— גאטוניו!

ליזא האט געוויינט. זי האט זיך איינגעגראבען אין קישען און גארניט געזעהן און פארשטאנען וואס עס טוט זיך ארום איהר.

דאס גאנצע געזיכט איהר'ס איז געווען נאס פון טרערען און געשמארצט פונ'ם פאטש איבער'ן באק. אבער זי האט ניט געפיהלט קיין וועיטאג. אלעס אין איהר איז אפגעשטארבען. עס איז בלויז געבליבען א וואהנזיניגער קאשמאר אין וועלכען עס האט זיך הילפלאז געדרעהט דער אפגעשוואכטער געדאנק. פאר די פארמאכטע אויגען, און רויטען נעבעל איז געשטאנען פאר איהר דעם פאטער'ס געזיכט אן אויפגעבלאזענער אונגעהויער גרויסער, אן אבסאלוט פרעמדער, וועלכען זי האט כמעט ווי ניט דערקענט. ליזא האט קוים געדענקט, וואס עס האט געטראפען. איהר האט זיך בלויז אויסגעוויזען, אז מען האט זי אינגאנצען ענטבלויזט און מען שמייסט זי איבער'ן נאקעטען לייב. און דערנאך ווען דער פאטער איז א ווילע געבליבען שטיל אהן אטעם, און האט שווייגענדיג אנגעשטעלט אויף איהר משונה ווילדע אויגען, און געקוקט אויף איהר אזוי, ווי ער וואלט ניט וויסען וואס מיט איהר צו טאן, האט ליזא זיך ניט גערירט פון ארט. זי איז גע־שטאנען ווי א געבונדענע, און אין דער מינוט, וואלט מען זי דוכט זיך געקענט דער'הרג'ענען און זי וואלט ניט ארויסגעלאזען קיין קלאנג... אבער מיט אמאל האט א שענדליך, שרעקליך ווארט — א אונגעלומ־פערטער גאסען זידלעריי — איהר א פאטש געטאן אין פנים. דאס מיידעל האט ברייט צועפענט די אויגען און זיך א צאפעל געטאן.

מען דארף ניט!... — האט זי א וואהנזיניגע פון שרעק קינדעריש־רחמנות'דיג ווי א פארלארענע א געשריי געטאן.

אט דער געשריי האט איהם ווי אונטערגעשטופט: דער פאטער

האט זיך הארט און ברייט פארמאַסטעז און מיט אלע כוחות איהר א זעץ געטאן איבער׳ן פנים.

אויף אן אויגענבליק האט ליזא, כמעט פארלארען דעם באוואוסט־זיין, דערנאך האט זי זיך אנגעכאפט מיטביידע הענט פאר׳ן פנים, און זיך געשווינט געלאזען לויפען, אליין ניט וויסענדיג וואוהין. זי האט געהערט הינטער זיך א בייז ווילדען געשריי, און א האגעל פון מיאוס׳ע זידלערייען איז געפלויגען נאך איהר ווי קייקלעך בלאטע.

זי האט זיך אויפגעכאפט א היבש ביסעל שפעטער, ביי זיך אין צימער. א פאר שטונדען זענען פאריבער אין א צושטאנד פון טעמ־פער פארגעסענהייט. דאן, ווי זי וואלט, אם ענדע, פארנומען דעם גאנצען שרעק פון דעם, וואס האט פאסירט, האט זי זיך ווילד ארומגע־קוקט, א פאטש געטאן מיט די הענט, און זיך א וואַרף געטאן מיט׳ן פנים אין קישען, האט ארויסגעלאזען א הילכיגען פיין־געשריי און איז פארשטארבען.

דער יאמער האט ערליידיגט איהר נשמה. זי איז געלעגען באַ־וועגלאז אין א מאדנער שטילקייט. ארום און ארום איהר איז געשטאַ־נען א נעבעל, און אין דער גאנצער וועלט איז פאר איהר, בלויז קלאר פארבליבען דער באוואוסטזיין, אז עס איז צו אלעם א סוף.

זי האט זיך גארניט פארגעשטעלט, זי האט ניט געוואוסט, וואס וועט זיין ווייטער, זי האט בלויז געזעהן אז זי איז פארלארען, און אז עס ניטא קיין וועג צוריק צו דער פריעדליכער פארגאנגענהייט. פאר־אוים איז געוועז א טויטע פוסטקייט.

„מעהר טאר מען ניט לעבען!" — האט געזאגט צו זיך ליזא, אין א טעמפער רוהיגקייט, און דאס איז געווען פאר איהר אזוי קלאר און פשוט.

פון ערגעץ וואו איז ארויסגעשוואומען פאר איהרע פארמאַכטע אויגען דער געלער, צוגאסענער פון רעגען בלאטיגער טייך, מיט די אונטערגעוואשענע ליימענע ברעגען. ליזא האט אפילו דערפיהלט א קעלט, פונקט ווי איהר קערפער וואלט זיך שוין געזונקען אין דער געלער קאלטער טיעפקייט.

פארצווייפעלט שטיל איז געווארען אויף דער נשמה. ווי אין חלום האט זיך דערמאנט די פארגאנגענהייט, און טויזענדער קלייניג־קייטען, די ווייטע זון, דער גרינער גארטען, עפעס ליעבעס און טייע־

דעם וואס זי וועט שוין מעהר קיינמאל ניט זעהן... און מיט אמאל האט זי זיך דערמאנט אין דזשענעיעוו'ן.

א מאדנער שטוים אין הארצען האט זי אויפגעטרייסעלט. ליזא האט זיך אינגאנצען צוזאמענגעדרעהט פון מורא'דיגער ביינקשאפט. זי האט פארשטאנען, אז אויך איהם וועט זי שוין מעהר קיינמאל ניט זעהן. און דער געדאנק וועגען דעם, האט אנגעפיהלט ליזע'ס נשמה מיט פארצווייפלונג און אויפטרייסלענדער צערטליכקייט. זי האט קאנוואולסיוו צוגעדריקט די הענט צום הארצען און איז פארשטארבען, כמעט אין אן אונערטרעגליכען צושטראם פון ליעבע.

„איבער — איהם!" — האט דורכגעשוועבט א העלער און אבּ־סאלוטער דייטליכער געדאנק. זי האט אויפגערודערט א מורא'דיג פרייד, וואס זי איז אומגליקליך און ליידט, דורך איהם, און צוליעב איהם, איהר ליעבסטען און טייערסטען.

זאל זיין אזוי!... זי איז גרייט צו ליידען נאך מעהרער, זי איז באריית צו — דערגעהן ביז דעם שפּיץ פון ערנידערונג און שאנדע, אבי דאס איז צוליעב איהם!... זי ליעבט דאך איהם!... איהר האט זיך אפילו אויסגעדוכט, אז פאר אזא גרויסען גליק, ווי זיין ליעבע, האט זי נאך צו ווייניג געליטען. און ליזא האט נאך געטראכט, אז ווען ער וואלט זיין דא און אלעס זעהן, וואלט קיין זאך ניט געטראפען.

איהר האט זיך פארגלוסט א ווארף טאן צו איהם, זיך צודריקען צו איהם מיט'ן גאנצען קערפּער און זיך אינגאנצען איבערגעבען צו זיין ווילען. אויף א רגע האט זיך ביי איהר באוויזען, כמעט אן אונבא־וואוסטזיניגע האפנונג, אז ער וועט רחמנות האבען, וועט פארגלעטען די וואונדען און וועט זי נעמען צו זיך, און זי וועט שוין אויף שטענדיג פארבלייבען מיט איהם, נאר מיט איהם, אינגאנצען זיינע, בלויז זיינע!... מיט א צערטליכקייט, וועלכע האט דורכגעדרונגען איהר גאנ־צען קערפּער און ביז די טיפענישען געעפענט די נשמה, האט זיך ליזא דערמאנט ווי ער האט זי געצערטעלט, און ערגעץ וואו אין האר־צען האט אויפגעציטערט א שעמעוודיגער פארבאהאלטענער געדאנק, ווי א קליין ציטערדיג פלעקעלע אויף דער זון, וועגען א קינד פון איהם. דאס איז געוועזן אזוי אונערווארטעט און פארכאפּענד, אז ליזא האט זיך אינגאנצען פאררויטעלט פון א זיסער פריידיגער שאנדע, און האט אויף אן אויגענבליק פארגעסען אלץ.

זי האָט זיך אָבער גלייך דערשראָקען, וואָס זי וואָגט אפילו צו טרוימען פון אזא גליק. ער איז אזא פיינער און אויסערגעוועהנליכער, און זי איז אזא קליינינקע, אזא פשוט'ע און נארישע...

דאָס קליינע גוטע הארץ, פול מיט אזא גרויסער ליעבע און איבער־געבענעם געהאָרכזאַמען טרויער האָט אזוי ביטער פארקלעמט.

אין איהר איז אויסגעוואַקסען און זיך פארנאַנדערגעשפּרייט איין געדאַנק:

„נו זאָל זיין... זאָל זיין אז זי קען ניט און וועט קיינמאָל ניט זיין גליקליך... זאָל זיין, אז ער ליעבט זי ניט און קען זי ניט ליעב האָ־בען... זאָל ער זי אוועקוואַרפען... זאָל מען זי פארשפּאַיען, און אונ־טערוואַרפען די מורא'דיגסטע ערנידערונגען און קלעפּ... זאָל מען!... ווען ער וועט זי אוועקוואַרפען, וועט זי שטאַרבען, דאָס איז אזוי פּשוט און פארשטענדליך. אבער, ביז וואַנען ער דאַרף זי נאָך כאָטש א קליין ביסעלע, וועט זי לעבען זיך צו אלעם אונטערגעבען, און אלעם דול־דען!..."

און זיך צודריקענדיג צום קישען, און באַגיסענדיג מיט טרערען דעם פּאַרמאַטערטען געשוואָלענעם פּנים, האָט ליזא געטראַכט:

„ליעבער מיינער... מיין ליעבער!..."

און מעהר האָט זי גאָר ניט געקענט צוטראַכטען.

4.

טזשיזש איז געלאָפען איבער'ן בולוואַר אַהן אַן אָטעם, עפּעס גע־מורמעלט און זיך געמיהט איינצוהאַלטען דאָס אונערטרעגליך שלאָ־גענדע הארץ. זיין שאַרפער פויגעל געזיכט האָט געברענט און די אויגען האָבען געקוקט אזוי פארלאָרען, זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט.

עס איז שוין פינסטער געוואָרען, די נאַסע בלויע דעמערונג האָט

געשפּריצט מיט אַן אונאויפהערליכען דריבנעם רעגען, און האָט פאַרצויגען דעם בולוואַר, וואו עס האָבען ווי אַפּגעלאָזענע קרענקליכע גייסטער פון ביינקשאַפט, זיך צושוואומען אין נאַסען חושך די פאַרדאַרטע אַקאַציעס. אויף דער צווייטער זייט. וועלכע איז אינגאַנצען געווען פאַרטרונקען אין דער שיטערער בלאָטע, האָבען געבליסטשעט פייערלעך, וואָס האָבען זיך ציטערענדיג אָפּגעשפּיגעלט. אין די ברייטע ווי דער ים קאַליזשעס. זעלטענע דורכגעהער, וועלכע האָבען זיך אינגאַנצען באַהאַלטען אין די קעלנער און געשלעפּט די קאַלאָשען, זענען אָנגעקומען אנטקעגען איהם, אָבער טזשיזש האָט קיינעם ניט באַמערקט. ער איז געווען איינער אליין אין דער גאַנצער וועלט, אַן ערנידעריגטער, אַן עלענדער און אומגליקליכער.

מיט איין מאָל זענען ארויסגעפלויגען פון זיין קאָפּ אלע געוועהנליכע פאַרשטעלונגען, פון אלע זייטען האָט ער געשפּירט שפּאָט און געלעכטער, באַליידיגונגען און פּעטש. אזוי ווי אַלעס וואָלט זיך איבערגעקערט און פאַרלאָרען יעדען זין.

העל און קלאָר איז געווען בלויז איין אונערטרעגליכער באוואוסטזיין, אַז מען האָט איהם געכאַפּט פאַר'ן קאַלנער, אויסגעפּאַטשש און ארויסגעוואָרפען, ווי אַ קעצעל. און ער מיט זיין גאַנצען העלדישען אַנפאַל איז געווען פּשוט לעכערליך און קאָמיש. מיט וואָסער ברענענדען פאַרגעניגען, וואָלט ער אָנגעכאַפּט אַט דעם דיקען סוחר פאַר'ן האַלז, וואָלט איהם צוגעדריקט צום וואַנט און געשלאָגען גלייך איבער דער צורה, געשלאָגען וואָלט ער אזוי לאַנג, ביז וואַנען זיינע הענט וואָלטען מיעד געוואָרען! מיט אַ האָפנונגסלאָזען באוואוסטזיין פון זיין הילפלאָזיגקייט, מיט אַ פיזישען עקעל צו אלע ווערטער און טרייסטען, האָט ער געפיהלט אַ שאַרפע ביינקשאַפט נאָך פּשוט'ער גראָבער פיזישער קראַפט, נאָך געזונטע פויסטען.

וויפיעל מאָל האָט זיך איהם אַט דער גראָבער פיזישער כוח געשטעלט אין וועג, אָבער קיינמאָל האָט נאָך קיינער ניט ארויסגעשלאָגען פון איהם די ליכטיגע שטרעבונגען אזוי פּשוט, — מיט אַ פּאָר קלעפּ.

דאָס איז געווען לעכערליך מיאוס און נאַריש. דאָס האָט זיך אזוי ניט געבונדען מיט יענעם שעהנעם און זעלבסט־אָפּפּערענדען געפיהל, וועלכער האָט איהם געשטויסען צו דער פאַרטיידיגונג פון דער

אומגליקליכער מיידעל, אז דאָס האָט געבוירען דעם איינדרוק פון א מיאוס'ען אנעקדאָט.

טזשיזש האָט זיך געשטיקט. ער איז געווען אזוי ווי אין א קאָש־מאַר. ער האָט געביסען די ציטערענדע ליפּען, צוזאַמענגעדריקט די פויסטען און געשפּאַנט גלייך אין די קאַלוזשעס, ניט באַנעהמענדיג קיין זאַך, ער האָט בלויז זינלאָז ניט אויפגעהערט ווידערהאָלען:

— איבער'ן פּנים... איבער'ן פּנים... מיך איבער'ן פּנים.

— אי — אי! — האָט ער אין פאַרצווייפלונג ארויסגעקרעכצט, און אין דער זעלבער מינוט האָט איהם אימיצער א רוף געטאָן. טזשיזש האָט זיך א צאַפּעל געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זיך לאַנג איינגעקוקט אין דער לאַנגער גרויער פיגור, פון ריסקאָווען, א טשי־נאָווניק פון קאַזנאַטשעיסטוואָ, וועלכער איז געשטאַנען קעגען איהם.

שלום, עליכם, קיריל המיטריוויטש! וואוהין שפּאַנט איהר דאָס?

— האָט געפרעגט ריסקאָוו, זיך מיהענדיג ליעבליך צו שמייכלען מיט זיין לאַנגען פערדישען פּנים, מיט די אראָפּגעהאַנגענע נאָסע וואָנצען און אומעטיגע אויגען. אונטער'ן נאַרישען „קאַפּושאָן" פון דעם רעגען מאַנטעל אין דער בלויער אבענט דונקעלהייט, האָט זיך ריסקאָוו'ס געזיכט אויסגעצויגען ווי דער פּנים פון א מת.

— איך? — האָט אויטאָמאַטיש איבערגעפרעגט טזשיזש. — איך... גנה אהיים.

אין אן אנדער צייט וואָלט ער זיך פאַרוואונדערט, וואָס ריסקאָוו האָט איהם אָפּגעשטעלט: זיי זענען קוים געווען באַקאַנט און האָבען ניט אויסגערעדט איינער מיט'ן אנדערען קיין צוויי ווערטער. אבער איצט איז איהם געווען אלץ איינס, און דריקענדיג ריסקאָוו'ס נאַסע און קאַלטע האַנט, האָט ער זיך אויטאָמאַטיש אָפּגעשטעלט אין מיטען טראָטואַר.

אפשר וועט איהר אריינגעהן צו מיר אויף איין מינוטקעלע?... איך וואוין דאָ ניט וויט... — האָט איילענדיג פאַרטגעזעצט ריסקאָוו, אָט ווי ער וואָלט זיך דערפרעהען מיט דער געלעגענהייט.

„צו וואָס איז נאָך דאָס? וואָס איז דאָס?" — האָט געטראַכט טזשיזש שוואַך פאַרשטעהענדיג, און אלץ טראַכטענדיג וועגען דעם זייניגען.

— מיר וואָלט געווען באמת אנגענעם... און מיין מוטער אויך...

מיר זענען דאך שוין מיט אייך פון לאנג באקאנט... מיר וואלטען געטרוקען טעע,ווירקליך! איך האב שוין לאנג געוואלט,—אבער איך האב מורא געהאט אייך צו שטערען...

— „וואס האט ער זיך צוגעטשעפעט? וואס פאר א טייפעל?“ האט מיט אנגסט געטראכט דער קליינינקער סטודענט, פאר וועמענס אויגען עס איז נאך אלץ געשטאנען דאס זעלבע בילד: ווי אזוי מען האט איהם ווי א הינטעל ארויסגעשליידערט פון הויז פאר'ן קאלנער, און אריינגעווארפען זיין אלטינקע איינציגע היטעל גלייך אין בלאטע אריין. און ער קען מיט קיין זאך גאר—גאר קיין נקמה ניט נעמען!... און אלע האבען געזעהן, אלע וועלען וויסען, אז מען האט איהם געשלאגען!...

— מיר וואלט זיך זעהר וועלען... באמת... אייער מיינונג! — האט וועגען עפעס גערעדט ריסקאוו, און האט אלץ ניט ארויסגעלאזען טזשיזש'ם האנט פון זיינע נאסע און קאלטע פינגער.

טזשיזש האט געוואלט זאגען אז ער איז פארנומען, נאר א מאדנע גלייכגילטיגקייט האט איהם ארומגענומען און ער האט כמעט אויטאמאטיש צוגעשטימט.

— איך בעט אייך, איך בין דא ניט ווייט, אינגאנצען צוויי טריט!... איך בין זעהר צופרידען, זעהר... איהר קענט זיך ניט פארשטעלען ווי מיר איז אנגענעם... — האט זיך ריסקאוו, ווירקליך גענומען איילען מיט אזא פרייד, אז טזשיזש האט זיך פארוואונדערט.

ער האט זיך עפעס אזוי פארשעהמט וואס ריסקאוו חנפ'ענט זיך צו איהם און צו דער זעלבער צייט איז איהם ווי לייכטער געווארען, אט ווי דער קליינינקער סטודענט, וואלט מיט אמאל דערזעהן אז עס איז נאך דא אזוינע מענשען, פאר וועלכע ער אן ערנידעריגטער און באליידיגטער איז דאך נאך פונדעסטוועגען א העכערער וועזען.

זיי זענען אוועקגעגאנגען. רעדען איז ניט געווען פון וואס און טזשיזש האט אויך ניט געקענט רעדען. ער האט זיך נאך אמאל און ווידער אמאל אויף דאס ניי אין טויזענדער אונערטרעגליכע דעטאלען איבערגעלעבט זיין ערנידערונג. איהם האט זיך געדוכט אז דאס געשעהענע איז ניט צו פארגעסען און ניט צו פארריכטען; און וויפיעל יא[illegible]ען ער זאל נאך לעבען וועט אלץ דער פאקט פארבלייבען א פאקט... ווייל זאל זיין אז ער איז בלויז איין מינוט געווען רחמנות'דיג

און לעבערליך, הייסט עס, אז ער ק ע ן ז י י ן קלעגליך און לעבערליך!... דער געדאַנק איז געווען אונערטרעגליך און צייטענווייז האָט זיך טזשיזש׳ן אויסגעוויזען אז ווייטער איז אויך אונמעגליך צו לעבען. נאָר אַזוי ווי דער געדאַנק פון זעלבסט־מאָרד איז איהם געווען פרעמד און דערווידער, האָט ער זיך פארלאָרען אין א מין נעבעל. מורא האָבענדיג צו טראַכטען דערפון, וואָס טוט מען ווייטער.

ריסקאָוו איז פארלאָפען אויף צו פריהער; ער האָט, ווייזט אויס, געליטען פאר יעדער שפּאַן, אום עס זאָל זיך חלילה טזשיזש׳ן ניט אויסווייזען צו ווייט. ער האָט אומגעלומפּערט געשפּאַנט גלייך אין די קאַלוזשעס איבערלאָזענדיג פאר׳ן קליינינקען סטודענט די טרוקענע ערטער.

עס איז שוין געווען אינגאַנצען פינסטער און בלוי ארום און ארום, ווען זיי זענען געקומען.

א קליינע איינגעבויגענע שטיבעל מיט אן אומעטיג רחמנות פּנים, האָט געקוקט מיט בלינדליכע פענסטער אויף דער וויסטער קרומער גאַס, וועלכע האָט זיך צוגאָסען אין איין קאַלוזשע. אונטער די נאַסע פּארקאַנס האָבען זיך אומעטיג געבויגען די נאַסע ווילדע גראָזען, און דער רעגען האָט גערוישט אָהן אן אויפהער. פון ווייטענס האָט זיך געשלעפּט אימיצענס אן איינזאַמע נאַסע געשטאַלט, און אַלעם ארום און ארוש איז געווען נאַס, ארעם און לאַנגווייליג. אין די דונקעלע פענסטערלעך פון די הייזקעס האָט מען ניט געזעהן קיין ליכט, און עס האָט זיך געדוכט אז אין דער גאַנצער גאַס וואוינט קיינער ניט.

און ניט ווילענדיג, ניט אין איינקלאַנג מיט זיינע געדאַנקען איז טזשיזש׳ן איינגעפאַלען אז אין אַזעלכע פארוואָרפענע געסלעך, צווישען פּארקענס און ווילדע גראָזען, אין טונקעלע שטיבלעך מיט נידעריגע סטעליעס, קענען בלויז לעבען אַזוינע אביונים, וואָס זענען פארורטיילט צו א זינלאָזען פוילען: למשל טשיגאָווניקעס און פּאָסט און קאַזנאַטשעיסטוואָ, גלח׳מלעך מיט אן אייביגען געשוויר און טוצענווייז קינדערלעך, און פרויען פון אויסגעדינטע טשינאָווניקעס, מיט א דריי רובעלדיגער פּענסיע. און פארשידענע לופט מענשען... א מענש מיט א קלאָרען שכל און גרויסען הארץ וועט זיך בעסער באַזעצען ערגעץ אין פּעלד אין א פּאַס איידער דאָ.

ביז וואנען ריסקאוו האט אנגעצונדען דעם לאמפ, זיך געאיילט און ענטשולדיגט אין עפעס, האט טזשיזש מאשינאל אראפגענומען דעם מאנטעל, איהם ערגעץ אוועקגעלייגט און זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער ניט וויסענדיג וואס ווייטער צו טאן.

דער לאמפ האט זיך לאנגזאם צוברענט און פון דער פאררויכער־טער פינסטערניש האט צוביסלעך ניט אהן ווירדע ארויסגעטראטען זיך פארשטעלענדיג דער גאס, פארצייטיגע ביינקלעך פון רויטען האלץ באצויגען מיט צוריסענעם ציטץ, א בויכיגע שאפקע, מיט די איבעריגע זאכען. עס האט געדיכט געשמעקט מיט איבערבעט שטויב און לאמפ־בוימעל. די נידעריגע סטעליע מיט דעם פאררויכערטען באלקען איז געהנאגען איבער׳ן סאמע קאפ, אז אביונ׳ישער אפגעריסענער און ארומגעפליקטער לעבען איז ארויסגעטראטען פון אלע ווינקעלעך.

— זיצט, איך בעט אייך, — האט זיך געאיילט ריסקאוו, — איך וועל באלד... בלויז דעם סאמאווארעל אויפשטעלען... אין איין מינוט!...

ער איז האסטיג אוועקגעלאפען און טזשיזש, וועלכער איז נאך ניט געקומען צו זיך, און איינגאנצען ניט פארשטאנען ווי אזוי ער איז אהער אריינגעפאלען, האט זיך איבערגעוואלד אוועקגעזעצט ביים טיש און זיך גענומען אומקוקען. ער האט אפילו געפרואווט א קוק טאן אויף די פאטאגראפיעס, אבער פון זיי האבען אראפגעקוקט אזוינע אפגעקראכענע געזיכטער, אז דער קליינינקער סטודענט האט זיך אפ־געקערט מיט איין אמת׳ן ציטער פון עקעל.

ריסקאוו האט זיך מיט אימיצען גע׳סוד׳עט אין שכנישען צימער. ערגעץ איז מיט א טראך אראפגעפאלען דער בלעכערנער קוימען פון סאמאוואר, און עס האט זיך צוטראגען א ריח פון אפגעברענטע שפינ־דלעך. טזשיזש׳ן איז געווארען מאדנע, און נאך האפנונגסלאזער. מיט מעהר ווייטאג האט זיך איהם פארגעשטעלט דאס געשעהענע. מיט א באזונדערען גרויל האט ער זיך דערמאנט, ווי ער האט ניט געקענט טרעפען מיט די הענט אין די ארבעל און האט ניט נאר ניט געפרואווט זיך צו פארטיידיגען, נאר אפילו ניט א טראכט געטאן דערפון. אזוי ווי דאס וואלט געווען נאטירליך, אז אויב מען וועט איהם נעמען שלאגען זאל ער גאר ניט קענען טאן!... נאר נאך שרעקליכער, ווי א שאנדע צייכען, וועלכען מען קען ניט אפוואשען, האט ביי איהם אויסגעזעהן דאס, ווי נאריש ער איז געשטאנען אין מיטען דער בלאטע

מיט דעם קאַלאַש אין האַנט און מיט אַ זינלאָזען בליק געקוקט אויף זיין היטעל וועלכע איז געשוואומען אין בלאָטע...

יעדעס מאָל ווען אַט דער מאָמענט איז ארויסגעשוואומען פאר זיין זכרון איז דער קליינינקער סטודענט אויסגעגאנגען פון בושה און געפיהלט אז זיין מוח קערט זיך איבער.

אם ענדע האָט זיך אין איילעניש באוויזען ריסקאָוו מיט אַ זודי־גען סאַמאָוואר אין דער באַגלייטונג פון אַ דאַרער, אַלטער מיט אַ לאַנ־גען פנים, און זינלאָזע פישעז־אויגען. זי האָט געטראָגען אַ טעצעל מיט טעע־געפעס אין די הענט.

— מיין מוטער... אַט...

טזשיזש איז געקומען צו זיך און האָט זיך אונענטשלאָסען פאר־נייגט. ער האָט געטראַכט אז מען דאַרף געבען די האַנט, אבער ער האָט ניט געגעבען. די אַלטע האָט אויסגעשטאַרטשעט די אויגען און געענט־פערט אויף דער באַגריסונג. זי האָט זיך געזעצט ניט אַראָפּנעמענדיג פון טזשיזש'ן איהר מאָדנעם, ווי אויף אייביג פארוואונדערטען בליק. טזשיזש האָט געפונען פאר נויטיג צו רעדען מיט איהר.

— אַט בין איך אריינגעגאנגען צו אייער זוהן... האָט ער געזאָגט איבערטריבען הויך, פונקט ווי ער וואָלט רעדען צו אַ טויבער.

די אַלטע האָט אַ פינטעל געטאָן מיט די שטאַרע אויגען.

— מען רעדט מיט אייך, מאַמעניו, — האָט ניט קוקענדיג באַ־מערקט ריסקאָוו.

די אַלטע האָט פונקט אזוי דערשראָקען אַ קוק געטאָן אויף איהם.

— זעהר אנגענעם, אַ שעהנעם דאַנק... — האָט זי געזאָגט אויס־ציהענדיג דאָס געזיכט.

מיט אַמאָל, גאַנץ אונערוואַרטעט, האָט זיך אין איהרע אויגען באוויזען אַן אויסדרוק.

— דאָס וועט אייך פארשאַפען מיין סאַשענקען פארגעניגען. ער איז ביי מיר אַלץ אַליין און אַליין. קיין חברים האָט ער ניט... איהר וועט שוין ענטשולדיגען!...

זי האָט זיך ניט אַם פּלאַץ פארנייגט, און אויפהויבענדיג דעם קאָפּ דערשראָקען גענומען פינטלען מיט די אויגען.

— ניין, וואָס איז דען... מיר איז אויך זעהר... האָט געמורמעלט טזשיזש.

דאָס לעבעדיגע פּייערל, אין די שטאַרע פּישען אויגען, האָט זיך אַלץ מעהרער צוברענט; די אַלטע האָט שוין געקוקט אויפ'ן קליינינ־קען סטודענט דורשטיג און פאַרטגעזעצט אין אַזאַ טאָן ווי זי וואָלט זיך קלייבען אַ שטונדען דריי צו ריידען:

— מיר לעבען ניט אַזוי רייך. קיין געסט נעמען מיר צופיעל ניט אויף; מען קען זיך ניט העלפען, דער געהאַלט איז אַ קליינינקער... סאַשענקאַ קריגט 12 רובעל. מען האָט צוגעזאַגט אַ העכערונג, אָבער ווי עס ווייזט אויס האָט ער ניט אויסגענומען... סאַשענקאַ איז אַ מלאך: אַט האַלט ער מיך אויס, און זעהט, ער איז דאָך אַליין אַ יונגער מענש, — און עס ווילט זיך דאָך מיט חברים פאַרברייינגען...

אַט אַזוי לעבען מיר!.. גאָט צו דאַנקען, וואָס מיר זענען פון הונגער ניט אויסגעשטאָרבען!...

די אַלטע האָט שטאַר געקוקט טזשיזש'ן גלייך אין די אויגען, אַט ווי ער וואָלט אומיסטען געקומען, אום אויסצוהערען די גאַנצע געשיכטע פון זייער פריידלאָזען שווערען לעבען. עס איז געווען שווער און אונאַנגענעם צו הערען, פּונקט ווי טזשיזש וואָלט זיין שול־דיג אין זייער דלות.

ריסקאָוו איז געזעסען ביים טיש פאַרכמורעט, און ניט געקוקט אויפ'ן גאַסט.

„דער פאַרשטאָרבענער פאָטער זיינער, דעם ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען, האָט זיבען און דרייסיג יאָהר געדינט... אין פראָסט און אין רעגען פלעגט ער אונטערבינדען די אויערען מיט אַ טיכעל, — ער האָט געהאַט אַ פאַרקיהלונג — און איז געלאָפען!... ער איז געווען זעהר פּינקטליך צו דער אַרבייט. נאַטשאַלסטוואָ האָט איהם רעספּעקט־טירט. ווען ער איז געשטאָרבען — האָט מען מיר געגעבען דריי רובעל אַ חודש פענסי.״

טזשיזש האָט ניט פאַרשטאַנען צו מיט שטאָלץ אָדער פאַרוואורף רעדט די אַלטע וועגען די דריי רובעל. און צו איז דאָס ווירקליך אַ סך אָדער אביסעל פאַר דעם לעבען פון אַ קאַזנאַטשעיסקע טשינאָווניק?...

טזשיזש האָט ווי אַ לעבעדיגען געזעהן פאַר די אויגען אַט דעם נישטיגען שרייבערעל, וועלכער איז זיבען און דרייסיג יאָהר געלאָפען איבער'ן פראָסט און רעגען אין איינער און דער זעלבער קאַזנאַטשעי־סטוואָ. ער איז זיין גאַנצען לעבען אָפּגעזעסען אויף איין ביינקעל, ער

האַט ניט געטרוימט אַפילו ווענען אַן אנדער גורל און איז געשטאָרבען אַן אַ שפור... פונקט ווי ער וואָלט קיינמאָל אין ערגעץ ניט געווען. אויסער אין די הומאָריסטישע זשורנאַלען!... עטוואָס שרעקליכעס איז געווען אין אַט דעם מענשליכען — דאָך מענשליכען לעבען, וועלכעס האָט זיך איינגאַנצען אריינגעלייגט אין די ראַמען פון אַן אָפּגעריבע־נעם קאַזנאַטשעיסקע ביינקעל.

— אַט אַזוי לעבען מיר... דאָס לעבען קאָסט היינט זעהר טייער און צו וואָס זאָלסט ניט צוגעהן, איז כאַטש ריהר זיך ניט צו... עפּעס אַזאַ סאָרט שטעלע פאַר סאָשען!... אַט ווען איהר זאָלט עפּעס זעהן דורך אייערע באַקאַנטע!

די אַלטע האָט זדי ווידער פאַרנייגט און אויסוואַרטענד דורשטיג אַנגעשטעלט אויף טזשיזש'ן די אויגען. טזשיזש איז געווען גרייט צו זאָגען, אַז ער וועט זעהן, אבער ער האָט זיך גלייך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט וואו צו זעהן אדער זוכען. האָט ער זיך פאַרלאָרען, ער האָט ווי אַ שולדיגער אָפּגעפיהרט די אויגען, און האָט מיט אַן איבערטרי־בענעם מיטגעפיהל געדריקט מיט די פּלייצעס.

אונערוואַרטעט האָט איהם ריסקאָוו ארויסגעפיהרט פון דער פאַרלע־גענהייט:

— איהר מאַמוניו, רעדט דאָס ניט... זיי איז אונאַנגענעם... — האָט ער ארויסגעמורמעלט ניט אויפהויבענדיג די אויגען.

די אַלטע האָט זיך דערשראָקען, אומגעקוקט אויף איהם, דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף טזשיזש'ן און איז אנטשוויגען געוואָרען פינטלענדיג מיט די אויגען. ריסקאָוו האָט צומישט געפיהרט מיט די פינגער איבער'ן טישטוך און ניט געקוקט אויפ'ן גאַסט.

אין אַלגעמיין אין זיינע באַוועגונגען, אַט איבערטריבען פרייע, און אַט צוטראָגען לאַנגזאַמע איז געווען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס. ער האָט געהאַט וועניג עהנליכעס מיט יענעם ריסקאָוו, וועלכער האָט אומגעשפּאַצירט איבער'ן בולוואַר מיט'ן שטעקעלע אין האַנט און פאַר־אַכטעטען בליק אויף דער וועלט, פון דער הויך פון זיין אונפאַרשטענד־ליכער גרויסקייט. עפּעס אַן איינגעגעסענער געדאַנק איז געזעסען ביי איהם אין קאָפּ.

איינינע מינוט האָבען אַלע געשוויגען. טזשיזש האָט געמישט

מיט'ן לעפעלע די שיטערע טעע, און האט זיך גענומען צו כאפּן דאס שטיקעלע צוואווייקטע לימינע פון גלאז.

אם ענדע האט זיך ריסקאוו באשלאסען. ער האט איבערטריבען פריי זיך גענומען באוועגן, האט א שמייכעל געטאן, און מיט א שטים, וואס האט זיך איבערגעהאקט פון אויפרעגונג, האט ער געזאגט:

— קיריל דמיטריוויטש, איך האב צו אייך א קליינינקע בקשה!

— אין וואס האנדעלט זיך?

— זעהט איהר... איך האב דא... עפּעס אזוינס... אנגעשריבען א קליינינקע ערצעהלונג... עס וואלט זיך מיר וועלען וויסען אייער מיינונג... — איהר ווייסט איך האב א סך פרייע צייט, נו, את...

ער האט זיך אפּגעריסען און אנטשוויגען געווארען, געדיכט רויט ווערענדיג דערביי. טושיזש האט זיך אויך אויגענבליקליך פארשעמט, און איז אויך רויט געווארען.

אבער אין ריסקאוו'ס געזיכט איז געווען אזוי פיעל בושה, מורא, האפנונג און געבעט, אז טושיזש האט אויף וויפיעל ער האט געקענט ווייך, כאטש געצוואונגען געענטפערט:

יא, גוט... מיט פארגעניגען. אבער וואס בין איך פאר א קריטיקער.

ריסקאוו אן אויפגעלעבטער האט גענומען מאכען מיט די הענט.

— ניין... וואס רעדט איהר!... איהר האט אזוי פיעל געלעזען... און דערצו נאך א סטודענט!... און דא איז זיך ניטא צו וועמען צו ווענדען... איך האב דאס געלעזען צו מיינע מיטארבייטער... זיי איז געפעלען געווארען!...

ריסקאוו האט זיך אויף א ווײלע אפּגעשטעלט, אבער ווען ער האט געזעהן אז טושיזש גיט ניט צו קיין שום באדייטונג דער גוטהייסונג פון די קאזנאטשעיסקע טשינאוניקעס, האט ער אין איילעניש פארטגעזעצט:

ביי מיר ווייסט איהר איז פון קינדווייז אן געווען א נייגונג... און דערנאך... די פרייע צייט... מיר וואלט זיך זעהר וועלען, אז איהר...

— נו גיט אהער, איך וועל איבערלעזען... — האט טושיזש צוגעשטימט.

ריסקאוו איז נאך מעהרער רויט געווארען: איהם האט זיך געגלוסט אליין איבערלעזען כדי אונטערצושטרייכען יענע פלעצער וועלכע

האָבען איהם אויסגעזעהן באַזונדערס אויפטרייסלענד... ער האָט אַזוי געוואָרט אויף דער מינוט!... און אויסער דעם איז ביי איהם דורכגעלאָפען אינגאַנצען אַן אונגעלומפּערטער געדאַנק, אַז טזשיזש קען זיך אַליין באַנוצען מיט זיין ערצעהלונג.

— און אפשר וועט איהר באַלד?... ענטשולדיגט, וואָס איך ביז אַזוי!... איך וואָלט אייך אַליין דורכגעלעזען... מיין האַנט־שריפט איז שווער צו לעזען... איהר ווייסט אַז ביי דער אַרבייט איז ווייניג צייט, אום צו איבערשרייבען...

— נו גוט, האָט טזשיזש איינגעשטימט, ער האָט געזעהן, אַז ער וועט זיך סיי ווי ניט אויסדרעהען.

ריסקאָוו האָט זיך אינגאַנצען אַ צאַפּעל געטאָן, ער האָט צושפּי־לעט דעם אויבער רעקעל און אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע זיין ערצעה־לונג, וועלכע ער האָט אימער געטראָגען מיט זיך. דאָס איז געווען אַ דינינקע שול־העפט, אַ בלויאינקע מיט אַ ווייסען קוואַדראַט אויף דעם בונד.

טזשיזש האָט אַ קוק געטאָן אויף דער העפט, און גאָט ווייסט פאַר וואָס ער האָט זיך שטאַרק פאַרשעהמט.

— זאָל איך אָנהויבען? — האָט כמעט בעטענדיג, אָט ווי ער וואָלט נאָך ניט געגלויבט דער ערלויבעניש, געפרעגט ריסקאָוו און האָט זיך פאַרשטיקט.

— ביטע!

ריסקאָוו האָט האַסטיג צוגערוקט דעם לאָמפּ. ער האָט פאַריכט דעם טישטוך, מיט ציטערענדע פינגער געעפענט דאָס העפט, ער האָט אַראָפּגעשלונגען די סליאונע און מיט אַ שטים וואָס האָט זיך אַלע־ווייל אָפּגעריסען האָט ער איבערגעלייענט:

— ליעבע... אַן ערצעהלונג פון אַלעקסאַנדער ריסקאָוו.

דער קליינינקער סטודענט האָט אין איילעניש אַראָפּגעלאָזען די אויגען, וועלכע ער האָט שוין ניט אויפגעהויבען ביז צו דער סאַמע ענדע.

ריסקאָוו האָט זיך מוראַ'דיג געקאָכט: זיין שטים איז געשפּרונגען, די ליפּען זענען איבערגעטריקענט געוואָרען, אויף זיין געזיכט זענען אַרויסגעטראָטען רויטע פלעקען און שוויים. ווי עס ווייזט אויס האָט איהם אַ נעבעל פאַרשטעלט די אויגען, און עס איז איהם געווען שווער

צו לעזען. ער האט זיך די גאנצע צייט געפלאנטערט, געמאכט מיט׳ן האנט, אריינגעווארפען גלאט אין דער וועלט אריין.

— ביי מיר איז דא נאך ניט איינגאנצען...

געלייענט האט ער וועגען דעם, ווי איין ארימער קאזנאטשעיסקע טשינאווניק, אן אונערטרעגליך פיינער יונגערמאן, מיט א הויכען, ווייסען שטערען און ווייכע קאשטאנאווע האר, האט זיך פארליעבט אין א שעהנער גרעפין, וועלכע האט איין גאט ווייסט, פאר וואס געוואוינט אין דער פראווינציעלער שטאדט. דער פיינער יונגערמאן פלעגט זיך באגעגענען מיט איהר, און זי פלעגט שטוינען פון זיין באלעבטען געזיכט, פון דער גרויסקייט פון זיין נשמה. מיט א שרעקליכען סארקאזם האט ער געשלאגען די אלטעגליכקייט פון איהר הויך געשטעלטען לעבען, ווי אויך דאס לעבען פון די ארימע אריסטאקראטען, אין וועלכע טזשיזש האט אהן שווערינקייטען דערקענט אלע בכבוד׳יגע איינוואוינער פון שטעדטעל. דעם איספראווניק מיט׳ן קאזנאטשיי און ארבוזאוו׳ן...

די שעהנע גרעפין איז גרייט געווען זיך איינליעבען אין דעם פיינעם העלד, אבער צווישען זיי איז געווען אן אפגרונד, און זי האט ניט פארשטאנען, וואס פאר א גליק עס האט זי ערווארטעט, ווען זי זאל זיך געווען ווארפען אין די ארעמס פון אט דעם פיינעם בחור. און זי האט באשלאסען חתונה צו האבען מיט׳ן אלטען פרינץ נ. נ.

און אט, איינמאל, אויף א ווייניג פארשטענדליכען אופן האט דער פיינער יונגערמאן געקראגען אן איינלאדונג אויף מיטאג צום גראף נ. אויף דעם מיטאג האט דער גראף געלאזט וויסען וועגען זיין טאכטער׳ס פארלאבונג. די גרעפין, וועלכע האט געבלענדט מיט איהר שעהנקייט און ווייסען קלייד האט א קוש געטאן איהר חתן און האט אפילו ניט א קוק געטאן אין אונזער העלדס זייט. מיט אונערטרעגליכער פאראכטונג און וועהטאג איז איבערפיהלט געווארען דעם פיינעם בחור׳ס הארץ. דאס הארץ האט ניט אויסגעהאלטען און האט זיך צוריסען... און דאן האבען אלע פארשטאנען, פארביי וואס פאר א גרויסער נשמה זיי זענען דורכגעגאנגען, ניט באמערקענדיג זי. די גרעפין איז אין חרטה טרערען ארויפגעפאלען אויף דעם טויטען קערפער פון דעם ארימען יונגען מאן און האט איהם געגעבען דעם איינ-

[illegible]

אזא מין קוש, אז דער מחבר האט שיער ניט אויפגעלעבט זיין העלד, און האט אליין אנגעהויבען פינטלען מיט די אויגען, אויף וועלכע עס זענען ארויסגעטראטען טרערען. די ערצעהלונג האט זיך געענדיגט דערמיט, וואס אויף'ן קבר פון דעם פיינעם יונגעןמאן זענען שוין אביסעל צו שנעל אויסגעוואקסען ווינענדע אייוועס און איין באצויבערענדע אונבאקאנטע דאמע האט אלע טאג געבראכט בלומען אויף'ן קבר און געוויינט אויף יענעם גליק וועלכעס האט געקענט זיין און איז ניט געווען.

— און די „אייוועס" האבען איהר געזונגען אז אומעטיג ליעד...

— האט מיט א ציטערענדער שטים פארענדיגט ריסקאוו.

טזשיזש'ן איז געווען א שרעקליכער בזיון.

ער האט געפיהלט אז זיינע באקען ברענען, און מיט פחד געזעהן אז די ערצעהלונג דערנעהענטערט זיך צו איהר סוף.

לויט דעם ווי ריסקאוו'ס שטים האט געציטערט, ווי זיינע אויגען האבען אנגעשטרענגט געקוקט, האט דער קליינינקער סטודענט פארשטאנען אז פאר דעם קאזנאטשעיסקי טשינאווניק איז אט די ערצעהלונג עטוואס אונגעהויער גרויסעס, אז איהר טריאומף אדער דורכפאל איז ביי איהם די מאס!... פון גאנצען לעבען. ווי עס זעהט אוים איז זיין הארץ פול געווען מיט מורא, בושה, שטאלץ און האפנונג... עס איז געווען גענוג איין ווארט, כדי איהם אויפצוהויבען ביז'ן הימעל, אדער איינגאנצען פארניכטען.

מען האט געקענט זעהן, אז די ערצעהלונג איז אנגעשריבען מיט בלוט פון הארצען און אין איהר האט זיך אויסגעדריקט א ליידענשאפטליכער און האפנונגסלאזער טרוים וועגען דעם, וואס איז קיינמאל ניט געווען און וועט ניט זיין אין דעם זינלאזען און קלעגליכען לעבען פון א קאזנאטשעיסקי טשינאווניק. דאס האט ער אליין, אין זיין פארשפיגענער קאזנאטשעיסטווע, איבער די גראשענדיגע קוויטאנציעס און שפאר ביכלעך פון די דארפישע גלחים, בסוד פון דער גאנצער וועלט, געטרוימט פון א באזונדערען שעהנעם לעבען און פאנטשעסטער ליעבע, פון עפעס א מין שיינענדעם גליק!

טזשיזש'ן איז אפילו געווען מאדנע, וואס אזא ריזיגע און אויפריכטיגע אנשטרענגונג פון א מענשליכער נשמה זאל קענען געבוירען אזא מין ארימע וואכעדיגקייט. ווייל, ווי עס זאל דארטען ניט זיין,

האט דאך אט די נשמה געוויטאגט, געליטען און זיך געריסען פון דער קליינליכער טראגעדיע פון איהר קאזנאטשעיסקע לעבען און אין א מעכטיגער ליידענשאפטליכער אנשטרענגונג אויסגעטראגען איהרע הייליגע טרוימען... און אט האט זיך אט די גאנצע טראגעדיע מיט באגייסטערונג און אנגסט זיך אויסגעגאסען אויף פאפיר. און ווי רחמנות'דיג די גאנצע טראגעדיע איז ארויסגעקומען!

דער קליינינקער סטודענט האט געפיהלט אז מען דארף עפעס זאגען און אז יעדער מינוט פון זיין שווייגען פארשאפט ריסקאוו'ן שמערצען און מאכט די לאגע קאמפליצירטער. אבער עס איז גארניט געקומען אין קאפ.

„דער טייפעל ווייסט, וואס דאס איז אזוינס!" — האט זיך בלויז געדרעהט אין מוח.

טזשיזש האט געפיהלט, אז מיט א גוואלדיגער אנשטרענגונג, אויסגעהענדיג פון שרעק און האפנונג ווארט ריסקאוו אויף זיין אור־טייל.

ער האט געפיהלט אז אין זיין איינציג ווארט איז מעהרער באַ־דייטונג, ווי אין ריסקאוו'ס גאנצען לעבען, און ביי איהם האט קיין מוטה ניט געסטייעט צו געבען דעם קלאפ.

ער האט אוטאמאטיש גענומען דעם מאנוסקריפט... איבערגעלע־זען דאס קעפעל... עס האט זיך איהם געוואלט אפציהען דעם מאמענט און עפעס צוטראכטען... טזשיזש האט זיך געמאכט אז איהם איז נויטיג איבערצולעזען איינינע פלעצער. ער האט איבערגעקוקט דעם אנפאנג און דעם סוף... דערנאך האט ער געכאפט א קוק אין מיטען און ווידער איבערגעבלעטערט דעם סוף. עס איז קיין זאך ניט גע־קראכען אין קאפ ארײן! און ציהען ווייטער איז געווען אונמעגליך. ער האט נאך א ווײלע זינלאז אומגעבלאנדזשעט איבער די זייטלעך און מיט אן אונגלויבליכער אנשטרענגונג צום דריטען מאל איבערגע־לעזען דעם סוף. דער קליינינקער סטודענט האט אם ענדע, פארזיכטיג ווי א גלעזערנע זאך אפגעלייגט אין א זייט דעם מאנוסקריפט און פארוויכערט ניט קוקענדיג אויף ריסקאוו'ן.

מיט א ווינקעל פון אויג האט ער געזעהן זיין בלאסען געזיכט אין רויטע פלעקען, זיין פארשוויצטע שטערן צו וועלכען עס האבען זיך צוגעקלעפט די גלאטע שיטערע האר.

ביז וואנעז דער קליינינקער סטודענט האט געבלעטערט דעם מאַ־נוסקריפּט, האט ריסקאוו'ס נשמה איבערגעלעבט אלץ, וואס א מענש קען נאר איבערלעבען: שרעק, בושה, שטאלץ, האפנונג און פאר־צווייפלונג.

פון אנפאנג, ווען ער האט געענדיגט לעזען האט זיך איהם גע־דוכט, אז עס האט פּאסירט עטוואס שענדליכעס, וואס פארריכטען קען מען ניט... זיין אייגענע ערצעהלונג האט זיך איהם אויסגעוויזען נאַ־ריש און עקעלהאפט. דערנאך איז איהם מיט אמאל קלאר געווארען אז אט וועט טזשיזש גלייך פארשטעהן מיט וואס פאר א גרויסען מענשען ער האט דא צו טאן. — ער וועט פארשטעהן אז דער פיינער העלד פון דער ערצעהלונג איז ריסקאוו אליין. און טזשיזש וועט זיך דורכדרינגען מיט גרויס אכטונג צו איהם. איהם זענען אפילו געקור־מען אין קאפּ די ווערטער מיט וועלכע טזשיזש וועט זיך מיט ענט־ציקונג ווענדען צו איהם:

— שוין־זשע, זענט איהר, דאס?

אבער:

— שוין־זשע, האט איהר דאס אנגעשריבען?

דערצו איז דער קליינינקער סטודענט א פיינער און פיהלענדער מענש, וועלכער איז פעהיג אפּצושאצען און פארשטעהן ריסקאוו'ן. יענער וועט איהם נעמען דריקען די האנט, אבער ער ריסקאוו וועט א באשיידענעם און ביטערען שמייכעל טאן, און א שאקעל טאן מיט'ן קאפּ.

— יא, איצט זעהט איהר דאס!... אבער וויפיעל ליידען, וויפיעל איינזאמקייט איז געווען אין מיין לעבען!... וואס־זשע, מיר (גרויסע מענשען — זיכער וועט ער דאס ניט זאגען) דארפען ניט ווארטען אויף אנערקענונג אדער באלוינונג!...

ריסקאוו'ס הארץ איז זיך גרייט געווען צו צורייסען פון שטאלץ און גליק...

אט האט זיך טזשיזש פארהאלטען און איבערגעלייענט איין ארט... געווים, איז ער איבערראשט. ער האט זיך אפּגעשטעלט אין פארוואונדערונג... ער לעזט ווייטער... ווי־זשע קען ער לעזען ווייטער, אויב ער איז איבערראשט?... הייסט עס, אז ער איז ניט איבער־ראשט?... ביי ריסקאוו'ן איז דאס הארץ אראפּגעפאלען ערגעץ ארונ־

טער, דער שטערן האט זיך באדעקט מיט קאלטע שווייס. ער האט געברענט ווי אויף א לאנגזאמען פייער, און זיין נשמה האט זיך, ווי אן אומרוה אומגעווארפען צווישען העכסטען עקסטאז און פולער פארצווייפלונג.

— נו, יא... — האט אונבאשטימט ארויסגעצויגען טזשיזש.

ביים קלאנג פון זיין שטים האט זיך ריסקאוו א צאפעל געטאן און כמעט אפגעשטארבען, און אפשטארבענדיג האט ער אויפגעלעבט אין א מורא'דיגער אנשטרענגונג פון אלע זיינע געפיהלען: זיין גאנצער גוף און נשמה האבען זיך ארויסגעצויגען אנטקעגען, אום ניט דורכצולאזען קיין איין ווארט, קיין איין באוועגונג פון טזשיזש'ס געזיכט.

אבער טזשיזש האט געשוויגען.

— נו, ווי־ווי געפינט איהר די ערצעהלונג? — האט מיט אן אפגעשטארבענעם צונג געפרעגט ריסקאוו, און אין גרויל און שאנדע, גאנץ אונערווארטעט פאר זיך אליין, צוגעגעבען אזוי, זעהר פריי:

דאס איז פארשטעהט זיך א קלייניגקייט, א פרואוו פון דער פען, ווי מען זאגט... עס וואלט זיך מיר וועלען הערען אייער אפענע און אויפריכטיגע מיינונג.

ער האט זיך אנגעשטרענגט צו מאכען א גלייכגילטיג פנים, אבער דאס געזיכט האט געברענט מיט פלעקען, פונקט ווי דא וואלט געווען א פראגע פון לעבען און טויט.

דער קליינינקער סטודענט האט זיך שטארק פארצויגען מיט א סיגארעט און מאכענדיג אן אונגלויבליכע אנשטרענגונג געזאגט:

— איהר זעהט... דא, איז זיכער, עפעס דא...

ריסקאוו'ס נשמה האט זיך אנגעצויגען ווי א סטרונע, וואס איז גרייט צו פלאצען ביי דער קלענסטער אונפארזיכטיגער באריהרונג.

— אט למשל... דאס ארט וואו ער באגעגענט זיך מיט דער פירסטין אויפ'ן שפאציר און... אין אלגעמיין.

ריסקאוו האט האסטיג גענומען שאקלען מיט'ן קאפ. ער האט זיך קלאר פארגעשטעלט דאס ארט — דאס בעסטע ארט אין דער ערצעהלונג, געוויס!...

נאר אין אלגעמיין איז די ערצעהלונג א שוואכע... — האט ניט געפינענדיג קיין אנדער ווארט, אונערווארטעט געזאגט דער קליינינקער סטודענט.

אלץ האט זיך גענומען דרעהען פאר ריסקאוו'ס אויגען. דאס גאנצע בלוט האט זיך איהם ארייגגעגאסען אין פנים אריין. איהם האט זיך אויסגעדוכט אז ער האט האסטיג גענומען פליהען אין עפעס א קאלטען אפגרונט.

— זעהט איהר, אום צו זיין א שרייבער, מוז מען פריהער פאר אלעם זיין א ליטעראריש געבילדעטער מענש, — האט ערגעץ ווייט גערעדט דער קלייניגקער סטודענט, און איהר, ווי עס ווייזט אויס, האט אפילו געלעזען ווייניג... איהר שרייבט אזוי פונקט ווי אויסער בולווארנע ראמאנען ווייסט איהר גאר ניט. צו וואס האט איהר באדארפט האבען אט די פירשטין?... א שרייבער דארף שרייבען דערפון וואס ער ווייסט, און איהר האט דאך אפילו קיין איינציגען אריסטאקראט ניט געזעהען נאהענט...

א גרויע בלאסקייט האט זיך שנעל אויסגעשפרייט איבער ריסקאוו'ס לאנגען און געלען פנים. כאטש דער קלייניגקער סטודענט האט זיך געמיהט צו רעדען ווייך און איבערצייגענד, אבער דער קאזנאטשעיסקי טשינאוווניק האט שוין אלעם פארשטאנען: זיין ערצעהלונג טויג ניט, קיין טאלאנט באזיצט ער ניט, און קיין שרייבער וועט ער שוין קיינמאל ניט זיין. ער מוז לעבען און וועט שטארבען ווי א נישטיגער ארימער שרייבער'ל.

מיט איין מאל האבען געפלאצט אלע טרוימען, מיט וועלכע עס האט אזוי לאנג געלעבט און געאטעמט זיין נשמה; פון אונטער די צושטערט עטרוימען האט זיך באוויזען דער פלאטשיגער־גרויער געזיכט פון א מת, און פון דעם אבענט אן, האט זיך ריסקאוו אהן אז אפהאלט גענומען קייקלען ארונטער, ווי א שטיין, וואס האט זיך מיט נסים געהאלטען איבער אן אפגרונט און האט זיך מיט אמאל אפגעריסען.

ער האט כמעט ניט פארשטאנען טזשיזש'ס רייד, נאר געפיהלט און געוואוסט איין זאך, אז אבסאלוט אומזיסט האט ער מיט אזא שטאלץ ארומגעטראגען אין קעשענע די ערצעהלונג. אומזיסט האט ער מיט אזא פאראכטונג געקוקט אויף אלע ארומיגע, וואס האבען אפילו ניט פארדעכטיגט אז צווישען זיי געהט אום א גרויסער מענש!... וויפיעל האפנונגען, געדאנקען און פלענער עס איז איבערגעלעבט געווארען, און דאס איז געווען אומזיסט, אבסאלוט נאריש און לעכערליך!

מיט דער לעצטער אנשטרענגונג זיך אנכאפענדיג אין א שטרוי האט ריסקאוו טויב געפרעגט:

— און אט, האט איהר דאך יענעם פלאץ געלויבט...

טזשיזש איז רויט געווארען. ער האט זיך פארשעמט, וואס ער האט נאר וואס אזוי נאריש און צוועקלאז ארויסגעוויזען מוטלאזיגקייט. און גלייך האט ער זיך דערמאנט אז ער איז אליין אויך אומגליקליך, אז זיין לעבען איז א גרויליכער און אז מען האט איהם היינט שווער באליידיגט.

דאס האב איך געזאגט אזוי פון איידעלקייט וועגען... האט ער שארף, ווי ער וואלט אויסגעגאסען אויף ריסקאוו'ן זיין כעס, אפגעריסען. — אין דער ווירקליכקייט איז דער פלאץ, פונקט אזוי שלעכט, ווי דאס איבעריגע... ניין, צו זיין א שרייבער — איז א שווערע זאך... ניט יעדערער איז מסוגל!... ווארפט אוועק אט די מוזיקע!...

ריסקאוו האט נידעריג אראפגעלאזען דעם קאפ.

דער קליינינקער סטודענט האט מיט אן אונפארשטענדליכען פארדרוס געכאפט דעם מאנוסקריפט, און אונברחמנות'דיג איהם ברעכענדיג גענומען פארלעזען איינצעלנע פלעצער, און ערקלערען זייער גאנצע ארימקייט, ער האט כמעט ווי געשפעט פון זיי.

ריסקאוו'ן האט זיך געדוכט אז טזשיזש ברעכט מיט די הענט זיין אייגען פארבלוטיגט הארץ, און א בלאסער און שטומער האט ער אראפגעלאזען זיין לאנגען געלען פנים, געהערט און כמעט גאר ניט פארשטאנען. איצט האט ער אליין אויך איינגעזעהן און פארשטאנען, ווי האפנונגסלאז־קלעגליך, און נאריש דאס איז, און יעדערווארט פון זיין אייגענער ערצעהלונג האט איהם ווי א פאטש געשלאגען איבער'ן פנים. ער האט זיך בלויז געצאפעלט און נידעריגער אראפגעלאזען דעם קאפ.

דער קליינינקער סטודענט האט זיך שוין פארגעסען און איז אוועק און אוועק.

ער האט אוועקגעווארפען ריסקאוו'ס מאנוסקריפט און שוין אפילו פארגעסען וועגען איהם. ער האט גערעדט וועגען ליטעראטור אין אלגעמיין, גערעדט מיט ליעבע און ליידענשאפטליכען ריינעם עקסטאז.

— אך, טאטעלע!... א טאלאנט — דאס איז אזא מין קראפט אזא מין שעהנקייט!... — האט ער געשריען און מיט אמאל בא־

מערקט אַז מיט ריסקאָוו'ן קומט פאַר עפּעס מאָדנעס.

דער קליינינקער סטודענט האָט פון זיך, זיך אפּגעשטעלט און האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף'ן קאָזנאַטשעיסקי טשינאָווניק.

דער לאַנגער קאַלירלאָזער פּנים איז געווען אין גאַלע פּריסטשעס. אַ פאַרוואַקסענער מיט לאַנגע האָר, האָט ער אויסגעזעהן דערשלאָגען. דאָס געזיכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אַלץ נידעריגער און נידעריגער. אַ מורא'דיגע פאַרצווייפלונג האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע קליינינקע אויגען, וועלכע זענען אַזוי פאַר'עקשנ'ט געווען געווענדעט צו דער ערד. די הענט האָבען קאָנוואולסיוו געצופּט דעם טישטוך ווי זיי וואָלטען זיך ווען וועלען אָנכאַפּען אין עפּעס.

— אָבער, צום טייפעל, וואָס האָט איהר זיך אַזוי צוערגערט? האָט טזשיזש געזאָגט, צומישט. — שווין־זשע האָט איהר ערענסט געדענקט... אַז אין דער ליטעראַטור איז די גאַנצע ליכט, די גאַנצע נחמה? ניט אַלע מוזען זיין שרייבער!... פונקט ווי אין לעבען איז ניטאָ קיין שום אַנדער זאַך. עס איז דאָ זעהר פיעל גוטעס אויסער דער ליטעראַטור... דאָס לעבען איז זעהר רייך, און יעדערער קען דאָס מאַכען אויף זיין שטייגער אינטערעסאַנט. מען דאַרף נאָר ניט פאַר־לירען דעם מוטה. מאָדנע, אויף מיין וואָרט!... ווען איך זאָל געווען וויסען!...

ריסקאָוו האָט אויפגעהויבען זיין גרוי געזיכט, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף טזשיזש'ן און טעמפּ כמעט רוהיג געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ... לעבען... דאַרטען... קען זיין פאַר מיר!

דער קליינינקער סטודענט האָט זיך ווידער אָפּגעהאַקט.

ער האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף ריסקאָוו'ן, ווי ער וואָלט איהם געזעהן צום ערשטען מאָל און האָט זיך עפּעס מיר ניט, דיך ניט פאַרוואונדערט, וואָס ביי איהם איז אַזוי פיעל פּריסטשעס. און דאָ האָט ער, ווי באַנומען, אַז באמת אַט די אַלע פיינע ווערטער וועגען שעהנקייט און זין פון לעבען זענען דאָ אַבסאָלוט ניט אַם פּלאַץ. וואָס פאַר אַ שעהנקייט און זין קען זיין פאַר די ריסקאָוו'ס?

העלדען, איז גוט צו פאַלען אין נאָמען פון לעבען, ווייל דאָס העלדישקייט פון פאַלען ענטהאַלט זיין באַזונדערען גליק, אָבער אונ־באַמערקט און לאַנגזאַם פוילען אום אויסצובעסערען דעם באָדען פאַר דער צוקונסט... ווער קען וואַגען פאַרצושלאָגען דאָס אַ מענשען?...

ווען פאר דעם לעבען, זענען די מיליאנען נישטיגע און באנאבטלאזע פונקט אזוי נויטווענדיג ווי די העלדען. וואלט ניט זיין זייער ארימע און זינלאזע עקזיסטענץ, וואלט אויך ניט געווען קיין שעהנקייט!... פון זייערע טויטע קערפערס, בויען אויף די העלדען און פיהרער ער־האבענע געביידעס!... זיי מוזען פוילען, אום אויף זייער שימעל זאַ־לען זיך העלער צובליהען די בלומען פון מענשליכער גרויסקייט!... און ווי גרויס איז די צאהל פון די, וואס ווערען געבוירען אום צו באמיסטיגען די ערד!... מיט וואס ווערט דאס לעבען זיי באלוינען?... יא דאס איז אמת, דאס לעבען איז פיין און אונגעהויער גרויס, אבער עס איז ניט פאר די ריסקאוו׳ס.

טזשיזש האט א קוק געטאן אויף ריסקאוו׳ן מיט בושה און רחמנות, און האט מיט אמאל, ווי פון דער זייט דערזעהן זיך אליין: א פארהונגערטען און פארקעלטערטען קליינינקען סטודענט, אזא מין געוועהנליכען און טאלאנטלאזען, וועלכער ראיעט זיך אין מיסט אהן א זין, אהן פרייד, בלויז צוליעב דעם אום ניט שטארבען פון הונגער... א קעלט האט דורכגענומען טזשיזש׳ס נשמה, און א צומישטער, א פארלארענער איז ער אנטשוויגען געווארען.

ריסקאוו האט אויך געשוויגען און פאר׳עקשנ׳ט געקוקט אויפ׳ן טישטוך, די בלויאינקע העפט איז געלעגען פאר זיי א נאיוו צועפענטע.

„פאר וואס? — האט ביטער געטראכט דער קליינינקער סטו־דענט. פיין זענען די טאלאנטען, מעכטיג די פיהרער, גרויסארטיג דער קאמף פון ריזען. אבער אויך מיר קליינינקע ווילען זיין פיין, מעכטיג און טאלאנטפול!... ווער האט געמאכט דעם אויסוואהל, ווער האט געהאט דאס רעכט אויסצונוצען אונטער דעם פונדאמענט פון די גרוי־סע מיך מיט ריסקאוו׳ן?... דאס איז א נארישע צופעליגקייט. אבער מיר ווילען ניט קיין צופעליגקייטען!“

שווער און שטיקענד איז געווארען דעם קליינינקען סטודענט, עפעס האט איהם אנגעכאפט פאר׳ן האלז.

און מיט אמאל האט זיך דערהערט, אין דער שטילקייט, א דורך־שטיג אונענטשלאסענע שטימע:

„וועט מען סאשענקען א סך באצאהלען פאר זיין ווערק?“
טזשיזש האט אויפגעציטערט און זיך אומגעקוקט.

גלייך אויף איהם האָט געקוקט אַ לאַנגער געלער פּנים מיט שטאַ־רע אויגען, אַזוינע רונדע און זינלאָזע ווי ביי אַ פיש.

זי האָט גאָרניט פאַרשטאַנען!

ווען ריסקאָוו האָט געלעזען האָט זי זיך בלויז געקוויקט דערמיט, וואָס איהר סאַשינקאַ האָט אַזוי פיעל אָנגעשריבען; ווען עס האָט גערעדט טזשיזש האָט זי בלויז געטראַכט דערפון צי עס איז גוט אָדער שלעכט פאַר סאַשינקען דאָס וואָס ער רעדט...

טזשיזש האָט אַהין פאַרשטענדענים מיט עפּעס אַ מין מורא גע־קוקט אויף איהר. ער האָט געשטוינט פון אַט די אויגען: אַלץ וועגען וואָס עס האָט געשריבען און געטרוימט איהר זוהן, אַלץ וואָס איז גע־ווען אַרום און איבער איהר, די גאַנצע וועלט, מיט איהרע שטערען, סודות, גרויסקייט און טראַגישעס, דאָס אַלעס איז געווען אונענדליך ווייט פון איהר... אָבער זי איז דאָך געווען אַ מענש!

אין דעם איז געווען עפּעס אַ מין שרעקליכע זינלאָזיגקייט.

די איינע עקזיסטענץ פון אַזאַ פּערזאָן איז געווען אַ טויט אורטייל צו דער גאַנצער האַרמאָניע צווישען דער וועלט און שכל וואָס דער מענש האָט באַשאַפען.

עפּעס האָט זיך שטיל אַ ריהר געטאָן אין טזשיזש׳ם מוח. ער איז ניט געווען אימשטאַנד צו באַנעמען אַט די באַוועגונג, ער האָט בלויז געפיהלט אַ טויט שרעק פאַר אַט די שטאַרע דורשטיגע פישען אויגען.

דער קליינינקער סטודענט איז האַסטיג אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

ריסקאָוו האָט זיך אויך אויפגעהויבען.

5.

אין דרויסען איז געווען פינסטער ווי אין קבר. דער רעגען האָט ניט לאַנג אויפגעהערט און עס האָט געבלאָזען אַ נאַסער שניידענדער ווינט. אונבאַמערקט איז דער ווינט אַלע ווײַלע באַפאַלען טזשיזש׳ן איהם געביסען פאַר די פּאָלעס פון מאַנטעל, געשפּריצט אין פּנים מיט

קאַלטע רעגנן טראָפּענס און געשטויסען אין בלאָטע אין די ווינקלען פון די גאַסען. אין דריי שפּאָן האָט מען גאַרניט געזעהן. ערגעץ ווייט האָט געשיינט איין איינזאַמע לאַמטערנע וועלכע האָט בלויז געבלענדט די אויגען. אין חשך האָבען זיך קוים געוויסט די הייזער, און אין די זייטען זענען אויסגעוואַקסען מאָדנע גרויסע שוואַרצע גייסטער, וועלכע האָבען משונה ווילד געמאַכט מיט די פאַרוואַקסענע הענט.

די גייסטער האָבען זיך ווי איבערגעבויגען איבער דעם קליינינקען סטודענט, וואָס איז געלאָפען אין דער פינסטער און האָבען דראָהענד געמאַכט מיט די הענט איבער זיין קאָפּ און טויב געררוישט. איבער די דעכער פון די הייזער זענען אומגעלאָפען פאַרבאָרגענע גייסטער און האָבען מורא'דיג געדונערט מיט דעם אייזען.

דאָס שטערטעל האָט זיך ניט געזעהן. פאַר די אויגען האָט זיך ווי פאַרצויגען א שוואַרצע הייטעל, און צייטענווייז האָט זיך געדוכט אז די אויגען זענען בלינד געוואָרען. עס איז ניט געווען קיינע סמנים פון לעבען אַרום און אַרום, און עס איז געווען מאָדנע צו דענקען אז איבעראַל זענען מענשען, איבעראַל שלאָפען זיי צוגעדעקטע מיט די ווענט און דעכער פון די שטיקענדע צימערען, וועלכע באַשיצען זיי פון אַט דער שרעקליכער נאַכט, וועלכע בלאָזט, רוישט און ברומט.

טזשיזש איז געלאָפען אַהיים. ער האָט זיך געפיהלט אזוי איינזאַם, פונקט ווי ער וואָלט געווען איינער אליין אויף דער גאַנצער אונגעהויערער איבערפלעך פון דעם ערד קוגעל. און צום ערשטען מאָל האָט זיך דעם קליינינקען סטודענט קלאָר פאַרגעשטעלט, אז ער לויפט ניט איבער עטוואָס אונבאַוועגליכעס אויף אייביג פאַרפונדעוועטען, נאָר איבער אן אונגעהויערער גרוים, וואָס טראָגט זיך מיט א מורא'דיגער שנעלקייט, ערגעץ אין דער פוסטקייט, אין דעם חשך פון דער אונענדליכקייט.

„און פונדעסטוועגען... איז שרעקליך אויף דער ערד!" — האָט געטראַכט טזשיזש, זיך מיהענדיג איינצוהאַלטען אויף דעם גליטשיגען טראָטואַר צווישען די איבערפאַלען פון ווינט.

אונערוואַרטעט האָט זיך איהם דערמאָנט, אז אין דער פריה האָט ער געלעזען אין די צייטונגען די באַשרייבונג פון דער גרויסאַרטיגער קאָראָנאַציע פון ענגלישען קעניג...

בלאטע, ווינט און רעגען זענען געווען ארום און ארום; אונטער די פיס האט זיך געטראגען דער ריזיג גרויסער ערד קוגעל; פון דער הויך איז געהאנגען איין אונענדליכע שווארצע פינסטערניש... עס איז געווארען עפעס מאדנע: ערגעץ דארט, אין א שרעקליכער ווייטקייט באוועגט זיך עפעס, ריהרט זיך און טוט עפעס אזוי געהויבען און גרויסארטיג... צווישען דעם פולען חשך, ווייל עס איז געווען שווער זיך פארצושטעלען אז ערגעץ אוואו שיינט די זון, און עס איז פאראן א באלויכטענדער ווינקעלע אויף דער ערד, זאל זיין א באגרענעצטער און נישטיגער... און דארטען, אין יענעם ווינקעל, ווי אין א מאריא־נעטען טעאטער טרעטען ארוים פיצינקעלעך געשטאלטען פון דעם קע־ניג און קעניגין, פון די לארדען פערען (רעגירונגס בעאמטע) אינדישע (ראדזשען), בעגורער פון אויסטראליען, ניי־זעעלאנד, קאנאדע, און פון די אפריקאנישע קאלאניעס; אט די אלע הויכגעשטעלטע פער־זאנען קוים באמערקבארע ליאלקעס, פארפוצטע אין שרייענדע צייגען דורכגעוועבט מיט פינקלענדע שטיינדלעך, טראגען די פיצינקע שלייפען, און פאררייסען מיט אלע כוחות זייערע שפילקע קעפלעך... די לי־אלקע געזיכטער זענען פול מיט ווירדע, און באוואוסטזיין פון דער וויכ־טיגקייט פון מאמענט. די ליאלקעס טוען א וויכטיגע און גרויסע זאך: זיי זעצען ארויף אויף א ברעקעלע ביינקעלע, א ברעקעלע קעניגעל, אין א לעבערליך קליין קרוינדעלע!... דארטען אין די קארלישע גלעקער הייזער פון דער שפילצייג געמיינדע, קלינגען ווילד די שפילצייג גלע־קער, וועלכע קיינער הערט ניט, מען שיסט פון הארמאטען און עס האט זיך פארזאמעלט דאס גאנצע ליליפוטען פאלק, וואס קוקט אויף זיך ווי אויף א גרויסער וועלט מאכט!... און ארום און ארום, דא און איבעראל אין דעם אונגעהויער ווייטען און גרויסען רוים הערשט איין אייביגער חשך און גרויסארטיגע, ניט צום באנעמען באוועגונג... ער־געץ האט זיך שוין אוועקגעזעצט אויפ'ן ביינקעל א ברעקעלע קעני־געל, אבער דא הערשען: ווינט, רעגען און בלאטע, און דאס האט קיין שום שייכות ניט צום קעניגעל... די ערד דרעהט זיך אין רוים און זי האט גאר ניט צו טאן מיט דער לעבערליכער צערעמאניע פון די ליליפוטען, ניט מיט דעם קליינינקען סטודענט וואס לויפט אום אין דער פינסטער...

קאראנאציע... דער קעניג פון גרויס בריטאניען... פע, דאס אלעס

איז אין גרונד געגומען נאריש! — האט אויטאמאטיש מיט אן אונ־באגרייפליכער אנגסט געטראכט טזשיזש, צוהאלטענדיג די היטעל און זיך גליטשענדיג איבער דער בלאטע?... אם ענדע, וואס איז דען ניט נאריש. און דער „איך" — איז נאריש, און... אבער ניט אין דעם האנדעלט זיך!... אבער אין וואס דען?... ווייסט עס דער טייפעל, נאר עס איז שרעקליך אויף דער ערד!

די אויפמערקזאמקייט פון קלייניגקען סטודענט צווישען דעם שווארצען חשך איז געווען צוגעצויגען פון די באלויכטענדע שפאלטען אין די לאדען פון דעם קליינעם הייזעל וואו עס האט געוואוינט דער קארנעט קראוזע. זיי האבען געבלאנקט אין דער פינסטער, ווי גרויסע פייער צייכענס. טזשיזש'ן האט זיך פארגעשטעלט אז דארטען אין דעם באלויכטענדען צימער, איינזאנצען אליין זיצט דער לאנגער אומ־געלומפערטער קארנעט און טראכט וועגען עטוואס.

עס ווייזט אויס אז טזשיזש'ס נערוועז זענען אין דעם טאג געווען איינגאנצען צושרויפט... ווייל איהם האט אפילו דאס אויך געשראקען. אט זיצט דארטען א מענש מיט א ווייס געזיכט אויף וועלכען עס שווארצען זיך קרומע דירעוודיגע ברעמען... ער טראכט וועגען עפעס, פארטיפט זיך, און איבער דער גאנצער ערד אין יעדען ווינקעלע, אין דער פינסטער אדער ביי ליכט זיצען איצט מיליאנען אזוינע מאדנע באשעפענישען מיט ווייסע מאסקעס, אויף וועלכע דורך די אויגען שניטען קוקט אימיצער א געהיימניספולער און פרעמדער צו אלעמען. זיי אלע טראכטען וועגען עפעס אבער טזשיזש וועט קיינמאל ניט ווי־סען וועגען וואס... דערפון, וואס עס דענקען אט די געהיימניספולע באשעפענישען דריקט זיך בלויז א קלייניגקער טייל אויס אין ווערטער און אין בוכשטאבען, און דאס איבעריגע לעבט א ווייל, און פאר־שווינדט אויף אייביג אין דער געהיימניס...

— פע, טייפעל! האט זיך אין דער פינסטער געזידעלט טזשיזש, זיך איינקוקענדיג מיט א מאדנעם שרעק אין דעם שווארצען אפגרונט. וואס איז פול געווען מיט דעם כאסען ווינט, טומעל, וועלכע האבען פון אלע זייטען ארומגערינגעלט דאס קלייניגקע מענשעלע, וואס איז ער־געץ געלאפען אין דער פינסטער.

6.

אין דעם קאַרנעט קראַוזע'ס וואוינונג האָבען געברענט צוויי ליכט. זיי זענען געווען מאַדנע צושטעלט — אין צוויי ווינקלען פון אַן אָפּעגעם לאַמבערנעם טישעל, אַזוי ווי מען וואָלט דאָ נאָר וואָס געשפּיעלט אין קאָרטען. דער קאָרנעט אַליין אַ גלייכער און לאַנגער ווי אַ שטעקעל איז געזעסען ביים טישעל, און נאַומאָוו איז אומגעגאַנגען איבער'ן צימער. זיין צושורפּטעער שאָטען איז שנעל אומגעלאָפען איבער די ווענט, ער האָט זיך די גאַנצע צייט געקערעוועט מיט אַ זייט צום ליכט, און דערפאַר האָט זיך בלויז ארויסגעזעהן זיין פּראָפיל מיט דעם פלאַמענדען אויג און דאָס האָט איהם צוגעגעבען אַ בייזען אויסדרוק.

— איך פאַרשטעה אייך ניט, — האָט פון אויבען אַראָפּ גערעדט דער קאָרנעט, — אויב איהר געפינט פאַר מעגליך צו לעבען, טאָ פאַר וואָס־זשע זאָלען ניט לעבען אַלע איבעריגע? — איך בין איינשטימיג מיט אייך, אַז דאָס לעבען איז גאָרניט ווערטה, אָבער דאָס איז אַלץ איינס... איהר לעבט, כאָטש איהר פאַרשטעהט, טאָ זאָלען לעבען אויך די, וואָס פאַרשטעהען ניט.

נאַומאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם.

— איך!... איך לעב דערפאַר, וואָס מיין אידעע איז שטאַרקער פון מיר! — וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?

— איך זאָג אַז איך בין אונטער דער מאַכט פון מיין אידעע: איך קען ניט שטאַרבען אַזוי פּשוט, ביז וואַנען איך וועל ניט זאָגען דאָס לעצטע וואָרט, ביז וואַנען איך וועל ניט טאָן אַלעס, וואָס איז אין מיין מאַכט אום דורכצופיהרען מיין אידעע אין דער וועלט! ווען עס זאָל זיך מיר פּשוט שווער לעבען, ווען דאָס לעבען זאָל מיך פּערזענליך ניט צופרידענשטעלען, אָבער אין אַלגעמיין אויסגעזעהן פול מיט פיינע מעגליכקייטען, דאַן איז — אַן אַנדער זאַך. זייט זיכער אַז איך וואָלט געטראַכט ניט מעהר, ווי פינף מינוט!... די גרעסטע מעהרהייט פון די זעהר אומגליקליכע מענשען, וואָס זענען שטאַרק אונצו־

פרידען מיט זייער לעבען, לעבט בלויז דערפאר, ווייל זיי גלויבען אז אז און פאר זיך, איז דאס לעבען זעהר שעהן און פיין, נאר זיי גליקט ניט. אבער אויב דאס לעבען איז פול מיט גוטע מעגליכקייטען, קען דאך זיי אין איין שעהנעם פריהמארגען אפגליקען! יעדער טראכט, אז אם ענדע, אט ווערט ער מיט ערפאלג, אדער קראפט טריאומפירען איבער דעם בייז און געווינען אלע רייכטימער פון לעבען. מיט אט דער נארישער, אויף קיין זאך ניט באגרינדעטער האפנונג לעבט מען... מען ליידט דעם גאנצען לעבען, מען קלאגט זיך, מען ווערט דערטרונ־קען אין שמוץ און אין בלוט, נאר מען לעבט אלץ און מען לעבט, האפענדיג, אז אט, אט, ניט היינט איז מארגען, וועט זיך אלעם אומ־בייטען און זיי וועלען אריינפאלען גלייך אין גן־עדן!...

— יא, דאס איז אמת, — האט אונערווארטעט געזאגט דער קארנעט, ווי עס ווייזט אויס, עפעס באצייכענענדיג פאר זיך. נאומאוו האט, דוכט זיך ניט געשענקט קיין שום אויפמערקזאמקייט זיין באַ־מערקונג, און האט פארטגעזעצט האסטיג שפאנענדיג פון ווינקעל צו ווינקעל:

אט אזוי שטארבט מען מיט דער האפנונג אויף אט דעם מאר־גען!... און מעגליך, אז אין אט דער אייביגער האפנונג אויף א בע־סערען מארגען, אין אט דעם אונזיניגען גלויבען אין לעבען, וועלכעס מוז פריהער אדער שפעטער ווייזען זיין אמת׳ן שעהנעם פנים, איז באהאלטען דער סוד פון די טרוימען וועגען אונשטערבליכקייט, ווע־גען גן־עדן און גאט דעם אלמעכטיגען, וואס באלוינט פאר אלעם!... ווירקליך, מען דארף דאך, וויסענדיג אז פריהער אדער שפעטער וועט מען דאך געוויס שטארבען, איבערלאזען א שפארונקעלע, פאר דער אייגענער האפנונג אויף דער לעצטער מינוט, ווייל עס וועט דאך קומען אט דער לעצטער טאג, ווען עס וועט שוין מעהר ניט זיין אויף וואס צו האפען דא אויף דער ערד... און אט, א דא האט זיך באַ־וויזען דער נייער מארגענדיגער טאג, ערגעץ־וואו, „דארטען“ און ניט נאר א טאג, נאר א גאנצע אייביגקייט!... ווייל אויב טרוימען, איז שוין טרוימען; וואס מיר א טאג? — אז אייביגקייט!... ווייל וואס איז אזוינס, דאס פיינע געזיכט פון לעבען? (אם ענדע האט דאס דאך אפגענארט, דאס פארפלוכטע!...) און דא ווערט גלייך געבארען — דער אייביגער געשטאלט, גאט, גן־עדן!...

נאומאוו האט זיך אפגעשטעלט, ווי ער וואלט זיך דערמאנען אין עפעס.

— יא, איך בין אוועק אין א זייט!... איהר האט געפרעגט?... יא!... איך פיהר דאס דערצו, אז ווען די גאנצע זאך זאל זיין אין דעם, וואס מיר לעבט זיך שלעכט, וואלט איך זיך שוין ניט טרייסטען מיט זיסע האפנונגען אויף מארגען, נאר איך וואלט זיך גלייך און זעהר פריעדליך אריינגעלאזט א קויל אין שטערען, און וואלט אפילו קיין צואה ניט געלאזען, אבער א פאסענדען, אין אזא פאל צעטעלע. איך וואלט א שפיי געטאן און אויף דעם זיך בארוהיגט!... אבער איך קען ניט שטארבען, ווייל ניט מיין לעבען, נאר דאס מענשליכע לעבען האס איך, און ביז וואנען אט דער שונא מיינער לעבט, קען איך ניט אוועקגעהן!... איך מוז קעמפפען מיט איהם, ביז מיין לעצטען אטעם־צוג... איך וועל שרייען, זיך שלאגען מיט דעם קאפ אין וואנט, רופען און שטויסען.

— שטויסען? — האט עפעס אזוי זיך איבערגעפרעגט קראווזע מיט אן אבסאלוט גלייכגילטיג געזיכט.

נאומאוו האט שנעל א קוק געטאן אויף איהם און האט זיך אפ־געשטעלט. זיין בליק האט זיך ווי פארשארפט, מיהענדיג זיך אריינצור־דרינגען אין דער סאמע טיפעניש פון דעם קארנעט'ס נשמה. אבער דעם קארנעט'ס פנים איז פארבליבען פאלשטענדיג שטום און קאלט. אזוי אז עס איז געוועזן אונמעגליך עפעס איבערלעזען אויף איהם. מען האט געקענט מיינען, אז עס אינטערעסירט איהם אינגאנצען ניט, דאס וואס עס רעדט נאומאוו, און ער טראכט גאר וועגען דעם זיי־ניגען. נאומאוו האט לאנג ניט אפגעריסען פון איהם זיין בליק. ער האט קוים־קוים א פינקעל געטאן מיט די אויגען און ניט קיין גוטען שמייכעל געטאן. דאס איז געוועזן אן עזות'דיגער שמייכעל, אזוי ווי ער וואלט אפילו ניט וועלען באהאלטען דעם צוועק פון זיין געשפרעך מיט קראווזע'ן.

— געוויס! — האט ער געזאגט מיט אן ארויסרוף אין טאן. איך האב גענוג גלויבען אין מיין אידעע, און גענוג ענטשלאסענהייט, אום ניט צו דערשרעקען זיך צו זיין גרויזאם!... ביי מיר וועט די האנט ניט א ציטער טאן אוועקצושיקען אויף יענער וועלט כאטש איי־נעם פון יענע אידיאטען, וועלכע קארטשען זיך פון וועהטאג, און זיינ־

גען לויב־געזאנגען דעם לעבען!... מיט איין מענשען ווייניגער איז שוין א טריט פאראויס!...

אבער ווער האט אייך געגעבען דאס רעכט צו נעמען אויף זיך דאס לעבעדיגע בלוט?... — האט קאלט געפרעגט דער קארנעט.

— ווער?... איך אליין!... איך גלויב און דאס איז גענוג. אויב די גאנצע וועלט זינגט שירה, שריי איך אויס: זיי פארפלוכט און פארשאלטען. איך האב אויסגעטראגען מיין גלויבען אין איין אונ־טערערדישען קאמף פאר א בעסערער צוקונפט. ווען איך בין געווען אזוי נאריש, ווי אלע!... אט די אידעע איז מיר צוערשט איינגעפא־לען דאן נאך, אמת, אונקלאר, ווען איך בין געזעסען אין פעסטונג ערוווארטענדיג דעם אונפארמיידליכען טויט אורטייל... אט די אי־דעע איז געקומען ספאנטאן, ניט ווי א לאגישער אויספיהר, נאר בלויז ווי א פארגעפיהל פון דעם אויספיהר. און ווען איך האב שוין פארשטאנען און מיט מיין גאנצען וועזען דערפיהלט אז עס איז צו אלעם א סוף און מארגען וועט מען מיך אויפהענגען, האב איך מיט אמאל דערזעהן אז איך האב פאר'ן טויט גאר קיין מורא ניט... ביז דאן האב איך שרעקליך מורא געהאט. דער טויט, די טויט שטראף, — דער גרויל, — אז דאס אלעס איז ניט וויכטיג! וואס־זשע איז וויכטיג? איך האב געשפאנט פון ווינקעל צו ווינקעל פון מיין קאמער און געטראכט... קיינמאל אין לעבען, האט מיין מוח ניט געארבייט מיט אזא מין מורא'דיגער שנעלקייט און קלארקייט... איך האב גע־פיהלט אז מיט מיר קומט פאר עפעס אויסערגעוועהנליכעס. אז איך טייל זיך אפ פון דער ערד, איך ווער אזוי לייכט און דורכזיכטיג, און דערפון פאראיידלען זיך, ביז צו דער לעצטער שטופע אלע מיינע גע־פיהלען. איך האב אנגעהויבען זעהן און הערען און באמערקען דאס, צו וואס איך וואלט פריהער ניט געשענקט קיין שום אויפמערקזאמ־קייט: מיין אויג האט פארנומען יעדע קלייניגקייט און ענטדעקט אין דעם עטוואס, וואס איז ביז אהער געווען פארשטעלט פון מיין אויפ־מערקזאמקייט... איך געדיינק, אז צוערשט האט א טויטע פליג, צוגע־צויגען מיין אויפמערקזאמקייט א טרוקענע פליג אויפ'ן ראם פון פענס־טער. עס ווייזט אויס אז דארטען איז געווען א שפארינע, פון וואנענט עס איז דורכגעגאנגען די לופט, ווייל די גאנצע צייט האט זיך די טוי־טע פליג ריטמיש געריהרט, פונקט ווי זי וואלט וועלען זיך איבערקערען

אויף דער אנדערער זייט און ניט געקענט... זי האָט זיך באמת גע־ריהרט, ווי א לעבעדיגע, כאָטש זי איז געווען טויט און טרוקען, ווי א פּאראַיאַהרעדיגער בלעטעל... אין פּעסטונג דערנאָך האָב איך דערזעהן אויף א דאַך פון שכנישען קאַרפּוס א קראה. איך האָב בלויז גע־קענט זעהן א שטיקעל פון דעם דאַך, און א ברעקעל ווייסען הימעל... איך האָב איינגעשפּארט, לאנג איהר נאָכגעקוקט. דאָס איז געווען אזא לעבערליכער פויגעל: דער דאַך איז אַן אראָפּגעבויגענער, איינ־גאַנצען אין שניי, דער שניי איז ווייך און דער פויגעל א גרויסער און אומגעלומפּערטער. דער פויגעל גיט א שפּרונג אונטער, און זעצט זיך אוועק אויף דעם שניי און פאַהרט אזוי גרויסארטיג אראָפּ אונטען, און דאָס אַלעס מיט אזא וויכטיגען און זעלבסט באַגלויבטען אויסזעהן, פּונקט ווי ער וואָלט טאָן, גאָט ווייס וואָס פאַר א גרויסע זאַך!... ווייסט עס דער טייפעל, נאָר אין יענער מינוט האָב איך אין דער טויטער פליג אי אין דער נאַרישער קראה געזעהן עטוואָס אונגע־הויערעס... דערנאָך האָב איך זיך אפילו ניט געקענט דערמאָנען וואָס איך האָב געטראַכט דאַן, ווען איך האָב זיי נאָכגעפאָלגט מיט מיין בליק, איך געדענק נאָר אז דער געדאַנקען גאַנג איז געווען וואונדער־ליך שאַרף און טיעף, אין אָט דעם געדאַנקען גאַנג האָט זיך דאָס גאַנצע לעבען אויסגעקערט צו מיר מיט דער צווייטער זייט... איך האָב געקוקט עפּעס אויף א מין קראה און טויזענדער געדאַנקען, פּלע־נער, טרעפּענישען האָבען מיט א מורא'דיגער שנעלקייט דורכגעשני־טען מיין מוח... מיר האָט זיך געדוכט אז מיין מוח איז געוואָרען ווי קרישטאָל און אין איהם איז ניט פאַרבליבען קיין איין דונקעלע, גע־היימניספולע פלעקעלע... מיר האָט זיך געדוכט אז נאָך איין מינוט און עס וועט זיך מיר אַלעס אויפדעקען, און איך וועל זיך דערוויסען פון אַלע אָנפאַנגען און אַלע סוף'ן!...

דערנאָך איז דאָס פאַריבער, און עס איז געקומען א שרעקליכע טעמפּקייט און א מורא'דיגע מיעדקייט. אָבער אזא מין גרויליכע דער־הויבונג האָב איך שוין מעהר קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. איך האָב זיך געלייגט שלאָפען און בין געשלאָפען זעהר לאַנג, אין חלום האָב איך געזעהן א טויטע פליג, וועלכע ריהרט זיך ריין מעכאַניש, צוליעב עפּעס אַן אונפאַרשטענדליכער באַוועגונג, און די נאַרישע קראה וועלכע שטעלט זיך פאַר, אַז זי מוז ערגעץ וואו ארויספליהען... איז ווען

איך האב זיך אויפגעכאפט האב איך מיט מיין גאנצען וועזען דער־פיהלט, אז דאס אלטע איז אין מיר געשטארבען, און עס איז אין מיר געבוירען געווארען עפּעס נייעס. איך האב שוין ניט געדענקט וועגען גרויסע טאטען, זעלבסט־אפּפער, וועגען דעם ערפאלג פון דער רע־וואלוציע און דעם טריאומף פון דעם פּראלעטאריאט!... איך האב בלויז געזעהן דאס, אז מארגען וועט מען מיך אויפהענגען, און איך וועל אפילו ניט וויסען, וואס דערפון איז ארויסגעקומען. איך האב פארשטאנען די אומגעלומפּערטקייט דערפון מיט א גרוילִיבער קלאר־קייט און זיך מיט אמאל אפּגעריסען פון דער גאנצער וועלט, און גע־בליבען אליין!... און אין דער איינזאמקייט גענומען האסען די וועלט, מיט דעם גרעסטען עקעל!... איך געדענק נאך איין מאמענט: ווען איך בין ארוים פון דער פעסטונג בין איך געשטאנען אויפ'ן בריק וואס פיהרט אין שטאט און געקוקט ארום און ארום, מיט אמאל האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז דאס דוכט זיך מיר בלויז אז איך לעב, און בין אויף דער פרייהייט, אבער אין דערווירקליכקייט בין איך גע־שטארבען. ווייל מען האט מיך היינט אין דער פריה אויפגעהאנגען אויף אן אנגעזייפטער שטריק... דאס איז געווען עהנליך צו א האליצו־נאציע. איך האב אפילו קלאר געפיהלט די שטריק ארום מיין האלז! איך בין געשטאנען מיט ברייט־צועפענטע אויגען און געקוקט אויף אלעם שוין אזוי ווי פון דער זייט... אלץ איז געווען ווי געוועהנליך: עס זענען דורכגעגאנגען שיפען איבער דעם טייך. עס האט זיך געבלויט דער פריהלינגס הימעל, עס האבען זיך געגרינט די ערשטע גרעזעלעך אויף דעם אינזעל, עס זענען געגאנגען און געפאהרען מענשען מיט די געוועהנליכסטע געזיכטער, וועלכע האבען אויסגעדריקט א מין אידי־אטישען זין... באזונדערס האט מיך ערשיטערט, דער אלגעמיינער אויסדרוק פון פרייד. זיי האבען זיך געפרייט מיט דעם פריהלינג, מיט דער ווארימקייט, און גרינעם גראז!... זיי זענען געווען אביסעל שכור פון פרייד!... און דאס וואס איך בין געשטארבען, וואס מען האט מיך אזוי מיאוס אויפגעהאנגען, אויפגעהאנגען אויף אן אנגע־זייפטען שטריק, און וואס איך האב איבערגעלעבט דעם גרויל פון שטערבליכען גוסס'ן, דאס איז אינגאנצען אין ערגעץ ניט געווען. מיין טויט האט זיך צוגאסען אין דעם זונענשיין, זיך צושוואומען אין דער פרייד פון לעבען... און איך בין געשטארבען אינגאנצען אלייז!... גט־

שטארבען ביז איך, און דאס לעבען איז געבליבען אזוי ווי געווען!...
איך קען ניט אויסדריקען יענעם האס, וועלכער האט מיך אויפגע־
טרייסעלט פון קאפ ביז די פיס!... איך האב זיך שיער ניט געווארפען
אויף די מענשען, זיך שיער ניט גענומען בייסען, זיך שלאגען אין
דער ערד און וויינען!... און דא האב איך זיך געגעבען א שבועה וויד־
מען אלע מיינע כוחות דעם קאמף מיט אט דעם פארפלוכטען עזות'־
דיגען לעבען, וועלכער הא זיך ניט געוואלט רעכענען מיט א מענ־
שען!...

און איהר גלויבט אין דעם ערפאלג פון אייער קאמף? — האט
קראוזע געפרעגט גלייכגילטיג.

— ניין!... איך אליין — ניין! נאר איך גלויב, פונדעסטוועגען,
אז אויב א וואסערער ניט איז געדאנק איז געבוירען געווארען אין
קאפ כאטשבע פון איין מענשען, קען שוין אט דער געדאנק ניט פאר־
שווינדען, ווייל די אידעע איז אריינגעגאנגען אין דער וועלט און דארף
דערגרייכען ביז צום סוף!

קראוזע האט א קוק געטאן אויף איהם און האט מאדנע געריהרט
מיט די ברעמען. נאומאוו האט געשוויגען א ווײלע, שטעהענדיג אויף
איין ארט און זיך געהוידעט אויף די שפיץ פינגער הין און צו־
ריק. זיינע שיינענדע ווי ביי א גולם אויגען האבען זיך שטארק איינגע־
קוקט אין דעם פייער פון ליכט, אבער זיי האבען אזוי ווי גאר ניט
געזעהן. עס ווייזט אויס, אז די אויפגעוועקטע פון ערינערונגען געדאנ־
קען האבען האסטיג פארטגעזעצט צו ארבייטען אין זיין קאפ. מיט
אמאל האט ער זיך צולאכט.

קראוזע האט פרעגענד א קוק געטאן אויף איהם.

— ווייסט איהר, קראוזע, ווען אין מיר האט זיך באוויזען אט
די אידעע האט מיך איין זאך אפגעשטעלט, די זאך איז טאקע דאס,
וועגען וואס איהר פרעגט: צו קען איך?... טיעפער בלויז. מיך האט
געדריקט דער באוואוסטזיין פון מיין נישטיגקייט נעגען דער אונגע־
הויערער גרויסקייט פון לעבען, דאס האט מיך געבונדען און אוועקגע־
נומען מיינע קרעפטען. איך האב געקוקט אויף זיך אלס א זעמדעלע,
וואס האט זיך צובונטעוועט נעגען א שטורעם וואס טראגט עס אוועק.
דאס איז געווען צו לעבערליך: א זעמדעלע אין א שטורעם!...

מיר איז נויטווענדיג געווען צו געפינען אין זיך כחות, געפינען

אז אַנהאַלט, און אזא שטאַרקען גלויבען אין דער גרויסקייט פון מיין „איך„, אז איך זאָל איהם קענען אנטקעגען שטעלען דער גאַנצער וועלט, דעם וועלט ווילען, גאָט... וואָס עס זאָל דאַרטען ניט זיין!... לאַנג האָב איך ניט געקענט געפינען אין זיך דעם מוט, און האָב זיך געמאַטערט מיט דעם באוואוסטזיין אז איך בין א שטויבעלע, און מעהר גאָרניט.

צו דער זעלבער צייט האָב איך געפיהלט אז דאָס איז ניט אזוי אז איך בין ניט קיין גאָרניט, נאָר א „איך“!... און איינמאָל האָב איך געפונען א שפּאָסהאַפטען געדאַנק!...

קראַוזע האָט א ריהר געטאָן מיט די ברעמען אָבער ער האָט גאָר ניט געזאָגט.

איך געדענק, אז פאַר דעם האָב איך געקלערט: געוויס, מוז אַלעס וואָס איז דאָ זיך געפינען אין א שטרענגער ניט אָפּגעריסענער פאַר־בינדונג איינס מיט׳ן אַנדערען, ווייל אויב מען זאָל קענען דערלאָזען א ריס אפילו בלויז אין איין אָרט, איז דאָס שוין פוסטקייט, און דאַן קען אַלעס פאַרניכטעט ווערען! אויב אזוי איז אַלעס גאָר ניט, מיט גאָר ניט, אָבער קיין „גאָר ניט“ קען ניט זיין, ווייל אויב אַלעס איז „גאָר ניט“, דאַן עקזיסטירט ניט דער „גאָר ניט“, און עס איז ווידער דאָ א האַרמאָניע פון דעם אַלגעמיינעם אַלוועלטליכען „גאָר ניט“!... הייסט עס אז אַלעס איז פאַרבונדען, און אַלעס געפינט זיך אין דער אָפּהענגיגקייט איינס פון דאָס אַנדערע, און אפילו מיין פרייע נשמה, מיין פרייער ווילען און אפליו די טיעפע סודות פון מיין געדאַנק, דאָס אַלץ איז בלויז שרייפּלעך פון איין קייט. און א שטוים דאָ מוז זיך אָפּרופען אין דעם צווייטען עק רוים און צייט, ווייל יעדער שרייפּעל ציהט נאָך זיך די גאַנצע קייט, פון ביידע זייטען.

הייסט עס, אז אויב איך שעלט, קומט מיין קללה פשוט אַרויס. פון דעם גאַנג פון דער וועלט נויטווענדיגקייט, און אויב איך בענש איז ראַסזעלבע. אויב איך וועל זיך אַריינלאָזען א קויל אין שטערען וועט אויך דערצו ברענגען א גאַנצקייט. און איך האָב ניט געקענט זיך ביט אַריינלאָזען קיין קויל אין שטערען טאַקע אויף דעם פּלאַץ און אין דעם מאָמענט! צוערשט האָט עס מיך אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפ־לונג, ווייל דאָס האָט מיך פאַרוואַנדעלט ניט נאָר אין גאָט׳ס קנעכט, נאָר עפּעס אין א איבערנאַטירליכען אוטאָמאַט!... אָבער דאָ איז מיר

איינגעפאלען אַט דער שפּאַסהאַפּטער געדאנק, וועלכער האָט מיך גע־טרייסט און פרעהליך געמאכט: — אויב אזוי האָב איך געטראַכט — איז שוין ניטאָ ניט קיין שטויבעלע און ניט קיין שטורעם, ווייל ביידע זענען דאָס זעלבע!... איך, און די וועלט, — איך און די אייביגקייט; איך און גאָט זענען אלץ איינס גלייך צווישען זיך. ווייל אויב איך בין נאר א שרייפּעל אין דער קייט פון דער וועלט נויטווענדיגקייט, הייסט עס אז די נאַטור אדער גאָט, ווער עס זאָל דארטען ניט זיין, האָט ניט געקענט מיך ניט באַשאַפען! ווייל מען קען דאך ניט דערלאָ־זען קיין טעות אדער שטיפעריי פון זייער זייט? דאָס וואָלט געווען מורא'דיג אומגעלומפּערט און עס וואָלט אונטערגעריסען יעדע אכ־טונג!... הייסט עס אז איך בין נויטווענדיג, הייסט עס אז אזוי גוט ווי איך קען ניט אויסקומען אָהן דער וועלט, אזוי קען די וועלט זיך ניט באַגעהן אָהן מיר. אויף אזא אופן זענען מיר, „איך" און די וועלט, מיט אלע איהרע סודות — גלייכע! עס איז ניטאָ ניט קיין אויבען ניט קיין אונטען, ניט קיין קליינער ניט קיין גרויסער, ניט קיין זעמ־דעלעך ניט קיין שטורעמס!... אלץ האָט איין ווערטה, און א וועלט געזעץ איז גלייך צו מיין א שפּיי, ווייל אויב איך האָב ניט געקענט א שפּיי טאָן, האָט ער, דער וועלט־געזעץ זיך ניט געקענט באַגעהן אָהן דעם, אז איך זאָל ניט א שפּיי טאָן!... א לעבערליכער געדאנק? אמת?...

נאומאָוו האָט געשטעלט די פראגע מיט דעם אויסדרוק פון אמת'ן שפּאַס.

— ניין, כאָטש איהר רעדט דאָס אומיסטען, נאר פונדעסטוועגען איז דאָס זעהר אינטערעסאַנט האָט געזאָגט קראַוזע גלייכגילטיג.

נאומאָוו האָט זיך צולאַכט.

ניין, דאָס איז גאָרניט מיט גאר נישט!... און דער גאַנצער גרויל איז אין דעם, וואָס דאָס איז א גאָרניט מיט א נישט, און אַט דעם גאָרניט קען מען ניט, ניט אויפנעמען!...

וואָס־זשע איז דאָס אזוינס: וואָס די מענשליכע לאָגיק קען ניט אויפנעמען קיין גאָרניט, ווייל דאָן איז דאך די לאָגיק אויך גאָרניט? און דער שכל איז אויך גאָרניט?...

א, האָט געזאָגט דער קאָרנעט.

נאומאוו האט געשוויגען א ווײַלע, זיך שטארק אײַנקוקענדיג אויף דעם פײַער פון דער ליכט.

און איהר קראוזע זענט זעהר א מאדנער מענש, האט מיט אַן אנדער טאָן גאנץ אונערווארטעט געזאגט נאומאוו.

קראוזע האט זיך א ריהר געטאן און אויפגעהויבען די ברעמען. איך פארשטעה אייך ניט... איהר פארמאגט עטוואס אייער אייגענס, אבער איהר זאגט זיך קיינמאל ניט ארויס!... איך דענק אז איהר זענט זעהר אן אומגליקליכער מענש, קראוזע... אבער איך פארשטעה ניט פארוואס, אויפ'ן פנים זענט איהר אזא רוהיגער און אפילו גלייכ-גילטיגער מענש.

— איך האב א גרויסע קאפ און א קליינינקע הארץ, — האט מיט אמאל געזאגט דער קארנעט קראוזע.

— ווי? האט פארוואונדערט איבערגעפרעגט נאומאוו.

— א גרויסע קאפ און קליין הארץ, האט ווידערהאלט דער קאר-נעט, פונקט ווי ער וואלט זיך ארונטערגעלאזען צו נאומאוו'ס פאר-לאנג, נאך אמאל צו הערען פון איהם אט די מערקווירדיגע פראזע. — איך האב דאס אלעס געטראכט, וואס איהר... נאר איך האב ניט ליעב צו רעדען... איהר רעדט שוין צופיעל לויט מיין מיינונג!... מיר איז ניט אינטערעסאנט אזוי פיעל צו רעדען. איך האב אויך אמאל גע-האסט, אבער איצט איז מיר אלץ איינס... זאל זיין! זאל זיין גאר-ניט?... זאל זיין!... זאל זיין א זין און שעהנקייט!... זאל זיין!... זאל זיין אלץ וואס איז דא... מיר איז אלץ איינס! נאר אמאל האב איך זעהר געליטען פון די דינע מענשליכע געפיהלען; איך זאג דאס ארויס ניט גלאטיג, אבער איהר פארשטעהט מיך דאך. און איך האב בא-שלאסען אויסצואווארצלען אין זיך אלע געפיהלען, און אויסארבײַ-טען אין זיך א רוהיגע באציהונג צו אלעס. און איך האב גענומען פארניכטען אין זיך אלע געפיהלען, און ערציהען רוהיגקייט. פון אנ-הויב איז געווען שווער, אלעס האט מיך גערעגט... און דערנאך איז מיר געווארען אלץ איינס, מײַן קאפ האט גענומען וואקסען און דאס הארץ קלענער ווערען, פארשטעהט איהר?... און איצט איז ביי מיר א גרויסע קאפ און קיין הארץ אינגאנצען ניט. איך פיהל גאר ניט... איך האב געדענקט אז אזוי וועט זיין בעסער, אבער איך זעה אז דאס

איז אַלץ איינס. עס איז ניט נאָר געוואָרען פוסט, נאָר עס איז נאָך ערגער געוואָרען. איך בין געשטאָרבען, און לעב פונדעסטוועגען... נאַריש !...

נאָומאָוו האָט געקוקט אויף איהם מיט פּאַראינטערעסירטע, שיי־נענדע אפילו דורשטיגע אויגען.

און איהר וועט זיך, ווירקליך, ווען ניט איז דערשיסען, קראָוזע !
— האָט ער, מיט אַמאָל געזאָגט מיט א בלוט־דורשטיגען אויסדרוק.

עס קען זעהר זיין, — האָט גלייכגילטיג געענטפערט דער קאָר־נעט.

נאָומאָוו האָט געקוקט אויף איהם, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען, און ווי דערהיט יעדע באַוועגונג פון זיין געזיכט.

קראָוזע האָט ווי עס ווייזט אויס אונאַנגענעם געפיהלט זיין בליק. ער האָט זיך א ריהר געטאָן און אונרוהיג פאַרלייגט א פוס איי־בער א פוס, און האָט א קוק געטאָן נאָומאָוו'ן גלייך אין פּנים אַריין. פאַר א ווײַלע האָט ער בלויז שווייגענדיג געריהרט מיט די ברעמען דערנאָך האָט זיך איבער זיין קאַלטען געזיכט, דורכגעגליטשט עט־וואָס אונערוואַרטעט־שפּאָטישעס און ביטערעס.

— ווייסט איהר, — האָט ער אנגעהויבען לאַנגזאַם און צוצויגען. אייער גאַנצע אידעע איז גאָרניט ווערטה... און איהר גלויבט ניט אין אייער אידעע. נאָר פּשוט, אין אייך לעבט אַן אונגעהויערע זעלבסט ליעבע און איהר זענט גרייט צו פאַרניכטען די וועלט, בלויז דערפאַר, וואָס וועגען דעם האָט נאָך קיינער ניט געוואַגט צו טראַכטען און איהר האָט געוואַגט !...

נאָומאָוו'ס געזיכט האָט א ציטער געטאָן. קראָוזע האָט רוהיג פאָרטגעזעצט :

— אייך געפעלט צו רעדען און טראַכטען, אז איהר זאָגט דאָס. וואָס קיינער זאָגט ניט... אָבער דאָס איז בלויז ווערטער !...
— דענקט איהר אזוי, — האָט מיט א בייזער איראָניע געפרעגט נאָומאָוו.

— איך בין איבערצייגט... בלויז ווערטער !... און... און אויב אייך זאָל אויסקומען אויספיהרען אָט דעם געדאַנק, וואָלט איהר זיך דערשראָקען און וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון דער אידעע.

דענקט איהר אזוי? — האט ווידערהאלט נאומאוו, פינקלענדיג מיט די אויגען.

— יא... נו, אט ווען איך זאל ביי אייך פרעגען: צו זאל איך זיך שיסען?... דא פאר אייערע אויגען?... נאומאוו האט זיך אנגע־במורעט.

איהם האט זיך אויסגעוויזען אז קראוזע שפאט פשוט איבער איהם. אין איהם האט זיך אנגעצונדען דער כעס מיט אן אויפטרייס־לענדער מאכט.

— דאס איז אמת אז איך האב שוין פון לאנג געטראכט, אימער געטראכט וועגען זעלבסט־מארד, — האט קראוזע פארטגעזעצט קאלט־בלוטיג, און אט פרעג איך אייך, צו עס איז ווירקליך בעסער זיך צו דערשיסען?... קענט איהר מיר דאס ניט זאגען באלד!... גלייך אין די אויגען?...

— איך קען! — האט בייז געענטפערט נאומאוו, — איהר וועט טאן זעהר גוט!

— יא?... גוט... — האט געזאגט קראוזע. — איך וועל באלד...ווארט...

רוהיג און לאנגזאם האט ער ארופגעלאזען די האנט אין קעשענע פון די הויזען און ארויסגעשלעפט א שווארצען מגושמ'דיגען רעוואל־ווער. נאומאוו האט א קרומען שמייכעל געטאן און האט זיך ניט א ריהר געטאן פון ארט. ער האט אפילו אויף איין מינוט ניט גענ־לויבט, אז דאס איז ערענסט, און דאך האט ער זיך געפיהלט אין א נארישער און לעבערליכער לאגע.

— אינגעלשע נארישקייטען, קארנעט! — האט ער געזאגט מיט געמאכטע רוהיגקייט.

קראוזע איז מיט אמאל שרעקליך בלאס געווארען און האט מיט אזא מין קראמפ פארקוועטשט מיט די ציין, אז די באק־ביינער האבען זיך ארויסגעשטעלט מיט צוויי שארפע ווינקלען. אין זיינע רוהיגע, קאלטע אויגען האט זיך אנגעצונדען אן אמת'ער משונע־ווילדער כעס.

— איך שפאס קיינמאל ניט! — האט ער הייזעריג צווישען די ציין ארויסגערעדט, ניט אראפנעמענדיג פון דעם קארנעט זיין שארפען האסענדעם בליק. דעם אינזשינער האט זיך אויסגעדוכט אז דער קאר־נעט איז פון זינען אראפ.

און ווען ער האָט מיט אַמאָל, מיט זיין גאַנצען ווּזען דערפיהלט אַז קראָוזע שפּאַסט ניט. איז אַ קעלט אריבער געגאַנגען איבער זיין קאָפּ, נאָר מיט אַ מורא'דיגער אָנשטרענגונג האָט זיך איהם איינגעגעבען צו פאַרבלייבען באַוועגלאָז און אויסערליך רוהיג.

— נו, שיסט זיך אויב אייך ווילט זיך דאָס? — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַרויסרוף.

קראָוזע האָט נאָך אַ מינוט געקוקט אויף איהם מיט דעם זעלבען שרעקליכען און אונפאַרשטענדליכען כעס. זיי האָבען געקוקט זיך גלייך אין די אויגען איינע די אַנדערע, און אַט די אָנגעשטרענגטע בליקען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט אַזאַ מין קראַפט, אַז אַלץ האָט אויפגעציטערט איןביידען.

אָבער מיט אַמאָל האָבען זיך קראָוזע'ס אויגען אויסגעלאָשען, די ברעמען האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען, די אויפגעהויבענע האַנט מיט'ן רעוואָלווער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָפּגעקערט צו דער וואַנט. נאָומאָוו נאָך אַלץ ציטערענדיג, און בלאַס, האָט געהיט זיין יעדער באַוועגונג, דערנאָך האָט ער זיך צולאַכט מיט ניט קיין גוטען געלעכטער.

— אַט אַזוי איז בעסער! — האָט ער געזאָגט מיט כעס, — באַהאַלט אייער רעוואָלווער און לייגט זיך שלאָפען... עס איז שפּעט!... יאָ, אַ סך זאַכען זענען לייכטער צו זאָגען ווי צו טאָן!

קראָוזע האָט ניט געענטפערט און איז געשטאַנען ווי פריהער מיט'ן פּנים צום וואַנט.

נאָומאָוו האָט צוגעוואַרט, אַלץ אַזוי בייז קרימענדיג די ליפען. אָבער זעהענדיג, אַז קראָוזע שענקט איהם ניט קיין אויפמערקזאַמקייט, האָט ער אַ דריק געטאָן מיט די פּלייצעס און גענומען זיך אַנטאָן.

— עס איז צייט אַהיים, — האָט ער געזאָגט. — צום ווידערזעהן.

נאָומאָוו האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטעל, דעם הוט און קאַלאָשען. ער איז צוגעגאַנגען צום טיר האָט זי געעפענט, אָבער אויפ'ן שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרעהט און האָט געזאָגט שרעקליך לאַנגזאַם, מיט נקמה אָפּהאַקענדיג יעדער וואָרט:

— ווייסט איהר, אפשר זענט איהר גערעכט, נאר פונדעסטוועגען וועט איהר זיך שיסען!... שיסען? איהר הערט? פריהער אדער שפעטער, נאר איהר וועט זיך שיסען... ביי אייך איז אזא מין פנים! צום ווידערזעהן... א גוטע נאכט.

קראוזע האט זיך א ריהר געטאן אבער ניט געענטפערט.

נאומאוו, האט אזוי ווי פרעהליך און טריאומפירענדיג זיך צולאכט און פארמאכט הינטער זיך די טיר.

מען האט געהערט ווי דער דינער האט איהם ארויסגעלאזט אויפ'ן גאניק. א כוואליע פרישע לופט איז דורך דעם צימער. די ליכט האבען זיך העלער צוברענט, זיך גענומען וואַרפען און ווידער טויטליך אויסגעצויגען זייערע געלע צינגער.

7.

דיזעלבע שווארצע, אויפגערעגטע און פייפענדע נאכט, האט באגעגענט און ארומגעכאפט נאומאוו'ן, ווי נאר ער איז ארוים אויפ'ן גאניק.

דער ווינט איז ווילד געפלויגען ארום און האט געשפריצט אין פנים מיט אונבאמערקטע טראפענס. נאומאוו האט זיך שארענדיג אראפגעלאזען פון גאניק, און איז שנעל אוועק אין דער פינסטער. גארניט זעהענדיג ארום, אויסער די אונקלארע שאטענס פון די בוימער, וואס האבען ווילד געשאקעלט מיט די קעפ.

פאר איהם איז נאך אלץ געשטאנען דאס ווייסע לאנגע געזיכט מיט די קרומע ברעמען.

„א אידיאט“, האט מיט אן אונפארשטענדליכען כעס געטראכט נאומאוו.

זיינע פיס זענען פון זיך אליין געגאנגען איבער דער בלאטע, דער ווינט האט געשפארט פון אלע זייטען, נאר נאומאוו האט דאס ניט

באַמערקט. זיין קאָפּ האָט געברענט און דאָס האַרץ האָט אונרוהיג געשלאָגען. איצט איז ער געווען איבערצייגט, אַז קראַוזע האָט אַליין ניט געוואוסט אין יענער מינוט, צו שפּאַסט ער אָדער ניט. דאָס איז געווען אַ האַרעלע, אויף וועלכען עס איז געהאָנגען אַ מענשליכער לעבען. איין וואָרט, איין באַוועגונג — איז געווען גענוג, אַז דאָס הע־רעלע זאָל זיך איבעררייסען און קראַוזע זאָל אויסשיסען. און אויסער דעם איז איהם קלאָר געוואָרען אונבאַשרייבליך קלאָר, אַז קראַוזע וועט זיך שיסען, מעגליך נאָך אין דער זעלבער נאַכט.

„אויף דעם מענשען ליגט ווירקליך, — דער שטעמפּעל פון טויט... אַ געבוירענער זעלבסטמערדער... אַ גרויסע קאָפּ און קליינינקע האַרץ !... און אפשר גאָר אַ קליינינקע קאָפּ און צו אַ גרויסע האַרץ !...“ האָט אַ טראַכט געטאָן נאָומאָוו און האָט אַ בייסענדען שמייכעל געטאָן אין דער פינסטער.

ער האָט אַליין באַמערקט אַז ער טראַכט וועגען קראַוזע'ן מיט אַ געפיהל פון נקמה און האַס, אַז איהם ווילט זיך, אַז דער אומגעלומ־פּערטער קאַרנעט זאָל זיך אויף איין אמת דערשיסען אין היינטיגער נאַכט.

נאָומאָוו האָט שוין צו גוט געוואוסט, אַז קראַוזע האָט אויפגע־הויבען אַן עק פון פאַרהאַנג, הינטער וועלכען עס איז געווען זיין אמת'ע נשמה, און וועלכען ער אַליין האָט ניט געוואָגט אויפצוהויבען. יאַ, דאָס איז אַזוי, אין איהם לעבען צוויי מענשען : איינער גלויבט אין זיין אידעע מיט דער עקשנות פון אַ פאַנאַטיקער, און וויל פאַרניכ־טונג און טויט, דער צווייטער מענש אין איהם האָט מורא פאַר'ן טויט, שטיקט זיך פון בייזען כעס, און נעהמט נקמה פון אַלץ און אַלעמען פאַר זיין אייגענער מרה־שחורה און פאַרצווייפלונג. אפילו אין דער מינוט, ווען ער האָט געטראַכט, אַז מעגליך, אין דער מינוט שטעלט דער אומגעלומפּערטער קאַרנעט צו דעם רעוואָלווער צום שלייף, איז ער שיער ניט אוועקגעלאָפען צוריק.

נאָר דאָס האָט געדויערט אַן אויגענבליק, אין דער צווייטער רגע — האָט נאָומאָוו הויך אַנגעשטעלט דעם קאָלנער, אַנגערוקט דעם הוט אויף די אויגען און האָט גענומען שנעל שפּאַנען ווייטער.

איהם האָט זיך געגלוסט איין זאַך : כאָטש־בי אַ ברעקעלע טרי־

אומף פון זיין געדאנק און מאכט. ווען ער זאל נאר קענען, וואלט ער אליין אריינלייגען דעם רעוואלווער אין דעם קארנעט'ס האנט, דעם ערשטען קרבן פון זיין משוגע'נעם געדאנק און אונענדליכער זעלבסט־ליעבע.

ביים געדאנק אז קראוזע וועט שטארבען און ער איז שולדיג אין דעם, האט זיך אן אונקלארער טריאומף ערוועקט אין זיין ברוסט. ער האט שוין געזעהן פאר זיך אלע מענשען... מיליאנען אומגליקליכע און נארישע באשעפענישען, וועלכע ווייסען נאך ניט, ווער עס איז צווישען זיי געבוירען געווארען, און געהט דא אום אין חשך א שרעקליכער און אונבאקאנטער! נאומאוו האט דוכט זיך געפיהלט, ווי ער וואקסט אויס, און שטעהט אויף איבער דער שלאפענדער ערד, ווי א שווארצער שאטען. מינוטענווייז האט ער קלאר ביז וועהטאג געפיהלט זיין גרויסקייט, און מיט שטאלצען כעס געווארען אומעטיג פון איהר. ער האט אריינגעקוקט אין חושך, און האט ווי געזעהן אין איהם אומי־צענס גוטען און נאבעלען געזיכטער, קעגען וועלכען ער איז אויפגעשטא־נען מיט אן ארויסרוף און שפאט.

„ביזטו" טאקע באמת שטארקער פון מיר? — האט ער גע־פרעגט, אין בייזען, ציטערדיגען שמייכעל. ער האט אליין געפיהלט ווי מאדנע, דאס איז וואס ניט גלויבענדיג אין גאט, רעדט ער מיט איהם.

פונקט ווי פון דארטען, פון אויבען, האט ער געזעהן אז די פינס־טערניש פון דער נאכט זשומעט מיט מענשען: גרויסע מוחות זיצען און דענקען, שעהנע פרויען, גיבען זיך אפ צו מענער מיט דעם זיסען געפיהל פון פארבינדען נייע לעבענס; פאר דעם וואוילזיין פון דער צוקונפט ארבייטען מיליאנען שטרענגע הענט, עס שרייבען זיך גע־ניאלע ביכער, עס ווערען באשאפען סטאטועז און געביידעס... די ראד פון מענשליכען לעבען, אנגעשמירט מיט בלוט, דרעהט זיך מיט א סקריפ און קרעכץ, מיט איהר גאנצען פארנעהם ארומגארטלענדיג די ערד!... דאס לעבען קאכט, זידט און עס דוכט זיך אז עס וועט איבער־זידען... אבער אין דעם זעלבען מאמענט, איז דא אימיצער, וואס געהט אום אין דער פינסטער, איינער נאומאוו, וועלכער איז אויפגעשטאנען געגען לעבען!... ער טראגט זיין גרויסען שרעקליכען געדאנק, און אט דער געדאנק וועט שוין ניט שטארבען, ער קען ניט שטארבען!... ווען זיי

זאלען וויסען וואס ביי דעם מענשען טוט זיך אין הארצען, מיט א מין גרויל און קוויטשעריי וואלטען זיך צולאפען די שעהנע פרויען און די חכמים מענער, וואלטען געפאטשט מיט די הענט און זיך געווארפען איהם הרג'ענען און פארניכטען!...

„אידיאטען! — האט ביי ניז געטראכט נאומאוו. — ווען זיי ווע־לען דערהערען, — ווערען זיי אויך ניט פארשטעהן!... זיי וועלען דאס באטראכטען פאר א טשיקאווער זאך, ווי א מאניע פון גרויסקייט. וועלען דאס נעמען ערלערנען, אפלייקענען און אויסלאכען... און וועלען אליין אוועקטראגען מיין געדאנק אין דער צוקונפט, וואו ער וועט אמאל אויפשטעהן אין זיין גאנצער גרויס א דראהענדער און ביי אנ־זאגענדער, ווי דער „בלאסער פערד'ל!...“

א חשך איז געווען פאר איהם, און דער פארנעהם פון זיין גע־דאנק איז דערפליגען ביז דער דונקעלער צוקונפט, איבערפליהענדיג איבער די קעפ פון דורות... דארטען אין נעבעל האט איהם געשווינ־דעלט פאר די אויגען א ים פון צוטראגענע פנימ'ער, אויפגעהויבענע הענט, בלוט און טרערען... און איבער אט דעם נעבעלדיגען ים, האט זיך אויפגעהויבען דער טראגיש־גרויסער געשטאלט פון נביא, וועלכער האט געבראכט די ערלייזונג דער וועלט, וואס האט זיך שוין אויסגע־מאטערט ביז גאר אין דעם אומזיסטען קאמף!... און דער נביא — דער ערלייזער — דאס איז ער — נאומאוו!...

דאס איז געווען עהנליך צו משוגעת און ווען אימיצער זאל געווען דערזעהן אין חשך פון דער נאכט נאומאוו'ס געזיכט, וואלט ער זיך מיט שרעק אפגעקערעוועט פון איהם, מיט אזא מין וואהנזיניגען עקסטאז, מיט אזא מין זינלאזער שטאלץ און אונבאשרייטבארער ענט־שלאסענהייט, בייזען כעס האבען געפינקעלט דעם פאנאטיקערס אוי־גען אויף דער בלאסער מאסקע פון געזיכט, מיט אן אויסגעקרימטען שמייכעל פון די ציין.

ביי זיך אין נומער פון האטעל, האט נאומאוו אנגעצונדען א ליכט און זיך געזעצט שרייבען.

8.

קראַוזע איז געשטאַנען באַוועגלאָז ביז וואַנען עס האָט זיך פאַר־מאַכט די טיר הינטער נאָומאַוו'ן, און דער דינער איז זײַנע שווערע שטיוועל האָט דורכגעשטופּט דעם וועג צו זיך אין קעמערל. דער־נאָך האָט ער לאַנגזאַם באַקוקט דעם צימער. אָט דער געזיכט וואָלט דערשראָקען אַ שעמעוודיגען:

דאָס איז געווען אײַנגנאַצען אַ לאַנגע ווײַסע קאַרדאָנענע מאַסקע מיט אַנגעקלעפּטע קרומע ברעמען, דורך די שניטען פון וועלכע עס האָבען מיט אַ מורא'דיגער אָנשטרענגונג באַקוקט דעם צימער אימי־צענס לעבעדיגע אויגען.

פּונקט ווי אימיצער אַ פרעמדער, פאַרמאַסקירט אַלס קאַרנעט קראַוזע האָט זיך געהײמניספול פאַרקליבען אין זײַן מאָדנעם צימער, מיט זײַן פיעל קאָלירטען טעפּיך, בלאַנקענדען געוועהר אויף די ווענט, מיט דעם געהײמניספולען העלזעל פון דער וויאָלאָנטשעל אין ווינ־קעל, מיט צוויי ליכט אויפ'ן טיש, אויף וועלכען עס האָט זיך געדוכט. איז נאָר וואָס פאַרגעקומען די לעצטע שפּיעל... ער איז אַרײַן אין צימער אין דער אַבוועזענהייט פון באַלאַבאָס, און האָט גענומען לאַנג־זאַם, שטום און דורכדרינגענד ערלערנען אין צימער יעדער קלייניג־קייט פאַרטראַכטענדיג עפּעס ניט גוטעס.

דעם קאַרנעט'ס לאַנגע אומגעלומפּערטע געשטאַלט האָט זיך באַ־וועגט איבער'ן צימער עס איז געווען שטעל — שרעקליך שטיל. עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דער טיעפער שטילקייט אין מיטען דער נאַכט, אונטער דעם פײַנליך מאָנאָטאָנע קלאַפּען פון רעגען, אונטער די ווענט, אין דער פאַלשטענדיגער אײַנזאַמקייט קומט פאָר אַ מין שרעקליכער, פול מיט פּחד ריטואַל.

קראַוזע האָט עפּעס געטאַן, עפּעס איבערגעשטעלט, און זיך שטיל באַוועגט הין און צוריק איבער'ן צימער, אין דער באַגלייטונג פון זײַן שוואַרצען שאָטען אויף דער וואַנט, — אַ שאָטען וואָס האָט געהיט און ווידערהאָלט יעדע באַוועגונג זײַנע.

ערגעץ האבען זיכער געלעבט מענשען, זיי האבען געלאכט, גע־רעדט, געזונגען און געקוקט אויף די לעבעדיגע פנים'ער איינע פון די אנדערע דא, פונקט ווי אין די טיפענישען פון זיין נשמה, אויסשליס־ליך אליין אין טיעפען שווייגען, האט וועגען עטוואס געטראכט דער קארנעט קראוזע.

עס איז ניט געווען קיין איין מענש אין דער גאנצער וועלט, ווער עס וואלט זיך אין דער מינוט דערמאנט וועגען איהם, אבער ער האט געטראכט וועגען אלעמען. הארט און קאלט, פונקט ווי ער וואלט צו־שניידען אן אנאטאמישען פרעפאראט, מיט דעם צוועק צו געפינען דעם אמת און דורכקוקען א באשטימטע ערפאהרונג, האט זיך קראוזע דערמאנט אין יעדען מענשען, האט זיך דורכדרינגענד איינגעקוקט אין זיין פנים, און קאלט פארגעסען. קיין זאך וואס וואלט ערוועקט אין איהם א ליכטיגען פונק. פוסט און קאלט אויף דער נשמה, ווי אין אן אייז קבר.

דערביי איז ביים קארנעט קראוזע'ן געווען א דייטליכע פאר־שטעלונג, אז דאס הארץ איז ביי איהם ווירקליך א קלייניגקעס, און די קאפ אונגעהויער גרויס. אזוי ריזיג גרויס, אז זי פיהלט אן דעם גאנצער צימער. דריקט אויפ'ן הארצען, אויף די ווענט און סטעליע, לעשט די ליכט, שטיקט, געהט ארויס פון די גרענעצען פון צימער און אט... אין מיט'ן דער נאכט חשך, ברענענדיג מיט אן אינערליכען ליכט, שטעהט אט די מגשומ'דיגע קאפ אויף דער פוסטער שווארצער ערד, שטעהט און קוקט.

לאנגזאם דרעהען זיך אוים די שרעקליכע אלעם זעהענדע טויטע אויגען, און יעדער זאך אויף וואס זיי קוקען, שטארבט און צאפעלט זיך אין שטויב.

עס ווערט קלאר, אז אויף דער וועלט עקזיסטירט בלויז זי אליין — דעם קארנעט קראוזע'ס אונגעהויער גרויסע קאפ און אויסער איהר איז ניטא גארניט. ווען אט די קאפ וועט פארמאכען די אויגען וועט אלעס פארשווינדען.

אט דער שרעקליכער קאשמאר האט געדויערט א צוויי־דריי מי־נוט. קראוזע איז געשטאנען אין מיטען צימער און געשוויגען דערנאך האט ער זיך ווידער א שטילען ריהר געטאן.

דער רעגען האט שטארקער גערוישט הינטער'ן וואנט. דער קאר־

נעט האָט גענומען די וויאָלאָנטשעל, ער האָט אַרויסגערוקט אַ ביינקעל אויף דער מיט צימער, און זיך געזעצט שפּילען.

לאַנג און מאָדנע האָט געזונגען די וויאָלאָנטשעל מיט אַ גרויס־אַרטיגער מעסיגער שטימע. אין קיך האָט זיך אויפגעכאַפּט דרע די־נער, און אַ טראַכט געטאָן אַז זיין הער האָט שוין ווידער גענומען טאָן מאָדנע זאַכען! דער רעגען האָט גערוישט, און עס איז געווען עטוואָס אַלגעמיינעס אין דעם אונאויפהערליכען קלאַפּען פון רעגען, וועלכער האָט זיך געדוכט וועט קיינמאָל ניט אויפהערען. און אין דער גלייכער געהויבענער שטים פון דער וויאָלאָנטשעל.

קראַוזע האָט געקוקט אין אַ ווינקעל. זיינע קאָסע ברעמען האָבען זיך ניט גערירט, זיין לאַנגער פּנים איז געשטאַנען ווי אַ מאַס־קע. אין דער נשמה איז געווען פּוסט, און עס האָט זיך געדוכט אַז דערפאַר איז אַזוי באַוועגלאָז דער פּנים און פאַרגליווערט די אויגען, ווייל פון ווינקעל קוקט אויף איהם אַ צווייטער, אַקוראַט אַזאַ מין אונפאַרשטענדליכער און באַוועגלאָזער פּנים — דער פּנים פון טויט. די וויאָלאָנטשעל האָט געזונגען, דער רעגען געטומעלט, אוןביידע שטימען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין וויינענדיגער, פול שרעק און פּחד מעלאָדיע. עס האָט אָנגעכאַפּט אַ מורא פון אַט די געהויבענע פּוסטע קלאַנגען.

די וויאָלאָנטשעל איז אַנטשוויגען געוואָרען. קראַוזע איז גלייך אויפגעשטאַנען און האָט זי פּינקטליך אַוועקגעשטעלט אין ווינקעל. דער נאָך האָט ער אויסגעלאָשען די ליכט אויפ'ן טיש, און האָט אָנגעצונ־דען איינע נעבען בעט אין שלאָף־צימער. דער שוואַרצער שאָטען איז בגנבה אַרויס פון דונקעלען צימער און אַריין נאָך איהם אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטער זיינע פּלייצעס אויפ'ן בעט. קראַוזע האָט זיך גענומען אויסטאָן.

ווען ער האָט אַראָפּגענומען די שטיוועל, איז ער איינינע מינוט געזעסען באַוועגלאָז און געקוקט אויפ'ן פייערל פון דער ליכט. דער געלער פלאַם האָט געברענט ליכטיג־העל, נאָר מיט אַמאָל האָט ער זיך גענומען וויגען, צושוואומען און האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ פּינק־לענדען מאַראַנצען קרייז... קראַוזע האָט אָנגעשטעלט די אויגען אויף זיין גרויסען לאַנגען מאַנטעל, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ נאָגעל אין אַ ווינקעל. אַ פּוסטער און גרויער איז דער מאַנטעל געהאַנגען באַוועג־

לאָז. אָבער אַזוי שנעל ווי זיין בליק האָט זיך קאָנצענטרירט אויפ'ן באַנטעל אַזוי האָט די גרויע שטיק זיך גענומען וויגען, צוזאַמענצי־ הען... און פאַרנאַנדער ציהען. קראָוזע האָט זיך אָפּגעקערעוועט און אַוועקגעלייגט. אַ ווײַלע איז ער געלעגען באַוועגלאָז און שטיל געריהרט מיט די ברעמען, ווי ניט פאַרשטעהענדיג, דערנאָך האָט ער אויס־ געלאָשען די ליכט.

אויגענבליקליך איז איהם באַפאַלען די פינסטערניש, און האָט באַהאַלטען דאָס לאַנגע געזיכט מיט די קרומע ברעמען. דער חשך האָט באַהאַלטען פון איהם אַלץ. אין דער פינסטער האָט זיך נאָך שטאַרקער געפיהלט ווי עס רוישט דער רעגען; אָט פונקט ווי דער רעגען וואָלט מיט אַמאָל צוגעגאַנגען צום סאַמע פענסטער און גענומען שעפּטשען אויפ'ן אויער זיין פאַר'עקשנ'ט קברים לידעל. מורא'דיגע שאָטענס זענען אומגעגאַנגען איבער'ן צימער. דאָס איז אַלץ געווען טויטע שאָטענס... פאַרזאָרגטע געהען זיי אום אין דער פינסטער, טוען עפּעס, זיי געהען זיך צונויף און צוגעהען זיך, געהען צו צום קאַרנעט קראָוזע, בייגען זיך איבער איבער איהם און געהען ווידער אַוועק. אין דריי ווינקלען וואָס קראָוזע קען זעהן, — שטעהען דריי באַוועג־ לאָזע שאָטענס, שוואַרצע און הויכע ביז'ן סטעליע. באַקאַנטע געזיכ־ טער שווימען אין שוואַרצען נעבעל, פאַר קראָוזע'ס ברייט פאַרנאַנדער־ געעפענטע אויגען. ער קוקט זיך איין אין זיי ערענסט און אויפמערק־ זאַם.

יאָ, זיי אַלע עקזיסטירען, לעבען, ליידען און פרייען זיך... זיי זענען לעבעדיגע! וואָס מיינט דאָס — לעבעדיגע?... זיי דענקען, אַז זיי זעהען די זון, און פיהלען איהר ליכטיגע ברכה, זיי טראַכטען אַז זיי דענקען, ליעבען איינע די אַנדערע און טוען פיעלע גרויסע און קליינע זאַכען...

אָבער דאָס אַלעס איז בלויז דערפאַר וואָס מען האָט זיי איינ־ געצאַמט אין דער צייט, אָבער אויסער צייט קענען זיי ניט דענקען און פיהלען. זיי פאַרשטעהן ניט די אייביגקייט, וועלכע באַשטעהט פון פּוסטקייט און חשך. צייט — דאָס איז בלויז דאָס שלאַגען פון זייער האַרצען... זאָל מען בלויז צווינגען דאָס האַרץ אַנטשוויגען ווערען און די צייט וועט פאַרשווינדען, עס וועט קומען די אייביגקייט, און

מיט איהר די אבסאלוטע פוסטקייט. אויב עס וועט ניט זיין קיין צייט — וועט גארניט זיין!...

אט שוועבען אין דער פינסטער פאר דעם קארנעט קראוזע, ליכ־טיגע פינטלען, עס שווינדלען פאר זיינע אויגען שאטענס, עס דוכט זיך איהם אז אימיצער שטעהט אין די ווינקלען... אבער דאס אלעס איז ניטא אין דער ווירקליכקייט! די וועלט איז ניט באפעלקערט מיט אט די געהיימניספולע באשעפענישען, זיי זענען בלויז דער שימער פון זיין מארך. אט הערט ער עפעס אזוינע קלאנגען, א געמורמעל און א לאנגען פייגליכען קלינגען, וואס ציהט זיך אויס אין אן אונענד־ליכער בייגקענדער מעלאדיע... אבער עס זענען ניטא קיינע קלאנגען דאס איז פשוט דער ציטער פון זיינע נערווען איבער דעם בארא־באן פון אויער. און אפשר גאר פארקערט, די וועלט איז פול מיט אן אונאויפהערליכען שרעקליכען שטורעם פון קלאנגען: די דונקעלע קא־לאסאלע פלאנעטען — מאסען טראגען זיך מיט א אונבאוואוסטער קראפט, מיט געטומעל און פייפעריי שניידען זיי דעם רוים, אבער דער קארנעט קראוזע הערט ניט און וועט קיינמאל ניט הערען אט די קלאנגען, ווייל זיין אויער פארנעהמט בלויז א וועניגער געוויסע צאהל באוועגונגען... עס שלאגט זיך זיין הארץ, — אט איז די צייט; דער ארגאניזם מעסט די צייט מיט׳ן שלאגען פון די אדערען... מען קען אפשטעלען די צייט...

— איך האב שוין געטראכט דערפון!

דער קארנעט קראוזע האט זיך פיינליך א ריהר געטאן. די גע־דאנקען זענען געפלויגען אין זיין קאפ מיט א מורא׳דיגער שנעל־קייט. עס האט זיך געדוכט אז אין איהם ארבייט ניט דער מוח נאר א מין צוגליהטער זיך פרעהענדער קוגעל.

עס איז ניטא וואס צו ליידען און זארגען וועגען דעם שיקזאל פון דער וועלט, ניטא צוליעב וואס צו היטען אדער פארניכטען די וועלט... ווייל סיי די בויער, סיי די צושטערער, קענען בלויז שאפען אדער צושטערען זייער אייגענע וועלט, אבער די אמת׳ע — די אונ־פארגלייכליך גרויסע, אייביגע און אונענדליכע וועלט — איז אויסער זיי!...

מענשען?... די מענשהייט?... וואס איז אין זיי!...

אט געהען פארביי די גייסטער פון די פארהאסטע און געליעב־

טע... דער קאַרנעט קראַוזע פיהלט שוין מעהר ניט צו זיי ניט קיין ליעבע, ניט קיין האַס... אַט איז דאַס מיידעל וועלכע ער האַט ליעב געהאַט מעהר פאַר אַלעם אויף דער וועלט, פון דער ליעבע צו וועלכער עס האַט זיך געריסען אויף שטיקער זיין נשמה... ער האַט געוואַרט אויף איהר, זיך שטיקענדיג פון ליעבע און בייגקשאַפט אין די פריה־לינג גערטנער, אין יעדער פעלדעלע פון איהר קלייד האַט ער געזעהן ריינקייט און שעהנקייט, און פון יעדער באַוועגונג איהרער; סיי פון גוף, סיי פון דער נשמה האַט ער געקוועלען ביז טרערען... נאַר זי איז געשטאַרבען און די ליעבע איז פאַרשוואונדען אָהן אַ שפור; זי האַט ניט באַשאַפען קיין נייע זון, האַט ניט באַלויכטען די וועלט, איז ניט געבליבען לעבען. אַ זכר פון איהר, איז פאַרבליבען בלויז אין זיין נשמה, ווי אַ דיגינקער קרענקליכער שטריכעלע... נאַך וואָס־זשע ליע־בען?... פאַר ליעבע מוז זיין באַגייסטערונג, אַבער אַ קליינע בלוטענדע וואונד קען ניט ארויסרופען זיין באַגייסטערונג אין אַ מענשענס האַר־צען!...

עס זענען געווען מענש...ן, וועלכע דער קאַרנעט קראַוזע האַט גע־האַסט, אָבער זיי האָבען זיך ערגעץ פאַרלאַרען, און דער האַס צו זיי איז צושוואָומען געוואָרען אין דער לופטען... נאַך וואָס־זשע זיך מי־הען, האַסען און ליידען, ווען עס איז גענוג פּשוט צו פאַרגעסען?

דער טויט!... אַט רוקט זיך ארוים פון חשך אַ שוואַרצע טרונע...

מיר ווען זיך פאַרשטעלען אַז דאַס איז קאַרנעט קראַוזע'ס טרונע, וועלכער האַט זיך געשאַסען דערפאַר וואָס ביי איהם איז געווען צו אַ גרויסע קאָפּ און צו אַ קליין האַרץ...

עס וויגען זיך די שוואַרצע פערדערען פון דער קאַטאַפאַלקע, לאַנג־זאַם קריכט די טרונע, דער עקסקאַדראָן קלינגט מיט אַ מעסיגען גאַנג, עס פינקלען די קלינגענדע טרובעס... ערהאַבען און טרויעריג זינגט די לויה מוזיק, מענשען באַגלייטען איהם מיט טרויער... דערנאָך די גרוב, ניטאָ מעהר קיין טרונע און אונטער'ן פּאַרקאַן פון בית־עולם, ווי אויף דעם אַדיוטאַנט אווגוסטאָוו'ס לויה, מיט וועלכער עס האַט זיך גע־עסק'ט דער קאַרנעט קראַוזע, — מיט אַ טראַך, קורץ און טרוקען לאָזט זיך הערען די זעגענונגס שיסעריי...

קראַוזע האַט ווידער ניט פאַרשטעהענדיג געריהרט מיט די ברעמען.

מענשען, אבער ביי זיי זענען אנדערש געבויט די צעלען פון מוח און ער קען זיי ניט פארשטעהן, ווי זיי איהם. דעם גאנצען לעבען האבען זיי געשטרעבט צו פארשטעהן איינע די אנדערע אין ליעבע, אין חכמה, געפיהלען און ליידען! אבער די מענשען האבען איהם גארניט נעגעבען, גארניט ערקלערט, ניט געקענט איהם אונ־טערהאלטען אין זיינע צווייפלען און פיינליכע ליידען זיינע... און שטארבען מוז ער אויך אליין: די קויל וואס וועט דורכלעכערען זיין מוח, וועט ניט אנריהרען זייערע קעפּ... עס וועלען צושטערט ווערען זיינע צעלען, זייערע — וועלען בלייבען... איינזאם האט ער געלעבט, און איינזאם אליין וועט ער שטארבען.

שטארבט?... יא, קיין ליידען זענען גאר אינגאנצען ניטא, אלעם פיהרט צו גארניט: עס איז ניטא נאך וואס אנפאנגען נייע טעג, ניטא צוליעב וואס זיך אנטאן, עסען, טרינקען; ניטא צוליעב וואס צו רעדען טראכטען... ניט דאס וואס עס וואלט איהם אלעם נמאס ווערען, נאר פשוט גלאט אזוי זיך — ניטא צוליעב וואס.

באלד וועט זיך פארמאכען דאס שווארצע טירעלע, און עס וועט אם ענדע פינסטער ווערען.

ווייסט דען אימיצער, אז קראוזע האלט אין די הענט א רעוואל־ווער? אין דער פינסטער זעהט ער אפילו אליין ניט צו ער איז דא אדער ניט.

עטוואס קאלטעס, האט זיך צוגעריהרט צום שלייף. קראוזע'ס זכרון מאלט די שווארצע לאך פון רעוואלווער... עס פיהלט זיך, ווי עס האט זיך צוזאמענגעקנייטשט אונטער דער שטאלענער מאסע די דינע הויט פון שלייף, נאך איין באוועגונג... נאך...

א דונקעלער שרעקליכער שאטען עהנליך צו א ריזיג, גרויסער שווארצער האנט האט זיך מיט אן אונגלויבליכער שנעלקייט דורכגע־טראגען אין דעם חשך און זיך אפּגעשטעלט איבער דעם קארנעט קראוזע. די מגושם'דיג פאררדרעהטע פינגער האבען זיך אויפגעהויבען אין ערוואַרטונג... דער קליינינקער קראוזע מיט דעם ברעקעלע רע־וואלווער אין האנט, דריקט צו די לאך צום פּיצעלע שלייפעלע, און איבער איהם א ריזיגע, די גאנצע וועלט צוזאמענדריקענדע האנט, מיט שווארצע פינגער, וועלכע זענען אויסגעדרעהט פון דורשט נאכ'ן טויט...

קעלט און חשד הויבען זיך אויף פון ערגעץ וואו פון הינטען און טיי־
לען איהם אפ פון דער וועלט. פוסטקייט און גרוילּיכקייט הערשען
ארום און ארום... באלד וועט ער פארשווינדען און וועט זיך צו־
שמעלצען אין דער פוסטקייט און חשד, און שויןזשע...

— אט איז ער... — דער טויט !...

— א — א ! — האט ווילד און הילכיג אויסגעשריען דער קאר־
נעט קראוזע.

מיט א שווערען טופען פון די שטיוועל, מיט א ליכט אין האנט,
וואס האט צוטריבען מיט איהר געלען פייער די מגושם׳דיגע שאטענס,
וועלכע זענען זיך פון שרעק צולאפען אין די ווינקלען, ווי א דורשטיגע
מחנה פייגלינג־מערדער, איז געקומען צולויפען פון קיך דער דיענער.

— אייער עקסעלענץ !

א לאנגער אין נייע אונטערוועש, מיט א וואנזיניגען געזיכט און
אויסגעשטארטשעטע אויגען, אויף וועלכע עס האבען זיך אין ווילדער
פארוואונדערונג פארריסען די קרומע ברעמען, איז דער קארנעט קראוזע
געשטאנען אין מיטען צימער און געקוקט אויף דעם דערשראקענעם
גוטמוטהיגען פנים פון סאלדאט.

— אייער עקסעלענץ !... אייער עקס...

דער קארנעט האט שווייגענדיג—און אויף דורך און דורך, פונקט
ווי ער וואלט איהם באטראכט מיט אן אונפארשטענדליכען האס גע־
קוקט דעם דינער גלייך אין די אויגען. אין זיין האנט איז געווען דער
רעוואלווער און די האנט האט געציטערט ווי אין קאנוואולסען. א
ווײַלע האבען זיי געקוקט איינע אויף די אנדערע. די ליכט האט זיך
געוויגט אין סאלדאטס הענט, און די געלע שיין האט זיך בייז גע־
ווארפען פון איין ווינקעל צום צווייטען. מיט אמאל האט דער סאל־
דאט ניט אויסגעהאלטען, ער האט א קרעכץ געטאן און זיך געלאזט
לויפען.

איהם האט זיך געדוכט אז דער אפיצער יאגט זיך נאך איהם.
א ווילדער טעמפער שרעק האט ארומגענומען זיין פינסטערן מוח.
פאר א ווײַלע האט זיך איהם אויסגעדוכט אז דאס איז גארניט זיין
הויכקייט, נאר אימיצער אנדערש א מורא׳דיגער אונפארשטענדלי־
כער... טייפעל !...

אין קאבינעט האט ער זיך אנגעשטויסען אין טיש, האט זיך אנ־

געכאפט אין איהם און האט שיער ניט ארויסגעלאזען די ליכט פון האנט, און גענומען גוואלדעווען!

אוי, טאטעלאד מיינע, וואס איז דאס אזוינס?... ראטעוועט!...

אין טיר פון שלאף־צימער האט זיך באוויזען דער קארנעט קראזע, א ווירדיגער ווי אימער.

ער האט א קאלטען קוק געטאן אויפ'ן דינער און ווי ניט פארשטעהענדיג א ריר געטאן מיט די ברעמען.

— גיב מיר דאס אנטאן, — האט ער רוהיג געזאגט.

אין דרויסען האט שוין געגרויט דער טאג. אין די שפארינעס פון די לאדען האט מיט דינינקע פאסעקלעך אריינגעקוקט דער פריהמארגען.

9.

פעלד, קעלט און גרוי שיין ארום.

דער רעגען האט אויפגעהערט, אבער פון די ווייסע הויכע וואלקענס האט געצויגען מיט א קאלטער פייכטקייט; און עס האט זיך געפיהלט אז אט־אט וועט ווידער א גאס טאן א רעגען. וואס וועט דאס פעלד און אלעס ארום איינהילען אין א גרויער הייטעל, און וועט גיסען־גיסען אהן א סוף און אהן אן אויפהער דעם גאנצען טאג און אויך די לאנגע פינסטערע נאכט.

אונטער דעם אונגעהויער ברייטען ווייסען הימעל, אין מיטען פרייען פעלד האבען זיך אין א ניט גלייכער ליניע אויסגעצויגען א מאדנע הייפעלע קליינינקע איינזאמע סאלדאטען. ווייט פאראויס, האבען אין קליינע קרייזען פיעלפארביג געפינטעלט די ציעל־ברעטלעך. מאמענטאנע געלע פייערלעך זענען מיט א טרוקענעם טראך איבערגעלאפען פון איין עק קייט צו דער צווייטער. אפגעריסען מיט אן אפקלאנג האבען געקלאפט די טרוקענע שיסערייען, די קוילען האבען

מיט א קורצען זינגענדיגען פייף זאפטיג געקנאַקט איבער די ווייטע ציעל־ברעטער. פון צייט צו צייט האט די מעשענע טרובע קורץ און אומעטיג גערופען צו א ריק־צוג און דאן פלעגען זיך ווייט אויפ׳ן בער־געל באוויזען קליינינקע רויטע פעהנדלעך, אנווייזענדיג די צאהל פון געטראפענע קוילען.

דער קארנעט קראוזע א לאנגער און גרויער זיך פלאַנטערענדיג אין די פאַלעס פון זיין קאוואלערשען מאנטעל, האט געשפאנט איבער דעם גרועם פעלד. מאדנע דייטליך האט אויסגעזעהן זיין אפי־צערען געשטאלט, איינגעהילט אין גרויע מיט זילבער באפוצטע קליי־דער, אין מיטען אונגעהוערן ווינטיגען פעלד. א קאלטער הערבסט־ווינט האט געריסען די פאַלעס פון מאנטעל און גערוישט אין די אויערן.

קראוזע האט געקוקט גלייך פאר זיך און ניט פארשטעהענדיג געריהרט מיט די דינע ברעמען, פונקט ווי ער וואלט זיך אנשטרענגען עפעס צו געפינען און ניט קענען.

ער איז אוועק ווייט פון דער שיסעריי, און פון דאנענט האט מען ניט געקענט זעהן די פנימ׳ער פון די סאלדאטען, די פערד זייערע האבען אויסגעזעהן ווי שפיעלצייג פערדעלעך, וועלכע זענען, גאט ווייסט, צוליעב וואס געווען צושטעלט אין פוסטען פעלד. מען האט געקענט זעהן ווי טרענעיעוו, וועלכען מען האט געקענט דערקענען נאך די אפיצערען־קליידער, איז פארזארגט אומגעגאנגען הין און צו־ריק איבער דער פייער ליניע. ווי רויטע פינטעלעך האבען געשוועבט די פאהנדלעך פון די צייכען ווייזער, און נאך ווייטער קוים באמערק־בארע, זענען געשטאנען אויף די פערד די איינזאמע היטער־סאלדא־טען.

די איבערגעלעבטע נאכט, איז ניט ארויס פון קראוזע׳ס קאפ. עס איז געווען שרעקליך, וואס א געדאנק דערפיהרט ביז׳ן סוף — א געדאנק וועלכען עס איז ניט געווען וואס אנטקעגען צו שטעלען, האט מאכטלאז אפגעטראטען אין דער לעצטער מינוט. לעבען — ניטא צו־ליעב וואס, דער טויט־שרעקט ניט, אבער יענע הונטערטעל טייל פון א רגע, וואס מוז פאראיבער, צווישען אנציהען דאס הענטעל פון רעוואלווער און דעם סוף, איז אונמעגליך בייצוקומען, די אינסטינק־טיווע שרעק האט זיך ארויסגעוויזען שטארקער פאר אלעס. און אלעס

האט זיך צובראכען ווי א שפיעלציינ הייזקע... ער האט זיך דערשראָ־קען!

קלאר און שטארק האבען געקוקט די קאלטע אויגען. דער מוח האט געארבייט אהן אן אויפהער, דער גאנצער ווילען האט זיך קאנ־צענטרירט אויף איין זאך, און דאך האט קיין כוח ניט געסטאיעט אריבערצושפרינגען דעם לעצטען, כמעט אונבאמערקטען שטריך.

הייסט עס אז אין דער גאנצער זאך איז געווען עפעס א טעות, הייסט עס, אז דאס לעבען איז געווען א שאצבארע זאך!... א פוסטער אונוויטיגער, פול מיט קלארען אונזין האט עס זיך ארויסגעוויזען טייער־ער פון דיין אייגענעם אינערליכען איך, און אט דער „איך" האט זיך אונטערגעגעבען, און האט ווי א פייגלינג גענומען יאמערען, האט מיט די ציין זיך אפגעקלאפט אין אט דעם פארפלוכטען לעבען!

אבער עס קען דאך ניט זיין, אז דאס זאל זיין בלויז א מיאוס'ע אינסטינקטיווע פיינהייט!... דאס מיינט בלויז אז עס איז ביי איהם ניט געווען דער אמת'ער גלויבען אין דער נויטווענדיגקייט פון טויט... יא! הייסט עס, אז מען דארף נארמאל איבערטראכטען די גאנצע זאך פון אנפאנג אום צו געפינען יענעם קליינינקען, נישטיגען פינטעלע, וועלכע איז צו דער זעלבער צייט דאס וויכטיגסטע, און וועלכען ער האט ארויסגעלאזען פון אויג.

קראוזע האט מיט לאנגע שריט געשפאנט איבער דעם נאסען קלעפיגען פעלד. דער ווינט האט איהם געשטערט צו געהן, דער מאנ־טעל האט זיך געפלאנטערט ארום די פיס, און אין די אויערן האט גערוישט די אונרוהיגע לופט, וואס האט זיך ערגעץ וואו געטראגען.

אויף א ליימיגען קליינעם בערגעל, עהנליך צו אימיצענס א פאר־ווארפענעם אין מיט'ן סטעפ קבר, האט זיך געשווארצט א פאר־שווארצטער, פארברענטער פלעק פון אן אמאליגען פייער. די האלב פארברענטע שטיקעלאך און שטאמען פון ווילדע גראזען זענען נאך געלעגען אין סימעטרישע קרייזען, אינווייניג מיט די שווארצע־גרוי פון אשעס עקען. קראוזע האט זיך אפגעשטעלט, ער האט ערענסט און אויפמערקזאם באטראכט דעם פלאץ, דערנאך אויטאמאטיש מיט דער נאז פון שטיוועל אראפגעשארט דאס פארבליבענע הייץ מאטע־ריאל, און האט צולייגט א קליינינקען פייערל, און דאס אונטערגע־צונדען.

פרעהליך האָט זיך אַנגעצונדען דאָס טרוקענע פּאַפּיר, עס האָבען גענומען טרעסקעשען די שטרויעלעך, און די נאַסע שטעקעלעך האָבען זיך געראַוכערט. פאַר א ווײַלע האָט זיך געדוכט אַז דער פייער וועט זיך אויסלעשען, אָבער פון הינטען אַרום דעם דיקען שטעקען, האָט זיך איינגעשפּאַרט גענומען דרעהען א גרויזאַם דורשטיג פייערל. דאָס פייערל, אַט פאַלענדיג, און אַט זיך אויפהויבענדיג האָט אַרויסגעוואָרפען געלע שלענגלעך פייער צוזאַמען מיט גרויען רויך. ביים אַנקומען פון ווינט האָט זיך דאָס פייערל מיט שרעק געטוליעט צו דער ערד און שעמעוודיג זיך צופלאַקערט.

קראַוזע ברייט צושטעלענדיג די לאַנגע פיס איז געשטאַנען דערביי און אויפמערקזאַם געקוקט.

עס דרעהט זיך און קלאָגט זיך דאָס גרויזאַמע דורשטיג פייערל... עס קאַרטשען זיך די צווייגלעך, וועלכע ווערען אויפגעריסען פון דעם פייער... צו דאַרף זיי ניט ברענען דער פייער?... ער דאַרף יאָ, דערפאַר ווייל אין דעם איז זיין לעבען. פון וואַנענט קומט דער פייער?...

די צווייגלעך טוט וועה... זיי וועלען אויסברענען און דאָס פייערל וועט שטאַרבען... וואָרום־זשע איילט ער זיך אַזוי?... ווייל אַנדערש קען ער ניט?... דער געזעץ האָט איהם אַזוי באַשאַפען... ער איז א לעבעדיגער און גרויזאַמער, איהם איז אַלץ איינס, — גיב איהם שפּייז — און ער וועט זיך ענטוויקלען אין א מורא'דיגען אַלץ אויפרעסענדען פייער, וועלכער קען פאַרברענען דעם גאַנצען ערד קוגעל... ער קען פאַרברענען, אָבער ער וועט קיינמאָל ניט טריאומפירען, ווייל אין דער לעצטער מינוט, ווען עס וועט אויסברענען דאָס לעצטע שפּענדעל, וועט אויך דער פייער שטאַרבען... באַזיגענדיג פאַלט ער אַליין!... דערברענט דער פייער, און עס בלייבט א פּוסטער אָרט... איינס עקזיסטירט ניט אָהן דעם צווייטען און ביידע קענען זיך ניט שיידען!... לעבען און טויט קענען ניט זיין אָפּגעזונדערט... דער טויט זיעגט, אָבער באַזיגענדיג פאַרשווינדט ער אַליין, ווייל דער טויט שרעק עקזיסטירט בלויז ביז דאַן, ביז וואַנען עס איז דאָ לעבען!..

— נו געוויס.

קראַוזע האָט א קאַלטען שפּאַטישען שמייכעל געטאָן און איז אַוועק.

דאָס אַלעס: ווייל ווען עס זאָל ניט זיין אַט דער שרעק, וואָלט

איך דער טויט ניט געווען... ווען דאָס לעבען זאָל ניט זיין קיין שאַצ־באַרע זאַך, וואָלט ניט געווען קיין נויט דאָס צו צוברעכען!... דער שרעק און גרויל מוז זיין, עס קען ניט ניט זיין, אָבער מען דאַרף זיי בייקומען, זיי איבערקליגען...

ווי אַזוי?... ניט אין דער פינסטער, וואו עס הערשט שרעק און גרויל, דאָרטען איז ער אונבאַשטרייטבאַר, — מען דאַרף פאַרזאַמלען אַרום זיך לעבען, לעבעדיגע פּנימ׳ער, טומעל... מענשען האָבען איהם אין לעבען גאָרניט געגעבען, נאָר דערפאַר וועלען זיי איהם העלפען שטאַרבען!...

— אַזוי — האָט געזאָגט צו זיך קראַוזע.

צו איהם איז אויף אַ רויטען פערד צוגעפאָהרען טרענעיעוו. דאָס שיסערייַ האָט זיך געענדיגט. מען האָט געקענט זעהן ווי דער אויס־געשטעלטער עקסקאַדראָן האָט זיך לאַנגזאַם אויסציהענדיג פאַרקע־רעוועט אויפ׳ן וועג צום שטאָדט.

— אַ הײם קראַוזע! — האָט נאָך פון וויטען געשריען טרע־נעיעוו, מיט מאָדנע אויגען געקוקט אויפ׳ן קאָרנעט און זיין אומגע־לומפּערטען פּייערל. — וואָס טוט איהר דאָ?

אין דער לעצטער צייט האָט ער געהאַלטען אין איין צוקוקען זיך צום קאָרנעט. אין די טעג איז קראַוזע געווען אַזאַ מין מאָדנער. היינט אין דער פריה איז קראַוזע׳ס דינער געקומען צולויפען צו טרע־נעיעוו׳ן און זיך פּלאָטערענדיג, מיט אַ געוויסער מורא איהם דער־ציהלט דאָס, וואָס עס האָט געטראָפען ביינאַכט. אַ געדאַנק, אַז קראַוזע ווערט געריירט פון זינען, איז קרענקליך דורכגעפלויגען אין זיין קאָפּ.

— וואָס טוט איהר דאָ, האָט ער ווידערהאָלט זיך אָפּשטעלענדיג אַרום קראַוזע׳ן, און פאַרזיכטיג געגעבען צייכענס דעם סאָלדאַט ער זאָל צופאָהרען מיט דעם קאָרנעט׳ס פערד.

— גאָרניט, — האָט געענטפערט קראַוזע, — אַט, אַ פּייער...

— נאָך וואָס?

— אַזוי זיך... האָט דער קאָרנעט ניט פאַרשטעהענדיג געדריקט מיט די פּלייצעס.

טרענעיעוו האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען... איהר זעהט אויס

אזוי שלעכט!... וואלט איהר גענומען אן אורלויב, און אוועקגעפאה־רען זיך אויסרוהען...

איהר ווילט, וועל איך זאגען דאווידעטש'ן, האט ער געזאגט, צו־קוקענדיג זיך צו דעם קארנעט'ס לאנגען גרויען פנים און די אונפאר־שטענדליך דורכזיכטיגע אויגען.

קראוזע האט אויפמערקזאם אויסגעהערט, האט מיט א זעהר ערענסטען פנים צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. דערנאך האט ער אונער־ווארטעט צוגעלייגט די האנט צום קאזיראק, און איז צוגעגאנגען צו זיין פערד, זיך אויפגעהויבען אויפ'ן זאטעל און האט מיט ברייטע שפאן זיך געלאזען דעריאגען דעם עקסקאדראן.

טרענעיעוו האט ניט פארשטעהענדיג זיך געלאזען נאך איהם.

„מען דארף גיבען צו וויסען דאווידעטש'ן!" האט ער געטראכט. ער איז געווען דער הויפט פון פאלק.

קראוזע איז געפארען אלץ גיכער און גיכער, אריבערגעהענדיג אין גאלאפ און טריאומפירענד קאלט געשמייכעלט צו זיך אליין.

ער האט אלץ באנומען און ענדליך געפונען דאס וואס ער האט באדארפט.

10.

טרענעיעוו האט אונרוהיג אריינגעקוקט אין די פענסטער ווען ער איז אראפגעקראכען פון פערד ביים גאניק פון זיין הויז. ער האט קיינמאל ניט געוואוסט, זיך אומקערענדיג אהיים, ווי אזוי זיין פרוי וועט איהם באגעגענען. ער האט שמערצליך מורא געהאט צו דערזעהן איהר קאלטען בייזען פנים מיט די דורכזיכטיגע אויגען, וואס האבען פארבאהאלטען אין זיך קליינליכע פרויען נקמה. נאר דאן ווען ער פלעגט זיך איבערצייגען אז זי איז רוהיג און גוטגעשטימט, פלעגט ער אליין אויך ווערען פרעהליך און בארעדעוודיג. דערביי האט ער געהאט דעם באוואוסטזיין אז ער איז ענליך צו א הונט, וועלכער געהט צו

צום באלעבאס מיט מורא, און ווען ער איבערצייגט זיך אז מען שלאגט איהם ניט, קומט ער אין קעלבערנע התפעלות, הויבט אן שפרינגען, צופאלען צו דער ערד און בילען פון פרייד. דאס איז געווען ערני־דעריגענד און אין די מינוטען פלעגט ער מעהרער האסען די פרוי, ווי אין דער צייט פון די ערגסטע קריגערייען.

אבער די באדערפעניש אין איהר צערטליכקייט, האט זיך אזוי טיעף איינגעווארצעלט אין זיין גאנצען וועזען, אז ער האט שוין ניט געקענט לעבען אהן איהר.

אין אט דער צערטליכקייט האט ער זיך גענויטיגט ווי אין לופט, בלויז אין דער ווארימקייט פון אט דער צערטליכקייט פלעגט זיין נשמה לעבעדיג ווערען. צוליעב דעם איז ער געווען גרייט אויף אלעם אבי זי זאל אימער זיין צערטליך און ער זאל אונאויפהערליך אימער פיהלען איהר נאהענטקייט.

זי, באמערקענדיג זיינע זוכענדע בליקען, האט געדענקט, אז ער האט פאר איהר מורא. און אז דאס איז ניט קיין ליעבע נאר בלויז מורא. עס פלעגט זי באליידיגען וואס ער קוקט אויף איהר, ווי אויף א טיראן און דערפאר פלעגט זי איהם פאראכטען. אזוי פלעגט געבוירען ווערען אן אנגעשטרענגטע אוננאטירליכע באציהונג פון איי־נעם צום צווייטען, און קריגערייען אהן א סוף. און וואס טיפער עס איז געווען די ליעבע, וואס איינגער דער קניפ פון די נשמות און קער־פערס אלץ שווערער איז געווארען דער בונד. אין אט דעם בונד האבען זיי זיך ביידע געשטיקט.

וואו איז די ווירטען? — האט געפרעגט טרענעיעוו ביים דינער. וועלכער האט ביי איהם צוגענומען דעם מאנטעל און הוט.

— פארטאן מיט באלעבאטישקייט, — האט געענטפערט דער ביטרער באדינער, וועלכער האט אויסגעצייכענט פארשטאנען וואס עס קומט פאר אין הויז, און ווענען עס האט ווער געטאן פאר זיין הער.

טרענעיעוו האט זיך שמערצליך געשעמט, וואס דער סאלדאט בארוהיגט איהם, נאר פונדעסטוועגען האט ער פרייער אפגעאטעמט און זארגלאז אונטערקלינגענדיג מיט די שפארען אריבער אין די צימערן.

ערשט לעצטען אבענט האבען זיי זיך גאנץ אונערווארטעט צו־קריגט, אין דער צייט פון א פוסטען געשפרעך, בלויז דערפאר, וואס

פאַר זיי איז געווען אונערטרעגליך ניט צו שטימען אפילו אין קליי־ניגקייטען. עס האָט זיך אָפּגעשפּילט א אומגעלומפּערטע גרויליכע סצענע, איינע פון יענע ביי וועלכע טרענעיעוו'ן האָט זיך געגלוסט שלאָגען קאָפּ אין דער וואַנט, זיך אריינלאָזען אַ קויל אין שטערען אָדער דער'הרג'ענען זיין פרוי... דערנאָך שפּעט ביינאַכט איז פאַר־געקומען דאָס געוועהנליכע איבערבעטען זיך. אַלע קריגערייען פלעגען זיך ענדיגען דערמיט, וואָס זיי פלעגען שלום ווערען, אויסמאַטערענדיג איינע די אַנדערע ביז גאָר. ערנידעריגענד איז געווען דאָס, וואָס דער שלום האָט געמוזט פאַרקומען אונטער אַלע אומשטענדען: ווי זיי זאָלען ניט געווען באַליידיגען איינע די אַנדערע, ווי זיי זאָלען ניט געווען ערנידעריגען זיך, ווי שטאַרק זיי זאָלען ניט געווען האַסען. דאָך האָבען זיי זיך געמוזט איבערבעטען, ווייל אַנדערש האָט מען ניט געקענט ליגען אין איין בעט, און דאָס האָט שוין געהייסען צושיידט; בלויז ביים געדאַנק דערפון האָט ביי ביידען זיך אָפּגעריסען אין האַר־צען.

טרענעיעוו פלעגט בעטען מחילה, אין עפּעס זי פאַרזיכערען. זיך ערנידעריגען, וויינען, און איז געווען גרייט אויף אַלץ, אַבער עס זאָל נעמען אַן ענדע צו אָט דער פּיין, און זאָל ער זיין אַ באַשפּיגענער, אַ מיאוסער פאַר זיך אַליין, אַבי ער זאָל זיך קענען באַרוהיגען. ער האָט פיעל מעהר געליעבט זיין פרוי, ווי זי איהם און דערפאַר האָט ער מעהרער געליטען, מיט מעהר שרעק געדענקט וועגען צורייסען, און דארום איז ער דער ערשטער געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסען. זי האָט גע־פיהלט איהר מאַכט, און דאָס האָט איהר געגעבען קרעפטען צו שפּעטען איבער איהם ביז'ן סוף, און אויף דעם גרויזאַמסטען און איינגעשפּאַר־סטען אופן אויסלאָזען צו זיין קאָפּ אַלץ וואָס אויפ'ן האַרצען.

טרענעיעוו איז איינציגע מאָל צוגעגאַנגען צו דער פרוי, נאָר זי האָט איהם אָפּגעשטויסען און באַהאַלטענדיג אין קישען דעם נאָסען פון טרערען פּנים מיט כעס איינגעשפּאַרט ווידערהאָלט: פּונקט ווי פאַר איהר וואָלט ער געווען איהר פאַרביסענסטער שונא:

— לאָז מיך צופרידען!... אַוועק פון מיר!... וואָס ווילסטו פון מיר האָבען אידיאָט!...

טרענעיעוו בלויז אין די הויזען און אונטערשטער העמד איז אומ־געגאַנגען היין און צוריק איבער'ן צימער, מיט פאַרדריקטע פויסטען

און געפיהלט אז ער ווערט משוגע, זיין געזיכט איז געשוואלען גע־ווארען, די וואנצען האבען זיך ביי איהם צושורפעט און אראפגעהאנ־גען, און אינגאנצען האט ער אויסגעזעהן אזוי מגושמ'דיג און רחמנות'־דיג.

פון צייט צו צייט האט איהם ארומגעכאפט אזא מין שרעקליכער כעס, אז טרענעיעוו פלעגט האסטיג צוגעהן צו דער פרוי און משוגע ווילד קוקען אויף איהר ווייכע האלב ענטבלויזטע פלייצע און פיהלען אן אונבאשטרייטבארען פארלאנג א זעץ צו טאן זי מיט דער גאנצער קראפט. א נעבעל האט איינגעהילט זיין קאפ, עס האבען זיך פאר־דריקט די פויסטען און ער האט געפיהלט אז נאך א מינוט און ער וועט פארפליהען אין אזא מין אפגרונט, פון וואנען עס וועט שוין ניט זיין קיין צוריקקער... ער פלעגט זיך כאפען ביים קאפ, און כמעט מיט א קרעכץ אפטרעטען אן א זייט.

— דאס איז אונמעגליך!... וואס־זשע איז דאס אזוינס?... שוין בעסער דער טויט!... בעסער זיך צוגעהן!...

איך בעט דיך, דאס וויל איך דאך אויך!... ווען דו וואלסט ניט געווען אזא שוואכלינג, וואלסטו שוין לאנג אוועק און מיך ניט געמאַ־טערט! — האט מיט פאראכטונג געענטפערט די פרוי.

זי פלעגט דאס שטענדיג זאגען, און אט די פראזע האט איהם אימער אריינגעבראכט אין ווילדען כעס. ער האט גוט געוואוסט און געפיהלט אז דאס רעדט זיך בלויז אויף צו להכעיס, אום צו מאַטע־רען איהם אביסעל, נאר אפילו די ווערטער אליין זענען איהם געווען אונערטרעגליך און האבען איהם גערעגט ביז משוגעת. דערביי פלעגט איהם נאך ארומכאפען אן אומגעלומפערטע וואנזיניגע אייפער־זוכט: פריער פאר אלץ איז פאר איהם געווען א פשוטער קלאפ אין הארצען, וואס זי אזא נאהענטע און היים געליעבטע קען אזוי רוהיג רעדען וועגען צורייסען, ווען ער קען אהן שרעק אפילו ניט טראכטען דערפון. דערנאך פלעגט זיך איהם מיט אמאל פארשטעלען אז זיי זענען שוין פרעמדע מענשען, אז זי פארגעסט איהם און ליעבט זיך איין אין אן אנדערען. דאן וועט זי יענעם פונקט אזוי צערטלען, ווי זי צער־טעלט איהם איצט. מיאוסע, ציניש ביילדער פלגעען זיך איהם פאר־שטעלען, ער האט געזעהן אלע באוועגונגען פון איהר קערפער אין א צווייטענס ארעמס, און איז ווירקליך גרייט געווען זי צו ערמאָרדען.

מאָמענטענווייז פלעגט איהם באהערשען א מאָדנע מיעדקייט. איהם פלעגט ווערען אלץ איינס, און עס פלעגט זיך איהם אויסדוכ־טען, אז די קריגעריי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט ענדיגען, און ער וועט פון זינען אראָפּ, פון אָט דער אונערטרעגליכער מאַטערניש. ערשעפּט ביז גאָר, פלעגט ער מיט א שמערצליכען פארגעניגען נעמען טראַכטען דערפון אז זי קען דאָך שטאַרבען... ווען זי וועט ניט זיין וועט איינגאַנצען ניט זיין קיין אייפערזוכט, און ער וועט זיין פריי ווי דער ווינט!... ער וועט געוויס האַלטען הייליג די ערינערונגען וועגען איהר, און וועט שוין קיינמאָל אזוי ניט ליעבען, אבער ווי לייכט עס וועט זיין צו אָטעמען!...

אבער ווען וועט דאָס זיין?... זי איז אינגער פון איהם... אפשר וועט ער גאָר פריהער שטאַרבען... און דאַן וואָס?...

ווי מורא'דיג שווער עס וועט איהר ווערען, ווען זי וועט בלייבען אליין; ווי אזוי זי וועט זיך דערמאָנען אַן איהם, און ווי זי וועט ליידען פון דעם באוואוסטזיין, אז זי האָט איהם פאר'סמ'ט דאָס לע־בען!... און דאָס האָט איהם אויסגעזעהן אזוי שרעקליך, אז טרענע־יעוו האָט געטראַכט, אז עס איז שוין בעסער פאר איהר אליין צו שטאַרבען איידער איבערלעבען זיין טויט!...

— נו גוט... זאָל זי שטאַרבען... און גלייך האָט ער דערזעהן איהר קאַלטען טויטען קערפּער, אָט דעם זעלבען שעהנעם קערפּער וועלכען ער האָט אזוי געקענט און געליעבט!... מען וועט דאַן שוין ניט קע־נען צודריקען אָט דעם קערפּער צו זיך און דערפיהלען די באַקאַנטע וואַרימקייט און דערהערען איהר ליעבע שטים... דערביי האָט טרע־נעיעוו'ן אנגעכאַפּט אזא מין שרעק אז די האָר אויפ'ן קאָפּ האָבען זיך איהם געשטעלט קאַפּויר.

פריהער אָדער שפּעטער וועט דאָך אזוי זיין! אימיצער פון זיי; זי אָדער ער וועט דאָך שטאַרבען פריהער פאר דעם צווייטען... און ווי שרעקליך וועט זיין דער באוואוסטזיין, וואָס זיי האָבען אזוי פיעל טעג און נעכט פארלאָרען אין זינלאָזע קריגערייען אזוי אומגעלומפּערט נאַריש, דאַן ווען זיי זענען געווען צוזאַמען!... דאָס וועסטו שוין קיינ־מאָל ניט אומקערען!...

מען דאַרף זיך איילען, ניט דורכלאָזען קיין איין רגע, ווייל דאָס לעבען איז קורץ, און ווערט בלויז איין מאָל געגעבען!... און זיי

קריגען זיך גאר מאטערען איינע די אנדערע... דאס לעבען געהט דער־וויל אוועק!... און וואס טוען זיי?...

שוין־זשע גיט זי קיינמאל ניט קיין טראכט דערפון?... שויז־זשע טוט איהר אליין ניט באנג?... זי מוז דאך פארשטעהן!... — האט געטראכט טרענעיעוו, און קונוואולסיוו מיט פארצווייפלונג גע־דריקט מיט די פלייצעס.

איהם האט זיך געגלוסט גלייך אויפ'ן ארט שוין צוגעהן און זאגען דאס אמת'ע אלץ ערקלערענדע ווארט און שלום ווערען. שויז־זשע איז דאס אזוי שווער? וואס פאר אן אונזין!... ווירקליך, ער האט דאך זי ליעב, כאטש זי מאטערט איהם און איז אזוי שלעכט און בייז, און דאך ליעבט ער זי ביז צום ווייטאג!... ווי פארשטעהט זי ניט, וואס זי טוט?...

אבער טרענעיעוו האט מורא געהאט, אז אויב ער וועט צוגעהן, וועט זי איהם באגעגענען מיט א באליידיגענדען ווארט, וועט איהם ווידער אפשטויסען און זיך נעמען אויסרייסען. ער האט געפיהלט אז דאן וועט ער אינגאנצען משוגע ווערען... און פונדעסטוועגען איז ער דאך צוגעגאנגען זיך אראפגעלאזען אויף די קני און האט פארזיכ־טיג צוגעדריקט די ליפען צו איהר קיהלער גלאטער פלייצע.

ער האט גלייך דערפיהלט אז די קריעג איז געענדיגט, כאטש ער האט זיך נאך אליין ניט געגלויבט. זי איז מיעד געוועזן און האט אליין שמערצליך געגאַרט נאך שלום. ווי גוט זיי האבען זיך איינעם דעם אנדערן שוין געקענט!... בלויז לויט דעם ווי עס האט אויפגעצי־טערט די נאקעטע פלייצע, און בלויז דערפאר וואס זי האט ניט געענט־פערט, האט ער שוין געוואוסט אז זי האט איהם שוין פארגעבען.

זיין פרוי ליעבט איהם און איז גרייט צו טאן אלעס, אבער זי שפיעלט נאך א קליינינקע עקשנות צוליעב איהר מילדער פרויען איינ־געשפארטקייט... און די זעלבע עקשנות, וועלכע האט מיט א מינוט צוריק אויסגעזעהן זינלאז און ארויסגערופען דעם ערגסטען כעס איז מיט אמאל געווארען אזוי לעבעדליך ליעב ביז צו טרערען. מיט הייסע טרערען און טיעפער צערטליכקייט פון וועלכער דאס הארץ האט וועה געטאן, האט טרענעיעוו באדעקט מיט קושען דער פרוי'ס נאקעטע פלייצעס און געזאגט:

— נו, זאל זיין געגוג,, פארגיב מיר,, דעם אלטען נאר!...

פאַרוואָס דאָס איז איהם געקומען אין קאָפּ אַריין, האָט ער אַליין אויך ניט געוואוסט. אַט אַזוי פּלעגט אַמאָל טרעפען, אַז אין דער צייט פון די מוראַ'דיגסטע קריגערייען פּלעגט איהם איינפאַלען אַ אומגעלומפּערטער לעכערליכער וואָרט, און אַט דאָס וואָרט האָט זיך אונערוואַרטעט אַרויסגעוויזען פאַר דעם אמת ווירקזאַמען, ווען די לאַגישסטע באַווייזע האָבען בלויז אונטערגעגעבען פייער דעם כעס.

אויך איצט האָבען צוויי נאַקעטע ווייבע הענט האַסטיג אַרומגעכאַפּט זיין האַלז. ער האָט דערפיהלט ווי פון ליעבע און חרטה ניסען זיך זיינע אויגען אַן מיט טרערען. מיט ווילדער ליידענשאַפט האָט ער זיך צוגעדריקט צו איהרע ליפּען, וואָס זענען געווען אַביסעל פאַרשוואָלען פון טרערען, און פרעהענדיג זיך מיט דעם געלונגענעם שפּאַס ווידערהאָלט:

פאַרגיב אַן אַלטען נאַר!

— נאַרישער!... וואָס נאַך! — האָט זי געמורמעלט אין טרערען פון חרטה. און נאָהענט איינע די אַנדערע אין הייסע צערטליכקייט האָבען זיי זיך איבערגעבעטען.

ביינאַכט ווען זיי זענען ביידע געלעגען באַנאַנד מידע, גליקליכע און געקוקט אין דער פינסטער האָט זי איהם געשעפּטשעט וועגען דעם, ווי זי ליידט פון דעם באַוואוסטזיין, וואָס זי האָט פאַר'סמ'ט זיין לעבען, ווי דער געוויסען פּלאָגט זי, און ווי זי האָט איהם ליעב.

— איך בין אַ משוגע'נע, פאַרגיב מיר, — האָט זי געזאָגט און ווידער ווי הונדערט מאָל פריהער האָט זי ווידערהאָלט אַז דאָס איז צום לעצטען מאָל, אַז איצט איז צו אַלעם אַ סוף. זי וועט זיך איבערבייטען, זי וועט איהם אַלעם ערלויבען און אַלעם מוחל זיין.

— וויפיעל מאָל דו האָסט מיר שוין צוגעזאָגט! — האָט זיך מיט אַנגסט אַרויסגעריסען ביי טרענעיעוו'ן.

זי האָט איהם גענומען ווידער אַמאָל אַרומנעמען, צערטלען מיט אַ ציטער און כמעט מיט פאַרצווייפלונג, ווי עס ווייזט אויס האָט זי זיך אַליין ניט געגלויבט און ביידען האָט זיך ביז צום ווייטאָג געוואָלט גלויבען.

— אַך, ווי מיר וואָלטען געווען גליקליך! — האָט אַרויסגעזאָגט טרענעיעוו, מיט אַ הייסער צערטליכקייט און מיט האָפענונגסלאָזען אומעט.

— אבער וואָרום קריגען מיר זיך?... וואָרום?... דו ביזט שטאַר־קער פאַר מיר, דו — ביזט אַ מאַן... דו דאַרפסט אַפּהאַלטען! — האָט זי געזאָגט מיט פאַרצווייפלונג.

טרענעיעוו האָט אויך פאַרצווייפעלט געדריקט מיט די פּלייצעס. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי דאָס האָט געטראָפען, ער האָט אַפילו ניט געקענט באַמערקען דעם מאָמענט, ווען דער פוסטער גע־שפּרעך האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ קריג.

וואָרום האָבען זיי זיך געקענט אַמפּערען ניט איינשטימען איינע מיט די אַנדערע אין דער אַנוועזענהייט פון זייטיגע מענשען; און אויג אויף אויג האָבען זיי אָהן פאַרדרוס ניט געקענט הערען איינע די אַנדערע? האָבען זיי זיך דערעסען?... אָבער זיי קענען דאָך ניט לעבען איינער אָהן דעם צווייטען!

מיט אַ שמערצליכער אונפאַרשטענדעניס, הילפלאָז זיך פאַרלי־רענדיג אין אַט דער ליידענשאַפטליכער דראַמאַ, וועלכע זיי האָבען אַליין ניט געקענט פאַרשטעהן מיט פאַרצווייפלונג אין דער נשמה, האָבען זיי זיך געטוליעט איינע צו די אַנדערע מיט ליעבע, וועלכע איז ניט געווען אימשטאַנד צו געבען זיי גליק. אַזוי זענען זיי געלעגען און שווייגענד געקוקט אין דער פינסטער מיט אָפענע פרעגענדיגע אויגען.

אין דער פריה ווען טרענעיעוו איז אויפגעשטאַנען האָט ער שטי־לערהייט זיך גענומען אָנטאָן, כדי ניט אויפוועקען די פרוי, זי איז נאָך געשלאָפען צונויפגעדרעהט ווי אַ קנויל אויף דעם אַנגעוואָרעמטען גע־לעגער צוואַרפען די העלע האָר איבער'ן קישען, מיט'ן האַנט אונ־טערן באַק.

טרענעיעוו האָט געקוקט אויף איהר, און אַזוי ליעב און אונענד־ליך טייער האָט איהם אויסגעזעהן אַט די פרוי, וועלכע האָט איהם אַזוי אויסגעמאַטערט!...

איהרע דינע הענט, דער דינער פּוך פון די האָר, וואָס איז צו־געשטאַנען צום קישען און די פאַרנומענע ווי ביי אַ קינד אונטער זיך קליינינקע היילע פּיסלעך!... אַלץ האָט איהם אויסגעזעהן אַזוי ליעב און אונענדליך שעהן. איהם האָט זיך געוואָלט זי אויפוועקען, זי נע־מען אויף די הענט, אַ ווייכע, און וואַרימע פון שלאָף, און קושען אָהן אַ סוף און אָהן אַ צאָהל, איהרע הענט, פיס, ברוסט אַלעס אין איהר.

טרענעיעוו האט אבער ניט געוואגט דאס צו טאן און איז שטיל ארויס־געגאנגען מיט אויגען פול מיט צערטליכקייט און ליעבע.

אין דער גאנצער צייט פון דער לעהרע האט ער געטראכט בלויז וועגען איהר. עס איז געווען פריידיג און לייכט צו וויסען, אז אין דער היים ערוואַרט איהם רוה און צערטליכקייט, און ניט די אייביגע קריי־געריייען, פון צייט צו צייט האט דורכגעשוועבט א מורא, און אפשר איז ווידער עפּעס!... נאר ער האט זיך געמיהט וועגען דעם ניט צו טראכטען, פונקט ווי ער וואלט מורא האבען זיך צורירען צו א פאר־צויגענער וואונד.

ביים מיטאג האט טרענעיעוו דערצעהלט דער פרוי, וועגען קראָר־זע'ן, וועגען א קליינינקען צוזאמענשטויס מיט דעם איפזועהער פון דער באלאבאטישקייט און וועגען דעם, אז אין זעקסטען עסקאדראַן האט א פערד דער'הרג'עט א סאלדאט... איהם פלעגט אפט איינפאַ־לען, אז זיי קריגען זיך דערפאר, וואס זי לאנגווייליגט זיך. ער האט זיך געמיהט צו דערצעהלען מיט א באלעבטען אויסזעהן. זיי איז אין אלגעמיין געווען טייער יעדער קליינינקייט, ווייל עס איז אזוי ווענינ געבליבען וועגען וואס צו רעדען נאך אזא לאנגען צוזאמענלעבען. וועלכער האט ערשעפּט די נשמה ביז'ן סוף. זי האט געהערט און האט זיך אויך מיט אלע כחות געמיהט צו באווייזען, אז אט די אלע זאכען אינטערעסירען זי און פון צייט צו צייט אט ווי זי וואלט איהם אפּגעדאנקט פאר דעם פארלאנג צו פארווייליגען זי, האט זי אויסגע־צויגען איהר ענטבלויזטע האנט איבער'ן טיש און מיט א ליכטיגען פארליעבטען בליק געגלעט איהם איבער'ן האנט. דאן האט זיך טרע־נעיעוו איינגעבויגען און נ'ארט געקושט איהר שמעקענדיגע גלאטע האנט, און ער האט זיך אפילו אביסעל געשעמט וואס עס פרייט איהם אזוי איהר לאסקע.

דערנאך האט זי אנגעהויבען רעדען וועגען די שטאטישע נייס.

איהר פלעגט זיך דוכטען, אז זי האט איהם דערעסען און עס ציהט איהם צו אנדערע פרויען; און דערפאר פלעגט זי אונבאוואוסט־זיניג פארפיהרען א געשפרעך וועגען פרויען. זי האט זיי אלעמען געהאסט אלס מעגליכע קאנקורענטקעס, און האט גערעדט וועגען זיי מיאוס, און האט מיט בייזוויליגער אייפערזוכט ווידערהאלט די שטאטישע רכילות. דאס פלעגט טרענעיעוו'ן אימער פארדריסען, ער

פלעגט אנהויבן אפענטפערן פארשעמט. מורא האבענדיג ארויסרו־פען א קריעג, און דערנאך ווען זי, זיך איינהאלטענדיג מיט אלע כוחות, פלעגט בלמרשט מאכען אז איהר איז אלץ איינס, פלעגט ער אנהוי־בען גענוואגטער, פלעגט זיך פארגעסען און איהר נעמען אויסרערען פאר איהר אונגערעכטיגקייט.

דאן פלעגען איהרע אויגען פינסטער ווערען, זי פלעגט פארביי־סען די ליפען, זיך געשטארקט נאך א מינוט, שמערצליך וועלענדיג בלויז איין זאך זיך ניט צוקריגען, און דאך פלעגט זיך די קריעג אנהויבען.

און ווען טרענעיעוו פלעגט אם ענדע באמערקען איהר האסענדען בליק האט זיך שוין די קריעג געקייקעלט, ווי א וואלקאנען אויסברוך, וואקסענדיג מיט יעדען ווארט, און עס איז שוין געווען אונמעגליך די קריעג אפצושטעלען אדער פארמיידען.

אבער איצט האט ער געהערט און איבערגעוואלט געשמייכעלט, און אפילו איהר צוגעבאמקעמט.

זי האט גערערט פון ליזא טרעגולאווא, און פון זשעניטשקע׳ן, וועלכע איז אוועקגעפאהרען מיט דזשענעיעוו׳ן. גערעדט האט זי מיט האס און בייזער פרייד.

— נו איך פארשטעה, יענע איז אן אקטריסע, א פרוי פון לייב־טער באנעהמונג, אבער פון אט דער מיידעלע ביז איך ערשטוינט!... איך פארשטעה ניט, ווי קען מען אויף איהר רחמנות האבען!... אזא מין נישטיגע און אויסגעלאסענע מיידעלע! ווירקליך זי איז דאך איג־גאנצען אלט א זיבעצעהן־אכצעהן יאהר!...

טרענעיעוו האט מיטפיהלענדיג צוגעשאקעלט מיט׳ן קאפ, כאטש ער האט זעהר שטארק רחמנות געהאט אויף ליזע׳ן און זשעניטשקע׳ן, איז איהם געווען געפעלען און האט גאר ניט אויסגעזעהן אין זיינע אויגען אלס א פרוי פון לייכטער אויפפיהרונג.

— מען זאגט אז זי טראגט, — האט ער געזאגט אום צו פארשא־פען דער פרוי פארגעניגען. און איז רויט געווארען.

נאך מיטאג זענען זיי ארויס אין גארטען פאר א שפאציר. דאר־טען זענען שוין די בלעטער געל געווארען און עס איז געווארען פוסט און צו ליכטיג. זייער מיידעלע איז אומגעלאפען איבער די נאסע סטעזשקעס, זיך אפשפיגלענדיג אין די שטעהענדע קאליזשעס און זיי

האָבען פאַרטגעזעצט צו רעדען וועגען פאַרשידענע קלייניגקייטען. עס איז זיי געווען גוט, פריידיג, און רוהיג.

אבער אין אבענט איז שוין ניט געווען וועגען וואס צו רעדען. די טעמעס האָבען זיך אויסגעשעפּט, און וואס איינער האט אנגעהויבען האט שוין געוואוסט אדער געטראָפען דער צווייטער.

און ביידען איז געווארען לאנגווייליג ווי אימער. עס האט זיך געוואָלט אז אימיצער זאָל קומען, נאר טרענעיעוו האט זיך געמיהט דאָס צו באַהאַלטען און האט זיך איבערגעוואָלט געמאכט צו אויסזעהר פרעהליך און רוהיג. זי פיהלענדיג דאס האט איהם גענומען שיקען אין קלוב. אבער טרענעיעוו האט מיט א געמאַכטען גלייכגילטיגען פּנים געענטפערט:

וואָס וועל איך דארטען טאָן ?... עס האָט מיר דערעסען !... אימער דאָס זעלבע !... עס ווילט זיך מיר ניט ! !

איהם האָט זיך געגלוסט אפילו זיך אליין צו פארזיכערען אז איהם ווילט זיך ניט. אבער די באַקאַנטע העל־באַלויכטענדע אומגעבונג פון קלוב, דער טומעל, די געזיכטער פון די מיטשפּילער, ווי אַלעס איז אזוי פריי און ניט געוועהנליך האט זיך איהם אזוי לעבעדיג פאָרגעשטעלט און אויסגעזעהן אינטערעסאַנט. די פרוי האָט געקוקט מיט פארדאַכט און האָט זיך אויך געמיהט צו גלויבען. אז איהם איז גוט און פרעהליך מיט איהר און איהם ווילט זיך טאַקע אין ערגעץ ניט געהן. אבער זי האָט זיך דערמאַנט אז ער גלייכט צו געהן אין קלוב, און געהט ניט צוליעב איהר, הייסט עס אז זי רויבט פון איהם א פארגעניגען. דערפאר האָט זי איהם גענומען קושען און איינרעדען ער זאָל געהן.

דאָס האָט זיך לאַנג געצויגען, זי האָט איהם געבעטען, איינגערעדט, כאָטש זי האָט ניט געקענט פארטראָגען אָט די גאַנג צוזאַמען מיט דעם הוליען און פארשפּיעלען. ער האָט זי פארזיכערט אז ער וויל ניט, דאָן ווען ער האָט געפיהלט כמעט א קרענקליכען פארלאַנג צו געהן. אזוי זענען זיי געזעסען און געלייגט איינער דעם אנדערען, און שטאַרק געליטען דערביי. זיי האָבען זיך שוין אנגעהויבען אויפרעגען ווען עס איז געקומען ארבוזאָוו.

טרענעיעוו איז אויפגעשפּרונגען מיט פרייד, וועלכע די פרוי האָט גלייך אונטערשטרויכען און איז אוועק אנטקעגען.

ארבוזאוו איז א בלויען קורצען אויבעררעקל, אין לאַקירטע שטי־וועל, איז אריין אין צימער מיט ברייטע טריט. ער איז געװען באַ־מערקבאר שכור, אָבער ער האָט זיך נאָך געהאַלטען שטארק און מיט א ברייטען פארנעם. בלויז די בייזע אויגען זיינע זענען געװען פיבע־ריש, און ער האָט אביסעל צו הויך געשריען און צו פרעהליך געלאַכט.

— געזונט הא!... איך בין דאָך געקומען נאָך אייך... געהן מיר אין קלוב אריין הא?... עס וועלען זיין אלע אונזערע... סעריאַזשקא, דזשענעיעוו איז געקומען... גוט א?...

טרענעיעוו האָט זיך מיט מורא אומגעקוקט אויף דער פרוי. ארבוזאַוו האָט באַמערקט דעם בליק און האָט עזות׳דיג א שפּאָטישען שמייכעל געטאָן. אָבער ער האָט גארניט געזאָגט. טרענעיעוו האָט געזעהן דעם שמייכעל, און איז רויט געווארען פון שאַנדע, אין איהם האָט ווידער ערוואַכט דער פארדרוס; א דאנק איהר שווערען כאראַק־טער וואגט ער ניט צו זיין דאָס, וואָס ער איז, און דינט אלס א שעיר לעזזל פאר יעדען הונטס שפּאָט!... ער א בראַוװער אָפיצער וואָס האָט זיך קיינמאל ניט געטראָקען פאר׳ן טויט, ווען ער האָט זיך אפילו באַגעגענט מיט איהם פּנים אל פּנים!...

געוועזן איבער די קני!...

— עס ווילט זיך עפּעס ניט — האָט ער אין פארלעגענהייט אויסגעצויגען, און אום נאָך מעהרער איבערצייגען יענעם, אז עס ווילט זיך באמת ניט, האָט ער גענומען גענעצען.

— וואָס מיר — ווילט זיך ניט?... מיר פאָהרען און שוין, נו!...

— ניין, אויף מיין וואָרט...

— נו יאַ... גענוג... מיר פאָהרען!... איז ארבוזאוו צוגעשטאַנען מיט דער עקשנות פון א שיכר׳ן, אַנבאַפּעלנדיג טרענעיעוו׳ן פאר׳ן האַנט. — זיי א פריינד!... הוליען ווילט זיך... איהר וועט צודרעהען די גאַנצע קאָמפּאַני... קומט פאָהרען!...

און אפשר באַוואוסטזיניג, און מעגליך צופעליג, האָט ער צוגע־געבען:

— די פרוי וועט אייך אָפּלאָזען, מיר וועלען זי בעטען... זי איז א גוטע!

— איך האַלט איהם ניט, האָט זי מיט א געמאַכטען אבער ניט פרעהליכען שמייכעל באַמערקט.

טרענעיעוו איז רויט געוואָרען.

— וואָס האָט דאָס צו טאָן... עס ווילט זיך פּשוט ניט... אָט ס'ארא מאָדנער מענש !... קען ניט פאַרשטעהן !...

ארבוזאָוו האָט עזות'דיג, מיט אָפענעם שפּאָט געקוקט איהם גלייך אין די אויגען מיט א בייזען פיבערישען בליק.

— לייגסט, האָסט מורא פאַר דער פרוי !... האָט ער געזאָגט און זיך שטאַרק צולאַכט.

— ווארום ווילסטו ניט ? — האָט זיך אריינגעמישט די פרוי מיט א געמאַכטער נאַכלעסיגקייט. — וואָלסט בעסער געפאָהרען !

טרענעיעוו האָט פלינק א קוק געטאָן אויף איהר.

— ווירקליך פאָהר, — האָט זי געזאָגט, קוקענדיג אויף איהם מיט א ערמוטערענדען בליק.

טרענעיעוו האָט זיך געמיהט צו טרעפען דעם אויסדרוק פון איהרע אויגען, אבער אין זייער פארשטעלטער דורכזיכטיגקייט האָט ער גאַרניט געקענט זעהן.

יאָ, געוויס, פאָהרען קען מען... אבער... — האָט ער אונענטשלאָסען אויסגעצויגען.

— פאָהרען מיר, הייסט עס ! — האָט אויסגעשריען ארבוזאָוו, — לעבעדיג !... טוט זיך אָן !... איך וועל צוואָרטען !...

טרענעיעוו איז אונענטשלאָסען אוועק זיך אָנטאָן, און דערביי געדריקט מיט די פּלייצעס און אונזיכער געשמייכעלט.

ארבוזאָוו איז געבליבען אין עס-צימער און זיך אָנטאָענדיג האָט טרענעיעוו געהערט זיין לעבעדיגע שטימע און די שטילע איינגע-האַלטענע ענטפערס פון דער פרוי. נאָך אָט דער איינגעהאַלטענקייט האָט ער געזעהן אַז זי איז אונצופרידען, און עס האָט איהם פאַר-קלעמט ביים הארצען. אבער דער פאַרלאַנג אוועקגעהן פון הויז איז געווען אזוי שטאַרק, אַז ער האָט פאַרטגעזעצט זיך אָנטאָן, פאַראַכ-טענדיג זיך אליין פאַר זיין שוואַכקייט.

טרענעיעוו האָט דורכגעלאָזט ארבוזאָוו'ן אויף צו פריהער און אליין האָט ער זיך פארהאַלטען אום צו געזעגענען זיך מיט דער פרוי. קושענדיג זי האָט ער איהר אריינגעקוקט אין די אויגען, זעהן אויב זי איז ניט בייז אויף איהם. זי האָט כלמרשט געשמייכעלט, אבער די

אויגען זענען געווען ניט קיין פרעהליכע און ליגנערישע. און דאס האט איהם מאמענטאל אויפגערעגט.

„גאט מיינער, שוין־זשע איז דאס אזא מין פארברעכען אויב מיר ווילט זיך געהן אין קלוב?“

— אפשר זאל איך בעסער ניט פאהרען, — האט ער אונענטשלאסען געפרעגט! — ווארום־זשע האט זי ניט אויפריכטיג אפגעענטפערט, — דיר ווילט זיך דאך?

— און דו וועסט זיך דא אליין לאנגווייליגען?

דא האט זיך אין איהר אנגעצונדען דער כעס; זיכער וועט איהר זיין לאנגווייליג, געוויס וואלט ער באדארפט בלייבען ניט פרעגענדיג... צו וואס איז אט די אונאויפריכטיגקייט?

— ניין איך וועל אביסעל לעזען און וועל זיך לייגען שלאפען... געה, געה!...

— און אפשר בלייבען? — האט ער מיאום געצויגען.

— אבער געה שוין, געה! — האט זי כמעט א געשריי געטאן, אבער זי האט גלייך א שמייכעל געטאן און צוגעגעבען: געה, פרעה זיך!...

אם ענדע האט זיך טרענעיעוו באשלאסען, אבער דער גאנצער פארגעניגען איז שוין געווען צופטר'ט, אין טיר האט ער זיך נאך אמאל אונענטשלאסען אומגעקוקט, ווי א חיה, וואס איז געוואוינט צו קנעכטשאפט. זי האט מאמענטאל אומגעענדערט דעם פינסטער געווארענעם פנים, און מיט א געמאכטען שמייכעל, טעאטראל א מאך געטאן איהם מיט'ן האנט. טרענעיעוו איז מיט אזא אנשטרענגונג ארויס פונקט ווי ער וואלט זיך אפגעריסען פון דער ערד. אין דער מינוט האט זיך איהם שוין ווירקליך ניט געגלוסט געהן. ער האט רחמנות געהאט אויף דער פרוי, וועלכע איז איבערגעבליבען איינע אליין, זיך געשראקען פאר דער קומענדער קריגעריי.

אבער ארבוזאוו האט געווארט, זיך אפצוזאגען איז געווען אונאנגענעם, און טרענעיעוו איז אוועקגעפאהרען.

11.

אונטערן גרויסן פענסטער פון ארבייטס צימער איז אין א ים פון נעבעל צושוואומען געווארן דער פאר׳חשד׳טער גרויער גארטן. אין דעם שטארען ליכט פון דער דעמערונג האט זיך אנגערוקט דער הערבסט אומעט, וועלכער איז א בלאסער און קראנקער אומגעבלאנד־זשעט איבער די צימערן.

דזשענעיעוו איז ערשט אין דער פריה געקומען. דעם גאנצען טאג איז ער געשלאפען, און ערשט צו אבענט צו זיך אויפגעכאפט מיט א שווערען קאפ, און שטארקער נשמה ביינקשאפט.

אין גאנצען מיט איין מעתלעת צוריק איז ער געווען אין דער גרויסער שטאט, און שוין האבען איהם די פארנעבעלטע גאסען, רוי־שענדע עקיפאזשען און פוהרלאך, דער קאלטער עלעקטרישער ליכט און באקאנטע געזיכטער אויסגעוויזען ווייט פון הינטען.

צו דער זעלבער צייט האט זיין אייגענער ארבייטס צימער איהם אויסגעקוקט אזוי פרעמד און קאלט. ער האט פארלאזען דעם אר־בייטס צימער ווען עס האט העל געשיינט די זון, און די בלעטער אין גארטען זענען בלויז געווען אנגערירט פון דעם ערשטען גאלד פון דעם קלארען הערבסט. אבער איצט איז דער גארטען געשטא־נען א נאסער, איבער זיינע סטעזשקעס האבען זיך געוואלגערט פוילע בלעטער, וועלכע דער רעגען האט פארשלאגען אין דער קאלטער בלא־טע. אין צימער האט געהערשט א פארגליווערטע האלב־פינסטערניש, און אויף אלץ איז געלעגען א דינער שפינוועב פון שטויב. עס איז געווען אונהיימליך, ווי אין א פרעמדען ניט באוואוינטען הויז.

לאנגווייליג האבען אראפגעקוקט פון די ווענט די בילדער. דער קינסטלערישער פילין. אט ווי דער וואלט דערקענט דעם באלאבאס, און האט מיט אן אונפארשטענדליכען כעס געגלאצט אויף איהם די געלע גלעזערנע אויגען.

דזשענעיעוו איז אומגעגאנגען פון ווינקעל צו ווינקעל ניט וויסענ־דיג וואס צו טאן. ער האט זיך פויל צוגעהערט צו דעם אומעטיגען גאנג

פון זיינע געדאנקען. ביי איהם איז אלץ געפאלען פון די הענט. אלעס האט אויסגעזעהן אוננויטיג, אין איהם האט ערוואכט א שארפער גע־פיהל פון א באגאנגענעם אונפאריכטבארען טעות.

„און נאך וואס בין איך אהער געקומען?“ — האט ער זיך גע־פרעגט מיט א טויבען פארדרוס.

צום ערשטען מאל, וואס ער איז געקומען אין דעם שטעטעל אין הערבסט; פריהער פלעגט ער דא זיין בלויז אין דעם גאלדענעם זומער, און אין דעם גרין־פריידיגען פרילינג.

ער האט אליין ניט געוואוסט, פאר וואס עס איז איהם איינגעפא־לען צו קומען צופאהרען. געטריבען האט איהם עפעס א מין אונ־פארשטענדליכע בייגקשאפט און בייזער כעס, אהן א פארוואס, אויף אלעמען און אויף זיך אליין. ער האט דאס געטאן ווי אימיצען אויף צו להכעיס.

„אומעטיג איז דארטען, טא זאל זיין נאך אומעטיגער!...

נאריש, אומגעלומפערט, טא זאל זיין נאך נארישער, נאך אומ־געלומפערטער!...“

א פאר טעג פאר זיין קומען האט ער באגלייט זשעניטשקען, וועלכע האט אפגעוואוינט א מאנאט אין מאסקווע, און איז אפגעפאהרען ער־געץ וואו אין סיביר.

דער געזעגענעם מאמענט איז העל פארבליבען אין זיין זכרון. זשעניטשקע איז געשטאנען אין דעם אריינגאנג פון האלב דונ־קעלען וואגאן, און געקוקט אויף דזשענעיעוו׳ן מיט איהרע שווארצע, אפילו אין דער פינסטער שיינענדע אויגען, און אט די געוואגטע לע־בעדיגע אויגען האבען טיעף פארבאהאלטען אין זיך א ווייכען אומעט.

— פאהרט איהר, הייסט עס? — האט אוטאמאטיש ניט ווי־סענדיג וואס צו רעדען, געזאגט דזשענעיעוו.

ער האט געקוקט אויף איהר שלאנקער פיגור, אויף איהר שעהנעם העלען געזיכט מיט די שווארצע אויגען און ברעמען, און איהם איז אפילו אליין אויך געווען מאדנע, וואס ער פיהלט מעהר גאר ניט, אויסער מיעדקייט. איהם האט זיך אזוי ווי געוואלט אז זי זאל שוין גיכער אוועקפאהרען. און זי איז דאך געווען איהם נאהענט, אזוי אדער אנדערש איז זי דאך אריינגעגאנגען אין זיין לעבען און איהם געמאכט אזוי פיעל איבערצופיהלען.

אמת איז, אז זי האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, אז זי האָט איהם ליעב. ווען דזשענעיעוו פלעגט ביי איהר פרעגען וועגען דעם, האָט זשעניטשקאַ בלויז געהיימניספול געלאַכט.

אויראַ! איז אייך דען ניט אַלץ איינס, סערגעי ניקאָלאַיעוויטש? און ער האָט געוואוסט אז עס איז איהם אַלץ איינס, נאַר פונדעסט־וועגען איז איהם געווען אונאַנגענעם וואָס זי זאָגט ניט „איך ליעב!“ אין איהר גלעכטער און אויגען, וועלכע האָבען אויסגעמידען אַ גלייכען ענטפער, איז געווען עטוואָס, וואָס האָט גערעדט פאַר זיך: עפּעס איז געווען דאָרטען, אין די טיפעניששען פון איהר שטאָלצען הארצען, אבער זי וועט איהם דאָס קיינמאָל ניט דערצעהלען. ער פיהלט בלויז אז זי בייזקט און ליידט...

— פאַהרט איהר הייסט עס? — האָט ווידערהאָלט דזשענעיעוו.

— יאָ, איך פאָהר... שוין צייט! — האָט געענטפערט יעווגעניאַ סאַמאַילאָוונאַ. — נו, וואָס־זשע... זייט געזונט! און דערמאָנט מיך ניט צום שלעכטען, מיר וועלען זיך שוין מעהר ניט זעהן!...

— פאַרוואָס?

ער האָט געפרעגט בלויז דערפאַר, וואָס עס איז שוין געווען אבי־סעל צו אונאַנגענעם אונטערצושטרייכען אז זיי שיידען זיך אויף אייביג, ווי אויך דאָס, אז זיי זענען שוין פרעמדע איינע צו די אַנדערע. יעווגעניאַ סאַמאַילאָוונאַ, האָט איהם טיעף ארייגעקוקט אין די אויגען, ווי זי וואָלט האָפען דאָרטען עפּעס צו געפינען. איהרע ראָזעווע ליפּען האָבען אַ ציטער געטאָן, נאָר זי האָט זיך צולאַכט.

— אַך, סערגעי ניקאָלאַיעוויטש!... נאָך וואָס דאַרפען מיר זיך באַגעגענען?... ווייטער וועט זיין לאַנגווייליג. אמת אזוי?... יאָ?...

דזשענעיעוו האָט אין פאַרלעגענהייט געדריקט מיט די פּלייצעס.

—און אזוי וועלען מיר געדענקען איינער דעם אַנדערען, ווי אַן איינגע־נעמענעם חלום, האָט מיט אַ קלינגענדער שטים פאַרטגעזעצט די יונגע פרוי. — און נאָך וואָס דאַרפט איהר דאָס?... עס וועט זיין אַן אַנ־דערע... בעסער געזאָגט פיעלע אַנדערע!...

פאַר דזשענעיעוו'ן האָט דורכגעשוועבט אַ נעבעלהאַפטע רייהע פון אָט די „אַנדערע“, נאָך אונבאַקאַנטע פרויען, וועלכע וועלען פון ערגעץ קומען און וועלען איהם ברייגען זייערע צערטליכקייטען... און איהם איז עפּעס געוואָרען דערביי אזוי אומעטיג און דערווידער:

שוין־זשע וועט ער נאָך האָבן אַ סך פרויען, וועלכע וועלן אויך, ווי די צעהנדליגע פריערדיגע פאַרשווינדען אין דעם נעבעל פון לעבען, ווי אַן אומנוּיטיגער חלום?... נאַכוואָס?... בלויז אום צו פאַרגעסען זייערע פּנים׳ער, פּונקט אַזוי, ווי עס זענען פאַרגעסען געוואָרען די פריהערדיגע, ווי עס וועט פאַרגעסען ווערען אויך אָט די פרוי?... בלויז דאָס?

און מיט אַמאָל האָט זיך איהם פאַרגלוסט אַז זשעניטשקאַ זאָל ניט אַוועקפאָהרען. פונדעסטוועגען איז זי אַ — ליעבע!... אפשר איז זי אַ פּוסטע און ניט קיין קלוגע, אָבער זי איז איהם שוין נאָהענט און צווישען זיי האָט זיך שוין עפּעס דורכגעצויגען. נאָך וואָס־זשע צו־רייסען און זוכען נייעס?... ווער ווייסט צוליעב וואָס זי איז זיך צו־נויפגעגאַנגען מיט איהם, אבער זי האָט איהם פאַרשאַפען אַזוי פיעל שעהנע און גוטע מינוטען. זי איז געווען אַ וואוילער חבר אין גענוס, קיין זאַך ניט פאָדערענדיג, מיט קיין זאַך איהם ניט פאַרבינדענדיג. אַ געפיהל פון צאַרטער קערפּערליכער דאַנקבאַרקייט האָט דערוואַרעמט זיין נשמה. דזשענעיעוו האָט גענומען זשעניטשקע׳ס האַנט און האָט זיך אַ שטילען דאַנקבאַרען קוש געטאָן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם פון אויבען, אַ שמערצליכער געפיהל האָט זיך באַוויזען אין איהרע פרעהליכע שוואַרצע אויגען, וועלכע דזשענעיעוו האָט ניט געקענט זעהן אין דער מינוט.

— פונדעסטוועגען... — האָט אָנגעהויבען דזשענעיעוו, און ניט געענדיגט, ווי ער וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשרעקען.

זשעניטשקאַ האָט געקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט עפּעס ערוואַרטען. דערנאָך האָט זי אָפּגעזיפצט און זיך צולאַכט.

נו, זאָל זיין! — האָט זי געזאָגט אין דער וועלט אריין.

פאַרביי דעם אריינגאַנג זענען אַלע ווילע פאַרבייגעגאַנגען מענשען און געשטערט רעדען. אַלע ווילע האָבען די פאַרהאַוועטע טרעגער זיי געבעטען אָפּטרעטען אין אַ זייט און קריכענדיג מיט די שווערע פּעק האָבען זיי צונעדריקט זשעניטשקען צום וואַנט און זי גע־שטויסען. אָבער זי איז ניט אַוועקגעגאַנגען. עס איז זיי אויסגע־קומען שווייגענדיג קוקען איינע אויף די אַנדערע און דערפאַר איז געווען אומאַנגענעם און נאַריש.

שאַרף האָט דורכגעקלונגען דער צווייטער סיגנאַלען קלאַנג. עס

איז געוואָרען נאָך שווערער. עס האָט זיך געפיהלט, אז עס ציהט זיך און צורייסט זיך אין איינציגע פעדים עפּעס א מין פאַרבינדונג, און מיט יעדען אויגענבליק ווערען זיי ווייטער איינע פון די אַנדערע.

אָט באַלד וועלען זיי זיך צושיידען, און זיך מעהר קיינמאָל ניט באַגעגנען. זי וועט זיך אוועקטראָגען ערגעץ ווייט אין א פּראָווינציע־ער שטאָט, וואו מען וועט איהר פּאַטשען בראַווא, אונטערטראָגען בלומען און בריליאַנטען. דאָרטען, וועט זי זיך צוגויפּגעהן מיט אַי־מיצען אַנדערש און אָט דער אונבאַקאַנטער, וועמען ער האָט זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען, וועט איהר ווערען אזוי נאָהענט ווי איצט דזשענעיעוו, וועט זי אויך אזוי קושען, אויסטאָן און גלעטען. און ער וועט זיך אומקערען אליין אויף א נאַסען פוהרעל, איבער די נאַסע מאָסקווער גאַסען, וועלכע זענען פול מיט א פרעמדער ערגעץ וואו זיך — איילענדער מאַסע. און דזשענעיעוו'ן האָט די גאַנצע זאַך אויסגעזעהן אַלץ אומגעלומפּערטער און נאַרישער.

ער האָט ווידער גענומען און א קוש געטאָן זשעניטשקע'ס האַנט. אזוי דער מינוט, ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז סיי ביי איהם, סיי ביי איהר קיין נאָהענטערער מענש ניט געווען.

— פונדעסטוועגען טוט מיר באַנג, וואס איהר פאָהרט אוועק! — האָט ער געזאָגט איבערגעוואַלט, אליין גוט ניטוויסענדיג צו דאָס איז אן אמת אדער א ליגען. מאָדנע ווי עס צווייען זיך א מענשענס גע־פיהלען!

— עס רעדט זיך אזוי? — האָט געפרעגט יעווגעניאַ סאַמאָי־לאָוונא. איז אין איהרע אויגען האָט ווידער דורכגעשוועבט א וואַרי־מער, פאַרבאָהאַלטענער געפיהל.

— געוויס... פונדעסטוועגען האָב איך אייך ליעב געהאַט! — האָט געזאָגט דזשענעיעוו און האָט אליין א שמייכעל געטאָן דער אומ־געלומפּערטקייט פון אָט דעם „פונדעסטוועגען". זשעניטשקאַ האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

דזשענעיעוו האָט זיך ערינערט אין אַלעס וואָס עס איז געווען און דערפיהלט, אז עס זענען ווירקליך, געווען מאָמענטען ווען זי האָט אַנגעפיהלט פאַר איהם די גאַנצע וועלט, און ארויסגערופען א צאַרטען הייסען געפיהל. ניט נאָר קיין ליידענשאַפט!... אפילו אויך איצט, ווען עס זאָל איהר דראָהען א ערענסטע געפאַהר, וואָלט ער דען

זיך פארטראכט, אדער גוואקעלט אפילו א מינוט אום ווארפען זיך פאר איהר אויף א זיכערען טויט?

— איך האב אייך פונדעסטוועגען ליעב געהאט, האט ער איינגעשפארט ווידערהאלט, ווי ער וואלט זיך אליין וועלען אנטשעפען אין אט דעם ווארט.

— ניין, — האט אפגעענטפערט זשעניטשקא, — און איהרע שווארצע אויגען זענען געווארען ערענסט און קלוג, — עס זענען געווען מאמענטען, ווען אונז האט זיך אזוי געדוכט, אבער דאס האט איהר ניט מיך ליעב געהאט. נאר אין מיר האט איהר געליעבט די פרוי אין אלגעמיין!...

דזשענעיעוו איז ערשטוינט געווארען פון אט די ווערטער. ער האט א קוק געטאן אויף זשעניטשקען מיט פארוואונדערונג. ער האט דערפיהלט צו איהר א מאדנע אכטונג. מיט אמאל האט ער זי דערזעהן אן אנדערע, אונגעהויער העכער און פיינער, פון יענער פוסטער לייכטזיניגער אקטריסע, וועלכע ער האט געקענט.

שוין־זשע האט ער פארזעהן איהר אמת'ע פערזענליכקייט?... וואסערע סודות זענען באהאלטען אין די טיפענישען פון אט דעם מאדנעם נפש, וועלכע האט איהם אויסגעזעהן צו זיין אזוי קליין.

— גאר אזוי... — האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט. — ווארום, האט איהר פריהער קיינמאל אזוי ניט גערעדט?

מאדנע, זי האט גלייך פארשטאנען, וואס ער טראכט, און האט געענטפערט מיט א קרומען שמייכעל:

— איהר האט דאך ניט דאס באדארפט, סערגעי ניקאלאיעוויטש!

— איהר... נו, איצט איז דאך שוין סיי ווי סיי שוין אלץ־איינס!...

זי האט געשוויגען א ווײלע, דערנאך ווי א שולדיגע א שמייכעל געטאן און מיט א נייער שטימע, וואס איז פול געווען מיט טיפער צערטליכקייט, געזאגט:

און פונדעסטוועגען זענען מיר פרויען אן אומגליקליך פאלק!... דאס אלעס גיט זיך אונז ניט אזוי לייכט... ווי... איבריגענס, ניט דאס, — האט זי זיך אליין אין איילעניש איבערגעשלאגען. — אבער זאגט... מיר צושיידען זיך, און מעגליך, אז ווירקליך אויף אייביג... איצט מעג מען אלעס זאגען... זאגט: צו זענט איהר גליקליך?... נו, כאטש אמאל, צייטענווייז?... אט מיט מיר, מיט אן אנדערער...

— האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שמערצליך שפּאָטישען שמייכעל איבער זיך אליין.

דזשענעיעוו האָט אויפגעהויבען די אויגען.

— ניין, קיינמאָל ניט! — האָט ער געענטפערט מיט אַן אויפ־ריכטיגקייט, וועלכע האָט זיך ארויסגעריסען פון דער טיעפסטער טיפעניש פון זיין הארצען. און אין דערזעלבער מינוט האָט ער דער־פיהלט אַ בייז אַנזאָגענדע קעלט אין הארצען.

יעווגעניא סאמאילאָוונא האָט לאַנג געקוקט שווייגענדיג, און עפּעס אזוינע שאָטענס זענען אומגעלאָפען איבער איהר שעהנעם און העלען געזיכט.

— יאָ, איך ווייס... — האָט זי געזאָגט מיט אַ דורכדרינגענדען אויסדרוק, — איהר זענט אַן אומגליקליכער מענש, סערגעי ניקאָלאַ־יעוויטש!... פאַר אייך איז שוין אלץ...

שאַרף און איינגעשפּאַרט האָט דורכגעקלונגען דער דריטער פייף און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום באַהן. דזשענעיעוו האָט קוים באַוויזען אַ קושט טאָן איהר האַנט, ווי מען האָט זשעניטשקען אָפּגעטיילט פון איהם, און זי צוגעדריקט צום ווענטעל פון דער פּלאַט־פאָרמע. זי האָט געלאַכט, זיך אויסגעבויגען מיט איהר גאַנצען בויג־זאַמען קערפּער אום ניט אָפּטרעטען דאָס אָרט. דזשענעיעוו האָט ניט דערהערט דעם סוף פון איהר לעצטער פראַזע, און געקוקט אויף איהר איבער די קעפּ פון עולם.

אויף די שטיגען האָט געקלעטערט אַ דיקער אָפיצער און געשריען צו אַ דיקער דאַמע אין אַ גרויסער הוט:

— „גיב איבער דעם טאַטען, אַז צו קריסמעס וועל איך זיכער קומען, כאָטש אויף צוויי טעג“...

אימיצער האָט זיך געקושט, אימיצער האָט געשריען:

— שרייבט!... גריסט איירע!... פאַרגעסט ניט!... האָט אַ גליק־ליכען וועג!...

דער עולם האָט אונבאַמערקט אלץ ווייטער און ווייטער אָפּגע־שטויסען דזשענעיעוו׳ן פון וואַגאָן. צווישען איהם און זשעניטשקע׳ן איז אויפגעשטאַנען עטוואָס קאַלטעס, פרעמדעס, און אפילו פיינדלי־כעס. די שוואַרצע אויגען האָבען צום לעצטען מאָל צערטליך געקוקט אויף איהם שוין פון ווייטען. די ליפען האָבען ווי פריער געשמייכעלט.

אבער די אויגען זענען געווען טרויעריג, און דערצעהלט וועגען עפּעס. וואס וועט שוין קיינמאל ניט ארויסגעזאגט ווערען אין ווערטער. מען האט זיך ניט געקענט איבעררעדען, און דזשענעיעוו האט נאריש געשמייכעלט און געשאקעלט מיט'ן קאפּ. איינצייטיג האט זיך איהם געוואלט, אי זי זאל וואס לענגער ניט אוועקפאהרען, אי עס זאל זיך שנעלער ענדיגען אט דער אונערטרעגליכער נארישער שאקלען.

דער באהן האט זיך פארזיכטיג, כמעט אומבאמערקט גערירט. ער האט זיך א ריס געטאן גענומען קריכען, און מיט אמאל אוועק אלץ שנעלער און שנעלער. ארום האט זיך אנגעהויבען טומלען, מען האט גענומען פאכען מיט די טיכלעך און היט.

לאנגזאם איז אוועקגעשוואומען אין דער ווייטקייט דער העלער געזיכט מיט די שווארצע ברעמען און שווארצע שיינענדע אויגען. נע־בען האט געקוקט דער רונדער פּנים פון דיקען אפיצער, וואס האט נאך אלץ געשריען צו דער גראבער דאמע:

— „טא גיב איבער דעם טאטען"... פארגעס ניט!...

זשעניטשקא האט זיך אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער אום איבער זיין קאפּ בעסער זעהן דזשענעיעוו'ן. זי האט נאך אלץ גע־שמייכעלט, אבער דזשענעיעוו האט שוין געקענט זעהן אז איהרע שיי־נענדע אויגען זענען פול מיט טרערען, און די ליפען ציטערען פיינ־ליך. נאך אמאל האט דורכגעשוועבט איהר געזיכט ביים פארקערעווען, עס האט געפאכט א ווייסער טיכעל, אבער עס איז שווער געווען צו זא־גען אויב דאס איז געווען איהרער. דא האט מען נאך אנגעזעהן די פענסטער און פלאטפארמעס פון די וואגאנעס... עס האט דורכגע־שוועבט דער באהן לאמטערן און די סלופּעס פון וואקזאל האבען אויף אייביג פארבאהאלטען אלעס.

דער ווייסער רויך איז זיך לאנגזאם צוגאנגען. דער ווייטער גע־רודער פון די רעדער איז געווארען אלץ טויבער אלץ שטילער, ביז ער איז אינגאנצען אנשוויגען געווארען.

„זי איז אוועקגעפאהרען!"

עפּעס האט זיך אפגעריסען אין דזשענעיעוו'ס נשמה. ער איז גע־שטאנען א ווילע און איז אוועק צום ארויסגאנג.

נעבען, פאראויס און הינטער איהם זענען געגאנגען מענשען, זיי האבען זיך דורכגערעדט. אבער ער האט זיך געפיהלט אבסאלוט איינ־

זאַם און אליין. דער געפיהל האָט זיך נאָך מעהר פארשטאַרקט און גע־וואָרען כמעט קרענקליך, ווען ער איז ארויס פון דעם גרויסען וואָק־זאַל פּלאַץ, וועלכער איז געווען פארגאָסען מיט דעם פינקלענדען שיין פון עלעקטרי, און באַדעקט מיט די שוואַרצעביידלעך פון די פוהר־לעך. מאָדנע פרעמד האָבען געקלונגען די סיגנאַלען פון די טראַמ־ווייען און געשרייען פון די פוהרמאַנעס.

דזשענעיעוו האָט גענומען א פוהרעל און איז אוועק צו זיך אין צימער פון האָטעל.

12.

א גאַנצען אבענט איז ער אומגעגאַנגען צוועקלאָז פון ווינקעל צו ווינקעל אין זיין צימער און האָט זיך צוגעהערט צו דער געהיימניס־פולער ארבייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער טיפעניש פון זיין נשמה.

דער גרויסער האָטעל האָט געשוויגען. ערגעץ הינטער די טויבע ווענט האָט שוועך געדונערט די אייביג רוישענדע גאַס... עס זענען אַלץ געפאַהרען און געפאַהרען ערגעץ וואו אונבאַקאַנטע מענשען, וועל־כע דזשענעיעוו האָט ניט באַדאַרפט.

איהם האָט זיך פארגעשטעלט א בלאַסער ברעגלאָזער ים פון מענשליכע געזיבעטער, וועלכע גיסען זיך צוזאַמען אויפ'ן האָריזאָנט און נעבעלהאַפטען פיעלפאַרביגען פּאַס. וויפיעל עס, זיינען זיי!... און אַלע לעבען, שרייבען ביכער, מאָהלען בילדער, לעבען מיט פרויען, פיה־לען אַן די הייזער און ליעבען און ליידען אויף זייער אייגענעם שטיי־גער... און יעדערען דוכט זיך אַז זיין לעבען, זיינע ליידען און ליעבע איז דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע!...

דזשענעיעוו האָט ווי ניט פאַרשטעהענדיג געדריקט מיט די פּלייי־צעס. ער איז געווען אין א מאָדנעם אונרוהיגען צושטאַנד. איהם האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, און ווי מעגליך שנעלער. דייטליך ביז צום וועהטאָג האָט ער געפיהלט דעם נוצלאָזען גאַנג פון

דער צייט, און ממש מיט די הענט אָנגעטאַפּט, ווי מיט יעדער רגע, ווי מיט יעדען אייגענבליק פאַרשווינדט עטוואָס אונבאַגרייפליך שאַצ־באַרעס וואָס ער וועט שוין קיינמאָל ניט קענען אומקערען צוריק. אָבער צו דער זעלבער צייט האָט א פאַלשטענדיגע אַפּאַטיע ארומגע־נומען זיין גאַנצען וועזען, און עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט, ניט ארבייטען, ניט רעדען, ניט געהן ערגעץ און ניט זעהן קיין מענשען. אַלעס האָט אויסגעזעהן דערווידער, און איבעריג. דזשעניעווו האָט ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס עס טוט זיך מיט איהם, וואָס דאַרף ער, און פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט די נוגענדע ביינקשאַפט.

ער האָט געוואָלט זיך צווינגען ארבייטען, נאָר אנשטאַט דעם האָט ער ארויסגענומען א קליינע אָנגעוואָרפענע סכעמא פון א פרויען קער־פער, מיט שיינענדע שווארצע אויגען און שווארצע ברעמען אויף א העלען געוואַגטען געזיכט, און האָט לאַנג און אויפמערקזאַם געקוקט אויף דעם קעפעל און זיך אַליץ צוגעהערט צו דעם שטילען, אונרוהיג נאָגענדען געפיהל אין זיין נשמה.

„וואָס טוט זיך מיט מיר? — האָט ער כמעט מיט פאַרדרוס גע־פרעגט ביי זיך. — מיר טוט באַנג וואָס זשעניטשקא איז אוועקגע־פאָהרען?“

דזשעניעווו האָט א ציה געטאָן מיט די פּלייצעס, און א שמיץ געטאָן דאָס בילד אויפ'ן טיש.

„וועניג זענען זיי דאָ!... דאָס איז פון יענע עוצרות, וועלכע מען קען איבעראַל געפינען וויפיעל דאָס הארץ גלוסט!“... — האָט ער מיט א געמאַכטען ציניזם, אזוי ווי אימיצען אויף צו להכעיס געזאָגט הויך.

דער קלאַנג פון זיין אייגענער שטימע, אין דעם ליידיגען צימער, צווישען דער נאַכט שטילקייט פון דער אונגעהויער גרויסער געביידע, האָט איהם אָפּגעקלונגען זעהר מאָדנע, און אפילו אונאַנגענעם. עס איז איהם באַפאַלען א פחד. ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש, זיך געלייגט אויף דעם דיוואַן, פאַרלייגט די הענט אונטער'ן קאָפּ און פאַרמאַכט די אויגען.

גלייך האָט זיך פאַר איהם באַוויזען זשעניטשקעס געזיכט. דאָס געזיכט האָט געקוקט אויף איהם מיט אויגען וועלכע האָבען וועגען עטוואָס געפרעגט און עטוואָס סודות'דיג אין זיך פאַרבאַהאַלטען.

ס'האָט זיך א וויג געטאָן און שווימענדיג איז עס פארשוואונ־דען אין דער פינסטער, אויף איהר פּלאַץ האָט זיך באוויזען אן אנדער פרוי — א גרויסע מיט א פראכטפולען קערפּער און מיט גרויע, זעהר גרויסע אויגען.

דזשענעיעוו האָט מיט א געפיהל פון זנות זיך זי פאַרגעשטעלט אינגאנצען פון דער פראכטפול מאָדנע פארקאמטער קאָפּ, שווערע פּליי־צעס ביז די שמאָלע שעהנע טריט פון די פיס.

דאָס איז געווען אן אדוואקאטס פרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך באקענט דאָ אין מאָסקווע. אויף א וואוילטעטיגען אבענט האָט זי איהם פאַרגעשטעלט איהר מאַן. דאָס איז געווען א גוטמוטהיגער מענש אין א שווארצען סורדוט, מיט א רויטער בלום אין לאַץ, און א פראכטפאָלער שווארצער באָרד. ער איז געשטאַנען ביי א ביידעל און געטרונקען קאָניאק פון א דינעם גלעזעל, און פריינדליך געקוקט מיט די קורצזיכטיגע אויגען פון הינטער די גאָלדענע פענסנע. זי איז גע־שטאַנען דערביי אין איהר ווייסען קלייד א שעהנע, א פראכט־פולע און רוהיג געקוקט אויף זיי ביידען מיט איהרע דורכזיכטיגע אויגען. עס ווייזט אויס אז איהר האָט פארשאַפען גרויס פארגעניגען צו זעהן ווי פריינדליך עס שמועסן צווישען זיך איהר מאַן מיט דעם צוקונפטיגען געליעבטען... דזשענעיעוו האָ שוין דאן געוואוסט אז זי וועט זיך איהם אָפּגעבען.

אין אָט דעם זעלבען צימער אויף דער זעלבער בעט אויף וועל־כער ערשט נעכטען זענען אזוי אונרוהיג געווען צוואָרפען זשעניט־שקע'ס שווארצע האָר, וועט זי זיך אזוי עזות'דיג און אונפארשעמט צולייגען, און וועט אפילו ניט פרעגען וויפיעל פרויען עס זענען ביז איהר געווען אין אָט דעם בעט.

און עס וועט זיך ווידער איבער'חזרן דאָס זעלבינע און די זעלבע דעטאַלען, מיט די זעלבע ווערטער און צערטליכקייטען...

דזשענעיעוו האָט זיך קרענקליך פארקרימט און מיט עקעל גע־פרעגט ביי זיך אליין: און וואָס ווייטער?

— און ווייטער, — גאָרניט!... א לייכטע אונאנגענעהמליכקייט. די קעלט פון א באַפרידיגטען פארלאַנג, צוזאַמען מיט דער אונגעדול־דיגער ערוואַרטונג, אז זי זאָל זיך שוין שנעלער אַנטאָן און אוועקגעהן.

ווייל דאָס בעסטע וואָס זי קען טאָן: איז אוועקגעהן, אוועקגעהן, ווי נאָר מעגליך גיכער און אויף אייביג.

דזשענעיעוו איז געלעגען מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך ערי־נערט.

אין אַ בלאַסער רייהע זענען אויפגעשטאַנען פאַר זיינע אויגן האַלב פאַרגעסענע פרויען געזיכטער... אַ, גאָט, ווי גרויס איז זייער צאָהל!... בלאָנדע און שוואַרצע, ליידענשאַפטליכע און קאַלטע, מאָגע־רע און פולע, די אַלוויסענדע פרויען, און שעמעוודיגע מיידלעך מיט בושה טרערען אין די דערשראָקענע אויגען. פון אַ סך געדענקט ער, דוכט זיך, ניט אַפילו די נעמען.

דאָס האָט איהם אַזוי ערשטוינט און אַזוי ווי דערשראָקען. פאָל־שטענדיג איינגאַנצען האָט זיך איהם אַפילו קיין איינע ניט געקענט פאַרשטעלען — ער האָט בלויז געדענקט איינצעלנע מאָמענטען און איינצעלנע שטריכען פון קערפּער פון דער אָדער דער צווייטער... פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבען זיך אויפגעהויבען נאַקעטע פיגורען, אָהן פּנימער, אָהן ווערטער, און אָהן נעמען און האָבען זיך צושוואומען אין נעבעל, ווי גייסטער איבער אַ בלאָטע.

די עראינערונגען האָבען אַנגעוואָרפען אויף איהם אַן אונערטרעג־ליכען אומעט.

ער האָט זיך גענומען גוט צו דערמאָנען אָבער ער האָט זיך פאַר־פּלאָנטערט. ביי איהם איז געווען אַזאַ געפיהל, פונקט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט ביים עק פון וועג, וואָלט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אַז ער ווייס ניט, וואוהין און נאָך וואָס ער איז געקומען.

„אָבער ווירקליך, דאָס איז דאָך דאָס לעבען: דער אומבייט פון איינדריקע און איבערלעבונגען. אַ גאַנצע קייט פון פאַרגעניגען! האָט דזשענעיעוו געטראַכט, מיט ניט ווילענדיגער פאַרצווייפלונג, אַזוי ווי ער וואָלט שטרייטען מיט אימיצען אין דער טיפעניש פון זיין נשמה.

— אָבער, וואָרום דריקט דאָן אַזאַ מין מורא׳דיגער אומעט, און אַזאַ קרענקליך אָפּשטויסענדער געפיהל?... שוין־זשע איז דאָס געווען אַ טעות?... אַ טעות פון גאַנצען לעבען!“

אַן אייז קאַלטער שרעק האָט דורכגענומען זיין נשמה.

„און אין דעם איז דען געווען מיין גאַנצער לעבען!“

ניט בלויז דערמיט אַליין האָב איך דאָך געלעבט... און די קונסט?“

„די קונסט!“ האָט ווידערהאָלט דזשענעיעוו. נאָר זיין נשמה האָט זיך ניט אָפּגערופען און אַלעס אין איהר איז געווען פּוסט און טויט.

שוין־זשע האָב איך ניט ליעב די קונסט? ניין, ניין, איך האָב ליעב די קונסט נאָר... נאָר עס מוז דאָך אַמאָל מענשען דערעסען איי־ביג צו שמירען בילדער, שרייבען ביכלעך און קלעפּען סטאַטועס...“ מיט אַמאָל האָט ער אונערוואַרטעט דערהערט די בייז פּאַראַויסזאָ־גענדע נביא'שע שטים פון נאָומאָוו'ן און דערפיהלט אז די ווערטער פון דעם משוגע'נעם אינזשינער האָבען געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיין נשמה.

דזשענעיעוו האָט זיך דערשראָקען פאר יענער פּוסטקייט וואָס האָט זיך ענטפּלעקט פאר איהם.

מיט'ן געדאַנק האָט ער זיך איבערגעטראָגען אין די אויסשטע־לונגס זאַלען וואו ער איז ערשט היינט אין דער פריה געווען און וואו עס איז געהאָנגען זיין בילד „די לעבעדיגע אזערא“ אזא מין ריינע און קאַלטע.

דאָרטען איז געווען אונהיימליך און פּוסט, כאָטש עס זענען דאָרטען געווען הונדערטע באזוכער, זיי זענען געקומען און אַוועקגע־גאַנגען, געווען ענטציקט אדער געלאַכט, אבער עס האָט זיך דייטליך געפיהלט, אז אין גרונד גענומען איז זיי אַלץ איינס. ביי יעדען איי־נעם איז געווען זיין לעבען, טויזענדער געשעפטען. מעגליך, אז אין פארגלייך מיט דער אייביגער קונסט, זענען זיי גאָרניט ווערט, אבער פאר זיי זענען זייערע געשעפטען — פיעל נעהענטער און וויכטיגער.

פיעל קאָלירטע קעפּ האָבען זיך געדרעהט פון הינטען, ווי א וואַסער געדראַנג, און פון אויבען האָבען געקוקט אויף זיי די העלע לייווענטען. די בילדער האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין פיעל־פארביגער מאַסע און עס איז געווען שווער צו דענקען, אז ניט איין מענש האָט לויט א באַשטעלונג באַמאָהלען די אַלע וועגט, נאָר צעהנדליגע מענשען האָבען זיך אויפריכטיג געמאַטערט אויף יעדען שמיר מיט'ן פּענזעל, און דערביי נאַיוו און הייליג גע־גלויבט אז זיי טוען אַן אויסערגעוועהנליך גרויסע און וויכטיגע זאַך. הייליג און וויכטיג איז דאָס, וואָס איינער האָט פאר־מישט די פאַרבען אזוי אז ער זאָל דערמאָנען דעם איינדרוק פון א

פיה הויף. — דער צווייטער איין אזערא מיט שווימענדע שוואנען; דער דריטער — דעם אונטערגאנג פון דער זון, דער פערטער — איהר אויפגאנג, דער פינפטער — דעם יאריד אין נאוואגראד!... און דאס אלעס איז געטאן געווארען מיט'ן געדאנק אום היינט צו האבען שלאגען דעם איינדרוק פון א פארלאזענעם פארק, מארגען, דעם איינדרוק פון א פארלאזענעם פארק, איבער־מארגען — דעם איינדרוק פון דעם ערשטען שניי, דערנאך דעם איינדרוק פון א נאקעטען פרויען קערפער אדער א בינטעל בלומען!...

פון אייביג אן האבען מענשען געמאהלען אלעס, וואס איז דא ארום זיי, און האבען טריאומפירט, וואס זיי מאהלען אומגעפער ריכטיג! עס וועלען פאריבער יאהר־טויזענדע און זיי וועלען אלץ קאפירען די שיינענדע נאטור, וועלכע טריאומפירט איבער זייערע אנשטרענגונגען.

נייז, דערמיט לעבען קען מען נאר דאן, ווען מען גלויבט נאיוו, און גלויבען קען מען אפילו אין א שטיק האלץ... מען האט געגלויבט, מען גלויבט און מען וועט גלויבען, ווייל עס איז שרעקליך זיך מיט אמאל דערפיהלען אין דער פאלקאמענער פוסטקייט, און דערזעהן, אז אלעס איז ניט מעהר ווי דאס זוכען און שטרעבען פון גייסט!...

„אבער דאס וואס איז שוין דא, איז דאך א פאקט! — האט א טראכט געטאן דזשענעיעוו. — אבער דער פאקט איז בלויז אין דעם, וואס טויזענדע לעבעדיגע און לאנג פארשטארבענע מענשען האבען איבערגעלאזען אויף שטיקלעך לייוונט, שטיקלעך ליים, אדער פאפיר בלאסע שפורען פון זייערע איבערלעבונגען, פון זייער פארגעסענעם לעבען... און לויט אט די בלאסע שפורען, נאך אט די אפגעריבענע שריפטען, לעזען די צוקונפטיגע דורות די געשיכטע פון דער מענשהייט. אום זיי זאלען אפשר איבערלייענען אויף דעם לעצטען בלעטעל דאס, וועגען וואס זיי האבען זיך שוין ניט איין מאל פארטראכט: אז דאס לעבען — איז אן אונזין, און מענשען זענען שטויבעלעך, מיט וועלכע עס שפילט זיך דער ווינט פון דער אייביגקייט.

„יא, זיי וועלען פריהער אדער שפעטער איבערלייענען אלץ ביז דעם לעצטען בוכשטאב און מיט א טויטער פוסטקייט אין דער נשמה, וועלען זיי גלייכגילטיג אונטערשרייבען — א סוף“.

דזשענעיעוו איז אויפגעשטאנען, אין א שמערצליכער אונרוהיג־

קייט, אליין ניט וויסענדיג וואָס מיט זיך צו טאָן. אין אנגסט, פון וועלכער אלע נערוועז האָבען זיך אנגעצויגען ווי פעדעם וועלכע זענען גרייט אלע ווײלע זיך איבער רייסען, איז ער איניגע מינוט געשטאַנען אין מיטען דעם צימער און הילפלאָז און רחמנות׳דיג זיך ארומגעקוקט. דערנאָך האָט ער זיך ענטשלאָסען א וואָרף געטאָן אויפ׳ן בעט און פאַר־לאָשען די עלעקטריק.

עס איז גלייך געוואָרען ליכטיג אונטער די פענסטער. עס האָט שוין געטאָגט און אימיצענס קראַנקער אָטעם האָט זיך געלייגט אויף די פאַרשוויצטע שויבען פון די פענסטער.

דזשענעיעוו האָט זיך אומזיסט געמיהט איינצושלאָפען. אפשר איז ער אויף איינצעלנע מינוטען פאַרזונקען אין א שווערען מוטנעם האַלבען שלאָף, אבער איהם האָט זיך געדוכט אז ער ליגט די גאַנצע צייט מיט אָפענע אויגען, און ווי הערבסט־וואָלקענס ציהען זיך אין קאָפּ אזוי שמערצליך ווייטאָגהאָפט די געדאַנקען.

עס וועט קומען א נייער טאָג, נייע באַגעגענישען, נייע געדאַנקען און געפיהלען... אזוי וועלען פאַריבער א סך יאָהרען, זיינע האָר וועלען פון שוואַרצע גרוי ווערען, דונקעלער וועלען ווערען די אויגען און די הענט וועלען אנהויבען ציטערען... דער אלטער מאַלער, ווי א קאַטאָר־זשניק, וואָס איז צוגעשמידט צו זיין האַנט־וועגעלע, וועט אלץ שרייַ־בען און שרייבען זיינע בילדער, ניט וואַגענדיג זיך אפּצושטעלען אום ניט צו שטאַרבען מיט אן ערליידיגטער נשמה. שטאַר און לאַנגווייליג וועלען זיך אויסציהען די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען... צוביסלעך וועלען אוועקגעהן די פרויען, די לבנה נעכט וועלען ווערען בלויז קאַל־טע און פייכטע, די זוניגע טעג וועלען דונקעל און לאַנג ווערען, דאָס לייב — שווער, און ווי א נאַגענדער שטיין וועט זיך לייגען אויף איהם די קונסט, — אן אלטע דערעסענע געוואוינהייט. דאַן וועט קומען די לעצטע קראַנקהייט, דאָס גוסס׳ן און דער טויט. אזוי וועט זיך אלעס ענדיגען !...

אזוי לאַנגווייליג און פשוט, אזוי ווי דאָס גאַנצע לעבען וואָלט גע־ווען בלויז צוליעב דעם אום איהם צוצוגרייטען צו אָט דעם אונפאַר־מיידליכען, שרעקליכען סוף.

אין דער טעמפּער פאַרגעסענהייט פון שלאָפלאָזיגקייט האָט דזשענעיעוו צום ערשטען מאָל א טראַכט געטאָן, ווי גוט עס וואָלט גע־

ווען ווען עס זאָל זיך איננאַנצען ניט אָנהויבען קיין נייער טאָג, און ער וואָלט שוין מעהר ניט באַדאַרפט ניט קיין בילדער, ניט קיין פרויען, ניט קיין ליידען, ניט קיין פריידען.

און אזוי ליעב און זיס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט די רוה.

13.

אויף דעם צווייטען טאָג איז דזשענעיעוו אוועקגעפאָהרען אהיים אין זיין געבורטס־שטאָט.

אליין ניט וויסענדיג נאָך וואָס ער פאָהרט, איז דזשענעיעוו דעם גאַנצען טאָג געווען אין דער זעלבער פיינליכער אונרוהיגקייט.

ער האָט זיך דעם גאַנצען וועג, אָט געליינט, אָט אויפגעשטאַנען, אָט איז ער ארום אויף דער פּלאַטפאָרמע און אָט האָט ער געטרונקען אין רעסטאָראַנט־וואַגאָן, און אָט האָט ער גאַר שטונדען לאַנג צוועקלאָז געקוקט אין פענסטער.

הינטער די טרערענדיגע שויבען זענען אומעטיג געלאָפען די נאַ־סע פעלדער, מיט די אריינגעוואקסענע אין דער ערד דאַרע וועלד־לער, ציטערענדיגע טייכלעך, דערפלעך און ערגעץ וואו פליהענדיגע נאַ־סע פויגלען. קוקענדיג אויף אָט דעם אומעטיגען ברעגלאָזען גרויעם רוים, וועלכער איז געווען פאַרצויגען מיט א הייטעל פון רעגען, האָט געקענט איינפאַלען:

שוין־זשע לעבען דאָ אויך מענשען?... וועגען וואס־זשע דענקען זיי, וואס טוען זיי גאַנצע טעג, מיט וואס און נאָך וואס לעבען זיי?

אלעס איז געווען איינגעהילט אין א הייטעל פון אומעט, ארימ־קייט און גרויקייט. עס האָט אהן א שיעור געטריפט א דריבנער רעגען, און געדוכט האָט זיך אז אלץ און אלעס — אי די ערד, אי דער הימעל, סיי די פעלדער, סיי די דערפער, סיי די פליהענדע נאַסע

פויגלען, סיי די גרויע נאַסע פויערים אויף די פאַרוואָרפענע האַלבע־סטאַנציעס, וואָס קוקען טעמפּ נאָך דעם צוג, — אַלעם ווייגט, דורכ־געדרונגען מיט א מין אייביגען טרויער.

פון דער שלאָפלאָזער נאַכט איז אין דזשענעיעוו'ס קאָפּ געווען ווי אין א נעבעל און צייטענווייז האָט ער אינגאַנצען וועגען קיין זאַך ניט געטראַכט, און בלויז געפיהלט, אז מיט איהם קומט פאָר עפּעס שרעקליכעס, עטוואָס אזוינס, וואָס איז מעגליך בלויז צום לעצטען מאָל.

ווען דזשענעיעוו איז געקומען אהיים און אפּגעשלאָפען דעם גאַנ־צען טאָג מיט א טעמפּען שווערען שלאָף, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און גענומען קומען צו זיך. ער האָט א בליק געוואָרפען אויף דעם פאַרשטויבטען קאַלטען ארבייטס צימער, ער האָט דערזעהן דעם נאַ־סען גאָרטען הינטער דער פענסטער און מיט שרעק געפרעגט ביי זיך:

„נאָך וואָס בין איך אהער געקומען?... דאָס מיינט דאָך שוין צו אַלעם א סוף!“...

ער האָט זיך מיט אמאָל אזוי מאָדנע פאַרלאָרען, און איז א היפּשע צייט צוועקלאָז אומגעגאַנגען איבער די צימערן, און אַלץ עפּעס געזוכט מיט די אויגען ארום און ארום, ווי איינער וואָס האָט זיך פאַרבלאָנד־זשעט.

עס איז טונקעלער געוואָרען. דזשענעיעוו האָט אויטאָמאַטיש אָנ־געצונדען דעם לאָמפּ. גלייך איז שוואַרץ געוואָרען הינטער די פענס־טער, און דער קינסטליכער פּילין האָט געבוירען אויפ'ן סטעליע א גרויסען שוואַרצען פויגעל, וועלכער האָט בלוטדורשטיג צושפּרייט זיי־נע פליגעל.

ביים ליכט איז ווי לייכטער געוואָרען. דזשענעיעוו האָט זיך אָנגעטרונקען מיט טעע, צונומען די זאַכען, און האָט באַשלאָסען צו געהן אין קלוב.

איהם האָט זיך אפילו פאַרגלוסט אימיצען צו זעהן, און ער האָט זיך מיט פאַרגעניגען דערמאָנט אין דעם אַלטען דאָקטאָר אַרנאַלדי.

אין דער צייט איז געקומען ליזאַ.

זי איז כמעט ווי אריינגעלאָפען, א נאַסע פון רעגען, און א פאַר־סאַפּעטע פון אויפרעגונג. אויף די האָר, וואָס זענען געווען צולאָזען פון פייכטקייט האָט זי געטראָגען עפּעס א גרוי שאַלבעל. איהר אויס־

זעהן איז געווען א פארלארענער און שולדיגער. זי האט זיך אליין ווי דערשראקען פאר איהר געוואגטקייט און האט ניט געוואוסט ווי ער וועט זי באגעגענען, אבער איהרע נאיווע אויגען האבען געשיינט פון פרייד.

דזשענעיעוו איז געשטאנען אין מיטען צימער מיט דער הוט אין די הענט, און געקוקט אויף איהר איניגע סעקונדען, ניט פארשטע־הענדיג פון וואנען זי קומט. פאר דער גאנצער צייט האט ער אפילו קיין איינציגען מאל זיך ניט דערמאנט אין ליזע'ן, און איהם האט זיך געדוכט אז זייער בונד איז שוין אויף אייביג א פאלקאם פארענדיג־טער, און ליזא איז שוין אויף אייביג אוועק פון זיין לעבען. און מיט אמאל איז זי ווידער דא ביי איהם, אין אט דער שעמעוודיגער פאזע, אין וועלכער עס פיהלט זיך אן איינגעהאלטענער דראנג, מיט אט די פרעגענדע אויגען וועלכע שטראלען פון ליעבע און פרייד.

אט ווי זי איז אריינגעגאנגען, אזוי איז זי געבליבען שטעהן ביים טיר מיט א שולדיגען און פריידיגען שמייכעל אויף די ליפען.

דזשענעיעוו האט א קוק געטאן אויף איהרע בעטענדע איבערגע־בענע אויגען און האט זיך פארלארען. ער האט גלייך פארשטאנען אז די זאך איז ניט אזוי פשוט, און איהם שטעהט נאך פאר איבער־צולעבען אן אונגעהויער גרויסע און שמערצליכע פיין.

— א... איהר? — האט ער אומגעלומפערט ארויסגעצויגען, און האט געמאכט א שפאן אנטקעגען, דערביי האט ער נאך אליין ניט געוואוסט, וואס ער וועט טאן און וואס ער וועט זאגען.

איין גאט ווייסט, וואס ליזא האט דערזעהן, אדער דערפיהלט אין זיין באוועגונג, נאר איהר געזיכט האט זיך מיט אמאל באלויכטען מיט אן אונענדליכען עקסטאז און ליעבע. זי האט זיך אווארף געטאן צו דזשענעיעוו'ן, האט איהם מיטביידע הענט ארומגעכאפט פאר'ן האלז, און איז אזוי פארשטארבען ניט וואגענדיג א קוק טאן איהם אין די אויגען.

א ווײלע זענען זיי אזוי געשטאנען אין מיטען צימער און דזשע־נעיעוו האט געפיהלט ווי איהר בויגזאמער קערפער האט געציטערט און זיך געדריקט צו איהם. ער האט ערשט איצט באמערקט, אז אוי־סער דער דינער בלוזקע מיט'ן גרויען שאלכעל איז גאר ניטא אויף איהר, כאטש אין דרויסען איז קאלט, און עס גיסט אזא מין דורכ־

דרינגענדער קאַלטער רעגען. אין איהם האָט ערוואַכט א וואַרימער, צאַרטער געפיהל. ער האָט אויפגעהויבען איהר פּנים, וועלכען זי האָט אַלץ באַהאַלטען, און האָט דערזעהן איהרע ברייט צועפענטע, פול מיט ליכטיגע טרערען אויגען, וואָס זענען געווען כמעט דערשראָ־קען פון גליק. ער האָט זי א קוש געטאָן אין די ליפּען.

ליזא האָט אינגאַנצען אופגעציטערט.

אויף אַן אויגענבליק האָט זי זיך אָפּגעריסען פון איהם, א קוק געטאָן אויף איהם און ווידער איהם ארומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, און האָט זיך איינגעפּרעסט מיט איהרע ליפּען אין זיינע. דאַן האָט זי זיך ווידער אָפּגעריסען נאָך אַמאָל אריינגעקוקט איהם אין די אויגען אַט ווי זי וואָלט נאָך ניט גלויבען איהר גליק, און גענומען באַדעקען מיט קושען זיין גאַנצען געזיכט, האָר און אויגען... עס איז געווען קלאָר, אַז זי ווייסט ניט וואָס זי טוט.

מיט אַמאָל האָט זי זיך צואוויינט.

נו, וואָס... וואָס מיין אָרימע מיידעלע? האָט מיט א ציטער אין שטים געפרעגט דזשענעיעוו און מיט א שאַרפען געפיהל אין האַר־צען גענומען גלעטען זי איבער די האָר.

— איך האָב זיך אַזוי אויסגעמאַטערט! — האָט רחמנות'דיג ארויסגעמורמעלט ליזא, און האָט זיך ווידער צואוויינט.

ער האָט זי שווייגענדיג געגלעט איבער די האָר, און פון אויבען געקוקט אויף איהר איינגעבויגענעם העלען קעפּעל. דער מאָמענטאַלער אויסברוך פון צערטליכקייט איז פאַריבער, עס איז פאַרבליבען בלויז א געפיהל פון שטאַרקען רחמנות, צוזאַמען מיט דעם שמערצליכען באוואוסטזיין פון שולד. ער האָט אַליין באַמערקט ווי פאַטערליך ער גלעט זי איבער'ן קאָפּ.

דער קינסטליכער פּילין האָט געקוקט אויף זיי פון זיין ווינקעל מיט געלע בייזע אויגען. דזשענעיעוו'ן איז אונאַנגענעם געווען אַט דער בליק פון דעם טויטען פויגעל.

ליזא האָט אונערוואַרטעט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט א שמייכעל געטאָן דורך די טרערען.

— איך בין א נאַר! האָט זי געזאָגט. — ליעבער, ליעבער, מיין ליעבער!

מיט די ווערטער האט זי געטראכט ווענען איהם יעדען טאג און יעדע נאכט.

און זי האט איהם ווידער אט אפגעריסען פון זיך מיט די הענט. און אט ווידער געקושט, און געקוקט אויף איהם מיט וואהנזיניגע פון ליעבע און גליק אויגען. זי האט אליין ניט געוואוסט וואס צו טאן. ווי אזוי אויסצודריקען איהר ליעבע, וועלכער האט איבערפיהלט איהר יונגען קערפער מיט פיין און גליק.

דזשענעיעוו׳ן איז געווארען אונאנגענעם, ער האט זיך שמערצליך פארשעמט.

— גאט מיינער! — האט ליידענשאפטליך געזאגט ליזא, און אט דער באנאלער ווארט האט איהם א שניט געטאן ווי מיט א מעסער.

נו, זאל שוין אייך זיין גענוג... — האט ער געזאגט.

זעצט זיך, וואס שטעהען מיר... אבער ליזא האט איהם ניט ארויסגעלאזען פון די הענט, ווי זי וואלט ניט הערען און פארטגעזעצט צו קוקען אויף איהם מיט באגייסטערטע אויגען. אין דער מינוט האט זי פארגעסען אלץ וואס זי האט איבערגעלעבט: — די אנגסט, די אייפערזוכט, שטאטישע רכילות, די ערנידערונג און פארצווייפלונג. — זי האט געזעהן בלויז איהם, איהר ליעבען, שעהנעם און ליכטיגען ווי א יונגען גאט.

אין איהר הארצען איז געווען אזא גרויסע ליעבע, אז אין אט דער ליעבע איז זיך צוגאנגגען אלעס וואס איז געווען טונקעל און פינס־טער, און ליזען האט זיך געדוכט אז פון איצט אן איז שוין פאר־בליבען בלויז פרייד.

פון וואנעט האט איהר זיך דערוואוסט אז איך בין געקומען צו־פאהרען? — האט געפרעגט דזשענעיעוו.

— איהר האט מיר אפילו קיין איין ווארט ניט אנגעשריבען... קיין איין ווארט ניט!... און איך האב אזוי... — האט טרויעריג מיט א ווייכען פארוואורף ארויסגערעדט ליזא.

— איך בין געווען זעהר פארנומען... — האט אין גרויס פאר־לעגענהייט ערקלערט דזשענעיעוו.

נאר ליזא האט שוין ווידער ניט געהערט און געקוקט אויף איהם מיט ברייט צועפענטע, וואהנזיניגע פון גליק אויגען.

איז דען ניט אַלץ איינס, וואָס עס איז געווען, אַבי ער איז איצט דאָ!

— לאָמיר זיך זעצען! — האָט ווידערהאָלט דזשענעיעוו.

זי האָט אַ דערשראָקענעם קוק געטאָן אויף איהם און איז גע־האָרכזאַם צוגעגאַנגען צום סאָפע. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך אוועק־געזעצט, האָט זי זיך גלייך אַראָפּגעגליטשט אויפ'ן דיל, זיך גע־שטעלט אויף די קני און האָט איהם אַרומגעכאַפּט מיט די הענט אַזוי שטאַרק, אַז איהם איז געוואָרען שווער צו אָטעמען.

דאָס האָט איהם אויסגעזעהן אַ טעאַטראַליש אַ לעכערליך. ער האָט זיך אַפילו געחידושט ווי אַזוי ער האָט זיך געקענט צונויפגעהן מיט אַזאַ „מעשטשאַנקע". אין זיין מוח איז דורכגעפלויגען טאַקע אָט דער גראָבער וואָרט.

דזשענעיעוו איז שוין ניט געווען אימשטאַנד צו באַנעמען אַזאַ מין אונגעהויער גרויסע ליעבע, וועלכע פאַרדעקט מיט זיך אַלעס, אַפילו דאָס נאַרישסטע און אומגעלומפּערסטע.

ער האָט כמעט מיט גוואַלד אויפגעהויבען ליזען, זי אוועקגעזעצט נעבען זיך און אום זי איינצוהאַלטען האָט ער זי גענומען קושען, פאַר־וואַרפענדיג איהר קאָפּ אויפ'ן קישען פון סאָפע. זי האָט פאַרמאַכט די אויגען און זיך גענומען צאַפּלען אונטער זיינע קושען. אין דער מינוט, האָט ער צום ערשטען מאָל דערפיהלט אין איהר אַ פרוי.

זי האָט באַלאַנגט צו איהם, נאָר קיין איינציגען מאָל האָט ער ניט געפיהלט אין איהר קיין געגענזייטיגע ליידענשאַפט, זי איז געבליבען ריין ווי אַ מיידעל, כאָטש זי איז שוין געוואָרען אַ פרוי.

מיט אַמאָל האָט זי אינגאַנצען גענומען ציטערען און צאַפּלען זיך אונטער זיינע קושען, רייסענדיג זיך אויפשטעהן, דערנאָך האָט זי שטיל גענומען זיפצען און איז אַזוי פאַרשטאַרבען מיט פאַר־מאַכטע אויגען. איהרע באַקען האָבען געברענט און איהר גאַנצער יונגער קערפּער האָט זיך געצויגען צו איהם. איצט האָט זי שוין אַליין זיך איהם אוועקגעגעבען, מיט איהר גאַנצען וועזען.

אַט די ערשטע פאַר'שכור'ענדע ליידענשאַפט האָט דזשענעיעוו'ן אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. זיינע אויגען האָבען זיך צוברענט ווי ביי אַ גזלן און די דינע נאַזלעכער האָבען גענומען ציטערען. ער האָט דור־שטיג געקוקט אויף איהרע ציטערענדע וויעס, אויף די מאַכטלאָזע האַלב

אפענע, פייכטע ליפען, ברענענדע באקען און אויף איהר גאנצען קערפער וועלכער האט זיך געצויגען אין ליידענשאפטליכער מיעדקייט.

אלץ ארום איז פארשוואומען אין נעבעל. ער האט זי ארא פגע־לאזען אויפ'ן סאפע און האט זי ארומגענומען מיט א ווילדער ליידענ־שאפט.

איהם האט זיך געדוכט אז נאך קיינמאל אין לעבען האט ער נאך ניט איבערגעלעבט אזא מין פול־פארכאפענדען געפיהל ווי איצט.

ליזא האט ווי פון שלאף אויפגעעפענט איהרע ליכטיגע, גליקליכע אויגען, האט זיך ארומגעקוקט מיט א פריידיגער פארוואונדערונג, און באהאלטען דאס גליקליכע ברענענדע פנים ביי איהם אויף די קני.

און דזשענעיעוו האט שוין ווידער א מיעדער געקוקט אויף איהר. דאס אלעס האט ער געזעהן און געוואוסט, אזוי טאקע האט זי באַ־דארפט האנדלען און טאקע אזוי באהאלטען איהר פנים. איהם איז מיט אמאל געווארען לאנגווייליג און דערווידער ביז צום טויט.

„ווידער!“ — האט זיך שמערצליך דורכגעטראגען אין זיין קאפ. און דזשענעיעוו'ן האט זיך שטארק פארגלוסט זי אפשטויסען, אויפ־שטעהן, פאררויכערען און ערגעץ אוועקגעהן.

— נו, זעצט זיך, ליזא... מיר וועלען זיך דורכרעדען מיט אייך...

— האט ער געזאגט מיט אן אנשטרענגונג, און האט זי אליין אונ־געדולדיג אויפגעהויבען פאר די פלייצעס.

— איך האב אייך ליעב! — האט אנשטאט צו ענטפערען, ווי א וואהנזיניגע געזאגט ליזא.

דזשענעיעוו איז הילפלאז אנטשוויגען געווארען.

— נו רעדט, רעדט! — האט זי פלינק ווי אומשולדיג געזאגט, זיך נאך אלץ ניט באשליסענדיג א קוק טאן איהם אין פנים, ווייל זי איז ווי עס ווייזט אוים נאך אלץ געווען אונטער דעם איינדרוק פון יענעם גרויסען נייעם געפיהל, וואס איז אין איהר געבוירען געווארען. דאס איז געווען א ליכטיגער עקסטאז, א ריינער, ווי א כוואליע צוגוס פון מעכטיגע כחות, באנייטע אין ליידענשאפט פון קערפער און אין אונבאריהרטער ריינער שעמעוודיגקייט. זי איז געווען גליקליך מיט יעדער אטאם פון איהר גוף און נשמה, און צו דער זעלבער צייט האט זי געקוקט אויף זיך ווי אויף א נידעריגען אויסגעלאסענעם נפש.

— זעהט, איהר, — האט אנגעהויבען דזשענעיעוו, — איך האב

אייך שוין לאנג געוואָלט זאָגען... אז אומזיסט האָט איהר מיך אזוי ליעב...

— איהר — זענט מיין גאָט! — האָט ליזא עקשנות'דיג ווידער־האָלט, ווי זי וואָלט מיט אָט דעם וואָרט וועלען דעקען אַלעס, וואָס ער קען זאָגען.

דזשענעיעוו האָט א ציה געטאָן מיט די פּלייצעס.

— מעהר שוין ניט, מעהר ניט! — האָט ליזא, ווי א קליינינקע איהם אנגעכאַפּט פאַר די הענט און מיט א פריידיגער שולדיגקייט איהם אריינגעקוקט אין די אויגען.

— וואָס ווילט איהר זאָגען? — האָט זי איבערגעפרעגט, קאַמיש ערענסט, מיהענדיג זיך צו באווייזען אז זי האָט זיך שוין בארוהיגט, און הערט אויפמערקזאַם, זעהר אויפמערקזאַם!...

— ווארום — אומזיסט?... זענט איהר דען ניט קיין פיינער... מיין ליעבער!...

א מורא'דיגע שווערינקייט האָט געדריקט דזשענעיעוו'ן אַלץ מעהר און מעהר. ער האָט זיך איינגאַנצען פאַרלאָרען, פאַר אָט דער ליעבע, וועלכע האָט קיין זאַך ניט אנערקענט און גאַר ניט איינזעהען.

איהר זענט אזא טאַלאַנטפולער און פיינער... אונשעצבאַרער, גאָט מיינער!

אָט דאָס וואָרט האָט ארויסגעבראַכט דזשענעיעוו'ן פון די כלים. דאָס וואָרט האָט איהם אויסגעזעהן אונערטרעגליך וואולגאַר. ער האָט געפיהלט אז אין איהם ווערט געבוירען א גרויזאַמע און בייזע ענט־שלאָסענהייט.

„דערצו דאַרף מען גלייך מאַכען א סוף!" האָט ער געטראַכט מיט פאַרצופּעטע ציין.

— איך בין ווייט ניט אזוינער, ווי איהר דענקט ליזא! — האָט דזשענעיעוו געזאָגט מיט א קרומען שמייכעל. — און דאָס בעסטע וואָס איהר קענט טאָן — איז מיך אויפהערען ליעבען, מיך פאַרגעסען, ווי נאַר מעגליך שנעלער!

ליזא איז מיט אַמאָל בלאַס געוואָרען און מיט שרעק געקוקט אויף איהם. אין איהרע ליכטיגע אויגען האָט זיך באוויזען א שרעקליכער אפּגרונד.

— שוין־זשע איז דאס מעגליך! — האט זי אבגעענטפערט מיט א ווילדער ערשטוינונג.

דזשענעיעוו האט ניט געפונען וואס צו זאגען.

ליזא האט לאנג געקוקט אויף איהם מיט ברייט צועפענטע אפּ־געשטארבענע אויגען. און אין דער זעלבער צייט, ווי דזשענעיעוו'ס געזיכט האט זיך ניט ווילענדיג אפּגעקערעוועט אונטער איהר בליק, איז זי אלץ בלאסער און בלאסער געווארען.

איהר ליעבט שוין מיך מעהר ניט? — האט ליזא לאנגזאם ארויס־גערעדט אט ווי זי וואלט אפילו ניט גלויבען אז דאס איז מעגליך.

— איך ליעב קיינעם ניט! — האט אומעטיג, אין גרויס פאר־לעגענהייט געענטפערט דזשעטעיעוו.

עס האט געפאלגט א שטיל שווייגען.

ליזעס ליפּען האבען אויפגעציטערט, אט ווי זי וואלט וועלען עפּעס פרעגען און זיך ניט קענען באשליסען.

— אך, ליזא! — האט מיט ביטערקייט געזאגט דזשענעיעוו, ניט זייענדיג אימשטאנד איבערצוטראגען איהר מאדנעם בליק, — ווען איהר זאלט נאר וויסען ווי מיר איז שווער!...

— איהר האט ליעב אן אנדערע?.. האט אלץ אזוי לאנגזאם און געפרעגט ליזא. — און איך?

זי האט, ווי עס ווייזט אויס ניט געקענט פארשטעהן. פאר איהר איז געווען אזוי קלאר און דייטליך, אז קוים האט זי זיך איהם אפּגעגעבען, קוים האט זי איהם ליעב מעהר פון איהר לעבען, מעהרער פון זיך אליין און אלעם אין דער וועלט, און קוים איז געווען דאס, וואס איז נאר וואס געווען, — קען עס דען זיין ער זאל זי ניט ליעב האבען. — ווי קען עס דען זיין אנדערש? איז עס דען מעגליך?

— איך האב אייך שוין געזאגט, אז איך האב קיינעם ניט ליעב. האט דזשענעיעוו קרענקליך ווידערהאלט און איז אויפגעשטאנען.

זיצענדיג האט זי געקוקט אויף איהם, ווי זי וואלט איהם זעהן דעם ערשטען מאל. זי האט ווי ניט דערקענט און ניט פארשטאנען אט דעם ליעבען און דאך מאדנע גרויזאמען צו איהר מענשען.

הערט זיך אייז, ליזא, — האט זיך מיהענדיג צו זיין רוהיג, אנ־געהויבען דזשעניעוו, ניט קוקענדיג אויף איהר. — איך האב צופיעל געלעבט מיט פרויען, זיך צופיעל אויסגעלעבט און צובּיטען אויף

מינע, אום צו קענען ליעבען אזוי, ווי איהר ליעבט... איהר געפעלט מיר פשוט, ווי א פרוי... ווען איהר זענט נאהענט, קען איך אייך ניט ווערען, אבער ליעבען קען איך ניט... איך קען ניט!...

— איהר דארפט האבען א מענשען וועלכער זאל אייך ליעב האבען אזוי ווי איהר פאהדינט דאס... איהר, — זענט אזא ליעבע, אזא שעהנע און צארטע... אייך דארף מען ליעב האבען מיט א געזונטער און אמת'ער ליעבע... פאר מיר איז דאס שוין אן אונמעגליכע זאך... איך פארמאג גארניט אויסער ליידענשאפט... פאר מיר — זענט איהר בלויז איינע פון א סך... וועט איהר דען איינשטימען צו זיין איינע פון פיעלע צו איינער אין דער זעלבער צייט?..

ליזא האט זיך א צאפעל געטאן, זי איז אפגעשפרונגען, ווי זי וואלט באקומען א פאטש אין פנים. זי האט, ווי עס זעהט אוים עפעם פארשטאנען און דערפאר גענומען ריהרען מיט די ליפען:

— איז דאס אן אמת, אז איהר האט געלעבט מיט דער אקטריסע?

— האט זי מורא'דיג לאנגזאם, מיט אן אנגעהייערער אנשטרענגונג ארויסגערעדט.

— דזשעניעוו האט ניט ווילענדיג ארפגעלאזען די אויגען, ער האט זיך דערפיהלט געגען איהר אזוי נישטיג קליין און שמוציג.

— פון דעסטוועגען בין איך ניט אזוי שטארק שולדיג געגען אייך... — האט ער אנשטאט צו ענטפערען, זיך גענומען פארענטפערען: — איך האב אייך קיינמאל ניט געזאגט אז איך האב אייך ליעב...

אין דער מינוט האט זיך איהם ווירקליך אויסגעדוכט אז דאס איז אזוי, ווייל ווען ער האט געזאגט איך ליעב, איז אט דאס ווארט ניט געווען אין זיין נשמה, דערפאר האט ער דאס ניט געמערקט און ניט גערענקט.

— צוזאמען מיט מיר? — האט ניט הערענדיג פארגעזעצט ליזא.

דזשעניעוו האט געדריקט מיט די פלייצעס.

ליזא איז לאנגזאם אויפגעשטאנען, און ווי א צומישטע, גענומען עפעס ארומזוכען ארום זיך. איהרע ליפען האבען געציטערט, די טויט־געוואורענע אויגען האבען געקוקט מיט שרעק, ווי צווייי איין אפגרונדען אין וועלכע אלעס איז געשטארבען.

דזשענעיעוו האט אטאמאטיש, נאך איהר באוועגונג דערלאנגט איהר דאס גרויע שאלכעל, און בלויז דאן, ווען ער האט דאס איהר שוין געגעבען, האט ער זיך דערשראקען, דערפאר וואס ער האט גע־טאן.

זי האט ווילד געקוקט אויפ'ן שאלכעל, דערנאך האט זי דאס ארומגעכאפט מיט א ציטער און צוגעדריקט דאס צום באק, און אלץ געקוקט אויף דזשענעיעוו'ן מיט א אונפארשטענדליכען משוגע'נעם בליק. דערנאך האט זי זיך גיכאפט פאר'ן קאפ, א זיפץ געטאן און ארויסגעלאפען פון צימער.

ליזא! האט ער צומישט א געשרעה געטאן דזשענעיעוו און האט געמאכט א שפאן נאך איהר.

אבער זי האט זיך ניט אומגעקערט.

ער איז לאנג געשטאנען אין מיטען צימער און געקוקט אויף דער ניט פארשפארטער שווארצער טיר.

איהם האט ארומגענומען אן אונטערעגליכער עקעל צו זיך אליין.

פונקט ווי אלעם וואלט זיך מיט אמאל אפגעריסען און פאר־שוואונדען אין דער ערד. אין זיין נשמה איז שוין ניט געווען ניט קיין רחמנות, ניט קיין בייננקשאפט, דארטען איז בלויז פארבליבען איין מורא'דיגע גלייכגילטיגע מיעדקייט און א ציטער פון עקעל. אין דער מינוט האט ער נאך ניט פארשטאנען דעם גאנצען שרעק און גרויל דערפון וואס האט פאסירט.

דער קינסטליכער פילין האט אויסגעגלאצט אויף איהם זיינע געלע רונדע אויגען.

14.

א רעש און קלינגעריי, האבען געצוואונגען דזשענעיעוו'ן זיך אויפצוכאפען.

א הויפעלע מענשען האבען מיט געשרייען אין טופערייען זיך אויפגעהויבען אויפ'ן גאניק. עס זענען פאראיבער איינינע מינוטען און אין שווארצען פיער־עק פון טיר האט זיך באוויזען ארבוזאווס ברייטע וואויל־יונגרישע געשטאלט, אין דעם רויטען העמדעל פון הינטער דער צושפילעטער פאדיאווקע, אין די לאקירטע באשפריצטע מיט בלאטע שטיוועל, זיין היטעל איז געווען אזוי בראוו אראפגערוקט אויפ'ן פאטעליצע.

— אט איז ער! — האט ארבוזאוו אויסגעשריען, ברייט אריינשפאנענדיג אין צימער. — שלום־עליכם, סערגעי!.. דו ביזט אליין? מיר זענען געקומען נאך דיר... מיר פאהרען!

— וואוהין? — האט אויטאמאטיש געפרעגט דזשענעיעוו, וועלבער איז נאך אלץ ניט געקומען צו זיך.

מיט א טומעל זענען אריין נאך ארבוזאוו'ן דער לאנגער קארנעט קראווזע אין א לאנגען קאוואלירישען מאנטעל, טרענעיעוו מיט די וואנצען, דער דיקער פארוטשיק איוואנאוו און הינטער אלעמען א עפעם א יונגינקער אפיצערל און דער שעמעוודיגער, פארלאדענער ריסקאוו.

— אין קלוב!... מיר וועלען טרינקען און הוליען, און אז דער טויט וועט קומען — וועלען מיר שטארבען! — האט געשריען ארבוזאוו, מאכענדיג מיט די הענט. — איך, סערגעי, טרינק שוין ביי א דריי וואכען נאכאנאנד און קען זיך בשום אופן ניט אויסניכטערן!.. אזוי דארף זיין!.. וואס איז נאך פארבליבען צו טאן אויף דער וועלט?.. ניט אלע קענען דאך זיין מאלער, א באזיענער פון פרויען הערצער!.. ועמען וואס ס'ארא גליק עס איז באשערט!.. וואוהין האסטו אהינגעטאן די אקטריסע?

— דו ביזט אויך איצט שיכור! — האט דזשענעיעוו א קרומען שמייכעל געטאן. — רעד ניט קיין נארישקייטען!

נארישקייטען?... אמת! — האט ווי אין אז אמת'ן עקסטאז געגנוואלדעוועט ארבוזאוו. די אקטריסע—איז נארישקייטען, און אלע איבעריגע זענען נארישקייטען!.. ניט אזוי, סערגעי, א?

ער איז געווען בלאס און אויף זיין שטערען האבען ארויסגעטראטען גרויסע טראפענס שוויים.

— אזוי, אזוי... — האט דזשענעיעוו איינגעשטימט אין פארלע־גענהייט, אום זיך אפצוטשעפען.

ארבוזאוו האט איהם אויסגעזעהן אויסער־געוועהנליך שוועך און אונאנגענעהם.

— איהר קומט פון מאסקווע? — איז מיט אמאל ארויסגעטרא־טען פאראויס דער לייזגער און העפליכער קראוזע. — וואס פאר א וועטער איז דארטען?

דזשעשענעיעוו האט מיט פארוואונדערונג א קוק געטאן אויף איהם און געטראכט אז דער קארנעט איז אויך שיכר. ווען ער האט זיך אויפמערקזאמער צוגעקוקט צו דער גאנצער קאמפאניע, האט ער געזע־הען, אז אויסער נאאומאוון זענען אלע ניט ווייניגער שיכר פון אר־בוזאוו'ן. דזשענעיעוו איז אונאנגענעם געווען נאומאוו'ס ערשיינונג, אט ווי ער וואלט איהם ערינערען אין עטוואס זעהר שווערעס.

ארבוזאוו האט געשריהען און געמאכט מיט די הענט, קראוזע האט שוויינענדיג און אויפמערקזאם געפיהרט מיט די ברעמען, טרע־נעיעוו האט וואויל־יונגעריש אונטערגעדרעהט די וואנצען און געלאכט אויפ'ן קול, אונבאוואוסט צוליעב וואס. ריסקאוו, וועלכער האט זיך נאך ניט איינגעלעבט מיט דער קאמפאניע אין וועלכער ער איז אריינגעפאלען, לויט ארבוזאווס קאפריז, האט זיך באהאלטען הינטער אלעמענס פלייצעס, און ניט געוואוסט וואוהין זיך אהינצוטאן.

דזשענעיעוו'ן איז איינגעפאלען, אז עס וואלט זיין א גלייכע זאך זיך אליין אויך אנטרינקען; פארדרעהען דעם קאפ אין א טשאד פון שכרות אזוי אז אלעס זאל פארפליהען צום טייפעל. פאר זיינע אויגען איז נאך אלץ געשטאנען ליזא מיט איהרע אונפארשטענדליכע דורכ־זיכטיגע אויגען.

— נו, גוט. — האט ער געזאגט, אויב פאהרען... איז פאהרען!

— בראווא! — האט אויסגעשריען ארבוזאוו אזוי, אז דער קינסטליכער פילין מיט זיינע ווילדע דיקע אויגען האט אונרוהיג אויפ־געציטערט.

ארבוזאוו האט איהם באמערקט. מיט ברייט צושפרייטע פיס, מיט א אראפגעלאזענעם קאפ, און פאר'עקשנ'טען ברייטען שטערען און פיבערישע אויגען האט ער זיך לאנג איינגעקוקט אין דעם פויגעל, דער נאך האט ער זיך מיט עקעל פארקרומט.

— נאך וואס האלסטו אט די מיאוסע בריה?... איך וועל דיר בעסער צושיקען א בער.

— וואוהין וועל איך איהם אהינטאן?

— דער בער איז בעסער.

— אוואו וועסט דו איהם נעהמען.

— ביי מיר איז דא א בער.

ביי אייך איז דא א בער? האט פארניפטיג באמערקט דער פאַרוטשיק איוואנאוו, — מען קען דאך קיין לעבעדיגען בער ניט האַלטען אין א צימער.

ארבוזאוו האט איהם אנגעקוקט מיט א שיכר'ער אונפארשטענדניס, פונקט ווי איהם וואלט צום ערשטען מאל אין לעבען איינגעפאַלען אז קיין לעבעדיגען בער קען מען אין הויז ניט האלטען.

— אמת, טאקע... ער וועט איהם דערווערגען אלע מאדעל־מיידלעך!... איבריגענס, איז דאס גארניט! — איך וועל דער'הרג'ענען און וועל אראפרייסען פון איהם די פעל און וועל זי איהם שענקען!

— עס איז א שאד איהם צו הרג'ענען, מישא, איז א וואוילער! האט לאכענדיג באמערקט טרענעיעוו.

ארבוזאוו האט א בייזען קוק געטאן אויף איהם. אין זיין בליק האט זיך אין אלגעמיין געפיהלט עפעס מאדנעס, פונקט ווי ער וואלט זיך מיט א פארדאכט צוגעקוקט צו אלעמען.

— א שאד?... נארישקייטען... עס איז אויף קיינעם קיין רחמנות ניט!.. איך וועל דער'הרג'ענען און שוין! — האט ער ווילד אפגעענטפערט. — איך וועל אלעמען דער'הרג'ענען!..

וואס איז א בער!.. א בער איז א נארישקייט... פאר סערגעיען איז קיין שאד ניט... איך האב איהם ליעב!.. סעריעזשא, ווילסטו האבען דעם בער?

לאז מיך צו רוה! — האט בייז געענטפערט דזשענעיעוו. און ווידער ווי ביי דער ערשטער באגעגעניש, האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ארבוזאוו, רעדט ניט דאס וואס ער דענקט, אז אין אלע זיינע שכור'ע גענגען איז דא עפעס נייעס בייזעס, און פארצווייפעלטעס.

— נו, נעהם!

נו קומט זשע פאהרען מייגע הערען! — האט געזאגט דער פאַרוטשיק איוואנאוו.

— נו גוט... ווילסט ניט, — דאַרף מען ניט!... אויב דיר ווערט זיך פאַרגליסטען ווערסטו אליין נעהמען! אַ? ניט אזוי, סערזשא!..

דזשענעיעוו האָט פלינק אַ קוק געטאָן אויף אַרבוזאַווען און מיט אמאָל האָט ער דערזעהן אין זיינע שיכּר'ע בייזע אויגען, אַזאַ מין שרעקליכע און אָפענע פיינדשאַפט, אַז ער האָט זיך אָפּגעקערט.

— דו ביזט היבשלעך שכור! — האָט בייז ווידערהאַלט דזשענעיעוו. ער האָט שטאָלץ אויפגעהויבען זיין שעהנעם קאָפּ און געפרעגט, — שוין זשע האָט מען דיך נאָך ניט אַריינגעזעצט אין פּעסטונג?

איך האָב באַצאָהלט! — האָט אַרבוזאַוו בייז געענטפערט.

קראָוזע, טרענעיעוו און די אַנדערע זענען שוין אַרויס. דזשענעיעוו האָט זיך אַנגעטאָן, פאַרלאָשען דאָס ליכט, פאַרשלאָסען די טיר און איז אַרויס נאָך זיי.

צוערשט האָט מען גאַרניט געזעהן אין דער פינסטער. דער נאָך האָבען דורך דער שיין פון לאַמטערן זיך געגומען ווייזען די דורכשיינען צווישען די שוואַרצע בוימער, און עס האָבען זיך באַוויזען די טונקעלע שאָטענס פון דריי עקיפּאַזשען. נאָך אַ קורצען עסק'נען זיך און שפּאַסהאַפטע זידלערייען האָבען זיך אַלע אויסגעזעצט אין די עקיפאַזשען, האָבען מיט דונערענדע קלינגערייען און געשרייען זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסען צורייצענדיג אַלע הינט.

טרייב, — טרייב! — האָט ווילד געשריהען אַרבוזאַוו אויף דער פאַדערשטער טרויקע. פּאַרוטשיק איוואַנאָוו האָט געפייפט, ווי דער „רויבער־נאַכטיגאַל“...

ווען אַלעס האָט זיך איינגעשטילט, האָט זיך ביי דזשענעיעווען אין גאָרטען שטיל אָפּגעטיילט פון בוים אַ מענשליכע פיגור אין אַ גרויען שאַלבעל אויף די צולאָזענע נאַסע האָר, וועלכע מען האָט קוים געקענט באַמערקען אין דער פינסטער.

אַרויסלויפענדיג פון אַרבייטס צימער, האָט ליזא זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן גאַניק. זי האָט ניט געהאַט וואוהין און נאָך וואָס צו געהן.

דאָס אַלעס, וואָס איז אזוי ספּאַנטאַן און מעכטיג געוואַקסען צוזאַמען מיט איהר שטאַרקען יונגען קערפּער, אום צו געפינען אַן אויסדרוק אין ליעבע און אין צערטליכקייט, איז אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן פאַרשפּיגען און איינגעטראָטען געוואָרען אין בלאָטע.

איהר האט זיך געדוכט אז די גאנצע וועלט, צוזאמען מיט איהרע לבנה נעכט, ווען עס טרוימט זיך אזוי וועהטעגהאפט־זיס, די וועלט מיט איהרע העלע זוניגע טעג, ווען עס איז אזוי שעהן און אנגענעהם אומצולויפען אין גארטען און פיהלען אויף זיך די ווארימקייט פון דער זון, אז די גאנצע וועלט צוזאמען מיט איהרע בלומען־גארטענס און וואלקענס, איז מיט אמאל צוזאמען געדרעהט געווארען, פונקט ווי א שמוציגע שמאטקע.

אלעס אין איהר און ארום איהר איז פארניכטעט געווארען, און א מורא'דיגע פוסטקייט האט איהר באהערשט.

דער געטומעל מיט די דונערען פון די צוגעקומענע צום טויער עקיפאזשען, צוזאמען מיט די שכור'ע געשרייען האבען געצוואונגען ליזע'ן צו קומען צו זיך. זי האט זיך בענומען צאפלען ניט וויסענדיג וואוהין זיך אהינצוטאן. ליזע'ן האט ניט געשראקען וואס מען וועט זי זעהן ביי רזשענעיעוו'ען — איצט איז איהר געווען אלץ איינס, וואס מען זאל פון איהר ניט רעדען אדער טראכטען. אבער זי האט זיך געפיהלט אזוי ערנידעריגט אומגליקליך און אזוי איינגעטונקען אין שאנדע, אז זי וואלט בעסער געשטארבען, איידער אימיצען א קוק געטאן אין די אויגען.

אטאמאטיש האט זי געוואלט ארייגלויפען צוריק אין הויז, נאר זי האט זיך גלייך דערמאנט אין אלעס האט זיך אפגעטרייסעלט און פלאנטערענדיג זיך אין קלייד איז זי אנטלאפען אין גארטען.

די שווארצע מענער־געשטאלטען וואס האבען זיך באוויזען אין טיר, האבען זי שוין געקענט דערזעהן נאר ליזא איז פארלאפען אין ווייטסטען ווינקעל פון גארטען.

דארטען איז געווען פינסטער ווי אין א וואלד, די בוימער ארום און ארום האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין א געדיכטען, שווייגענדיגען, שווארצען שאטען. און מיט גרונדלאז טיפע אויגען האט געקוקט אויף ליזען פון אונטער יעדער בוים און יעדען שטאם א גליווערענדער חשך.

דער רעגען האט אויפגעהערט. אין דער הויך האבען זיך ווי ניט ווי אפגעריסען די וואלקענס. דער הימעל איז געווען אזוי שווארץ, אז מען האט ניט געזעהן קיין דורכשיין, אבער די העלע הערבסט שטערען האבען קלאר געגומען פינקלען צווישען די צווייגען. גלייך

איבער ליזע'ס קאפ האט א גרויסער העלער שטערן געהיימניספול געגאסן זיינע לאנגע שטראלן.

ליזא האט מיט'ן פלייצע פארשטעפעש א צווייג, און איז אין דער פינסטער אינגאנצן אפגעשפריצט געווארן מיט גרויסע, קאלטע טראפענס. דאס דינע, פייכטע רעקעל, האט זיך צוגעקלעפט צו איהרע פלייצעס. זי האט ניט באמערקט אז אינגאנצן ציטערט זי פון קעלט, זי איז געשטאנען אין דער פינסטער צוגעדריקט צום בוים, אזוי ווי זי וואלט זיך מיהען אינגאנצען צו פארשוואונדען אין דעם נאסען חשך.

ליזא האט געהערט ווי ארבוזאוו'ס קאמפאניע איז ארוים אויפ'ן גאניק מיט א געלעכטער און געשרעהן, ווי זיי זענען ארוים פון טויער און האבען זיך צוזעצט אין די עקיפאזשען. זי האט געהערט ווי ארבוזאוו האט געשריהען:

סערגעי, זעץ זיך מיט מיר!

ביים קלאנג פון דזשענעיעוו'ס נאמען, האט זיך ליזא אינגאנצען צוזאמענגעדרעהט אין שטומער פיין.

אין א ווילדער אומארדנונג האבען זיך צויאמערט די גלעקלאך. זייערע קלאנגען זענען שנעל פארשוואונדען אין חשך פון דער נאכט. מען האט בלויז געקענט הערען ווי די ערד האט געציטערט. אלץ שטילער און שטילער האבען געקלינגען די שטימען, אם ענדע איז אינגאנצען שטיל געווארען. די שטילקייט האט ארואסגעטראטען פון איבעראל און האט באצויבערט מיט א טריבען שווייגען דעם דונקעלען גארטען. אין דער אונדערגרויבבארער הויך, אונטער די וואלקענס האבען ווייט און ווייטער העל און קאלט געשימערירט די שטערען.

ליזא, איז שטיל ווי א גייסט ארויס פון גארטען, און האט זיך פארלארען אפגעשטעלט אין מיט'ן לויף.

„וואוהין געהט מען איצט?" האט זי ניט געקלערט, נאר דערפיהלט.

א היים?.. נאך וואס?.. דארטען האבען זי ערווארטעט באלייידיגונגען, דארטען איז זי געווען דער שאנד־פלעק אין דער משפחה, וועלכער האט פערסמ'ט דאס לעבען אין הויז. פוסט און וויסט איז געווארען ארום און ארום, קיינער האט זי אין ערגעץ ניט באדארפט.

לאנגזאם איז ליזא פארבייגעגאנגען דעם גאניק, איבער וועלכען

זי איז מיט א שטונדע צוריק ארייגגעלאפען מיט אזא פרייהדיגער אונ־געדולדיגקייט. ניט ווילענדיג האט זי זיך אומגעקוקט אויף איהם.

די פארשלאסענע טירען האבען זיך אנקלאר געוויזען אין דער פינסטער. די גאנצע הויז האט אויסגעזעהן ווי א שרעקליכע שווארצע מאסע. קיין איינציגער פייערל איז ניט געווען אין די טונקעלע פענ־סטער.

ליזא האט זיך אפגעשטעלט, זיך אומגעקוקט, און ווי איין ארויס־געטריבענע פון דער היים, האט זי זיך א ווארף געטאן אויפ'ן גאניק. זי האט אנידערגעלעגט דעם קאפ אויף די פארטראטענע, בלאטיגע שטיגען און איז פארשטארבען.

דער בלאסער אפשיין פון די שטערען האט קוים באלויכטען איהר רחמנות'דיגע, צוזאמענגעדרעהטע פיגור אויף די שטיגען פון גאַ־ניק. זי איז געלעגען באוועגלאז אהן געדאנקען און געפיהלט אז זי האט ניט וואוהין צו געהן פון דאנענט, וואו עס איז געשטארבען איהר ליעבע.

זי האט ניט געטראכט דערפון, נאר אין איהר גאנצען קערפער איז געווען אזא געפיהל, ווי זי וואלט פון זינען אראפ: איהר גרויסע ליעבע האט אנגעפיהלט און באלויכטען פאר איהר די גאנצע וועלט. ליזא'ן האט איהר ליעבע אויסגעזעהן אזוי ריזיק גרויס, אז צייטענווייז פלעגט זי ארומכאפען א מורא, וואס אזא גרויסער געפיהל לעבט אין איהר קליינינקען קערפער, און איהר פלעגט זיך דוכטען, אז דאס הארץ וועט דאס ניט אויסהאלטען. און מיט אמאל, ווייזט זיך ארויס, אז אט דעם ריזיקען גרויסען געפיהל, וועלכער איז גרעסער פון דער ערד און דערגרייכט ביז די סאמע שטערען, דארף קיינער ניט. עס איז געווען א שרעקליכער וועהטאג און ווילדע פארוואונדערונג. זי האט אפילו וויינען ניט געקענט. אזוי איז זי געלעגען ווי א פארשטארבענע און א טויבער פארגעסענהייט. זי האט פארשמירט מיט דער פלייצע מיט קלעפיגער קאלטער בלאטע.

עפעס א ווייכע און ווארימע, א באוואקסענע זאך, האט זיך אויס־געגליטשט איבער איהרע פיס און דער הייסער נאז פון א הונט האט זיך איינגעטוליעט אין איהר אויער. דער הויף־הונט, מאכענדיג אין דער פינסטער מיט'ן וויידעל האט געקוקט אויף איהר. א מאדנע טרויעריגע צערטליכקייט האט זיך געלייגט אין זיינע שווארצע, קלוגע

אויגען, און דערצהעלט וועגען עטוואס אזוינס, וואס די שטומע לעבעדליכע מאדנע האט ניט געקענט ארויסרעדען.

ליזא האט מיט קראפט ארומגעכאפט דעם הארטען באוואקסענעם האלז און האט זיך צוגעטוליעט מיט'ן פנים צו דער שמעקענדער הינטישער פעל.

דער הונט האט זיך פריידיג אויפגערעגט, ער האט זיך גענומען ארויסרייסען, היים און הויך גענומען איהר אטעמען גלייך אין אויער אריין און מיט אמאל אזוי ברייט און היים זי א לעק געטאן גלייך אין נאז אריין.

ליזא האט זיך אוטאמאטיש אפגערוקט, זי האט זיך ארומגעקוקט און האט דערזעהן דעם טונקעלען גארטען, די שטערען אין דער הויך. און זיך, א קליינינקע, רחמנות'דיגע און איבעריגע אויף דער וועלט זיצענדיג אויף'ן בלאטיגען גאניק און ארומנעמענדיג א פרעמדען הונט.

א מורא'דיגער רחמנות צו זיך אליין האט איהר אויפגעטרייסעלט, און אם ענדע האט זי אלעם פארשטאנען: זי האט פארשטאנען אז עס איז שוין געקומען א סוף צו אלעס, און זי וועט שוין דזשענעיעוו'ן מעהר ניט זעהן. ליזא האט דערפיהלט אז עס איז איהר אנטפאלען געווארען דאס הארץ. זי האט איהם ניט באשולדיגט: זי איז געווען באהערשט פון א מאדנע טרויעריגער געהארכזאמקייט. נו, יא, זי האט איהם אפילו איצט ליעב, און אפשר נאך מעהר, און דארף שטארבען דער פאר, ווייל זי קען אהן איהם ניט לעבען. דאס איז זעלבסט פארשטענליך!... לעבען איז ניטא צוליעב וואס... דער פאטער ווייס שוין זיכער וואו זי איז... בעסער שטארבען!... ווי דען... איהר ליעבע דארף ער ניט. ער איז ניט שולדיג וואס ער ליעבט איהר ניט. אבער נאך וואס האט ער זי געקושט און געצערטעלט?... בלויז אלס פרוי?.. שוין-זשע קען מען אזוי?... זי איז דאך ניט נאר א פרוי, און זי פארמאגט דאך ניט נאר את דעם קערפער. וועגען וועלכען ער האט גערעדט, את דא אין הארצען האט זי געהאט עטוואס ליכטיגעס ווי א קליינינקע זון. און איצט איז אזוי קאלט און וויסט אויף'ן הארצען און עס טוט אזוי וועה, אזוי שטארק וועה! שוין-זשע האט ער ניט קיין רחמנות אויף איהר? זי האט דאך איהם ליעב!...

איהר איז געווען אזוי מאדנע, וואס את דאס גרויסע, פיינע ווארט קלינגט אזוי בלאס און דערוויייזט גארניט. נו, גוט, זי האט איהם

ליעב, אבער איהם געהט ניט אָן איהר ליעבע. — פשוט ער דאַרף זי ניט!.. פון דעם איינעם וואָרט, „ער דאַרף זי ניט", ווערט די גאַנצע גרויסקייט און שעהנקייט פאַרוואַנדעלט אין עטוואָס פּוסטעס, נאַרישעס און רחמנות'דיגעס.

הייסט עס אַז אין דער צייט ווען זי פלעגט טאָג און נאַכט דענקען וועגען איהם, און מיט אַ פאַרכאַפּטען פון גליק אָטעם זיך דערמאָהנען און זיין געזיכט און אין זיינע לאָקען, האָט ער געקושט און געצערטעלט אַן אַנדער פרוי, פּונקט אַזוי ווי זי! ליזא האָט זיך ערינערט אַן יעווגעניא סאַמאַילאָווגא. זי האָט זי דערזעהן איינגאַנצען, ווי אַ לעבעדיגע אין איהר העלען רויטען קלייד מיט דעם שעהנעם געוואַגטען געזיכט: אַזאַ שלאַנקע, בויגזאַמע, געשיקטע און איידעלע... עס האָט איהר שטאַרק פאַרקלעמט ביים האַרצען; יאָ, יענע איז שעהנער, פיעל שעהנער פון איהר, טאָ ווי נאַריש האָבען איהם געמוזט אויסזעהן איהר צערטליכקייט נאָך דער נאָהענטקייט פון יענער פרוי? און זי האָט דאָס זיך געפיהלט אַזוי שטאָלץ דערמיט. וואָס איהם געפעלט איהר קערפּער!.. ווי נאַריש און לעכערליך זי איז געווען, ווען זי האָט געדענקט אַז מיט איהר נאָהענטקייט פאַרשאַפט זי איהם אַן אומגעהויער גרויסען פאַרגעניגען און איז געווען גליקליך דער מיט.

זי האָט זיך איינגאַנצען צוזאַמען געקאָרטשעט אויפ'ן גאַניק, אַט ווי זי וואָלט געוואָלט אַפילו פון די שטערען באַהאַלטען איהר רחמנות'דיגען, אומויטיגען פאַר וועמען עס איז קערפּער.

מיט אַמאָל האָט זי זיך דערמאָהנט אין דער לעצטער סצענע. זי האָט זיך דערזעהן מיט אַ ברענענדעם ליידענשאַפטליכען געזיכט, מיט אויגען וועלכע האָבען געבעטען צערטליכקייט. ווי זי האָט באַגערט זיין נאָהענטקייט, ווי זי האָט זיך געצויגען צו איהם איינגאַנצען זיך איבערגעגעבען!... וואָס איז דאָן מיט איהר געוואָרען?... ווי האָט זי געקענט זיין אַזוינע?... ווי אַפּשטויסענד זי האָט געמוזט זיין אין יענער מינוט!... און ווירקליך ער האָט דאָך זי ניט געוואָלט, ער האָט זיך אַפילו ניט דערפרעהט מיט איהר. זי האָט זיך איהם אַליין אָנגעבונדען, און ער האָט זי גענומען נאָר פון רחמנות.

ליזע'ן האָט דורכגענומען אַ גרויל פון עקעל צו זיך אַליין. דער גאַנצער קערפּער, די הענט, פיס, אַלס האָט זיך אויסגעדוכט ליזע'ן

איז איינגעטונקען אין ברודיגער שאנדע. זי האט זיך גענומען צאפלען ווי אן אונטערגעשאסענע, זי איז אויפגעשפרונגען, און צוריק אנידער־געפאלען אויפ׳ן גאניק, און ווידער אפגעשפרונגען און פייל־פון־בויגען זיך געלאזען לויפען פון הויף.

15.

אין קלוב איז געווען טומעלדיג און פרעהליך.

אין בופעט האט זיך אזוי געטומעלט, אט ווי מען וואלט זיך דאר־טען געשלאגען און געבראכען דאס געפעס. פיעלע פון די געוועהנליכע באזוכער זענען אוועק פון קלוב, ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז דא הוליעט ארבוזאוו׳ס קאמפאניע. דער עלטסטער אויפזעהער פון אוועגט האט זיך ווי א פייגלינג געריבען ביים בופעט און האט ניט געוואוסט וואס צו אונטערנעהמען.

אייניגע האבען אוועקגעהענדיג אויסגעדריקט אונצופרידענהייט.

דעם דירעקטארס פרוי האט געזאגט צו איהם מיט ענטריסונג:

— אויב א מיליאנער, מעג ער שוין אלץ !.. דאס איז אומגעלומפערט !

דער קורצינקער גוטער מענשעלע האט פארלארען צופיהרט מיט די הענט.

וואס קען איך טאן ? אט וועט זיין אן אלגעמיינע פארזאמלונג, וועלען מיר דאן אויפהויבען די פראגע...

— אייער פארזאמלונג ! — האט מיט פאראכטונג אויסגעשריהען דעם דירעקטארס פרוי. וועט איהר דען וואגען אפילו צו זאגען אווארט געגען ארבוזאוו׳ן ? איהר וועט זיך נאך דערלעבען, אז ער וועט אלעמען שלאגען איבער די באקען !

— שלאגען ניט שלאגען, אבער שמירען מיט הורטשיצע איבער די פנים׳ער וועט ער זיכער אנהויבען ! — האט באמערקט דער יונגער לעהרער, אבער אזוי, אז דער עלטסטער זאל ניט הערען.

די דאמע האט זיך צולאכט און איז ארוים מיט א שטאלץ אויפגעהויבענעם קאפ. דער עלטסטער איז א צומישטער אנטלאפען

אין בופעט, וואו ער האט זיך, דיר ניט, מיר ניט, ארויפגעווארפען אויף די דינער.

ארבוזאוו איז געווען שכור, ווי קיינמאל. ער האט געשריען, איבערגעקערט די פלעשער און געפאדערט אלץ נייעם און נייעם שאמפאניער. זיין געזיכט איז געווען טויט-בלאס און די אויגען האבען אויסגעזעהן במעט משוגע.

צו דער קאמפאניע זענען צוגעקומען צוויי אפיצערען: א גרויער ראטמיסטער פון די טוטערן און א שעהנינקער קארנעט, כמעט א אינגעל מיט א פריש פנים'על, וועלכער איז געווען פארליעבט אין ארבוזאוו'ן. דער לעצטער האט איהם באצויבערט מיט זיין רייכטום, גוטסקייט און ברייטקייט. אויך דער קליינינקער סטודענט טזשיזש איז געקומען פון ביבליאטעק.

אין דעם אבענט האט אפילו נאומאוו געטרונקען, כאטש עס האט זיך ניט געמערקט אז דאס זאל אויף איהם ווירקען.

ריסקאוו איז געווען פארטויבט און פארבלענדט מיט'ן פראכט פון דעם הוליען. ער האט זיך געפיהלט זעהר שטאלץ וואס ער געפינט זיך אין דער קאמפאניע פון דעם מיליאנער ארבוזאוו. ער איז שעמעוודיג געזעסען אויפ'ן עק ביינקעל, און איידער ער האט גענומען א ביסען אין מויל, האט ער זיך אומגעקוקט אויף טזשיזש'ען.

דזשענעיעוו האט אויסגעטרינקען איינס נאך איינס עטליכע גלעזער שאמפאניער און איז שרעקליך בלאס געווארען. אין קאפ ביי איהם איז געווען אבסאלוט אלעס קלאר. אלע קלאנגען, באוועגונגען און אפילו ווערטער האבען זיך מיט א באזונדערער קראפט איינגעקריצט אין זיין מוח. צו דער זעלבער צייט איז ער געווען שיכור, און האט דאס געפיהלט. ער איז געווען ווי אין פיבער און האט אלעמען באטראכט מיט פינקלענדיגע אויגען אזוי, ווי ער וואלט זיי אלעמען זעהן צום ערשטען מאל. ערגעץ אויף אן עק פון געדאנק, האט געשוועבט עטוואס עקלהאפט מיאוס'עס, ווי א חיה'לע, א פייגלינג מיט א לאנגען וויידעלע: דאס איז געווען א מיאוסע ערינערונג, אבער ווי פיעל ער האט זיך ניט געפלייסט צו כאפען אט די ערינערונג האט ער ניט געקענט.

טזשיזש איז געזעסען אין א ווינקעלע און האט זיך אויך מיט אנגסט צוגעקוקט צו אלעמען: ער האט ניט געוואוסט צו זיין גע-

שיכטע מיט טרעגולאַווען איז באַקאַנט, און האָט מורא געהאַט פאַר אַנדייטונגען, ער איז די גאַנצע צייט געווען אויף דער וואַך, ווי אַ פּאַציאַנטע חיה. עפּעס האָט זיך איהם געדוכט, אַז ארבוזאַוו וועט זיכער אַנהויבען ריידען דערפון אין אַ פאָרמע פון גרויס שפּאַס און באַליידיגונג. דערפאַר האָט ער זיך די גאַנצע צייט געריסען אַוועק געהן, אַבער ער האָט ניט געקענט: דער געדאַנק וועגען זיין קליינינ־קען צימער מיט די נאַקעטע ווענט, און טונקעלע באַלייכטונג, צוזאַמען מיט די שמערצליכע געדאַנקען און ביינקשאַפט האָבען אַרויסגערופען אין איהם אַ געפיהל פון שרעק.

טרענעיעוו האָט געטרינקען און געשריהען מעהר פאַר אַלעמען: ער האָט זיך געפיהלט אויסגעצייכענט: אין דער היים איז געווען שטיל, די פרוי האָט איהם אליין געשיקט פאַרברייגגען, און ער האָט מיט ליעבע געטראַכט, אַז זי וועט איהם באַגעגענען צאַרט און פריי־דיג. דער פּאַר איז ער אויף דאָס ניי געווען פאַרליעבט אין איהר, און איהם האָט זיך שטאַרק געגלוסט אימיצען צו דערצעהלען, ווי שטאַרק ער ליעבט זיין ווייב און וואָס פאַר אַ וואונדערליכע פרוי זי איז.

ער איז די גאַנצע צייט צוגעשטאַנען צו קראַוזע'ן.

דער לאַנגער קאַרנעט האָט געטרונקען ווייניג. ער איז געווען ווייס ווי קרייד און האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. זיינע קרומע ברעמען האָבען זיך שאַרף באַוועגט אויפ'ן מעפיסטאָפּילישען געזיכט. עס האָט זיך קלאָר געמערקט, אַז ער איז באַהערשט פון אַן אַנגע־שטרענקטען געדאַנק.

— קראַוזע, טרינקט! — האָט געשריהען טרענעיעוו, אַנגיסענ־דיג.

—איהר זענט אַ וואַוילער חבר, חאָטש איהר זענט אַ מאָדנער מענש!.. באַליידיגט זיך נאָר ניט, איהר זענט ווירקליך אַ מאָדנער מענש, אויף מיין וואָרט!.. אַבער איך האָב אייך, באמת, ליעב!.. וואָס זענט איהר אַזוי פאַרטראַכט? לאָמיר בעסער אויסטרינקען!.. איהר וועט וועגען אַלעם ניט איבערטראַכטען!.. און איהר הערט ניט אָט דעם... האָט ער אַנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף נאַומאָוו'ן

— מיין הערען וואָרט! ער ליגט אַלץ... ווירקליך, דו לייגסט אַלץ, ניט אַזוי טאַטעלע?... אַ?... האָט זיך טרענעיעוו מיט אַ שיכור'נ'ר פריינדליכקייט געווענד אויף „דו" צו דעם בייזען אינזשינער.

נאומאוו האט קאלט א קרומען שמייכעל געטאן, אבער ער האט גאר ניט געזאגט.

טרענעיעוו האט זיך אויסגעדרעהט צו דזשענעיעוו'ן מיט א גע־היימניספולער מינע, און געזאגט אזוי הויך אז אלע זאלען הערען: א קלוגער מענש, כ'לעבען! גאר ער לייגט אלץ!.. דאס טוט ער פשוט פון קינה. ווי עס ווייזט אוים, האט איהם, ארימינקען ניט אפ־געגליקט אין לעבען, דערפאר שרייט ער אז מען דארף פארניכטען דאס לעבען! און איך וויל ניט!.. נאכוואס?.. דאס לעבען איז א וואוילע זאך!..

טרענעיעוו האט אין גרוים עקסטאז צופיהרט מיט די הענט.

אבער אין א סך זאכען איז ער גערעכט, מיין הערען ווארט!... פונדעסטוועגען, איז ער א וואוילער יונג און איך האב איהם ליעב... נאומאוו, איך זאג דאס וועגען אייך... א?

נאומאוו האט א בייזען שמייכעל געטאן, אבער ער האט ווידער געשוויגען.

— ווער לייגט?.. דו לייגסט אליין! — האט זיך מיט אמאל אנגעצונדען ארבוזאוו, — דערהערענדיג דעם סוף פון דער פראזע. — אלץ איז ריכטיג. דאס לעבען איז געמיין, און מעהר גארניט! פון מיינענט וועגען דארף מען דא ניט קיינע פילאסאפיעס, קיינע אי־דעען, פשוט דאס לעבען אז און פאר זיך איז געמיין!.. זאל עס געהן צו אלדע רוחות!... ווי דענקסטו, סעריעזשא?

דזשענעיעוו האט מיט פינקלענדיגע אויגען א קוק געטאן אויף איהם, האט געוואלט עפעס זאגען, אבער ער האט בלויז א מאך געטאן מיט'ן האנט, זיין איידעל־שעהנער געזיכט איז געווען פרעהליך און צארט ווי ביי א קינד. איהם איז אלעס געווען געפעלען און אלץ האט איהם אויסגעזעהן וואונדערליך אינטערעסאנט.

— ניין, דו לייגסט אליין! — האט טרענעיעוו געקלאפט מיט די פויסטען אין טיש. — אין לעבען איז פונדעסטוועגען, דאך דא א סך גוטעס!

— למשל וואס?.. האט איראניש געפרעגט ארבוזאוו.

— ווי הייסט, וואס?.. פיעלעס.. נו, פרויען, ליעבע, חברים, די נאטור.. מאלע וואס!

— מע! — האט אויסגעשריהען ארבוזאוו בייז און שלעכט.

— א גליקליכע ליעבע, — איז וואַכעדיג, אַן אונגליקליכע — איז ליידען!.. אַט, פאַרשרייב!.. וואָס אַנבאַלאַנגט חברים... וואו האָסטו זיי געזעהען ראַטמיסטער?.. אַלע זיינען חברים, — גוטע פריינד, נאָר ביז דעם שוואַרצען טאָג!.. מען קען טרינקען צוזאַמען... אָבער וואָס ביי וועמען עס טוט זיך אין האַרצען, ווייסט איהם דער טייפעל!.. דו וועסט זיך דאָס קיינמאָל ניט דערוויסען!.. און אויב דו וועסט זיך ניט דערוויסען, איז וואָס איז דאָ פאַר אַ חבר'שאַפט?.. דו דענקסט אַז ער איז דיין פריינד, און ער, מעגליך, קלייבט זיך צוברעכען דיין גאַנצען לעבען... ווי דענקסטו סעריאָזשאַ? — האָט דזשענעיעוו גע־פרעגט מיט אַזאַ בייז־אַנזאָגענדער, כמעט דראָהענדער שטים, אַז דזשע־נעיעוו האָט זיך אומגעקוקט.

אָבער אַרבוזאָוו האָט שוין ניט געקוקט אויף איהם, נאָר אויף ריסקאָוו'ן, וועמען דאָס האָט זעהר געשמייכעלט און האָט פאַרגע־זעצט:

— ווען אימיצער שטעהט אויף אַ פּלאַץ, וועסטו זיך שוין דאַר־טען ניט קענען שטעלען, ביז וועסט יענעם ניט אַראָפּוואַרפען...

אַזוי, אַז וואָס איז דאָ צו רעדען!.. חברים!.. פריינד!.. ווייסטו דען, וואָס איך טראַכט וועגען דיר?.. צו וואָס קראָוזע טראַכט, ווייסטו?.. ניין, ווייסט ניט!.. אַ, דער לאַנגער דייטש!.. דאָס איז אַ מאַסקע ניט קיין פּנים... פון דער איינער נאָז זיינער כאַפּט דיך אַן אַ מורא!.. און... ליעבע, זאָגסטו? עך, ברודער!..

אַרבוזאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט און גענומען דונע־רען, — אַט בראָנפען,—דאָס איז עפּעס אַנדערש!... ניט וויין, און ניט קיין בראָנפען, איך טרינק מיין בלוט, מיט מיין בלוט פאַרגיס איך מיינע צרות, מיין פיין!... פון נחת טרינקט מען ניט, פון גליק זוכט מען ניט די קאָפּ צו פאַרטומלען! בלויז דאַן טרינקט זיך אַן אַ מענש צום ערשטען מאָל, ווען דאָס לעבען ווערט פאַר איהם אונ־ערטרעגליך.

טרענעיעוו האָט זיך מיט ענטריסטונג אָפּגעשאָקעלט פון איהם. וואָס דו זאָלסט דאַרטען ניט זאָגען, אָבער עס איז פאָרט דאָ גוטעס!... אמת, קיריל דמיטריעוויטש?

טזשיזש האָט מיט עקעל אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, האָטש אין דער מינוט האָט ער זיך ניט געקענט דערמאָהנען אין וואָס ניט

איז גוטעס, פאַרקערט, עס איז איהם געווען זעהר שווער און איינזאַם. ער האָט געכאַפּט מיט'ן גאָפּעל אַ שוועמעל, האָט איהם אַריינגעלייגט אין מויל און האָט זיך פאַרקרימט.

— זאָג איך דען ניט דעם אמת? — איז ניט אָפּגעשטאַנען דער שכר'ער טרענעיעוו, זייך ניט צופריעדען שטעלענדיג מיט זיין שוויי־גענדער צושטימונג.

— געוויס, אַז אמת... האָט אונטערשטיצט דער קלייניקער סטו־דענט.

אַרבוזאָוו האָט זיך בייז צולאַכט.

— אויב אימיצער איז יאָ שולדיג, איז דאָס די מענשען אליין...

— האָט פאַרגעזעצט טרענעיעוו.

— וועלכע מענשען? — האָט אונטערגעכאַפּט אַרבוזאָוו. די וואָס שלאָגען, אָדער יענע, וועמען מען שלאָגט?.. וואָס דענקט איהר מכח דעם, קיריל דמיטריעוויטש?

טזשיזש האָט דערפיהלט אַז דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך איהם אַריינגעוואָרפען אין פנים אַריין. ער האָט זיך פאַרלאָרען און רחמנות'־דיג זיך אומגעקוקט. — דאָס איז נאַריש! — האָט ער געזאָגט.

— וואָדאָס? האָט בייז איבערגערעפענט אַרבוזאָוו, און האָט זיך אויפגעהויבען. זיינע פיבערישע שוואַרצע אויגען האָבען זיך צו־פלאַקערט מיט אַ ווילדען פייער. ער האָט זיך ווי דערפרעהט מיט דער מעגליכקייט אָפּצורייסען זיך פון קיים.

גרין געוואָרען.

— איהר ערלויבט זיך צופיעל... — האָט טזשיזש אַרויסגעמור־מעלט, אויפשטעהענדיג.

— צופיעל?.. אַך דו... — האָט ווילד אויסגעשריהען אַרבוזאָוו, נאָר דזשענעיעוו האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנט.

— זאַכאַר, וואָס איז מיט דיר! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— לאָז! — האָט מיט ווילדען כעס זיך געריסען אַרבוזאָוו, — דאָס איז ניט דיין זאַך?

— הער אויף, — אַ ניט וועל איך אַוועקגעהן!.. ווי שעמסטו זיך ניט?.. — האָט פאַרגעזעצט דזשענעיעוו.

אַרבוזאָוו האָט זיך פלינק אויסגעקערעוועט צו איהם, און האָט אַ ווייל' באַוועגלאָז איהם געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין.

— נו, זעץ זיך, טרינק!

ארבוזאוו האָט געשוויגען און ניט אַראָפּגענומען פון איהם זיינע באוועגלאָזע אויגען.

דזשענעיעוו איז אויך אַנטשוויגען געוואָרען און אויך גענומען דורכדרינגענד אריינקוקען איהם אין די אויגען. ניט ארויסלאָזענדיג די האַנט.

דזשענעיעוו האָט דערפּיהלט אַז אויב ער וועט ארויסלאָזען די האַנט, וועט ארבוזאוו איהם אַפּלאָזען אַ פּאַטש. ער איז נאָך בלאַסער געוואָרען, און שטאַרקער געהאַלטען די האַנט.

ארבוזאוו'ס האַנט וואָס האָט די גאַנצע צייט געציטערט אין דזשענעיעוו'ס, האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט ציטערען, און איז מאַכט־לאָז צוקראַכען געוואָרען אין דזשענעיעוו'ס פינגער. ארבוזאוו האָט אוטאָמאַטיש באַפריים זיין האַנט און ניט קוקענדיג געזאָגט:

— טו דאָס ניט אַ צווייטען מאָל... איך גלייך דאָס ניט...

ער האָט גענומען שרייען איבער דעם גאַנצען קלוב:

— נו, טרינקט, חברה!.. קיריל דמיטריוויטש, לאָמיר אויס־טרינקען!... איך בין אַזוי!... איך בין שכור!... אייער האַנט!

טזשיזש האָט ניט דערלאַנגט זיין האַנט, אָבער אַלע זענען צו־געשטאַנען צו איהם און איהם גענומען בעטען. ארבוזאוו איז אַליין אויך צוגעגאַנגען צו איהם מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל.

— גענוג... וואָס איז דאָרט!.. לאָמיר זיך איבערבעטען!

— לאָזט דאָס איבער, קיריל דמיטריוויטש, עס לויענט זיך צו שענקען אויפמערקזאַמקייט!... ער איז דאָך שכור!... האָט איהם גע־שעפּטשעט אויפ'ן אויער טרענעיעוו, וועמען די מעשה האָט שטאַרק פאַרדראָסען.

טזשיזש האָט מיט אַ מורא'דיגער אַנשטרענגונג דערלאַנגט אר־בוזאוו'ן די האַנט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען.

יאָ, אַט אַזוי איז גוט! — האָט געזאָגט ארבוזאוו און דערביי אַ שטאַרקען דריק געטאָן טזשיזש'ס האַנט, און גלייך אין איהם פאַרגע־סען. אַ שטיקעל צייט האָט ער געטרינקען און געשוויגען, אַזוי מאָד־נע פאַרטיעפט אין זיך.

טרענעיעוו האָט זיך אַנידערגעזעצט ארום טזשיזשע'ן און פריינד־ליך ארומגענומען זיינע פּלייצעס, גערעדט:

— אומזיסט גיט איהר דעם צו אזא מין באדייטונג... אויף וועמען קען דען זיך ניט ארויפוואַרפען אַ משוגע'נער הונט?

ארבוזאוו איז זיך פארגאַנגען פון געלעכטער.

— דאס בין איך דער משוגע'נער הונט?.. בראַוואַ ראַטמיסטער!.. ריכטיג ווי גאָלד!.. גרים דיין פרוי, ראַטמיסטער!..

טרענעיעוו האָט זיך אומגעקוקט אויף איהם און גוטמוטהיג געזאָגט צו טושיזשע'ן:

נו, אָט זעהט איהר שוין ווער ער איז... צו אַלעמען קריכט ער!.. גאַר איך האָב איהם זעהר ליעב!..

— און איך קען דיך ניט פארטראַגען! — האָט אונטערגעכאַפּט ארבוזאוו.

איהם האָט ווי געצופּט און ער האָט אזוי ווי געזוכט אַ קריגעריי.

— אָט, האָט אַלץ פריעדליך, זיך ווענדענדיג בלויז צו טושיזשע'ן, געזאָגט טרענעיעוו — איך האָב דאָך געזאָגט?.. אייגענטליך, ווייל ער דאַרף פון מיר גאַר ניט... דער נאַר!..

ארבוזאוו האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין פאַטעליצא, און פריעדליך באַמערקט:

— נו, זאָל זיין אזוי, ניט אַלע קענען דאָך זיין אזוי קלוג ווי דו!.. מיט אמאָל האָט ער זיך אינגאַנצען אויפגעטרייסעלט.

— ווייסט איהר, מיינע הערען, אז מיט אונז זיצט אַ צוקונפטיגער גרויסער שרייבער!.. אָט ווי עס געפינט זיך באמת אַ וועלט מיט חכמה!

ארבוזאוו האָט געקוקט גלייך אויף איהם און האָט שפּאָטיש ביין געשמייכעלט.

ריסקאָוו איז געוואָרען אַלערליי קאָלירען. ער האָט זיך שיעור ניט דערוואָרגען מיט'ן ביסען און געמורמעלט.

— זאַכאַר מאַקסימעשט, איהר האָט מיר פאַרשפּראָכען קיינעם ניט...

ארבוזאוו האָט זיך כלומרשט פאַרוואונדערט.

— פון וואַנענט ווייסטו אז איך מיין דיך?... אפשר בין איך גאַר דער בארימטער שרייבער?... אזוי, ביזטו דאָס גאַר? און איך האָב ניט געוואוסט!.. אויב דו ביזט שוין אַליין ארויסגעשפּרונגען, הייסט עס, אז דאָס ביזטו. מיינע הערען, איך האָב דאָס פאַר-

געניגען אייך פארצושטעלען דעם צוקונפטיגען טאלסטאי!... איהר קוקט ניט דערויף, וואס ער איז בלויז א קליינינקער רעגירונגס באאמ־טער, און קוקט אויס אזוי נישטיג.

ריסקאוו האט זיך געטרייסעלט ווי א הונט.

— ניין, ניט דערפאר, האב איך געזאגט, ווייל דאס בין איך, פארקערט...

ארבוזאוו האט איהם ניט געהערט.

— אויב איהר ווילט, מיינע הערען, וועל איך אייך איבערלעזען דאס לעצטע ווערק פון אונזער בארימטען שרייבער! א?

— דאס איז זעהר אינטערעסאנט! — האט זיך אפגערופען דער דיקער פארזשיק איוואנאוו, וועמען עס איז פון אנפאנג אוועקט, געווען זעהר אונאנגענעם די אנוועזענהייט פון עפעס אזא מין באאמ־טען.

— לעזט, לעזט, זאכאר מאקסימעטש, האט געשריהען דער שעהנינקער קארנעט.

ארבוזאוו האט גלייך ארויסגעשלעפט פון קעשענע א דינינקע, בלויע העפט, וועלכע טושיזש האט גלייך דערקענט.

— אט, הערט זיך איין, מיינע הערען!.. „ליעבע“, אן ערצעה־לינג פון אלעקסאנדער ריסקאוו.

— זאכאר מאקסימעטש, — אום גאטעס ווילען... ווי איז דאס געהערט געווארען... איך בעט אייך!.. נאך וואס אפלאכען, און מא־כען צו שאנדע און שפאט?

— איז שפאס ניט, איך וויל דערקוויקען דעם אויער!

— איך בעט אייך, האט מיט שוויים אויפ׳ן שטערן און רויטע פלעקען אויפ׳ן געזיכט, געמורמעלט ריסקאוו, אויפשטעהענדיג און אויסציהענדיג די הענט צו דער העפט.

— ניין, ברודער־לעבען, האסטו אנגעשריבען, איז אנגעשריבען!..

ריסקאוו האט מאכטלאז געדרעהט מיט די פינגער פון דער אויס־געשטרעקטער האנט, ניט וואגענדיג זיך אנצורירען אין דעם העפט, וועלכע ארבוזאוו האט אומיסטען געהאלטען נאהענט צו זיינע פינגער, אזוי ווי ער וואלט באמערקען די אויסגעשטרעקטע האנט.

— הערט זשע זיך איין, מיינע הערען: „אלעקסאנדער איז לאנג־זאם געגאנגען איבער דער אלעע פון פארק... זיין בלאס פנים מיט׳ן

הויכן שטערן, איבער וועלכן עס האָבן זיך געקרייזט רינג קאַש־טאַנענע האָר"...

— זאַכאַר מאַקסימיטש! — האָט זיך ריסקאָוו מיט דער מוטה פון פאַרצווייפלונג אָנגעכאַפּט אין דעם העפט. — איך וויל ניט!...

אַרבוזאָיי האָט לאַנגזאַם, אַזוי ווי פאַרטראַכט זיך אויסגעדרעהט צו איהם מיט'ן פּנים.

— ווילסט ניט? ערלויבסט ניט? — האָט ער געצויגען אַהן אַ אַפּרוה!... איך וואָלט דאָס דורכגעלעזען!

— ניין! — האָט מיט אַ רחמנות'דיגען שמייכעל געזאָגט ריס־קאָוו.

— ניין?... נו איז גוט, צו אַלדע רוחות... נאַ! — האָט ווילד אויסגעשריען אַרבוזאָוו און האָט איהם אַ וואָרף געטאָן דעם העפט אין פּנים אַריין.

ריסקאָוו איז אָפּגעשפּרונגען, האָט אָטאָמאַטיש געכאַפּט דעם העפט, וועלכע האָט ווי אַ פאַכער אַ זעץ געטאָן איהם אין מאָרדע אַריין. ער האָט זי צוקנייטשט און באַהאַלטען אויפ'ן ברוסט. ריס־קאָוו האָט זיך פאַרלאָרען אַרומגעקוקט, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט פרעגען:

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר?

אַזוי פיעל רחמנות איז געווען אין זיין געזיכט, אַז עס איז גע־ווען קלאָר פאַר אַלעמען, אַז ער וואַגט זיך ניט צו באַליידיגען, וואַגט ניט צו זאָגען אַ וואָרט. דערפאַר האָבען זיך אַלע דערפיהלט זעהר אונאַנגענעם.

אפילו דער פאַרוטשיק איוואַנאָוו האָט זיך אָפּגעקערעוועט. בלויז אַיין אַרבוזאָוו איז געווען אויפגערעגט ווי פריהער און אין זיי־נע אויגען האָבען געשוועבט בייז־פריידיגע פונקען.

— אַט האָט איהר אייך דאָס לעבען... שריפטשטעלער!... — האָט אַרבוזאָוו גערעדט צווישען די ציין, מיט אַ מאָדנע פאַרגעניגען. — האַ!... אינזשינער!... פאַר דיין געזונט, פאַר דיין אידעע, כאָטש דו ביזט אַליין אַ משוגע'נער און דיין אידעע איז אַ ווילדע!... טרינק!..

נאַומאָוו האָט אויפגעהויבען זיין בעכער.

ארבוזאוו האָט בייז, פונקט ווי ער וואָלט זוכען א נייעם קרבן, באַטראַכט דעם טיש.

— קראוזע! — האָט ער א געשריי געטאָן, — דייטשוק!... וועסט זיך שנעל דערשיסען?

— באַלד, — האָט קאַלט, פון זיין גאַנצער הייכקייט געענטפערט דער קאַרנעט. דאָס איז געווען אַזוי אומערוואַרטעט, אז פיעלע האָבען אויסגעשאָסען א געלעכטער.

— אָט האָסטו דיר! — האָט אַן ערשטווינטער אויסגעשריען אַר־בוזאוו. — ווי הייסט באַלד? דאַ?

— דאַ, באַלד... — האָט ווידערהאָלט קראוזע.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָבען אַלע באַמערקט, אז זיין געזיכט איז געוואָרען טויט בלאַס, און די שאַרפע מאָרדע האָט צוזאַ־מענגעצויגען א מאָדנער ציטער.

— שפּאַסט! — האָט מיט א ציטער אין שטים א געשריי געטאָן אברוזאוו.

— איך שפּאַס קיינמאָל ניט, — האָט טויב געענטפערט קראוזע.

און גלייך האָט ער זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער גרויס, אַזאַ אומגעהויער לאַנגער, דינער און גלייכער, מיט א פּנים פון א פּאַראַכטענדען מעפיסטאָפעל, אויף וועלכען עס האָבען זיך שאַרף גע־שוואַרצט די קרומע ברעמען.

ערשט דאַ האָבען פיעלע באַמערקט, אז קראוזע איז געווען פּאַר־פּוצט ווי צו א פּאַראַד; אין א נייעם מונדיר, וואָס האָט געבלאַנקט מיט א זילבערנער שווערד, אין ספּאָרטישע לאַקירטע שטיוועל. און כאָטש קיינער האָט ניט געטראַכט, דאָך צוליעב אָט דער קליינינקער דעטאַל, האָבען אַלע מיט אַמאָל דערפיהלט, אז דאָס איז ניט קיין שפּאַס.

ארום שיכור'ן טיש, וואָס איז געווען פאַרגאָסען מיט רויטען וויין, ווי מיט בלוט, האָט זיך אויפגעהויבען א מורא'דיגער גערודער.

ניט ווילענדיג זענען טזשיזש מיט דזשענעיעוו'ן אויפגעשפּרונ־גען פון זייערע פּלעצער. נאָומאָוו האָט געוואָלט עפּעס רעדען, אָבער קראוזע האָט א קוק געטאָן אויף איהם מיט א קאַלטען באַפעהל, און נאָומאָוו האָט אפילו קיין וואָרט ניט געזאָגט. ארבוזאוו האָט זיך געפּרואווט צולאַכען:

— אי, א דייטשוק!

קראוזע האט מיט דער זעלבער קאלטער ווירדע א קוק געטאן אויף איהם און, מאדנע, יעדער איינער, צו וועמען עס האט זיך אויסגעקעררעוועט זיין באוועגלאזער פנים מיט די מאדנע קרומע ברעמען, איז אנטשוויגען געווארען און פארבליבען אויף זיין ארט. פון איהם האט געשטראלט א קעלט, וועלכע האט אלעמען פארפרוירען.

— יא, איך וועל זיך באלד שיסען, — האט רוהיג אנגעהויבען קראוזע, — ווי דאס זאל ניט אויסקוקען מאדנע... אין אזא מין פלאץ... אבער, איך האב אורזאכען דערפאר. איך האב געווארט אויף אזא מאמענט, ווען דאס וועט אויסזעהן ניט שרעקליך, נאר לעבערליך און נאריש... אזוי דארף זיין. איך וואלט דאס געקענט טאן אומבאמערקט, נאר מיר ווילט זיך זאגען... זאל מען ניט דענקען, אז דאס איז א טראגעדיע... איך קאן ניט לעבען, אבער ניט צוליעב דעם, וואס ער פרעדיגט... קראוזע האט אנגעוויזען מיט'ן קאפ אין נאומאוו'ס זייט.

מיר איז אלץ איינס, וואס טייכען בלוט, וואס די מענשהייט... זאלען אנדערע לעבען, אויב זיי קאנען... איך קאן ניט... איך וויל ניט, לעבען, פאר זיך אליין. מיר איז עס פשוט ניט אינטערעסאנט. דאס אלעס. ניט קיין טראגעדיע, ניט קיין שרעק, ניט קיין זינלאזיגקייט טרייבען מיך צום טויט, נאר די פשוט'ע אומאינטערעסאנטקייט פון לעבען. די נאטור און שעהנקייטען זענען קליין און דערעסען... די ליעבע איז קליין און גישטיג... די מענשהייט פשוט נאריש!...

די סודות פון דער וועלט־שאפונג זענען אומבאקאנט, און ווען מען וועט זיך דערוויסען — וועלען זיי ווערען אומאינטערעסאנט!.. אלעס איז אויף אזוי פיעל אינטערעסאנט, ווי דאס, וואס מיר וויסען שוין... אין דער אייבינקייט איז ניטא ניט קיין גרויסעס, ניט קיין קליינעס. א שוועבעלע איז אויך אמאל א וואונדער, נאר ווען מיר וויסען שוין דערפון ווערט דאס פאר אונז אונאינטערעסאנט אזוי איז וועגען אלץ, וואס מען זאל ניט ענטדעקען, אדער ערפינדען. ווען מיר וועלען זיך דערוויסען וועגען גאט, וועט זיין ניט אינטערעסאנט, נאך וואס דארף מען גאט?... מען דארף ניט. איך האב בלויז געוואלט זאגען, אז איך פרעדיג שוין כמעט ווי ער... —

דא האט קראוזע ווידער אנגעוויזען אויף נאומאווען, אבער איך אונ־טערשטרייך, אז מיר איז פשוט שוין אומאינטערעסאנט... אפשר איז דאס פאר אנדערע ניט אזוי... איך האב נאר געוואלט אייך זאגען, זייט געזונט... ווייל איך דענק, אז מיר וועלען זיך שוין מעהר נישט זעהן... און אויב מיר וועלען זיך יא זעהן, וועט דאס מסתמא אויך זיין לאנגווייליג... נאך וואס?... אומשטערבליכקייט — איז לאנגוויי־ליג. בעסער ניט... זאל זיין גענוג!...

צו דער ענדע פון זיין וויינזיניגער צודרעהטער רעדע זענען שוין אלע געשטאנען. קיינער האט ניט נעגלויבט און אלע האבען גע־גלויבט. מאדנע האבען אויסגעזעהן די פנים'ער ארום טיש: א גאנצע קייט פון בלאסע פלעקען מיט פינקלענדע שווארצאפלען פון שרעק און מיט א מורא'דיגען פארגעפיהל אין דער טיעף. אלעס איז פאר־גליווערט געווארען אין שרעקליכער אנשטרענגונג, און צווישען דער אלגעמיינער שטילקייט האט קאלט און אזוי ווי גלייכגילטיג געקלונגען דעם קארנעטס שטים.

מיט אמאל האט זיך דערהערט א מורא'דיג הילכיגער קוויטש: דער יונגינקער אפיציר'ל האט זיך פיבעריש אנגעכאפט מיטביידע הענט ביים טיש האט אויסגעגלאצט די אויגען און געשריען ניט מיט זיין קול:

— ער וועט זיך שיסען, ער וועט זיך שיסען, שיסען...

אלץ האט זיך א רודער געטאן און גענומען דונערען ארום און ארום.

עס זענען אומגעפאלען די ביינקלאך, אימיצער האט זיך א וואָרף געטאן צו קראוזען מיט אויסגעשטרעקטע הענט. נאר דעם קארנעטס טויטער געזיכט האט זיך צו איהם אויסגעקערעוועט, און די קרומע ברעמען האבען געמאכט א קוים באמערקבארע באוועגונג, אויסדריקענ־דיג אי פארוואונדערונג, אי באפעהל פון א מאכט־באזיצענדען. דער וואס האט זיך א וואָרף געטאן צו איהם איז געבליבען שטעהן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אין דער מינוט האט זיך אלעמען אויסגעוויזען, אז קראוזע איז שוין אויסגעגאנגען. אויסערגעוועהנליך געשיקט האט דער קארנעט ארויסגעכאפט דעם רעוואלווער פון די הויזען־קע־שענע און האט פלינק און פינקטליך איהם אנגעשטעלט אין מויל אריין...

מאַדנע :דעם מאָמענט פון דעם שאָס האָט קיינער נישט פאַר־שטאַנען, כאָטש פיעלע האָבען זיך אינסטינקטיוו אָפגערוקט און פאַר־זשמורעט די אויגען.

דאָס איז געווען אַזוי אומערוואַרטעט און אומגעלומפּערט נאַריש, אַז דער באַוואוסטזיין האָט דאָס ניט געקענט באַנעהמען. בלויז דאַן ווען דעם קאַרנעטס לאַנגער קערפּער האָט אומוואַרפענדיג אַ ביינקעל זיך שווער אַ קלאַפּ געטאָן אין דיל, און דערביי זיך טויב אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פּאָטיליצע אין וואַנט האָבען זיך אַלע, ווי אויפגע־כאַפּט און אַ וואַרף געטאָן צו איהם מיט ווילדע און הילכיגע געשרייען פון שרעק.

16.

אין קלוב זענען אַלע פייערען אויסגעלאָשען, און אין דער האַלבער טונקעלהייט האָבען אומגעשמוגעלט די אָפיצירען, וועלכע זענען זיך צונויפגעלאָפען פון אַלע ווינקעלאַך. עס איז גלייך געקומען דער קאָ־מאַנדיר פון פּאָלק, אַ שעהנער גרויער אָפיצער. ער האָט זיך מיט קיי־נעם ניט געגריסט, אין הוט און אין מאַנטעל איז ער פאַרזאָרגט צוגע־גאַנגען גלייך צום טויטען קערפּער.

אין בופעט האָט געברענט אַ קליין לעמפּעל, און האָט בלאָס באַלויכטען דעם גרויסען צוראַבירטען צימער. דער טיש איז נאָך אַלץ געווען פאַרשטעלט מיט שמוציגע טעלער, גלעזלאַך און פלעשער, אַ פאַרגאָסענער מיט וויין און בראַנפען ווי אין אַ שיינק. מען האָט דעם טיש אָפגערוקט אין אַ זייט. און אויף דעם באַפרייטען אָרט אויפ'ן דיל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט מיסט און בלאָטע איז געלעגען דעם קאַרנעט קראַוזעס טויטער קערפּער.

דער לאַנגער, באַוועגלאָזער קערפּער איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ריינעם טישטוך, פון וועלכען עס האָבען ארויסגעשטעקט די זוילען

פון די לאקירטע שטיוועל, דארטען וואו עס איז געוועז דער קאפ האבען דורכגעזעצט טונקעלע פלעקען און עס האט זיך אנגעמערקט דער שווארצער פראפיל.

אימיצער פון די אפיצירען איז פארלאפען אויף צו פריהער, און אויפגעהויבען א ברעג פון טישטוך, דער הויבט פון פאלק האט ניט ווילענדיג א ציטער געטאן: דארטען וואו דאס אויג האט ניט ווילענדיג ערווארטעט צו זעהן דאס באקאנטע לאנגע פנים, מיט די קרומע ברעמען, איז געוועז עפעס אזא אומגעלומפערט מויאס'ע געמישאכץ פון בלוט מיט א געל־גרויער פליסיגקייט. דאס בלוט איז לאנגזאם אראפגערונען אויפ'ן דיל און ארום דעם קאפ האט זיך געדיכט צו־שוואומען א שווארצע קאליזשע.

דער הויפט פון פאלק האט אראפגענומען דאס היטעל, האט זיך איבערגע'צלמ'ט, זיין שעהן געזיכט האט זיך פארקנייטשט, ווי פון א מאמענטאלען וועהטאג, זיינע ליפען האבען גענומען ציטערען.

— דאס איז שרעקליך! — האט ער געזאגט, זיך צו קיינעם ניט ווענדענדיג — און אזוי אומערווארטעט!...

דער דיקער הויפט־אפיצער האט הילפלאז צופיהרט מיט די הענט.

— לויט מיין מיינונג איז דאס... דאס... פשוט אן אבנארמאלע זאך!... איך פארשטעה ניט!... איך פארשטעה גאר ניט!

דער עלטסטער פון פאלק האט אומגעדולדיג געדריקט מיט די פלייצעס און גענומען אוועקגעהן. ביים טיר האט ער זיך נאך אמאל אומגעקוקט אויף דעם לאנגען ווייסען קערפער. קראוזע'ס געזיכט איז שוין ווידער געוועז פארדעקט.

— יא, דאס איז מורא'דיג, — האט ווידערהאלט דער עלטסטער פון פאלק און איז ארויס.

אין אלע צימערען, אפילו אין פאר־צימער, האבען זיך געשטופט הייפעלאך אפיצערען מיט בלאסע פנימ'ער און נערוועזע אויגען. יי־גער האט גאר ניט פארשטאנען, כאטש די קלאנגען וועגען קראוזעס אבנארמאלען צושטאנד האבען זיך עקשנות'דיג אומגעטראגען איבער'ן פאלק. איצט האבען זיך אלע דערמאנט אין א וועלט מיט רעטאלען, וועלכע האבען פאראויסגעזאגט אט דעם שרעקליכען סוף, און האבען זיך געוואונדערט וואס קיינער האט דאס ניט פאראויסגע־

זעהן. מען האָט דערצעהלט וועגען זיין אָפּגעזונדערטען אָרט לעבען, וועלכער איז געווען אַזוי ווייט פון די געוועהנליכע פאַרוויילונגען פון דעם אָפיצירען־קרייז, וועגען זיין שפּילען אויף דער וויליאַנטשעל דורך די נעכט; וועגען דעם, אַז ער האָט זעהר פיעל געלעזען, און אין דער לעצטער צייט איז ער גאָר געוואָרען אַ מאָדנער. ביי איהם האָט זיך באַוויזען אַ מאַניאַ אין דער צייט פון דער לעהרע אַנצינדען פייערן אין פעלד, און שטונדען־לאַנג שטעהען און קוקען אויף דעם פייער.

אַ קליינינקער שוואַרצער אויסערגעוועהנליך געשיקטער אָפיצער וועלכער איז געווען מיט קראָוזע'ן אין אַביסעל בעסערע באַציהונגען, ווי די איבעריגע חברים פון פאָלק, האָט דערצעהלט פאַר אַ הייפעלע אָפיצערען וועלכע האָבען איהם אַריינגעקוקט גלייך אין מויל אַריין, מיט אַן אָנגעשטרענגטער פון שרעק נייגעריגקייט:

— נעכטען בין איך אַריין צו איהם אַ זייגער דריי בייטאָג, ער איז נאָך אַלץ ניט אָנגעטאָן: זיצט אויפ'ן בעט און האַלט אַ שטיוועל אין האַנט... פרעג איך איהם וואָס האָט ער דאַרטען דערזעהן?...— ענטפערט ער: „אַז דאָס איז טאַקע די גאַנצע זאַך, וואָס גאָר ניט!... דערנאָך האָט ער זיך צולאַכט, האָט אַ שליידער געטאָן דעם שטיוועל און זיך אַוועקגעלעגט.

„עס האָט מיר דערעסען“, זאָגט ער. „וואָס האָט דיר דערעסען?“ פרעג איך. „אַלעס“, זאָגט ער. און אַ פּנים, האָט ער, פאַרשטעהט איהר מיך, ווי עס האָט איהם ווירקליך אַלעס דערעסען ביז צום טויט!... מיינע הערען, וואַרט... איך האָב נאָך דאַן אַ טראַכט גע־טאָן, אַז עס האַלט שמאָל!...

— און ווירקליך, אַז עס האָט אויף אַן אמת דערעסען! — האָט זיך אומערוואַרטעט אָפּגערופען אַן עלטערער אָפיצער מיט אַן ערענסט טריב געזיכט. — אַלץ איינס און דאָס זעלבע, אַלץ איינס און דאָס זעלבע... די לעהרע, קאָרטען און בראַנפען!... און ווי זאָל דאָס באמת ניט מיאוס ווערען!... זאָל שוין בעסער אויסברעכען אַ מלחמה! אַן אַנדערש מאָל, כאַפּט מיך אַן עפּעס אַזוינס, אַז איך וואָלט זיך אַליין אַריינגעלאָזען אַ קויל אין שטערען, און שוין!... און דאָס וואָלט גע־ווען, באמת, פראַכטפול!...

מען האָט זיך אויף איהם אומגעקוקט מיט נייגעריגקייט, און דורשטיג געשלונגען יעדעס וואָרט.

אַלע אַרום איז געווען אַזוי מאָדנע און שרעקליך: אין דעם שכנ׳ישען צימער איז געלעגען דער געהיימניספולער טויטער קער־פּער, קיינער האָט ניט געטרונקען, קיינער האָט ניט געשפּילט אין קאָרטען, אַלע צימערען זענען געווען פול מיט ערשיטערטע אויפגע־רעגטע מענשען. בלויז מיט אַ שטונדע צוריק האָבען אַלע געלעבט מיט דעם געוועהנליכען אַלטעגליכען לעבען, און אַלעס אַרום איז געווען אַזוי פּשוט, מיט אַמאָל האָט דער פּלוצלונגער שאָס ווי אַרויסגעריסען אַלעמען פון דעם אַלטעגליכען לעבען. עס איז אויפגעשטאַנען אַ שמערצליכע פראַגע, און אַלגעמיינע צוטראַגענקייט, קיינער האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן אָדער רעדען. אומ־ערוואַרטעט איז צווישען די צוקראַכענע פאַרשלאָפענע מענשען אויפ־געשטאַנען אַ גייסט, און זיי האָבען זיך גענומען צאַפּלען אין אַ פּיינ־ליכער אויפרודערונג. קראַוזעס נאָמען איז מיט אַמאָל פאַרשוואונדען. אין די געשפּרעכען האָט מען איהם גערופען „ער“. דאָס וואָרט האָט מען אַרויסגערעדט זעהר שטיל, מיט אַ מאָדנער, כמעט פאַרגעטערענ־דער אַכטונג.

די ווערטער פון דעם עלטערען אַפיצער האָבען מיט וועהטאָג זיך אָפּגערופען אין די הערצער פון פיעלע זיינע חברים: פאַר אַסך האָט אין דער מינוט דורכגעשוועבט דער גרויער פּאַס פון זייער לעבען, אַהן אַ העלען פלעק אָדער זין.

אייניגע האָבען זיך איינגאַנצען פאַרלאָרען; פיעלע האָבען זיך פאַר עפּעס דערשראָקען, ניט קענענדיג פאַרשטעהן וואָס עס טוט זיך דאָ, זענען זיי אַוועק פון דעם ריידענדען מיט אַ באַליידיגטער מינע.

— לויט מיין מיינונג, איז דאָס פּשוט קליינמוטיגקייט, — האָט זיך היים אָפּגערופען אַ פאַרפּוצטער פּאַרוטשיק, וועלכער האָט גע־טרוימט וועגען דער אַקאַדעמיע פון גענעראַל־שטאַב, און זיך גע־שטעלט פיעל העכער פון אַלע איבעריגע חברים פון פּאָלק.

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט קליינמוטיגקייט? — האָט פינסטער אָפּגעענטפערט דער עלטערער אָפיצער.

— ווירקליך, אַזוי קען דאָך יעדערער... זיך אַריינלאָזען אַ קויל אין שטערן און פאַרטיג!... דאָס איז צו לייכט!... אַ מענש דאַרף קעמפּפען, טאָר ניט פאַרלירען דעם מוטה, ער דאַרף געהן פאָראויס!...

— עס איז לייכט צו זאָגען! — האָט איהם איראָניש אָנגעקוקט

דער עלטערער אַפיצער. — פּראָוואָט! — האָט ער זיך אָפּגערופן.

דער פּאַרוטשיק האָט איהם נאָכגעקוקט מיט פאַראַכטונג, און געזאָגט דאָס ערשטע וואָס איז איהם אַריינגעפאַלען אין קאָפּ:

— דאָס איז ניט ווירדיג פאַר אַן אָפיצער פון דער רוסישער אַרמעע.

דער עלטערער אָפיצער האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט און איז אַוועק אין יענעם צימער, וואו עס איז געלעגען קראָוזע. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם לאַנגען ווייסען קערפּער, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פאַרשטעהן, דערנאָך האָט ער אָפּגעזיפצט, זיך בגנבה איבערגע'צלמ'ט און איז אַוועק פון קלוב.

נאָך איהם האָבען זיך אויך אַנדערע גענומען צוגעהן. אין דער שטילקייט פון די שלאָפענדע גאַסען האָבען נאָך לאַנג געקלונגען די הויכע שטימען פון די אָפיצערען.

דער קלוב איז געבליבען פּוסט. וואו ניט וואו זענען געבליבען ברענען איינזאַמע לעמפּעלאַך און אַ טריבע האַלב־פינסטערניש האָט קאַלט באַהערשט די גרויסע פאַראומרייניגע זאַלען און אַנגעסט צימערן.

אין אַ קליינינקען צימער זענען פאַרבליבען בלויז דזשענעיעוו אַרבוזאָוו מיט נאָומאָווען.

די דינער האָבען אַוועקגעשטעלט פאַר זיי אַ טישעל און אָנגע־צונדען ליכט. דזשענעיעוו איז געזעסען, אָנשפּאַרענדיג זיין שעהנעם פּייערל פון ליכט.

אַרבוזאָוו איז מיט שווערע טריט אומגעגאַנגען פון איין ווינקעל צום צווייטען. נאָומאָוו איז געזעסען אין שאָטען און מען האָט ניט גע־קענט זעהן דעם אויסדרוק פון זיין פּנים.

עס האָט זיי אַלעמען ווי צוגעדריקט. קיינער האָט ניט געקענט קומען צו זיך. מאָמענטענווייז האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס קען ניט זיין, און אַז דאָס אַלעס איז ניט מעהר ווי אַ מאָדנער קאָשמאַר, אַן נאַרישע אונפאַרשטענדליך מיאוס'ע אומגעלומפּערקייט.

אין די אויערען איז נאָך געשטאַנען דער קנאַל פון דעם שאָס. פאַר די אויגען האָט געשוועבט דער ווייסער לאַנגער פּנים מיט די קרומע ברעמען, און די אונפאַרשטענדליכע שרעקליכע אויגען: אין זיי איז געווען עפּעס אַזוינס, אין דער לעצטער מינוט, וואָס האָט

זיך מיט וועהטאָג און שרעק איינגעקריצט אין אַלעמענס זכרון, אָבער וואָס האָט קיינער ניט געקענט פאַרשטעהן.

אין אַלגעמיין האָבען זיך די געדאַנקען געטראָגען כאאָטיש אָהן אַ סדר אָהן אַ זין. עס איז געווען אַזוי ווילד, שטיקענד און שווער, אַז מאָמענטענווייז האָט זיך געדוכט אַז עס איז ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געקענט באַשליסען אָנצופאַנגען רעדען.

בלויז ווען אין פאַרצימער האָבען דורכגעקלונגען די שטימען פון די לעצטע אוועקגעהענדע אָפּיצערן און אַ וואַכענדע שטילקייט, אַזאַ מאָדנע און שרעקליכע, נאָך דעם אַלגעמיינעם געטומעל, רעש און באַוועגונג איז זיך צוקראַכען איבער די ליידיגע צימערן, האָט זיך אַרבוזאָוו אָפּגעטרייסעלט, אַט ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך אַ געהיימע שווערינקייט, האָט אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט, זעהט אויס, אויף זיינע אייגענע געדאַנקען, און געזאָגט מיט אַן אונטערגעבראָכענער ברייטקייט:

— זיך דערשפּילט!.. אַט האָסטו דיר אַ דייטש!.. עס איז מיר ניט איינגעפאַלען!.. און איבערהויפּט אַזוי ניט אַב פּלאַץ... ביז דער לעצטער מינוט, האָב איך געדענקט אַז ער שפּאַסט!.. און ער — נאָ דיר!... אַרעמינקער!... איבריגענס, ניטאָ וואָס צו רעדען!... פריער אָדער שפּעטער, וועלען מיר דאָך אַלע דאָרטען זיין!... און שטאַרבען היינט אָדער מאָרגען איז — איז אַ גראָשענדיגער חשבון!...

— יאָ, געוויס, — האָט זיך אָפּגערופען דזשענעיעוו, ניט אַראָפּנעהמענדיג זיין פאַרגיפּנאַזירטען בליק פון דעם פייער פון דער ליכט. — אָבער פונדעסטוועגען... ווי אַלץ איז אַזוי מאָדנע אונערוואַרטעט... באמת שרעקליך!..

אַרבוזאָוו איז אַביסעל אומגעגאַנגען איבער׳ן צימער, אַראָפּהענגענדיג זיין שווערען קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פאַרשייט אַ מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּ און אַ געשרעה געטאָן:

—אַ צום טייוועל!... נו, מילא, וואָס! מיינע הערען... לאָמיר אויסטרינקען פאַר דער רוה פון זיין נשמה... עס נודעט!...

ער האָט אַ טרייסעל געטאָן דעם האַלז און זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם קאָלנער פון העמד, האָט איהם צוריסען, ענטבלויזענדיג זיין שטאַרקען אַקסענעם האַלז.

— לאָמיר אויסטרינקען!

דזשענעיעוו האָט קוים־קוים געדריקט מיט די פּלייצעס, אַט פּונקט ווי ער וואָלט וועלען זאָגען, אַז איצט איז אַלץ איינס. אַרבוזאָוו איז אַרוים אין אַ צווייטען צימער און האָט זיך אומגעקערט. אַ פאַרשלאָפענער, גלייכגילטיגער לאַקעי האָט אַריינגעטראָגען נאָך איהם צוויי פלעשער מיט גלעזער.

אַרבוזאָוו'ס געזיכט איז געווען בלאַס און האָט מאָדנע געציטערט.

— ער ליגט, — האָט ער מיט אַ קרומען שמייכעל געזאָגט, און גענומען מיט אַ ציטערענדער האַנט אַנגיסען וויין אין די גלעזער.

דזשענעיעוו האָט פלינק אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם און האָט ווידער אַנגעשטעלט זיין בליק אויפ'ן פייער.

— נו, — האָט געלאַדען אַרבוזאָוו, — נעהם, סערעזשאַ!

דזשענעיעוו האָט אויטאָמאַטיש גענומען זיין גלאָז.

— און דו, אינזשינער?... טרינק!... וואָס האָסטו זיך באַהאַלטען דאָרטען? האָט ער אַ געשריי געטאָן. צו דיין געוויסען איז ניט ריין?

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל, און דערביי געקוקט אויף נאַומאָוו'ן. דזשענעיעוו האָט אַ שנעלען בליק געוואָרפען אויפ'ן אינזשינער, און האָט זיך גלייך אָפּגעקערעוועט.

נאַומאָוו האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין ווינקעל און איז צוגעגאַנגען צום טיש. ביים ליכט האָט זיין געזיכט אויסגעזעהן זעהר בלאַס און האָט געציטערט, אָבער די אויגען האָבען געקוקט מיט ענטשלאָסענהייט און שטאַרקייט.

גיב אַהער! —האָט ער שאַרף געזאָגט.

אַרבוזאָוו האָט איהם צוגעריקט די גלאָז. דער אינזשינער האָט איהר גענומען, נר ער האָט ניט געטרונקען. מיט'ן גלאָז אין האַנט האָט ער מיט בייזען שפּאָט געקוקט אויף אַרבוזאָוו'ן.

וואָס־זשע... דו ווילסט זאָגען אַז איך בין דאָס שולדיג אין קראַוזע'ס טויט, אַ?... — האָט ער געפרעגט, ניט צווייפלענדיג אין דעם ענטפער האָט ער דאָך געוואַרט אויף איהם ווי אויף אַ פּאַטש.

אַרבוזאָוו האָט אַ שטרענגען קוק געטאָן אויף איהם מיט זיינע פיבערישע אויגען, און פּונקט ווי ער וואָלט צונעהמען דעם אַרויסרוף, און גראָב געענטפערט, — דו! —

א קאנוואולסיווער ציטער איז אריבער איבער נאומאוו'ס גע־ זיכט, אבער ער האט איבערגעשוויגען. דזשענעיעוו האט אויפגעהויבען דעם קאפ און געקוקט אויף איהם פון הינטען.

— איך וואלט זיך ניט אפזאגען פון אזא כבוד — האט מיט א געמאכטען שפאטישען שמייכעל אנגעהויבען דער אינזשינער, — אבער צום באדויערען, בין איך דא גארניט שולדיג.

— עס רעדט זיך אזוי? — האט איראניש א שאקעל געטאן מיט'ן קאפ ארבוזאוו.

— געווים, — האט מיט שטארקייט פארגעזעצט נאומאוו, — מען קען קיין מענשען ניט מאכען גלויבען אין דעם אז ער דארף שטאר־ בען, ווען איהם ווילט זיך לעבען... קיינע שעהנע ווערטער, קיינע אי־ דעען וועלען דא ניט העלפען. דאס איז א משוגעת. ווען קראוזע וואלט זיך שוין לאנג ניט אומגעטראגען מיט דעם געדאנק...

— נו, ברידער לעבען, — האט איהם איבערגעשלאגען ארבו־ זאוו, — דעם אמת געזאגט, אויב עס איז שוין געקומען צו רייד, איז דאס טאקע ריכטיג!... ער האט זיך אומגעטראגען, אומגעטראגען, גען, און...

— און איך האב אריינגענאסען דעם לעצטען טראפען?.. מעגליך. אויב אזוי איז נאך בעסער! — האט הארט פארענדיגט דער אינ־ זשינער. — דערמיט וועסטו מיך ניט איבערשרעקען!

— הערט זיך איין! — האט אונערווארטעט אנגעהויבען דזשע־ נעיעוו מיט א ליידענשאפטליכען אימפעט. — נו, גוט... זאל זיין אזוי... מיר וועלען חאטש אויף א מינוט פארגעסען אלע אייערע ווערטער און טעאריעס... זאגט פשוט, ווי א מענש... נו חאטש איין מאל אין לע־ בען... איהר האט ניט מורא... עס טוט אייך ניט באנג?... און צו גלויבט איהר אליין אין דעם וואס איהר זאגט?... נים מיט'ן שכל. נאר צו גלויבט איהר אין הארצען?

— נאומאוו האט פלינק א קוק געטאן אויף איהם.

— מיר איז ניט שרעקליך, און עס טוט מיר ניט באנג... איך גלויב! — האט ער שארף און דייטליך געענטפערט, ווי אפהאקענדיג מיט א האק.

דזשענעיעוו האט הילפלאז אראפגעלאזען דעם קאפ. ארבוזאוו

האַט אויפגעהערט אַרומגעהן און האַט זיך בייז אָנגעשטעלט אויפ'ן אינזשינער.

— נאומאָוו האַט מיט אימפּעט אַוועקגעשטעלט די גלאָז אויפ'ן טיש אַזוי אַז דער ווייַן האַט זיך צוגאָסען, און האַט אָנגעהויבען שנעל מיט אַ היסטערישען אויסדרוק:

— הערט זיך איין!.. נו, זאָגט... קוקט אַריין אין פּנים פון אייער אייגענעם לעבען... קוקט גלייך אהן מורא, אָהן גדייטע ווערטער!.. שויןזשע זענט איהר גליקליך!... שוין־זשע איז אייך קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אַז בעסער וואָלט זיין אינגאַנצען ניט געבוירען צו ווערען? שוין־זשע איז אין אייער לעבען דאָ כאָטש איין מאָמענט, וועלכען איהר וואָלט באמת וועלען נאָך אַמאָל איבערלעבען?... זיכער... עס זענען געווען גוטע מינוטען!.. אָבער וואָס זענען מינוטען? אָבער צי איז געווען אין אייער לעבען עטוואָס אַזוינס, אַז עס זאָל זיך לויענען איבערצולעבען דאָס גאַנצע לעבען, אָבי אויף דאָס ניי איבערלעבען יענעם מאָמענט?.. נו?.. ער האַט זיך איבערגעבויגען איבער'ן טיש און דורכדרינגענד טיעף אַריינגעקוקט דזשענעיעוו'ן אין פּנים אַריין, זיינע אויגען האָבען געפינקעלט.

דזשענעיעוו האָט ווידער אויפגעהויבען די קאָפּ, און באַגעגענט אַט דעם בליק. און פּונקט ווי אין אַ שוואַרצען שפּיגעל האַט זיך דורכגעטראָגען פאַר איהם זיין לעבען, ווי אַן אַנקלאָרער גייסט. דאָס לעבען זיינס האַט אויסגעזעהן ווי עטוואָס אונענדליכעס, וואָס האַט ניט קיין אָנפאַנג, און ציהט זיך אין דער נעבעלהאַפטע ווייטקייט, ווי אַ גרויער טאָג. פאַר איהם האָבען דורכגעשוועבט זוניגע פלעקען, נאָר די לעצטע זענען געווען זעהר ווייניג...

— ניין! — האַט ער געזאָגט און אַ טרייסעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אום זיך צו באַפרייען פון אַט דעם קרענקליכען קאָשמאַר.

אַרבוזאָוו האַט זיך ניט פרעהליך צולאַכט.

אין נאומאָוו'ס געזיכט האַט זיך באַוויזען אַ פיבערישע אויפרעגונג. דאָס געזיכט האַט זיך ווי אינגאַנצען באַלויכטען פון אינווייניג מיט אַ פינסטערען שיין.

— טאַ וואָס־זשע ווילט איהר פון מיר?.. נאָך וואָס דאַרפט איהר אַט דאָס לעבען?.. צו וואָס האַט דאָס באַדאַרפט דער אומגליקליכער קראַנקע, צו וואָס דאַרפען דאָס לעבען מיליאַרדען שטערבליכע מענ־

שען? נאכוואס?.. איך זעה אט די אונענדליכע נודנע געשיכטע... פון דער שטיינערנער צייט ביז אונזערע טעג ציהט זיך דער קאמף! עס פארשוואונדען פעלקער, קולטורען געהען אונטער, שטעדט ווערען אפגעווישט פון דער אויבערפלעך פון דער ערד, און מיר געהן אלץ פאר־אויס, מיר פאלען, שטיקען זיך, פלוכטען און פרעסען איינע די אנדע־שאפען מיר פאר זיך נבאים און אט שלעפען מיר זיי אויפ'ן קרייץ, אט אט הויבען מיר אויך נבאים און אט שלעפען מיר זיי אויפ'ן קרייץ, אט גלויבען מיר, אט פליכטען מיר, אט רויכערען מיר בשמים און אט טופען מיר מיט די פיס... מיר שלאגען זיך ווי פיש אן אייז... און אט ענדע צו וואס איז דאס אלעס?

שארף און מעכטיג האט געקלונגען נאומאוו'ן שטים, אט ווי ער וואלט געמאכט אן אונטערזוכונג אין דעם יום־הדין.

— ליידען בלויז צוליעב דעם גלויבען אין א בעסערער צוקונפט?... אבער דאס איז דאך לעכערליך! דאס קען דאך ניט זיין!... ווייל ליידען — זענען דער איינציגער אנטרייבענדע קראפט פון לעבען, און ניט נאר אין דעם לעבען פין דעם איינצעלנעם מענשען!.. ווירק־ליך, אלעס וואס באוועגט זיך, אלעס וואס מיר האבען, אלע אונזערע וויסענשאפטען, פילאסאפיעס, רעליגיאנען און קונסטען: אלעס דאס וואס מיר האבען אויפגעהויבען אזוי הויך, ווי דער טורעם פון בבל, אט דאס אלעס האבען פון אונז ארויסגעטריבען די ליידען, ווי עס טרייבט ארויס א מכה פון א קראנק, צופוילט לייב. ווריקליך ווען די מענשהייט זאל זיך אויף א וויילע דערפיהלען גליקליך און צו־פרידען, וואלט אין דער זעלבער מינוט אלץ פארלארען געגאנגען, ווייל עס וואלט גאר קיינעם ניט איינגעפאלען א קלאפ טאן א פינגער אין א פינגער, ניט נאר זיך עסק'ן מיט פארשידענע סודות און פראב־לעמען!.. אלץ באוועגט זיך דורך ליידען און מיט דער אייביגער בייגקשאפט פון אנצופרידענהייט!.. אהן זיי איז ניטא קיין לעבען, ווייל ליידען, בייגקשאפט און אונצופרידענהייט זענען דאס לעבען! טא נאך וואס־זשע דארף מען דאס, זאגט מיר, איך בעט אייך?

נאומאוו האט געשוויגען, אט ווי ער וואלט ווירקליך געווארט אויף אן ענטפער. ער האט איבערגעפיהרט זיינע פניקלענדע אויגען פון איין געזיכט אויף דעם צווייטען. קיינער האט איהם ניט געענטפערט. דזשענעיעוו האט געקוקט אויפ'ן פייער. ארבוזאוו האט ברייט

צושטעלט די פיס, און מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ, האט ער עקשנות'דיג ניט אראפגענומען די אויגען פון נאומאוו'ס געזיכט.

— קיינער וועט ניט זאגען! — האט ווידער אנגעהויבען דער אינזשינער, — אויב אימעצער וועט יא זאגען, — וועט ער זאגען א ליגען, — ווייל ער ווייסט ניט און קען ניט וויסען, ווי שטארק עס זאל זיך איהם ניט וועלען פארזיכערען זיך אליין, אז ער ווייסט און גלויבט. צוליעב פייגהייט און פארלארענהייט האט מען זיך אויס־געטראכט געטער, ווייטע און נאהענטע: הויכע ווערטער, גענעלהאפ־טע אידעאלען... אט דער גאנצער פראכטפולער ארסענאל פון פולער אונבאהאלפענקייט, איז ענליך צו פאפירענע דראקאנעס, מיט וועלכע די כינעזער זענען ארויסגעטראטען געגען די פראנצויזישע הארמאטען! דאס לעבען, ווי פולווער צורייסט אין שטיקער די פאפירענע שרעק־אנוואָרפער, ווי אויך די כינעזער אליין, און זיי חידש'ן זיך בלויז... ווי קומט: עס אזוי שרעקליך, אזוי פראכטפול, און קיינער האט קיין מורא ניט!.. ארימע ווילדע!.. קיינעם פון זיי, וועט ניט איינפאלען, אז דאס זענען בלויז פאפירענע גולם'ס!.. קיינער האט ניט געזעהן ניט די געטער, ניט דעם גן־עדן, קיינער קען זיך ניט אפילו פארשטע־לען די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה... וואס־זשע טוט מען?.. ארויסשליידערן די גולם'ס?... א, ניין, מען דארף בעסער באשאפען נייע: די גאלדענע צייט, דעם טריאומף פון פלאטעריאט, די צוקונפט באלאנגט צום סאציאליזם!.. מיר טרעטען ארויס אין שלאכט מיט נייע פאפירענע וואונדער!.. אט אין וואס עס האבען געפינען אן אנ־האלט די טעמפע מוחות, וועלכע האבען מורא א קוק צו טאן דעם אמת אין די אויגען, האבען מורא מיט אמאל צו בלייבען מיט די נאַ־קעטע פאקטען אין די הענט!..

נאומאוו'ס שטימע האט געקלונגען מיט אמת'ן האס.

זיי קענען ניט פארשטעהן אז דער סאציאליזם און דער פראלע־טאריאט זענען בלויז אן אויגענבליק אין דער אונענדליכער צוקונפט, און אז די גאלדענע צייט קען ניט עקזיסטירען אפילו קיין דריי טעג, ווייל זי וועט מיאוס ווערען און דערעסען אלעמען ביז צום טויט, ביז דער פריעדיגער פארצווייפלונג, ווייל פאר דער גאלדענער צייט וועט שטעהן די זעלבע אונפארשטענדליכע צוקונפט... די זעלבע אונבאג־

רייפליכע פראגע: נו, גוט... א גאלדענע צייט... און וואס ווייטער?..
און ווידער אמאל די זעלבע זאך, צו וואס...

נאומאוו האט זיך געשטיקט פון אנשטרענגונג, ער האט פאר־דריקט די פויסטען און האט פארגעזעצט רוהיגער, שטילער.

— אז די פראגע וועט קיינמאל ניט אויפהערען צו מאטערען די מענשהייט, און אויב די פראגע צוליעב וואס און פארוואס, זאל ווען ניט איז פארשוואונדען, ווען א מענש זאל זיך אם ענדע דערוויסען אלעס... דער שריפטשטעלער ארציבאשעוו האט אנגעשריבען א האלב פאנאטישע, האלב איראנישע ערצעהלונג: „וועגען דער גרויסער באַ־דייטונג"...

דער העלד פון דער ערצעהלונג האט פארקויפט זיין נשמה צום טייפעל, דערפאר אום ער זאל זיך פון אלץ דערוויסען... און ער האט זיך דערוואוסט!... אויף מארגען איז דער העלד אוועק און האט ארייג־געשטעקט דעם קאפ אין א גרוב פון אומריינע וואסער און איז אזוי געפגר'ט!.. ארציבאשעוו דערצעהלט אונז ניט ווארום ער האט אזוי געטאן, וואס ער האט זיך דערוואוסט?.. אבער דאס איז דאך אזוי, און אזוי דארף זיין: ווירקליך, אויב מען זאל זיך דערוויסען אלעס ביז'ן סוף, ביז דעם לעצטען ווארט, וועט דאן קומען דער לעצ־טער שרעק פון דער אבסאלוטער זינלאזיגקייט! דאן וועט שוין אויף אימער און שטענדיג ניט פארבלייבען מיט וואס און צוליעב וואס צו לעבען!.. און ווירקליך, עס בלייבט בלויז איין זאך, געהן און אריינ־שטעקען די קאפ וואוהין ס'ע ניט איז, אפילו אין אן אומריינע וואסער־גרוב, אבי קיין זאך ניט זעהן, ניט הערן, ניט פארשטעהן און ניט וויסען!..

נאומאוו איז ווידער אנטשוויגען געווארען, בייסענדיג די ליפען און מאדנע אומלויפענדיג מיט דעם בליק איבער דעם צימער.

— לאמיר זיך פארשטעלען, — האט ער ווידער אנגעהויבען, שוין מיט א גאנץ געוועהנליכע שטימע, אז דאס איז ניט אזוי, אז ווען עס וועלען זיך עפענען די הימלען און גאט אליין וועט אויפ־שטעהן פאר אונז פון זיין כיסה־הכבוד אין זיין גאנצער גרויס, ווע־לען מיר זיך אלעס דערוויסען, און דאן וועט זיך פאר אונז ענטפלעקען א זין, פאר וועלכען מיר האבען ניט געהאט קיין פארגעפיהל: צילען, וועגען וועלכע עס האט אפילו ניט געקענט טרוימען אונזער שוואכער

מענשליכער שכל. דאַ וועט אַלעס ערקלערט און קלאָר ווערען, און וועט ענטשטעהן אַ אַבסאָלוט צוועק־לאָזער, אָדער פאַקטישער גן־עדן...

אויף וואָס־זשע דאַרפען מיר דעם גן־עדן ?... איך מיט מיין מענשליכען שכל זאָג זיך בפרוש אָפּ פון איהם !.. ווייל איך האָב ווי אַ „מענש" זיך פאַרפּלאָנטערט אין זינלאָזיגקייט, און אַלס מענש, וועל איך זיך קיינמאָל ניט אויספּלאָנטערן פון אָט דער זינלאָזיגקייט, וואָס־זשע וועט מיר אַרויסקומען דערפון וואָס מיין גייסט, וועט ערגעץ דאָרטען שיינען ווי דער מאָרגען שטערן, ווען איך שטיק זיך דאָ, ווי אַ הונט, אין דער פּיין פון זינלאָזיגקייט !..

נאָך ערגער אייב עס וועט קלאָר ווערען, אַז קיין אונשטערבליכקייט איז איינגאַנצען ניטאָ. טאָ וואָס וועט מיר אַרויסקומען דערפון וואָס אימיצער וועט שפּעטער מיט דורות ערגעץ וואו נעמען שיינען ! ווען איך קען זיך דעם „עמיץ" אפילו ניט פאָרשטעלען !... זאָל פאַלען אויף איהם די תוכחה !... וואָס פאַר אַ שייכות האָב איך דערצו, וואָס עפּעס אַן איוואַן איוואַנאָוויטש, וועט מיט פיער הונדערט ביליאָן יאָהר שפּעטער אַרומשפּאַצירען ווי אַ מלאך, און וועט זיך פאַרבען מיט אַ פּאַלם צווייג ! און איך וועל דאָ איצט ווי אַ הונט אויסגעהן אין שמוץ און נידערטרעכטיגקייט ?... אָבער איך וויל דאָס אינגאַנצען ניט !... ניט נאָר וויל איך ניט לעבען און ליידען צוליעב אָט דעם איוואַן איוואַנאָוויטש'ן, נאָר זאָל ער די כפּרה ווערען !... זאָל ער פּגר'ן מיט זיינע פּאַלמעס אין גן־עדן ! אויב מיר ווילט זיך יאָ עפּעס אין באַצוג צו איהם, איז דאָס בלויז איין זאַך, אַז ער זאָל אינגאַנצען ניט געבוירען ווערען.

נאַומאָוו האָט זיך מיט כעס צולאַכט.

מען וויל מיך צוציהען דערמיט, וואָס מען וועט פאַר מיר עפּענען אַ סוד ?... צו שפּעט !... מיר קענען ניט פאַרגעסען דאָס בלוט און טרערען מיט וועלכע מען האָט באַגאָסען די טונקעלע ערד ; מיר ווילען ניט נעהמען קיין באַלוינונג פאַר אונזער אומזיסטע ליידען און מאַטערנישען, וועלכע מען האָט ניט פאַר אונזער שולד אַרויפגעוואָרפען אויף אונזערע פּלייצעס !... שוין־זשע קען מען פאַרגעסען, שוין־זשע קען מען פאַרגעבען ? מיר זענען דאָך ניט קיין הינט, אַז פאַר אַ צוגעוואָרפענעםביינדעל, זאָלען מיר אַלעס פאַרגעבען און אין אַלעס

פארגעסען ?.. איך, נאומאוו, דא, אויף דער ערד, אזוי לאנג ווי איך לעב, זאג זיך אפ פון אט דעם פארשפעטיגטען גן־עדן ! טא, וואס־זשע ווילט איהר פון מיר אויסער האט ?.. איך האב א שטויס געטאן קראוו'ן צום טויט ?.. נו, יא... איך ! איך וועל אייך אויך שטויסען. איך וואלט די גאנצע וועלט א שטויס געטאן צום טויט, ווען איך זאל נאר קענען ! איך וואלט דאס געטאן מיט דעם גרעסטען פארגעני־גען !.. און א שטויס טאהענדיג, וואלט איך געוואוסט אז אויסער דעם, וואס איך וואלט געשטילט דעם דורשט פון מיין האס, וואלט איך נאך אן אונגעהויערע טובה געטאן צו מיליאנען מיליאסען אומ־גליקליכע באשעפענישען, וועלכע ווארטען נאך ערגעץ דארטען, אין דעם נעבעל פון דער אייביגקייט ווארטען נאך אין רייהע אויף דער מעגליכקייט זיך רירען צו דעם כוס פון די מענשליכע ליידען !

נאומאוו'ס שטים האט זיך אפגעריסען און איז שטיל געבליבען. ער האט, ווי עס זעהט אוים אליין געליטען, געליטען ביז פארגעניגען, מיט יענעם אונערטרעגליכען וועהטאג, וועלכען ער האט געמאהלען פאר זיינע צוהערער. אויף איהם איז געווען א מורא צו קוקען. זיין ברוסט האט זיך שווער און שמערצליך געהויבען. עס האבען זיך באַ־וועגען די שרעקליכע כוחות פון האס און כעס, וועלכע ער האט ניט געקאנט אויסגיסען אזוי וויט און ברייט, אז ער זאל פארטרינקען מיט זיי די גאנצע וועלט.

ער האט א כאפ געטאן די גלאז און פאמעליך אויסגעטרונקען דעם רויטען וויין.

— יא, — האט געזאגט ארבוזאוו, — ער האט דאס אביסעל אפ־געמאלען !.. וואלסטו זיך שוין בעסער אליין דערשאסען, דו, פאר־פלוכטער אינזשיגער איינער ! — האט ער מיט אמאל אויסגעשריהען מיט א מורא'דיגען כעס. — גאה צום טייפעל !.. לאמיר געהן א היים!.. אז ניט וועל איך איכיצען ערמארדען, אדער זיך אליין... קומט !...

ער האט געכאפט זיין הוטעל און איז אוועק צום טיר. אין טיר האט ער זיך אפגעשטעלט, און מיט א קרומען שמייכעל אויף די ליפען זיך אומגעקערט צו זיינע חברים.

— אפשער זאלען מיר געוואר ווערען אונזער פריינד, א ?.. קומט, וועלען מיר זעהן וואס טוט ער דארטען !..

דזשענעיעוו האט זיך אוטאמאטיש אויפגעהויבען.

זיין קאָפּ איז געווען פול מיט נעבעל, פול מיט אונקלאָרע אונ־געהויער גרויסע געשטאַלטען און שאָטענס פון ריזיגען שרעק. ער איז געווען בלאַס, שוין אינגאַנצען אויסגעניכטערט, און דאָך זיך געשאָקעלט ווי אַ שיכּור.

זיי זענען אוועק אין צווייטען צימער, וואו קראוזע איז געלעגען. נאומאָוו האָט זיי נאָכגעפאָלגט, נאָך אַלץ פינקלענדיג מיט די אויגען און בייסענדיג די ליפּען.

17.

דער בלאַסער, בלויליכער פרימאָרגען האָט שוין אַריינגעקוקט אין די פענסטער. אונהיימליך און קאַלט איז געווען אין די פוסטע חרוב'ע צימערן.

קראוזע'ס טויטער קערפּער איז נאָך אַלץ געלעגען אויפ'ן דיל, צוגעדעקט מיט'ן ווייסען טישטוך. אין דעם בלאַסען פריהמאָרגען ליכט, האָט ער אויסגעזעהן נאָך לענגער, נאָך דינער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אויסגעצויגען איבער נאַכט.

אַרבוזאָוו, דזשענעיעוו מיט נאומאָוו'ן זענען לאַנג געשטאַנען איבער איהם קוקענדיג אויפ'ן ווייסען טישטוך, פון אונטער וועלכע עס האָבען באַוועגלאָז און שרעקליך אַרויסגעשטעקט די אומגעלומפּער־טע אברים פון דעם טויטען קערפּער.

קראוזע איז געלעגען באַוועגלאָז, אָט ווי ער וואָלט זיך פאַרבאַ־האַלטען אונטער דעם ווייסען צודעק, און עס איז געווען אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען, אַז דאָס איז שוין ניט מעהר קראוזע, נאָר דער טויטער קערפּער זיינער. ניט ווילענדיג האָט זיך געדוכט, אַז דורך דעם ווייסען געוועב לויכטען זיך די ווייסע טויטע אויגען, און אויפ־מערקזאַם שווייגענדיג, און ביטערע געבען זיי אַכטונג אויף די לעבעדיגע מענשען.

עס איז געווען שווער צו דענקען. אז ער איז אפגעלעגען די גאנצע נאכט אט דא אויף דעם קאלטען דיל און האט אפילו ניט א ריהר געטאן מיט א פינגער. דזשענעיעוו'ן איז איינגעפאלען א ווילדער געדאנק: אז אפשר איז ער אויפגעשטאנען ביינאכט און צוגעגאנגען צו דער טיר, אזא לאנגער און ווייסער מיט א צושפאל־טענעם קאפ, און האט געקוקט אויף זיי אין שפאלט מיט זיינע טויטע ווייסע אויגען.

ער האט זיך אינסטינקטיוו אומגעקוקט און דערזעהן סמנים פון בלוט ביז דער סאמע טיר. א קעלט פון זינלאזען שרעק איז אדורך זיין פלייצע. דזשענעיעוו האט זיך נערוועז צולאכט און איז פלינק ארויס פון צימער.

נאומאוו האט איהם ניט געשענקט די מינדסטע אויפמערקזאמ־קייט, אט ווי ער וואלט אינגאנצען ניט געהערט זיין געלעכטער. אר־בוזאוו האט איהם באגלייט מיט די רויטע, פיבערישע, פון דער שלאפלאזער נאכט אויגען ביז דער טיר.

נו, וואס... קום, אינזשינער, וועלען מיר אויך געהן, — האט ער געזאגט.

נאומאוו האט זיך אומגעקוקט. זיינע מיעדע אויגען האבען א קוק געטאן אויף ארבוזאוו'ן אזוי טיעף און טרויעריג. ארבוזאוו האט ניט דערקענט זיין געזיכט. דער אינזשינער האט געקוקט ערגעץ טיעף אין זיך און א ווייכער טרויער איז געלעגען ארום זיינע פאר־שלאסענע ליפען. אזוי ווי אין דער מינוט, וואלטען אפגעמעקט גע־ווארען אלע זיינע ווילדע געדאנקען, און עס וואלט בלויז פארבלי־בען איין איידעלער און שעהנער מענשליכער טרויער.

— וואס, ברודער? — האט מיט א ציטער אין שטים, געפרעגט ארבוזאוו.

— מען קען גאר ניט העלפען!... אט האסטו דיר — אן אידעע: א רחמנות אויף קראוזע'ן!... ער איז געווען א וואוילער יונג!... דאס אלעס, קום!

אין דרויסען, זעצענדיג זיך אין עקיפאזש האט ארבוזאוו אויס־געדרעהט צו דזשענעיעוו'ן זיין גרוי בלאס געזיכט. דער לעצטער האט זיך געזעגענט מיט זיי ביים ארויסגאנג.

— נו, וואס סעריאזשא? — האט ער איהם א פרעג געטאן, אט

ווי עס וואלט זיך איהם דאך וועלען הערען פון איהם דאס וויכטיג־סטע און פאטאלסטע.

דזשענעיעוו האט שמערצליך א מאך געטאן מיט'ן האנט און האט זיך שנעל אוועקגעלאזען איבער די הילכיגע הילצערנע בריקלער פון טראטואר.

די טראיקע האט איהם איבערגעיאגט, פארקערעוועט אין א זייט וואו עס איז לאנגזאם אפגעשטארבען דער טומעל פון די רעדער.

דאס שטעדטעל האט שוין ערוואכט. ווייבער מיט קוישען און טעפ זענען שוין געגאנגען אין מארק אריין. אלטינקע אין דונקעלע פאטשיילעס זענען געשטאנען אין די אפענע טירען פון קלויסטער.

פוהרען האלץ האבען זיך געצויגען אין מארק אריין, וועלכע עס האבען באגלייט א רייהע גרויע דארפס הינט. די פויערים האבען פויל און פארשלאפען אראפגעקוקט פון די וועגען אויף דזשענעיעוו'ן.

18.

מזשיזש האט צוואוארפען די פאלעס פון זיין אלטען מאנטעל, אזוי ווי עס וואלט איהם געווען הייס, און האט היילענדיג געשפאנט איבער'ן שטאט.

עס איז איהם געווען אזוי שווער אויפ'ן הארצען. אויסער איהם און ריסקאוו'ן איז קיינער פון קראוזעס נאהענטע פריינד ניט געקומען אויפ'ן בית־עולם. דער קליינינקער סטודענט האט זיך געפיהלט שטארק באליידיגט און געקרענקט פאר דעם פארשטארבענעם, אט ווי דער ארימער קראוזע וואלט געקענט זעהן אז אלע האבען איהם שוין איבערגעלאזען און פארגעסען.

— דער נארישער ארבוזאוו האט טאקע דאן רעכט געהאט, — האט פארביטערט געטראכט מזשיזש. אלע זענען פריינד, חברים

בלויז ביז א צייט... און אין באצוג צום טויט, איז דאס זיכער אז אמת!... עס איז ניטא קיינער, וועמען מען זאל ניט פארגעסען! די פושקינס געדענקט מען... איז דאס אויך ניט פושקינען, נאר א געוויסע ליטעראַרישע גרויס... פע, מיאוס!

אין קאפ ביי איהם איז געווען א קאלומבור. טזשיזש האט בשום אופן ניט געקענט צונויפנעמען אין איין הארמאנישעם גאנצעם זיינע געדאנקען און געפיהלען. ער איז נאך אלץ געווען דערשלאגען. ער איז שלעכט געשלאפען ביינאכט, און אפילו אין חלום, האט ער געהערט דעם קנאל פונ'ם שאס, און דאס פאלען פון דעם טויטען קערפער עס האט זיך איהם אפילו ניט געגלויבט: שוין־זשע איז דאס פארגעקומען אין דער ווירקליכקייט?... דאס בלאסע געזיכט מיט די מאדנע קרומע ברעמען, איז שטענדיג געשטאנען פאר זיינע אויגען.

— ארימער, — האט ער געטראכט, — נאך וואס?... נאומאוו, דער נידערטרעכטיגער. ער האט געמוזט פארשטעהן מיט וועמען ער האט צו טאן!

דעם קליינינקען סטודענט, האט זיך דאס לעבען פארגעשטעלט אזוי אונצווייפעלהאפט אבסאלוט שאצבאר, אז ער האט זיך אפילו פארגעסען מיט וואס פאר א אידעען נאומאוו האט זיך ארומגעטראגען: איהם האט זיך געדוכט, אז ווי עס זאל דארטען ניט זיין, ווען נאומאוו זאל געווען ווייסען, צו וואס זיינע רייד וועלען פיהרען, וואלט ער ניט געווען גערעדט דאס, וואס ער האט גערעדט. טזשיזש איז געווען איבערצייגט, אז קראוזע האט זיך דערשאסען בלויז אונטער נאומאוו'ס איינפלוס. און איהם האט זיך שרעקליך געוואלט זעהן דעם אינזשינער אום צו ווארפען איהם אין פנים דעם גאנצען ביטערען אמת.

נאך אלעמען איז דאך דאס אלץ איינס, ווי דער'הרג'עט, — האט ער געטראכט מיט א נוגענדען געפיהל, — יא טאקע דער'הרג'עט!

— קיריל דמיטריעוויטש, ווארט צו! האט זיך דערהערט פון הינטען ריסקאוו'ס שטים.

דער קליינינקער סטודענט האט צוגעווארט, און ווייטער זענען זיי אוועק צוזאמען.

ריסקאוו איז אויך געווען דערשלאגען. ער האט געשפאנט שווייגענדיג, צוטראגען געקוקט אונטער די פים און פארזארגט געפאכט מיט'ן שטעקעלע.

— יאַ... — האָט אַם ענדע טזשיזש איבערגעריסען דאָס שווייגען. וואָס וועט איהר זאָגען אויף דעם אַלעם?

— וואָס־זשע, — האָט מעלאַנכאָליש געענטפערט ריסקאָוו, — איך טראַכט דערפון אַליין זעהר אָפט... באמת צו וואָס טראָגען דעם יאָך!... דאַ, אַלענפאַלס, איז דאָס מיט אמאָל!... ווייסט איהר, איך בין אינגאַנצען איינשטימיג מיט דעם הער נאָומאָוו...

טזשיזש האָט זיך אפילו אָפּגעשטעלט.

— וואָס רעדט איהר ריסקאָוו! — האָט ער אויסגעשריען מיט ענטריסטונג. — דער טייפעל ווייסט וואָס: צי איז די צייט אַזאַ מין נידערטרעכטיגע, צי אין דער לופטען טראָגט זיך דאָס, צי וואָס?... שוין־זשע פאַרשטעהט איהר ניט אַז דאָס איז פּשוט נאַריש, קליינמוטיג און אפילו נידערטרעכטיג.

נו, — האָט אויפגערעגט אויסגעצויגען ריסקאָוו.

— ניט נו, — נאַר יאַ!... אַ זעלבסט־מערדער איז אַ מענש וועלכער גיט זיך אונטער דעם לעבען, לויפט פון לעבען ווי אַ פּייגלינג! פריער פאַר אַלעם האָט קיין מענש ניט דאָס רעכט איבערצורייסען דאָס לעבען, פאַרניכטען דאָס וואָס ניט ער האָט באַשאַפען.

— אָבער, פאַר וואָס־זשע, קוריל דמיטריעוויטש? — האָט ניט זיכער אָפּגעענטפערט ריסקאָוו.

דער קליינינקער סטודענט האָט זיך אביסעל פאַרלאָרען פון אַט דער פּשוט'ער און קורצינגער פראַגע, ווייל עס איז ניט געווען אַזאַ פּשוט'ער קורצער ענטפער. ריסקאָוו האָט דאָס באַמערקט, און אונבאַשטימט אַ פּאַך געטאָן מיט'ן שטעקעלע.

— אַ מאָדנע פראַגע! — האָט, אויסער זיך, באַמערקט טזשיזש.

— פאַר וואָס־זשע, איז די פראַגע אַ מאָדנע? — האָט מיט אַ קוים באַמערקבאַרען שפּאָט אָפּגעענטפערט ריסקאָוו. — לויט מיין מיינונג, איז דאָס די ריכטיגסטע פראַגע, איהר זאָגט, אַז אַ מענש האָט קיין רעכט ניט, פרעג איך — פאַרוואָס?...

— דערפאַר, וואָס ניט איהר האָט דאָס לעבען באַשאַפען! — האָט ווידערהאָלט דער קליינינקער סטודענט, און ער האָט זיך אַליין גערעגט דערפון, וואָס זיין ענטפער איז ווייט ניט קיין איבערציינגענדער.

ריסקאָוו האָט קוים־קוים געשמייכעלט.

— נו, איז וואָס, אויב ניט איך... — האָט ער באַמערקט, — איך האָב דאָך ניט געבעטען אַז מען זאָל מיר אָנבינדען דאָס לעבען. און האָב זיך אויך ניט פאַרפּליכטעט דאָס צו היטען... עס רעדט זיך אַזוי, קיריל דמיטריעוויטש, דאָס איז באמת, בלויז ווערטער... נו, און אויב מיר האָט ווירקליך דאָס לעבען דערעסען? אויב מיר איז באמת שווער צו לעבען?

— שווער!... מאַלע וואָס! און איך וואָלט זיך וועלען, אַז דאָס לעבען זאָל זיין אַ קייט פון יומים־טובים, צו וואָס?... דאָס לעבען איז ניט קיין פאַרוויילונג ריסקאָוו, נאָר אַ חוב, און ווי שווער עס זאָל ניט זיין, דאַרף מען דאָך קעמפען און ניט פאַרלירען דעם מוטה!

קיריל דמיטריעוויטש, איהר טענה'ט אַלץ „מען מוז, מען דאַרף". אָבער פאַר וואָס — דאַרף מען?

— דערפאַר, ווייל אויב אַנדערש וועט די מענשהייט מוזען אָדער אינגאַנצען פאַרשווינדען, אָדער זיך פאַרוואַנדלען אין חיות און זיך שטעלען אויף אַלע פיער!

— נו, מילה!

טזשיזש האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, ווי אַן אָפּגעבריטער שפּער־לינג.

יאָ, געוויס, אויב אַזוי צו דענקען! — האָט ער געזאָגט מיט פאַר־אַכטונג. און נאָך אַ ווײַלע שווייגען האָט ער צוגעגעבען מיט שפּאָט:

— דאַכט זיך, אַז איהר האָט זיך שוין אָנגענומען מיט נאָומאָוו'ס אידעען!

— ניט זיך אָנגענומען, נאָר... פּשוט איך בין איינשטימיג מיט איהם!... כאָטש דעם אמת געזאָגט, ניט אין אַלצדינג.

טזשיזש האָט אויף איהם אַ זייטיגען בליק געוואָרפען, און אַ הירזשע געטאָן.

— ניט אין אַלעם?... אין וואָס־זשע זענט איהר ניט איינשטי־מיג?

ריסקאָוו האָט אונבאַשטימט געפאָכעט מיט'ן שטעקעלע.

—אַזוי אין אַלגעמיין... איך בין מעהר אויף קראָוזעס זייט... דאָס הייסט אויב אַ מענש... איך וויל זאָגען, אַז מען דאַרף שליכטען די

פראַגע פאַר זיך ניט פאַר אנדערע... דאָס איז אַלץ אידעען... און דאָס איז נאַריש.

— איהר רעדט נאַרישקייטען ריסקאָוו, האָט זיך ניט איינהאַל־טענדיג איהם איבערגעשלאָגען טזשיזש.

ריסקאָוו איז אביסעל רויט געוואָרען און האָט אויפגעהערט צו פאַכען מיט׳ן שטעקעלע. אָבער זיין געזיכט האָט געטראָגען דעם אויס־דרוק פון אינערליכער איבערצייגונג, וואָס מען זאָל איהם דאַרטען ניט זאָגען. טזשיזש האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז נאָומאָוו האָט גערעדט מיט איהם, און דער אָרימער ריסקאָוו, האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט אלס א שילער פון דער נייער לעהרע, טראַגענדיג אין זיך א פרעמדען געדאַנק און פרעמדע ווערטער ווי עטוואס זיין אייגענס, וואָס איז אונ־פאַרשטענדליך פאַר געוועהנליכע מענשען.

— און אייער נאָומאָוו, — האָט בייז פאָרטגעזעצט דער קליינינ־קער סטודענט, — איז פשוט און פּראָסט — א נידעריגער מענט!... אזוינע מענשען דאַרף מען היינגען ווי משוגע׳נע הינט! ער ווייס אַליין גאַנץ גוט אַז ער טוט א שלעכטע מאוס׳ע אַרבעט!...

דער טייוועל ווייסט איהם!

ריסקאָוו האָט מיט געפעליגקייט א קוק געטאָן אויפ׳ן קליינינקען סטודענט, וועלכער איז אונפעהיג געווען צו פאַרשטעהן דאָס, וואָס ער ריסקאָוו פאַרשטעהט, און האָט איבערגעשוויגען.

גאַנץ לאַנג זענען זיי געגאַנגען שווייגענדיג. ריסקאָוו האָט הויך געטראָגען זיין קאָלירלאָזען קאָפּ מיט די גלאַט פאַרקעמטע האָר. טזשיזש האָט זיך נערוועז געטרייסעלט און אינערליך געברויזט. איהם האָט זיך געגלוסט ארויסקומען מיט טויזענדע פאַרניכטענדע ארגומענטע, אָבער ער האָט זיך אביסעל געשעהמט אויסגיסען זיין צאָרן פאַר אזא מין גאָרניט ווי ריסקאָוו. דערנאָך האָט די אויפרעגונג דאָך גובר געווען.

— הערט זיך איין... ריסקאָוו... — האָט ער אָנגעהויבען, אַט די אַלע בייז־משוגענע געדאַנקען זענען א פּראָדוקט פון אונזער איבער־גאַנגס צייט... זיי האָט געבוירען די אַלגעמיינע פאַרלאָרענהייט פון דער געזעלשאַפט. עס וועט קומען א נייע כוואַליע און וועט אַפּוואַשען אַט דעם נאָומאָוויזם, אזוי אַז עס וועט פון איהם קיין שפּור ניט בלייבען. איך דוכט זיך איצט, אַז עס איז איבער־קלוגשאַפט צו

פריידיגען זעלבסט־פארניכטונג, אבער מיט עטליכע יאהר שפּעטער וועט איהר זיך אליין אפּקערען מיט עקעל פון אַט די קברים־גרעבער!

ריסקאוו האָט אַהן צוטרויען אַ שמייכעל געטאָן און האָט אַ פאַך געטאָן מיט'ן שטעקעלע.

נעוויס! האָט זיך אינגאַנצען אַן אויפגעקאָכטער, פאַרטגעזעצט דער קליינינקער סטודענט, — איצט איז אַלעמען אומעטיג און שווער. און עס דוכט זיך אַז עס איז ניטאָ נאָך וואָס און צוליעב וואָס צו לעבען... דענקט איהר אַז מיר איז ניט שווער?... אוי, אוי!... נאָך ווי שווער!... אבער וואָס קען מען טאָן? קיין זאַך גיט זיך ניט אומזיסט אַהן קאַמף, אַהן ליידען. דאָס לעבען פאָדערט קרבנות. מיר וועלען זיך אפשר ניט דערלעבען די בעסערע צוקונפט, אבער דאָס דאַרף אונז ניט אַרען. נו, יאָ מיר וועלען אומקומען, — אבער מיט אַ ליבטיגען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט, אויף וועלכען עס וועט זיין לייכט צו מערקען ווי די באַגייסטערונג פון אַ פאַנאַטיקער האָט געקעמפּט מיט דער פאַרצווייפלונג, האָט מיט אַ פעסטער איבערצייגונג געזאָגט טושיזש. — אַבער איז אונזערע טויטע קערפּער וועלען דורכגעהן אַנדערע! אפילו איצט הערען זיך שוין זייערע נייע מונטערע שטימען. דער אומעט געהט דורך, די געזעלשאַפט ערוואַכט! און די נאַומאַוו'ס מיט די קראַוזע'ס זענען שאָטענס פון דער אוועקגעהענדער נאַכט... ניט לויפען ווי פייגלינגע פון לעבען, נאָר קעמפּען און אַרבייטען מוזען מיר אַלע פאַר וועמען די מענשהייט איז ניט קיין פּשוט'ער קלאַנג.

— ריסקאוו האָט זיך שוין אויפמערקזאַם איינגעהערט. און אויפגעהערט צו פאָכען מיט'ן שטעקעלע.

זאָלען די פייגלינגע מיט די מענשען־האַסער אוועקגעהן, אַבער אַ שטאַרקער און שטאָלצער מענש וועט אימער בלייבען שטעהן אויף דעם פּלאַץ, וועלכען ער מוז באַוואַכען. די צוקונפט איז ניט ווייט!... זי באַלאַנגט צום פאָלק און אין דעם זיעג פון פאָלק קען מען ניט צווייפלען! דאָס לעבען האָט אַ זין בלויז דאַן ווען מען לעבט פאַר דער צוקונפט, צוליעב דעם טריאומף פון די צוקונפטיגע ליכטיגע טעג, פאַר דער גאָלדענער צוקונפט פון דער מענשהייט!

טושיזש האָט שוין אין דער מינוט, ווי עס ווייזט אויס, געזעהן פאַר זיך די אונגעהויערע מחנות פון דעם זיעגער, דעם פאָלק, צוזאַמען מיט די פלאַטערענדע רויטע פאַהנען. ער האָט זיך אינגאַנצען צו־

פלאַקערט געגומען פינקלען מיט די אויגען, ער האָט אַרונטער געדוקט אויף דער פּאָטילניצע די אַלטינקע היטעל און האָט שוין געשריבען אַי־בער דער גאַנצער גאַס.

אַרום און אַרום זענען געווען גרויע פּאַרקאַנס, קליינע שטיבלעך, גערטנער און פוסטע פּלעצער, פאַרוואַקסענע מיט דערנער און האַרטע גראָזען. אין דעם סאַמע מיטען פון גאַס האָט אומגעשפּאַצירט אַ חזיר. דער חזיר אַ גלייכגילטיגער צו אַלעם האָט זיך אַזוי פרעהליך געדרעהט מיט'ן עק.

צוערשט האָט זיך אַזוי ווי עפּעס אַ צאַפּעל געטאָן אין ריסקאָוו'ס נשמה, אָבער די נעבעלהאַפטע ווערטער, „דאָס פאָלק, די צוקונפט, די מענשהייט", האָבען בלויז אָן אומעט אַרויפגעוואָרפען אויף איהם. עס האָט איהם אפילו פאַרדראָסען אויפ'ן קליינינקען סטודענט וואָס היצט זיך אַזוי.

אָבער וואָס קומט איהם אַרויס דערפון? וואָס פרעהט ער זיך? האָט געטראַכט ריסקאָוו און געזאָגט:

איז דען אייך ניט אַלץ איינס, קיריל דמיטריעוויטש?... באמת, ווען דאָס וועט נאָך אַמאָל זיין!

טזשיזש האָט זיך אונערוואַרטעט אָפּגעשטעלט.

ווירקליך, איהר ריסקאָוו, זעהט דאָס ניט אָט דער חזיר? — האָט ער געפרעגט מיט כעס אָנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף דער חזיר, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט קראַצען אין אַ סלופּ.

ריסקאָוו האָט זיך דערשראָקען.

— אין דעם איז דאָך טאַקע דער גאַנצער אונטערשיעד צווישען אַ מענשען און אָט דעם חזיר. וואָס דער לעצטער לעבט בלויז פאַר זיך, און אַ מענש, קען ניט זיין ווי באַוואוסטזיניג אויף זיין בונד מיט דער מענשהייט! הערט ניט אָט די מענשען־האַסער וועלכע ווייסען אַליין ניט וואָס זיי רעדען!

דער קליינינקער סטודענט האָט אַזוי שטאַרק געגלויבט, אַז יע־דערער מוז ליעב האָבען די מענשהייט, אַז ער האָט ניט געוואוסט פון קיין שטאַרקסטען פאַרוואורף, ווי דער פאַרוואורף אין מענשען־האַס, אָדער גלייכגילטיגקייט צו דער מענשהייט. ער האָט נאָך עפּעס גע־וואָלט צוגעבען, נאָר אין דער מינוט האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויפ'ן חזיר, וועלכער האָט אין דעם זיסען ליידענשאַפטליכען פאַרלאַנג זיך

צו קראצען אין סלופ אוועקגעשטעלט אין דער ברייט פון טראטואר.

דער חזיר האט געמאכט ווילדע קולות, און איז אפגעלאפען אויפ'ן מיטען גאס און פון דארטען זיך באוועגלאז אנגעשפארט אין דעם קליינינקען סטודענט, וועלכער האט צושטערט זיין רוה.

— א, טייפעל איינער! — האט טזשיזש אויסגעשריען מיט פארדרוס.

ריסקאוו האט ניט ווילענדיג א שמייכעל געטאן, אבער ער האט גלייך ארויפגעצויגען אויף זיך אן ערענסע מינע. טזשיזש האט באַמערקט דעם שמייכעל, און מיט אמאל דערפיהלט אז זיינע ווערטער פליהען אין דער לופטען. ער האט זיך פארשעמט דערמיט וואס ער האט זיך אזוי פארגעסען.

— אידיאט! — האט ער געטראכט; און אנגעבלאזען גע־זאגט: — נו, גוט!... קומט אריין צו מיר ווען ניט איז, וועלען מיר שמועסען... אבער איצט מוז איך געהן... צום ווידערזעהן. זיי האבען זיך געזעגענט. טזשיזש האט פארקירעוועט אין דעם ערשטען הינטער געסעל און איז אוועק מיט א שווערען פארדריסליכען געפיהל, א קליי־נינקער און איינזאמער איז ער פארביי געגאנגען די אונענדליכע פאר־קאנס. און ריסקאוו איז אוועק ווייטער מיט'ן גאס, פאכענדיג מיט'ן שטעקעלע און קוקענדיג גלייך פארויס.

די פארבייגעהענדע האבען זיך אומגעקוקט אויף איהם מיט נייגעריגקייט: די גאנצע שטאדט האט שוין געוואוסט אז ער איז געווען בא קראוזע'ס זעלבסט־מארד, און דאס האט איהם אין א געוויסער מאס פארוואנדעלט אין א העלד פון טאג.

ריסקאוו האט געמערקט אט די בליקען, האט זיי אויסגעטיי־טייטשט אויף זיין אייגענעם שטייגער, און אנגענומען א שטאלצען געהיימניספולען אויסזעהן. איהם האט זיך געדוכט אז דער אויס־דרוק פון זיין פנים איז ראמאנטיש שעהן, און אז אויף זיין גאנצער פיגור איז אויסגעגאסען דער שטעמפעל פון דעם געהיימניספולען שיקזאל; ווארום דאס איז אזוי האט ער ניט געוואוסט, און ניט פאר־שטאנען, אבער ער האט זיך ווירקליך געפיהלט אלס א העלד.

ניט ווילענדיג האט ער זיך פארגעשטעלט אויף דעם קארנעט קראוזעס ארט, מיט דעם רעוואלווער אין האנט, האלטענדיג זיין לעצטע

רעדע פול מיט ביטערניש און סאַרקאַזם. אמת, ער האָט ניט געקענט צוטראַכטען קיין איין וואָרט, אָבער ער האָט דאָס ניט באַמערקט.

— אַט דאָן וועלען אַלע דערזעהן און באַנעמען! — האָט ער געטראַכט מיט אַ ביטערן פאַרגעניגען.

ער האָט ווידער אַמאָל אַליין ניט געוואוסט קלאָר, וואָס מענשען וועלען דערזעהן און פאַרשטעהן, אָבער ער איז געווען זיכער, אַז זיי וועלען איינזעהן און פאַרשטעהן. אין אַלגעמיין וועט מען פאַרשטעהן איהם, מען וועט איינזעהן זיין גרויסע נשמה, וועלכע קיינער האָט פריער ניט פאַרשטאַנען, און מען וועט דערפיהלען זיין אויסערגעוועהנליכען טראַגישען שיקזאַל.

דערנאָך, וועלען אַלע אויף איהם רחמנות האָבען, מיט איהם וועלען זיך פאַראינטערעסירען אַלע מיידלעך, וועלכע האָבען איהם ביז אַהער ניט באַמערקט, נאָר דערנאָך, וואָס ער איז אַ פּשוטער באַאַמטער. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי עס וועלען אומגעהן איבער'ן שטאָט זיינע לעצטע ווערטער פאַר'ן טויט!

נאָך ווי!... זיי דענקען אַז ער איז אַ גאָרניט, אַ קליינינקער באַאַמטער. און ער — איז גאָר אַ העלד! אַ טראַגישע פיגור!... ער וועט שטאַלץ, אָהן מורא דורך געהן יענעם שטריך, פאַר וועלכען זיי ציטערן פון שרעק און גרויל. יאָ, ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַט דעם קלעגליכען לעבען, פון אַט דער אומגעלומפּערטער קאָמעדיע, און האָט אויסגעקליבען דעם טויט... דעם שעהנעם און שטאָלצען טויט!

ריסקאָוו'ן האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט פון שטאָלץ. ער איז געגאַנגען איבער'ן גאַס, הויך פאַרריסען „דעם בלאַסען קאָפּ" מיט פאַראַכטונג צו דער גאַנצער וועלט. זיין קאָפּ האָט געברענט פון די טרוימען וואָס האָבען איהם איבערפילט. איהם האָט זיך פאַרגעשטעלט אַז עס וועט זיך געפינען אַן אויסערגעוועהנליך שעהנע מיידעל, וועלכע וועט זיך איינליעבען אין איהם נאָכ'ן טויט, פאַר זיינע ליידען און טראַגישען שיקזאַל, און זי וועט זאָגען:

— ער האָט ניט געהאַט קיין ליעבע פאַר זיין לעבען, אָבער ער האָט אַזוי פיעל געטרוימט וועגען איהר!... איהר האָט איהם ניט פאַרשטאַנען, איהר האָט איהם ניט געקענט פאַרשטעהן, און אַט דער־

פאר איז ער געשטארבען!... איך וועל זיין זיין קללה איצט נאך זיין טויט!

פאר ריסקאוו'ן האט זיך אונקלאר געמאהלען דער בית־עולם, און הערבסט צוזאמען מיט א טרויעריגען פרויען געשטאלט, מיט צולאזענע האר, וועלכע וועט שטיל באדעקען זיין קבר מיט הערבסט־בלומען...

דא האט ער זיך דערמאנט אין זיין ערצעהלונג... א לייכטע פארב האט באדעקט זיינע געלע באקען. ריסקאוו האט גענומען פינטלען מיט די אויגען און זיך אומקוקען, ווי א פייגלינג.

ניין, ניטא קיין שום מיידעל, מען דארף ניט! ער האט געלעבט אליין און וועט אויך שטארבען אליין. אזוי איז אפילו בעסער און שעהנער אויך!... אט ליגט ער אין טרונע, צווישען פרעמדע קאלטע מענשען... זיין געזיכט איז בלאס, שטרענג און זעהר שעהן... ארום און ארום שטעהען די אפיצערען מיט איינגעבויגענע קעפ. ריסקאוו האט זיך פארגעסען אז ער איז ניט קיין אפיצער. ער האט אפילו דערהערט דעם טרויער מארש. ערהאבען אומעטיג זינגען די מע־שענע טרובעס... עס דונערן די געזעגונגס־שיסערייען....

ריסקאוו'ן האט אנגעהויבען קיצלען אין נאז פון רחמנות צו זיך אליין. ער האט זיך אזוי פארטיפט אין זיינע טרוימען, אז ער האט אפילו ניט באמערקט אז ער איז צוגעקומען צום הויז. ווי א שכור'־ ער האט ער אייניגע מינוט געקוקט אויף דעם באקאנטען פון קינדהייט אן ארימען שטיבעל, אויף זיין פאראומערטען, ארומגעריסענעם אויס־זעהן מיט די צוויי האלב בלינדע פענסטערלעך.

ריסקאוו האט זיך פלוצלונג דערמאנט, אז זיין עלצטער איז מורא'־ דיג אונצופרידען מיט זיין אנטייל אין דער קראנזע געשיכטע, און מאר־ גען, ווי אויב צו להכעיס וועט איהם אויסקומען צו איבעררעדען מיט איהם וועגען א געוויסען טעות אין דער ארבייט. ריסקאוו'ן איז קאלט געווארען, און ער האט זיך צוזאמענגעדרעהט אין דרייען... וואס וועט זיין, אויב מען וועט איהם ווירקליך אפזאגען פון זיין שטעלע?...

ער איז ביי זיך אזוי שטארק אראפגעפאלען. באמת, וואס פאר א העלד איז ער!...

ריסקאוו איז אריבער דעם הויף און ניט אריינגעהענדיג אין הויז איז אריין אין גארטען: אזא אומעט האט איהם אנגעכאפט. עס האט

זיך איהם ניט נעגלוסט צו זעהן זיין חשך'דיגען צימער, די שטיקענדע קיך, מיט דער אייביג ציטערענדער, אייביג שילטענדער מוטער.

אלע גערטנער און סעדער פון דער גאס זענען ארויסגעגאנגען צו א גרויסער בלאטע, וועלכע עס האט פארטרונקען די האלב חרוב'ע פארקאנס. אויפ'ן צווייטען ברעג האט זיך אין נעבעל צושוואומען די אומעטיגע פאנאראמע פון שטעדטעל, מיט די קרומע הינטער געס־לעך, שטרויענע דעכער, נידעריגע גלאקען שטיבלעך, קלייטען און די איינגעשרומפענע סעדער וועלכע זענען שוין געווען שיטער און געל. דער ווייסער הימעל איז נידעריג געשטאנען איבר דער ערד, דער הערבסט ווינט האט געראשט צווישען די פאראומערטע בוימער, צווי־שען די טרוקענע שטאמען, וועלכע האבען פארזארגט געפאכט מיט זייערע הויכע בערשטלעך. עפעס א מין אונאויפהערליכער קרעכ־צענדער קלאנג, האט זיך געטראגען איבער דער גאנצער בלאטע. אין מיטען דער בלאטע האט זיך צעווייסט אן אפען וואסער — אן אזערא. מען האט געקענט זעהן ווי אהן אן אויפהער, ווי אין א צויבער קרייז לויפען קליינע כוואליעס. עס איז קאלט געווארען קוקענדיג אויף זיי. עפעס א שווארצער פינטעל האט זיך געדרעהט אין מיטען אויף דער גרויער אויבערפלעך פון דעם וואסער. ריסקאוו האט אויטא־מאטיש פארשטאנען — אז דאס איז א קאטשקע.

— זי האט זיך אפגעשלאגען פון דער מחנה... דערפאר וועט זי דערפרוירען ווערען און אומקומען.

— טא צו וואס, דרעהט זי זיך נאך און שווימט, און שווימט! בעסער וואלט זי שוין מיט אמאל דערטרונקען געווארען. אבער ניין, זי וויל בעסער לעבען... עס וועלען קומען די פרעסטלעך, ארום איהר וועט מיט יעדען טאג ווערען שמעלער די וואסער... דערנאך וועט זי זיך נעמען שלאגען צווישען דעם אייז, און דער טייפעל ווייסט צוליעב וואס, די קאטשקע וועט זיך מיהען מיט די פיסלעך צו פארברייטערן ארום זיך דעם וואסער־קרייז... די וואסער וועט זיין אזא קאלטע און שווארצע!... ביינאכט וועט זיך די קאטשקע איינ־שלאפען און דאס וואסער איבער איהר וועט זיך פארציהען מיט אייז. א נארישער פויגעל!

ער, ריסקאוו, וואלט ניט אנגעהויבען ווארטען! זאל זיך טזשיזש זאגען וואס ער וויל. איהם איז גוט צו רעדען: ער איז א סטודענט,

ער ווייסט אלעס, ער האט געלעזען... ער וועט דא אפלעבען א פאר יאהר און וועט אוועקפאהרען, וואלט ער זיך פרואווען אפזיצען פינף יאהר אין קאזנאטשעסטווע, און דאן זאל ער קומען רעדען וועגען זיין מענשהייט.

ריסקאוו האט זיך אזש צולאכט פון כעס.

— די מענשהייט! — וואו איז זי, צום טייפעל!... נידעריגע, מיאוסע ברואים'לעך, און מעהר גאר ניט! אזוי זיך קען מען רעדען וואס מען וויל, אבער אין דער ווירקליכקייט איז אויסער נידעריגקייט גארניט ניטא!... אפשר איינמאל אין הונדערט יאהר ווערט געבוי־רען אן אמת'ער מענש, נו איז וואו איז שוין די מענשהייט!... אט דערצעהלט מען אז טרעגולאוו האט איהם אליין צופאטשט די מארדע... דאס איז אויך מענשליכקייט? וואו איז זי די מענשהייט מיט דער מענשליכקייט?... דער קאזנאטשעי? די סוחרים? די קליין בירגער? אדער די פינסטערע פויערים?... פע!... אז דו קוקסט אויף יעדען פון זיי באזונדער — איז דאס א מיאוס'קייט, און אלע צוזאמען איז דאס שוין די מענשהייט! אי, זאלען זיי אלע אויס'פגר'ען! די פארשאלטענע נידערטרעכטיגקייט. מען דארף נעמען און זיך אויפהענגען אויף דעם ערשטען בוים... אט האט איהר אייך די מענשהייט!...

דאס ווארט „מענשהייט", האט ריסקאוו'ן אינגאנצען ארויס־געפיהרט פון די כלים, און ער האט בשום אופן ניט געקענט פארשטעהן, צי לאכט מען פון איהם, אדער וואס? וואוהין דו זאלסט זיך ניט קערען, אומעטום סטירטשען חזיר'שע אויערן; אין די צייטונגען רייסט מען זיך, און מען זידעלט זיך אויף וואס די וועלט שטעהט. זאל זיך נאר באווייזען איין מענש, אביסעל א בע־סערער, פון א העכערען שניט, קוקט מען אויף איהם, ווי אויף א נס, מען מאכט איהם פאר א הייליגען, אזוי מיאוס און נידעריג איז איבעראל, אז עס איז ווירקליך א שאנדע פאר דעם מענשען, און נעמט מען נאר צונויף אט די אלע גארנישטען צוזאמען אזוי הויבט מען זיי גלייך אן זינגען שירה! — „די מענשהייט"!...

ריסקאוו'ן איז שרעקליך שווער געווארען, און פאר איהם האבען זיך ווידער גענומען וויגען די ווייסע פעדערן פון דער קאטאפאלקע, די מוזיק האט געדונערט, די שיסערייען האבען געקראכט, אין טרונע

האָט זיך באַוויזען אַן אונערטרעגליכער שעהנער און איידעלער גע־זיכט!...

אין דער זעלבער מינוט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז ניט קיין אַפּיצער, אַז עס וועט ניט זיין ניט קיין מוזיק, ניט קיינע שי־סערייען, ניט קיין שעהנקייט. זיין וועט גאָר עפּעס אַנדערש, עטוואָס קלעגליכער, ווי זיין גאַנצעס לעבען!

אפילו נאָכ'ן טויט, איז ניטאָ פאַר איהם קיין ערהאַבענקייט און שעהנקייט!

ריסקאָוו'ן איז געוואָרען אַזוי נודנע, אַז עס האָט זיך איהם פאַרגלוסט פאַרגליווערט צו ווערען. גלייך, אויפ'ן אָרט ווי ער איז געשטאַנען.

ער האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעקערעוועט און מיט אַ ענטשלאָ־סענעם און בלאַסען פּנים געזיכט איז ער אַוועק אהיים.

מעגליך אַז אין דער מינוט האָט ער שוין געוואוסט זיין באַשלוס. דאָס איבעריגע וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם אין דעם זעלבען און אין דעם קומענדען טאָג זענען בלויז געווען די פאָלגען, פון אָט דעם פעסטען באַשלוס.

19.

ריסקאָוו איז אריין אין הויז. איהם האָט אַרומגעכאַפּט מיט טשאַד פון קיך, עס האָט זיך שאַרף געלאָזט הערען דער ריח פון אי־בערגעברענטע ציבעלעס און פאַרברענטען שמאַלץ. דער קעסעל מיט דעם שמוציגען קאָכיגען וועש האָט געלאָזט וואָלקענס דאַמף אין סטע־ליע אריין. דער דיל איז געווען שמוציג, אין זיינע לעבער זענען גע־שטאַנען גאַנצע קאַליזשעס מיט וואַסער; די פענסטער זענען געווען פאַרשוויצט; אין הויף איז געווען טונקעל און שטיקענד, ווי אין אַ ווימערדיגען טאָג. די מוטער האָט געגרייט צום טיש. זי האָט באַ־

געגענט דעם זוהן מיט א בייזען בליק פון איהרע זינלאזע פיש־אויגען.

— ביזט געווען ביים קאזנאטשעי?

ריסקאוו׳ן האט עפעס פארשטיקט אין האלז. — איך בין ניט געגאנגען און וועל ניט געהן: איך האב איהם אין דר׳ערד! האט אפּגעענטפערט ריסקאוו און האט געוואלט פארבייגעהן.

די מוטער האט אפּגעשטופּט דעם טעלער; און האט אנגעשטעלט אויף איהם א ווילדען בליק.

— וואס רעדסטו?... ביזט פון זינען אראפּ?... אט, וועסטו פארלירען דיין שטעלע... מען וועט דיך ארויסטרייבען, דו אפּגעריסענער נאר איינער!...

ריסקאוו האט מיט האס א קוק געטאן אויף איהר. ער האט מיט אמאל אזוי קלאר דערזעהן ס׳ארא מין שמוציגע, נארישע און בייזע זי איז, ווי זי עסט זיך איין אין די ביינער. איהרע געלע איינגעפאלענע באקען, דאס שמוציגע קליידעל און די זשעדנע, טעמפּע אויגען, רונדע ווי ביי א פיש, האט ער צום ערשטען מאל געזעהן אזוי אפּען. אט ווי דער האס וואלט געעפענט די אויגען.

— זעהסט... זי איז ענליך צו א גע׳פגר׳טען העכט! — האט זיך דורכגעטראגען אין זיין מוח!

איך וועל געהן, זעצט זיך ניט אן אזוי אויף מיר!... עס איז אזוי אויך פאסקודנע. האט ער געזאגט און זיך קרענקליך פארקרימט. ער האט קוים איינגעהאלטען די ווילדע אויפרעגונג, וואס האט געזאטען אין זיין ברוסט.

— פאסקודנע!... וואס זאגט איהר ניט דערצו, איך בעט אייך!.. און מיר איז גוט? — האט זיך אויף איהם ארויפגעווארפען די אלטע, ווי זי וואלט זיך דערפרעהען מיט דער געלעגנהייט זיך איינעסען אין איהם מיט איהר גאנצען זינלאזען כעס.

ריסקאוו האט א מאך געטאן מיט׳ן האנט און האט זיך געזעצט צום טיש.

א פאר מינוט האבען זיי געגעסען שווייגענדיג, דערנאך האט די אלטע אוועקגעלייגט די לעפעל, און האט זיך אונערוואַרטעט צוכליפּעט.

— און דער וואס לעבט אייביג, נעהמט מיך ניט צו פון דער וועלט... דענקסטו אז מיר איז לייכט?... אויסגעהאדעוועט, ערצויגען...

— עס האָט זיך שוין אָנגעהויבען! — האָט מיט פּיין ארויסגע־ברומט ריסקאָוו.

— וואָס האָט זיך אָנגעהויבען? — האָט בייז געכאַפּט די אַלטע.

— וואָס האָט זיך אָנגעהויבען? בין איך דען א מוטער, אדער ניט?...

ריסקאָוו האָט זיך געמיהט ניט שענקען איהר קיין אויפמערק־זאַמקייט, און האָט געגעסען, זיך נידעריג איבערבויגענדיג איבער'ן טע־לער. אבער זי איז ניט אָפּגעשטאַנען.

איהרע אויגען זענען געווען בייז, די שטים האָט געסקריפּעט ווי אַן אמת'ע זעג.

איך זאָרג דאך בלויז פאר דיר! אז מען וועט דיך ארויסוואַרפען פון דיין פּלאַץ, וועסטו אויסגעהן פון הונגער און וועסט פּגר'ען ערגעץ אונטער א פּאַרקאַן!... איך האָב זיך געמיהט, געמיהט... און דאך איינגעאָרדענט... איך האָב געדענקט וועסט זיין א מענש, און ער, פארשטעהט איהר מיך, וואַרפט גאָר ארויס פאַרשידענע שטיק!... ווי קומט דאָס צו דיר, צו פּראָווען קונצען! דו שוטה איינער!... וואָלסטו כאָטש רחמנות געהאַט אויף דער אַלטער מאַמע, אויב דו האָסט אויף זיך אַליין קיין רחמנות ניט!...

צו דער מוטער'ס קלאָגען איז ריסקאָוו געווען צוגעוואוינט פון לאַנג, דאָס איז געווען א געוויסע טייל פון זיין לעבען, וועלכעס איז אויך געווען אזוי שטאַר און זינלאָז ווי אָט דער קלאָגען. זי האָט שטענדיג געציטערט איבער יעדער טאָג פון זייער עקזיסטענץ, אזוי ווי זיי וואָלטען לעבען צוליעב עמיצעס עקסטרימער גוטסקייט, און צו יעדער מינוט האָט זיך אָט דער אימיצער געקענט דערמאָנען אַן זיי און זיי צוטרעטען מיט די פיס, ווי ווערעמלער. יעדעס מאָל ווען דער זוהן פלעגט זיך צוריקקערען פון דער ארבייט, פלעגט זי א דער־שראָקענע זיך דערפרעגען ביי איהם, צי דער קאַזנאַטשעי איז צופרידען מיט איהם, צי האָט ער חלילה ניט ארויסגערופען מיט וואָס ניט איז דעם צאָרן פון די העכערע באַאמטע, און צי האָט ער גוט און פּינקטליך געטאָן זיין ארבייט?... און אויב עס איז געווען עפּעס ניט אזוי, פלעגט זי ווערען א טויטע פון שרעק, זיך ארויפוואַרפען אויף איהם מיט פאָרווירפע, באַגיסען מיט טרערען. דאן ארויפוואַרפען אויף'ן קאָפּ די שאַל און לויפען צום עלטערען בוכהאַלטער, געהן צום קאַזנאַטשעי פלעגט זי ניט וואַגען: פאר איהר איז געווען אן אונדערגרייכבאַרע

גרויס. זי האט פאר אלעמען מורא געהאט, פאר יעדערען זיך ערנידערט. איהר נחמה איז געווען צו דערגעהן דעם זוהן די יאהרען, און טרייבען נארישע בייזע רכילות אין שטאדט.

זינט ריסקאוו געדענקט זיך, האט זי נאך קיינמאל ניט אויפגע־הערט קלאגען: פריהער פלעגט זי דעם פאטער דערגעהן די יאהרען. ער אן אומגליקליכער, קלעגליכער מענשעלע האט שטיל געליטען, זיך צוזאמענגעדרעהט, און בלויז צייטענווייז, פלעגט ער זיפצען און קרעכ־צען.

ריסקאוו האט זיך דערמאנט אז זיין זיסען שמייכעלע, דערשרא־קען פינטלענדיגע אויגען, פארוואקסענעם פנים מיט'ן בלויען נאז. די פארנייגונגען און אונטערטעניגקייטען... א לאנגער נודנער לעבען מיט דער מיאוס'ער בייזער אלטער. שטילערהייט פלעגט ער אונטער שכור'ן, און זיך וואלגערן אונטער די פארקענס. ער פלעגט שטענדיג אומ־געהן מיט א געשוויר און צעריסענע ארבעל, ער פלעגט אימער ציטערען פאר'ן בוכהאלטער, פאר'ן רעוויזאר, ווי אויך פאר יעדען מענשען וועל־כער האט גערעדט אביסעל העכער.

אין זיין לעבען איז מעהר גארנישט געווען אויסער ציטערניש, גויט, בראנפען און דער פארשפיגענער קאזנאטשייסטווא... פרעמד זיי־נען איהם געווען די באגריפען און געפילען פון ליעבע, גלויבען אדער געדאנקען; אפילו פון פארצווייפלונג איז ער געווען ווייט, אביסעל בלאטע, דאס אלץ וואס ער האט פארמאגט, אין דעם איז זיין לעבען באשטאנען.

א גרויל האט ארומגעכאפט ריסקאוו'ן: ווייל דאס איז דאך אויך זיין אייגענער שיקזאל. אנדערש וועט ניט און עס קען ניט זיין.

וואלסטו כאטש אויף דיין מוטער רחמנות האבען, איך האב דיך דאך געטראגען, געבוירען און אויסגעהאדעוועט... האט אהן א סוף איינטאניג געטענהט, און געקלאפט די אלטע.

פלוצלונג האט ריסקאוו א שמיץ געטאן די לעפעל און איז אויפ־געשפרונגען.

— ווער האט אייך געבעטען, — האט ער ווילד געגוואלדעוועט:
— זעהט נאר די טובה וואס מען האט מיר דא געטאן! געבוירען!... ס'ארא גוטסקייט!... אויב איהר עלטערען, האט שוין יא ארויסגע־

בראכט א לעבען, וועלכעס קיינער האט ביי איהר ניט געבעטען... טא זאלט איהר זיין פארפלוכט און פארשאלטען דערפאר!...

ער האט פארדריקט די פויסטען, אויסגעגלאצט די אויגען און האט זיך פייל אויסען בויגען געלאזען לויפען פון צימער.

פון שרעק איז די אלטע געבליבען זיצען מיט אן אפענעם מויל און איהם נאכגעפאלגט מיט'ן בליק. זי האט לאנג ניט געקענט קומען צו זיך און איז געזעסען באוועגלאז, ווי זי וואלט ניט פארשטאנען וואס דא האט פאסירט.

דערנאך האט איהר לאנגער געלער פנים זיך איינגאנצען צוקרימט. און גרויסע טרערען האבען גענומען רינען איבער איהרע צוקנייטשטע באקען.

— דאס רעדט מען אזוי צו דער מאמען?... אן אייגענע מאמע! גאטוניו, האט זי א געשריי געטאן און געפאטשט מיט די הענט.

— סאשענקא!

ריסקאוו האט מיט קראפט פארהאקט הינטער זיך די טיר, און איז לאנג אומגעלאפען פון איין ווינקעל צום אנדערען. אין איהם האט זיך אלעס געטרייסעלט. זיין געזיכט איז געווען וויים, דער אויסדרוק פון האפענונגסלאזער אנגסט איז געווען אין זיינע אויגען. ער האט זיך געשטיקט, און אלץ געדראהט מיט'ן פויסט... ניט דער מוטער, נאר עמיצען אנדערש, וועמען עס האט איהם באמת, א ווארף געטאן, ווי א הונט א ביין אין וועלכען קיינער נויטיגט זיך ניט, און איהם געוואלט פארזיכערען אז דאס איז לעבען, פאר וועלכען ער דארף נאך דאנקבאר זיין.

— יא... נאך ווי אזוי... ווי דען אנדערש! — האט דראהענד געשטאמעלט ריסקאוו, אומלויפענדיג איבער'ן צימער.

די בלויאינקע העפט איז איהם געקומען פאר די אויגען. א ווייל'ע האט ריסקאוו באוועגלאז און טעמפ געקוקט אויף איהר און אוטאמאַטיש איבערגעלעזען:

ליעבע, אן ערצעהלונג פון אלעקסאנדער ריסקאוו.

מיט אמאל האט ער זיך א ווארף געטאן, געכאפט די העפט, זי צוריסען אין ברעקעלעך, און א שמייס געטאן אין וואנט. די ווייסע און בלויע בלעטלעך זענען זיך צופלויגען איבערן צימער מיט א יאַמערליכען גערויש. ריסקאוו איז געקומען צו זיך, ער האט זיך גע־

כאַפּט פאַר'ן קאָפּ, און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ שטול. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע פאַרצווייפעלטע אויגען, וועלכע האָבען גאַרניט געזעהן אויף דער בלאַטע וואָס האָט זיך צושוואומען אונטער די שמור־ציגע פענסטער.

ער איז לאַנג אַזוי געזעסען. נעבעל האָט איינגעהילט זיינע גע־דאַנקען, דאָס האַרץ איז פאַרגליווערט געוואָרען אין אַ האָפנונגסלאָזער שטילקייט. אין קאָפּ האָט גאָט ווייסט פאַר וואָס, זינגלאָז נעקלאָגט איינער און דערזעלבער מאָטיוו פון אַ גאַסען לידעל:

דאָ ליגט אַן אָרימע מיידעל

זי איז געשטאָרבען פון שווינדזוכט...

צום טייוועל!... צום טייוועל!... — האָט אויטאָמאַטיש ווידער־האָלט ריסקאָוו און ווידער געגען זיין ווילען צום הונדערטען מאָל ווי־דערהאָלט דעם זעלבען מאָטיוו:

עס וועלען אויסגעלאָשען ווערען די בלויע אויגען...

אונטער דעם ווייסען תכריכים לייווענט...

הינטער'ן פענסטער האָט זיך געגרויט דער פוסטער גאָרטען מיט די פאַרפוילטע וואָרצלען פון די אָראַפּגעשניטענע היפּטלעך קרויט, און הינטער זיי האָט זיך געווייסט די קאַלטע אַזערע. דאָרטען האָט די נאַרישע קאַטשקע געהאַלטען אין דערפרוירען ווערען, זי האָט גע־קלאַפּט מיט די פּיסלעך און איז אומגעשוואומען אהין און אהער.

שטיל, האָפנונגסלאָז שטיל איז געוואָרען אין ריסקאָוו'ס נשמה. דער ווילדער אויסברוך איז פאַריבער. עס איז פאַרבליבען בלויז אַ מיעדע אומטעניע פּיין און ביינקשאַפט.

דער אָבענט האָט זיך אָנגערוקט.

ריסקאָוו האָט דערהערט אַן איינגעהאַלטענעם שטילען קרעכט־צען... אַזוי ווי ערגעץ נאָהענט וואָלט געקלאָגט אַ פליג, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין נעץ. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט זיך איינגעהערט.

— דאָס וויינט די מאַמע...

איהם האָט זיך געדוכט אַז אימיצער איז צוגעגאַנגען און האָט איהם שטאַרק פאַרדריקט דעם האַלז.

— אוי, אוי, האָט זיך ריסקאָוו געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ, אין גרויס

פיין האט ער פארמאכט די אויגען און ווי א ווילדער אומגעשמוגעלט איבער'ן צימער. — גאטיניו!... פאר וואס?...

אבער קיינער האט איהם ניט געהערט, און דער אימיצער האט לאנגזאם שטארק געווארגען. ער האט ניט אפגעלאזען און ווי געזונגען אויפ'ן אויער מיט א דינינקער אונענדליכער שטים:

דא ליגט אן ארימע מיידעל,
פון שווינדזוכט איז זי געשטארבען..

20.

עס איז שוין געווען פאר נאכט. אין די פענסטער פון ארבייטס צימער, איז אנשטאט ליכט געקראכען א בלויליכער נעבעל. אויפ'ן מאהל־ברעטעל איז שוין לאנג ניט געווען קיין פארבען, אבער דזשעניעוו האט דאס ניט באמערקט. ער האט אוועקגעלייגט דאס פענזעל בלויז דערפאר, וואס פלוצלונג האט ער דערזעהן הינטער זיינע פלייצעס, דעם מורא'דיגען חשך, וועלכע האט אנגעפילט אלע ווינקלעך.

דזשעניעוו האט ניט געוואוסט וויפיעל שטונדען ער האט פארבראכט ביים לייווענט, אבער ווי ער האט נאר אוועקגעלייגט דאס מאהל־ברעטעל, אזוי האט ער דערפיהלט אז עס טוט איהם וועה די גאנצע פלייצע, און די פיס ציטערען פון מיעדקייט.

ער איז אפגעטראטען אין דעם ווינקעל קעגען איבער און האט נאך אלץ מיט פיבעריש פינקלענדיגע אויגען געקוקט אויפ'ן לייוועגט.

ער האט פריהער אויך אפגעטראטען און געקוקט, נאר דאן איז צייט פון דער ארבייט, האט זיך זיין אויג צוזאמענגעגאסען מיט די פארבען, ער האט בלויז געזעהן אז דער אונטערשטער פלאן געהט ניט אוועק, אז די, אדער יענע פיגור איז ניט גענוג בולט. ער האט באמערקט אז דעם פאדערשטען פלאן מוז מען נעמען שטארקער, אבער דאס בילד האט ער ניט געזעהן. בלויז איצט ווען די ארבייט איז היינט איז

געוועזן גענענדיגט, האָט ער מיט אַמאָל אַזוי ווי זיך אָפּגעריסען פון איהר אינערליך, און האָט דערזעהן דאָס בילד אינגאַנצען אין זיין גאַנצען גרויס.

אַרום איז געווען אַבסאָלוט פינסטער. די בילדער אויף די ווענט האָבען פאַרלאָרען זייערע פאַרבען: אַנשטאָט פייזאַזשען האָבען זיך די פלעקען צוזאַמענגעגאָסען אין אויסגעקרימטע קערפּערם און אין אומגעלומפּערטע שרעקליכע פּנים׳ער. בלויז אויף דעם גרויסען לייוואַנט פון דעם אָנגעהויבענעם בילד, איז נאָך געפאַלען אַ שוואַכע שיין פון פענסטער, און זי איז ביז צום שרעקען אַרויסגעטראָטען פון דער פינסטער. דזשענעיעוו איז געשטאַנען און האָט געקוקט מיט אַן אָנגעשטרענגטער דורשט, און האָט צומישט געדרעהט די פינגער, וועלכע האָבען נאָך ווי פאַרטגעזעצט צו אַרבייטען. ווי אימער איז דאָס געקומען אינגאַנצען פאַרוואָרטעט פון די אונבאַגרייפליכע טיפענישען פון דער נשמה. צוערשט האָט ער אָנגעוואָרפען אַ קליינע סצענע פון דעם אינוויינינגסטען אויסזעהן פון אַ באַזונדערען צימער אין אַ פּראָכטפולען האָטעל, וואו עס זענען נאָך געשטאַנען די ניט אויפגערומטע וואַזעס, פלעשער, טעלער פּרוכט און כוסות. אין די פענסטער וואָס זענען געווען פאַרהאַנגען מיט פאַרהאַנגען פון טיול האָט זיך געגאָסען אַ שוואַכער מאָרגען־שיין און אין אַ פאָטער־שטול, איז, מיט הילפלאָז אַראָפּגעלאָזענע הענט, געלעגען דער טויטער קערפּער פון דעם זעלבסטמערדער.

ער האָט איינינגע מאָל כמעט אויטאָמאַטיש איבערגעמאַכט די אַרבייט, אומבייטענדיג די פּאָזע פון זעלבסטמערדער, איבערקוקענדיג דאָס מעבעל, אָט ווי ער וואָלט גע׳בעל־הבת׳עוועט אין אָט דעם מאָדנעם צימער, וואו עס האָט געהערשט די שטילקייט און באַוועגלאָזינקייט פון אימיצענס שרעקליכען און געהיימניספולען טויט... פּלוצלונג האָט עפּעס באַלויכטען זיין נשמה, עפּעס האָט זיך דורכגעצווינגען צווישען איהם מיט דעם אָפּגעלאָזענעם מח, נאָך מעהרערע ווייטע, נעבעלהאַפטע אונקלאָרע געשטאַלטען האָבען זיך צופלאַקערט אין זיין אָנגעצונדענעם מח. זיין גאַנצען וועזען האָט דורכגענומען יענער שמערצליכער אינערליכער ציטער, וועלכען ער האָט אַזוי גוט געקענט, וועלכען ער האָט ליעב געהאַט און מורא געהאַט פאַר איהם צו איינער אין דער זעלבער צייט, ווייל אָט דער ציטער פלעגט איהם ברענגען איבער־

מענשליכען פארגעניגען, צוזאמען מיט אונערטרעגליכער פּיין און בײנקשאַפט פון דער אייביגער אונצופרידענהייט.

ארומגעכאַפּט פון דעם אונבאשטרייטבארען געדאנק, האט דזשע־נעיעוו אוועקגעוואָרפען זיין עסקין, און מיט א פיבערשער איילעניש ארויסגעשלעפּט א גרויסען שטיק לייוועגט מיט א ראם, ער האט גע־נומען זוכען צוועקעס, א האמערל. דאס אלעס האט ער געטאָן מיט אן אונפארשטענדליכער רעגונג, מיט א פארדריסליך קרענקליכער אונגע־דולדינקייט. דערנאָך ווען ער האט שוין דעם לייוועגט פארצויגען, האט זיך ארויסגעוויזען, אז אויף דעם מאָהל־ברעט איז געווען וועניג פארבען. דזשענעיעוו האט גענומען אנוואָרפען גאנצע בערג מיט פארבען, אין דער זעלבער צייט האט ער אויך צונויפגעקליבען די פענ־זעלס, און מיט בייזען פארדרוס געשליידערט די פוסטע פלעשעלער. איהם האט זיך אַלץ געדוכט, אז ער האט עפּעס ניט דערוויזען צו טאָן, און מיט יעדער מינוט געהט אוועק עטוואס אונגעהויער ווערטפולעס. אַט דעם קרענקליכען געפיהל האָבען כמעט די נערוועז ניט געקענט אריבערטראָגען.

אַם ענדע איז אלעס געווען פארטיג. דער גרויסער גוט אנגעצויגענער לייוועגט האט זיך אוועקגעשטעלט כמעט איבער דער גאנצער גרויס פון ארבייטס צימער. דזשענעיעוו האט גענומען דאס מאָהל־ברעטעל און א גרויסען פאַק פּענזעלס. אייניגע מינוטען איז ער באַ־וועגלאָז געשטאַנען פאר'ן לייוועגט, אזוי ווי ער וואָלט געזעהן אין דעם לייוועגט אזוינס, וואס קיינער האט ניט געקענט זעהן, און מיט אמאָל האט ער ענטשלאָסען דורכגעפיהרט מיט'ן פּענזעל א ברייטען פּאַס...

דער גאנצער אנשפּאַר, וואס איז געשטאַנען ווי אויף הינערשע פיסלעך, האט זיך אָפּגעריסען פון דעם ציטער פון דעם גרויסען לייוועגט, און די ראם האט זיך א בייג געטאָן אויף צוריק... ער האט געמוזט אוועקלייגען דאס פארב־ברעטעל און איינאָרדנען אלץ פון אנפאַנג. דזשענעיעוו האט שיעור ניט געוויינט פון כעס און אונגע־דולדינקייט.

פּלוצלונג האט ער פארלאָרען די גאנצע פארשטעלונג וועגען צייט, און איז פארגליווערט געוואָרען אין א שרעקליכער אינערליכער אנ־שטרענגונג.

שווייגענדיג מיט צוזאמענגעפרעסטע ליפּען האָט ער געלייגט די פאַרבען אָט מיט ברייטע בויגזאמע שמירען, וועלכע האָבען בולט גע־מאַכט די קאָנטורען פון די קערפּערס, און אָט מיט זאַפטיגע אריינ־געקלעפּטע פלעקען, אָט מיט צושפּרייטע צושמירטע שאָטענס. ער האָט קיין זאַך ניט באַארבייט, ניט אויסגעמאָהלען. ער האָט אָט דאָ א שמיר געטאָן און איז איבערגעגאַנגען צום צווייטען עק לייוונט, און אָט האָט ער זיך אומגעקערט צוריק... די לייוונט האָט זיך געבויגען און געציטערט, א שטיל־שווייגען האָט געהערשט אין גאַנצען פוסטען הויז... פון די פאַרבען פלעקען האָט געגומען ארויסטרעטען עטוואָס העלעס, וואונ־דער שעהנעס, נאָך כמעט אין א כאַאָטישען צושטאַנד... דזשענעיעוו האָט געארבייט מיט פעסט צוזאמענגעפּרעסטע ציין, ער האָט זעלטען און שווער געאָטעמט.

דאָס איז שוין ניט געווען יענער דזשענעיעוו, וועלכער פאַרמאָגט א וועלט מיט איבערלעבונגען, שטימונגען און געפיהלען, וועלכער האָט געקענט לאַכען, טרינקען און רעדען. די גאַנצע קראַפט פון זיין נשמה, איז אריין אין די אנגעצונדענע פון אנשטרענגונג אויגען, וואָס האָבען זיך אלעווייל צועפענט און זיך מאָדנע איינגעקוקט אין דער ארבייט. אין די אויגען האָט עפּעס געברענט און זיך באַוועגט. ער האָט אפילו ניט געדענקט די אידעע פון זיין בילד, ער האָט פאַרגעסען אין קראַוזען, און אין זיינע איבערלעבונגען, אין די בלאַסע און אונגעהויערע גע־שטאַלטען, וועלכע דעם אינזשינערס רייד האָבען ארויסגערופען אין זיין פאַרשטעלונג. ער האָט פאַרגעסען אין ליזעס מורא'דיגע אויגען, זשעניטשקעס ליעבען געזיכט, און אין די בלאַסע גייסטער פון אלע פרויען וועלכע ער האָט געקענט. ביי איהם איז בלויז פאַרבליבען אַן אונקלאָרע פאַרבינדונג מיט דעם אלעמען, וואָס האָט זיך געפלאַכטען אין אַן אומגעלומפּערטען קנויל, און האָט זיך לאַנגזאַם שרעקענדיג ארויסגעקוקט, און אנגענומען געשטאַלטען פון בייז אַנזאָגענדע גייס־טער...

זיין איידעל שעהנער געזיכט איז געווען איינגאַנצען בלאַס און איז ווי קלענער געוואָרען, זיינע אויגען האָבען געפינקעלט, די גאַנצע צייט האָט ער ציטערענדיג באַלעקט די ליפּען, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין טריקענען פון אויפרעגונג.

אין מיטען טאָג איז ער אָפּגעטראָטען פון דעם בילד, אבער ער

האַט ניט אראָפּגענומען פון דעם די אויגען, זיין בליק איז געווען ווי צוגעשמידט צום בילד. געשטאַנען איז ער מיט צושורפּעטע האָר, מיט א פלעק פון בלויער פארב אויף דער מאָרדע און ניט ארויסגע־לאָזען דאָס פארב־ברעטעל פון האַנט. ער האָט עפּעס געגעסען, אבער אזוי אוטאָמאַטיש, אז ער האָט אפילו ניט באַמערקט צי ער עסט. ער האָט אוועקגעוואָרפען דאָס וואָס ער האָט געגעסען אויפ'ן טיש, האָט געכאַפּט די פּענזלען און האָט אוועקגעלייגט א פלעק. האָט אויסגע־צויגען א לאַנגען שמיר, און האָט א ריהר געטאָן דעם גלאַנץ פון דעם בלאַנקען שיין אויפ'ן ברעג פון א גלעזערנעם כוס. און האָט זיך שוין ניט אָפּגעריסען מעהר פון דער ארבייט ביז אין אבענט.

אבער ווי נאָר ער איז צום לעצטען מאָל מיט א טיעפען זיפץ אָפּגעטראָטען פון בילד און האָט ענטשלאָסען אוועקגעלייגט דאָס פּאַרב ברעטעל, איז ער פּלוצלונג געקומען צו זיך.

אין די ווילדע שמירען, אין די אונערוואַרטעט געוואָגטע ניט אויסגעשריבענע פלעקען, אין די ווייסע דורכשיינען פון לייוועגט, און אין אַט דער תוהו־ובהו נאַכלעסיגקייט, וועלכע גיט צו אזא מין קראַפט, פרישקייט און חן די ערשטע עסקיזען, וועלכע קען ניט און וועט קיינ־מאָל ניט זיין אין א פאַרענדיגטען בילד איז ארויסגעטראָטען דער עצם דערפון וואָס ער האָט געפיהלט, וואָס איז געווען טיעף אינערליך אין איהם אליין.

א בלאַסע בלויע שיין פון אן נעבעלדיגען שטאָטישען פריהמאָר־גען איז דורכגעדרונגען דורך דעם דורכזיכטיגען טייל פון די פאָר־האַנגען אין דעם פראַכטפולען צימער פון דעם מאָדערנעם האָטעל. די עלעקטרישע ליכט איז שוין געווען אויסגעלאָשען. און אין דעם ניט זיכערען בלאַסען פריהמאָרגען־ליכט, האָט אזוי מאָדנע נעבעלהאַפט אויסגעזעהן די אומגעבונג פון א ווילדען־רוישיגען און שכור'ן הוליען: דאָס מעבעל איז געווען אָפּגערוקט, דער טישטוך פאַרגאָסען מיט וויין, און פאַרשטעלט מיט פלעשלעך, גלעזלעך און גלעזער; אין צימער שוועבט דער אָפּגעקילטער רויך פון די סיגאַרען; אין די בלאַסע זיל־בערנע וואַזען שטעקען ארוים די העלזלעך פון די פלעשער, פאַרוויקעלט אין נאַסע האַנט־טישטעכלעך; איין פלאַש האָט זיך אראָגעקאַטשעט אויפ'ן ברעג טיש, א בלוט־רויטער פּאַס וויין איז אראָפּגערונען פון טישטוך. אנמאַכענדיג אופי'ן דיל א גאַנצע קאַליזשע. די פריהמאָרגען

ליכט לייגט זיך מיט בלאסע פלעקען אויפ׳ן טישטוך, און שוועבט אי־בער דעם בלאסען מענשליכען געזיכט, וועלכער איז אזוי שרעקליך הילפלאז פארגליווערט געווארען אין פאטער־שטול ביים טיש... דער זעלבסטמערדער איז א יונגער מענש, אן אפגעצערטער און אויסגעמאַ־טערטער פון שכרות און שלאפלאזע נעכט. זיין איידעלער טויטער פנים מיט די פארעלטערטע קנייטשען ביים מויל, איז ווי קלענער גע־ווארען און אויף איהם האבען זיך אויסגעלייגט בלויע שאטענס, וועלכע האבען ווי געמאלען אט דעם פארלארענעם, זינלאזען לעבען, וועלכער איז צופאטערט געווארען אויף פרויען, ווייַן און קארטען... דאס בלוט רינט לאנגזאם ארונטער איבער דער בלאסער באק, אויסשמירענדיג די קאלנערלעד פון די וועש און די לאץ פון דעם פראכטפולען שווארצען סורדוט...

דער רעוואלווער ליגט אויפ׳ן דיל. ער איז ארויסגעפאלען פון דער שוואכער דינער האנט, וואס האט זיך מאכטלאז אראפגעלאזען... אט דער גאנצער שטילער שרעקליכער צימער איז פול מיט פרויען... זיי זענען נעבעלהאפט, ווי גייסטער, באשאפענע פון אט דעם בלויענקען בלוט ארימען שטאטישען פריהמארגען... זיי שטופען זיך ארום דעם מת, ציהען אויס צו איהם די הענט און וויינען, לאסטשען זיך צו איהם און דראהען... זייערע אויסגעקרימטע געזיכטער; דאס משונע ליידענשאפטליכע, דאס קאלט־גרויזאמע, אט בעטענדיגע אט פול מיט האס, זענען אלע געווענדעט צום מת... דא געפינען זיך רייכע פרויען פון דער העכערער געזעלשאפט, אין פראכטפולע קליידער, אזוינע בלא־סע און איידעלע, ווי טייערע בלומען; אקטריסעס מיט וואולגארע זשעסטען און געפארבטע פנימ׳ער, מיט בלויע קרייזען אונטער די אויגען, און רויטע ווי מיט בלוט אויסגעשמירטע ליפען; א באלעט טענצערין אין א דין קליידעלע מיט פארציויגענע, פון ראזעווען טירקיי, פיס, שטרעקט אויס צום מת, די ענטבלויזטע דינע הענט; א טונקעל שארף געזיכט פון א ציגיינער׳ן דראהעט איהם מיט איהרע ברענענדע, פול מיט האס אויגען; אין א ווינקעל וויינט א יונגינקע מיידעלע אין א ווייסען פארטאכעל; מיט שטרענג צוזאמענגערוקטע ברעמען שטעהט א באוועגלאזער געשטאלט פול מיט גרויסען טרויער אין א שרענגען גרויעם קלייד; א חוצפה׳דיגע און שרעקליכע און איהר שעהנקייט שטעהט א האלב ענטבלויזטע קאקעטקע און ציהט אויס צו איהם א

ניט דערטרונקענעם כוס... זיי וויינען, בעטען, דראָהען און פלוכטען. בלאַסע נעבעלהאַפטע, געוועבטע פון ערינערונגען פון א פארלאָרענעם לעבען אין בלויען נעבעל פון א קראַנקען שטאַטישען פריהמאָרגען.

אויב אימיצער זאָל געווען פרעגען ביי דזשענעיעוו'ן, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך זיין בילד, וואָלט ער ניט געקענט דאָס ערקלערען. דאָס איז געווען זיין ערשעפטע נשמה, זיין גאַנצער דורכגעלעבטער לעבען, וועלכער האָט זיך איצט דערנעהענט צו דעם שרעקליכען אונפאַר־מיידליכען סוף. זיין גאַנצע ביינקשאַפט, אַלע הייסע שטרעבונגען צו א פינקלענדיגען גליק, זיין גאַנצע פאַרצווייפלונג, קראַוזע'ס טויט, ליזא, נעלי, זשעניטשקא, נאַומאָוו'ס ווילדע רעדעס, די פאַרגעסענע ערינערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט; אַלעס האָט זיך צוזאַמענגע־גאָסען אין איין שרעקליכען אויסברוך פון פיינליכער ביינקשאַפט אין דעם לעצטען שאַפען.

דאָס האָט מען ניט געקענט אויסדריקען מיט ווערטער, אָבער דאָס האָט געדריקט דזשענעיעוו'ס נשמה, און איז ארויסגעריסען גע־וואָרען פון די סאַמע טיפענישען פון זיין ערשעפטען האַרצען.

דאָס פינסטערניש איז געדיכטער געוואָרען. די גייסטער אויפ'ן לייווענט זענען אַלץ שרעקליכער און נעבעלהאַפטער געוואָרען, דאָס בלאַסע געזיכט פון זעלבסטמערדער איז אַלץ בלאַסער געוואָרען, זיך צושוואַומען, אַט ווי עס וואָלט זיך גרייטען צו פאַרשווינדען אין דעם אייביגען חשך.

דזשענעיעוו איז באַוועגלאָז געשטאַנען און געקוקט ביז וואַנענט אַלץ האָט זיך ניט צוזאַמענגעגאָסען אין איין אונבאַשטימטער גע־היימניספולער פינסטערניש. דערנאָך האָט ער א זיפץ געטאָן, אָפגע־טראָטען און זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן סאָפע מיט פאַרמאַכטע אויגען.

עס איז גלייך אראָפגעפאַלען פון איהם יענע מוראדיגע אנשטרענ־גונג, וועלכע האָט איהם א גאַנצען טאָג געהאַלטען אויף די פיס, א ווייכע מיעדקייט האָט איינגעהילט זיין קערפער. ער איז געזעסען באַ־וועגלאָז אנגעלייגט דעם קאָפּ אויפ'ן קישען פון דער סאָפע מיט מאַכט־לאָז ארונטערגעלאָזענע הענט. דער לעצטער אָפשיין פון דעם פאַר־געהענדען טאָג האָט זיך בלאָס געלייגט אויף זיין געזיכט, און זיין פנים איז געווען ענליך צו דעם שעהנעם אָפגעצערטען געזיכט פון דעם זעלבסטמערדער אויף זיין בילד.

דזשענעיעוו האָט שוין ניט געזעהן זיין בילד און וואַרשיינליך אַפילו ניט געטראַכט וועגען דעם. די געשטאַלטען וואָס ער האָט באַשאַפען אויף'ן לייוואַנט האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט אַנדערע, וועלכע זענען אַזוי בלאָס אויפגעשטאַנען יאָן זיין זכרון. באַקאַנטע געזיכטער, אַט העלע, ווי דער נעכטיגער טאָג, אַט נעבעלהאַפטע ווי האַלב פאַרגעסענע ערינערונגען פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט זענען געגאַנגען פאַרביי זיינע אויגען און האָבען אַריינגעקוקט אין זיין נשמה. איינע מיט אויגען פול צער, די אַנדערע פול מיט ליעבע און פיין, און אַלע זענען שטיל אָפּגעטראָטען אין אַ זייט, און ווי גייסטער זיך צושוואָומען אין נעבעל.

עס איז געווען אַזוי אומעטיג און באַנג.

דזשענעיעוו האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז אַ גאַנצען טאָג לאַנג האָט ער קיינעם ניט געזעהן, און ניט געהערט קיין לעבעדיגען וואָרט. קיינער האָט וועגען איהם ניט אַ טראַכט געטאָן און ניט געקומען צו איהם; קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט דערמיט, וואָס ער האָט פאַרטראַכט און אָנגעשריבען.

ערגעץ ווייט זענען דאָ מענשען, וועלכע וועלען קומען ווען זיין בילד צוזאַמען מיט אַ רייע אַנדערע וועט אַרויסגעשטעלט ווערען אויף איין אויסשטעלונג; זיי וועלען קוקען אויף'ן בילד, און וועלען אָדער קוועלען, אָדער שפּאָטען דערפון; פיעלע וועלען זיך אפשר פאַרטראַכטען קוקענדיג דערויף; אָבער איצטער טראַכטען זיי ניט פון איהם, זיי זענען פאַרנומען מיט זייער אייגענעם לעבען, וועלכער איז אַזוי ווייט פון איהם און אין וועלכען ער האָט קיין פּלאַץ ניט. לעבען מוז ער אַליין, און צו מענשען דאַרף ער אוועקגעבען דאָס וואָס זיין נשמה טראָגט אויס אין פּיין און אין צווייפעל, אום זיי זאָלען זיינע גייסטיגע שאַפונגען אָדער צוטרעטען מיט די פיס, אָדער אויפהויבען ביז'ן הימעל.

עטוואָס אומגעלומפּערטעס איז געווען אין דעם און דאָס האָט געוועקט אַן אונפאַרשטענדליכען געפיהל, וועלכער רופט אַרויס אַ אונקלאָרען פּראָטעסט און עקעל צו אַלעם — צו זיי, צו זיך אַליין, צו זיין בילד, און זיין לעבען.

דזשענעיעוו האָט ניט געקענט באַגרייפען אַט דעם געפיהל אויף'ן שטעל, און האָט ניט געקענט פאַרשטעהן פאַרוואָס איז איהם אַזוי

אומעטיג, פאַר וואָס טוט איהם אזוי וועה דאָס האַרץ און יעדער זאַך איז איהם דערווידער.

פלוצלונג האָט ער זיך דערמאַנט, אַז זיינער אַ פריינד, אַ שריי־בער אַן אויסגעמאַטערטער און פאַרטיפטער נאָך אין זיך, האָט איהם דערצעהלט:

— נעכטען בין איך צוגעגאַנגען צום פענסטער, און גענומען דורך די שויבען קוקען אין גאַס. איך וואָוין הויך אויפ'ן פערטען שטאָק... איך מוז אייך זאָגען אַז פאַר דעם האָב איך לאַנג געשריבען מיט גרויס באַגייסטערונג... איך קוק אַזוי אַרויס דורכ'ן פענסטער און זעה, אַז איז דרויסען איז אַן אויסערגעוועהנליך מאָדנער ווייסער טאָג... אַזאַ ווייס־סער טאָג, ווייסט איהר, ווען דער הימעל איז אַזאַ נידעריגער און העלער, איבער איהם ציהען זיך גלאַטע ווייסע וואָלקענס, די זון זעהט מען ניט און עס בלאָזט אַ טרוקענער ווינט... דער ווינט האָט ריין אויס־געקערט די בריקען ווי ערב אַ יום־טוב, עס איז פוסט, קיין מענשען זעהט מען כמעט ניט, און עס איז עפּעס אַזוי טרויעריג. אָט אַזוי ווי אַלעס וואָלט זיך צוגעגרייט צו אָט דעם יום־טוב, זיך געגרייט מיט גרויס התפלות און באַגייסטערונג, אָבער אָט איז שוין אַלץ צוגעגרייט אַלץ ריין אויפגעראַמט, און מעהר איז שוין ניטאָ וואָס צו טאָן, מיט אַמאָל איז געוואָרען אַזוי פוסט און לאַנגווייליג און אפילו ניט אינטע־רעסאַנט וואָס עס איז יום־טוב!... איך קוק אויף דעם אַלעם, און טראַכט — וועגען דעם יום־טוב, וועגען דעם, אַז אַלעס איז פוסט, אויפגעראַמט, פוסט און ווייס: אי די הייזער, אי די בריקען, אי דער הימעל... און איך האָב גיכער דערפיהלט ווי געטראַכט, אַז איך באַ־האַלט אָט די איינדריקע טיעף אין דער נשמה, מיט אַ גאַנץ קלאָרער פאָרשטעלונג, אַז דאָס וועט מיר צוניץ קומען, און אַז מען דאַרף ניט פאַרגעסען ערגעץ וואו „אַריינשטעלען" ווי דער העלד האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער, ווי עס איז געווען פוסט און אַ. וו... איך האָב דאָס דערפיהלט און גלייך פאַרשטאַנען וואָס איך פיהל. דאַ האָט איך זיך דערמאַנט, מיט אַן אַנגענעמעס געפיהל אין טשעכאָוו'ס „טריגאָרי־נען" וועלכער זאָגט אַז ער זעהט אַ וואָלקען, וואָס איז עהנליך צו אַ פּיאַנאָ, און טראַכט אַז מען דאַרף דאָס „דערמאַנען", אַז עס האָט געשוועבט אַ וואָלקען, וואָס איז עהנליך צו אַ פּיאַנאָ!

איך האָב זיך דערמאַנט אין דעם און גענומען מיט עקעל זיך פאַר־

זיכערן אז דאָס אַלעס איז ניט אַזוי, אַז טריגאַרין איז ניט מעהר ווי אַן אויסגעטראַכטע פּערזאָן, אָדער אין דער ווירקליכקייט טראַכט קיין שרייבער ניט אַזוי. דאָ האָב איך זיך געכאַפּט אויפ'ן פּלאַץ, אַז עס איז יאָ אַזוי — אַז סיי די ווייסע שיין, סיי דעם בריק און פּוסטקייט פון גאַס וואו עס זענען דאָ אַזוי ווייניג מענשען, דאָס וואָס איך זעה דורכ'ן פענסטער פון פערטען שטאָק, און אַפילו די געדאַנקען וועגען טשעכאָוו'ן, אַז ער האָט כלומרשט אויסגעטראַכט טריגאָרינען, ווי אויך דאָס אַז איך האָב זיך געכאַפּט דערוויף, דער גאַנצער ווייטער־דיגער גאַנג פון געדאַנקען און געפיהלען ביז די קלענסטע דעטאַלען וועל איך געדענקען און ערגעץ אַריינשטעלען!

מיך האָט מיט אַמאָל אַרומגענומען אַ שרעקליכער עקעל. איך האָב זיך לאַנג ניט געקענט פאַרנאַנדערקלויבען אין אַט דעם געפיהל, אַבער דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען: — ווירקליך, דאָס אַלעס — זענען דאָך מיינע אייגענע געפיהלען, אויפריכטיגע כאַאָטישע איבער־לעבונגען, מיין ענטבלויזטע נשמה! אַט דאָס אַלעס, — מיינע גע־פיהלען, ליידען, צווייפלען, אַפילו די אויפריכטיגקייט מיינע — קלויב איך צוזאַמען און באַהאַלט זיי ווי פּערעל, כדי אַ בלאַנק צו טאָן מיט זיי און קריגען אַנערקענונג און באַלוינונג דערפאַר. וואָס איך פאַרמאָג אַזוינע דינע געפיהלען, שמערצליכע איבערלעבונגען און טיעפע אויפ־ריכטיגקייט! דאָס איז זעהר מיאוס, נישטיג און נאַריש, און דאָך איז דאָס אַזוי. גענוג זיך צו טרייסטען מיט הויכע פאַראַכטענדע ווערטער! דאָס איז אַ שטריך, וועלכען עס באַזיצען אַפילו די גרעסטע מאָהלער, די אויפריכטיגסטע דענקער און באַגאַבטע דיכטער! אַנ־דערש וואָלט קיין קונסט ניט געווען! ווייל ווען אַן איבערלעבונג איז שוין איבערגעלעבט, איז זי דערמיט אַליין שוין אויסגעפיהרט, און עס איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט אָדער באַדערפעניש צו ברענ־גען די איבערלעבונגען צו אַן עפענטליכען אויסדרוק. אַפילו די גרעסטע אידעע, אויב זי איז באמת געשאַפען בלויז פאַר זיך איז שוין ניט וויכטיג אַז זי זאָל קומען צום אויסדרוק, ווייל איך האָב דאָך שוין מיין אידעע איבערגעלעבט, אַזוי אַז פאַר מיר עקזיסטירט זי שוין אַפילו ווען קיין איין און איינציגער לעבעדיגער נפש וועט זיך ניט דערוויסען פון איהר! ווען מיר ענטבלויזען די נשמה און טראָגען אַרויס אין גאַס אונזערע געפיהלען, געדאַנקען און איבערלעבונגען, זאָרגענדיג דערפאַר

אז אלע זאָלען זיך דערוויסען, אונז אָפּשאַצען און פאַרשטעהן, זעגען מיר, אויב ניט קיין עפענטליכע פרויען, איז אין בעסטען פאַל ניט מעהר ווי בעל־מלאכות!... אבער ריכטיגער — פּראָסטיטוטקעס, ווייל מיר טוען דאָס צוליעב דעם אום צו קויפען פאַר זיך די רעכטפער־טיגונג פון אונזער לעבען מיט דער איידעלקייט פון אונזערע געפיהלען.

דזשענעיעוו האָט איהם דאָן אויסגעהערט מיט אינטערעס. אבער ער האָט איהם ניט אינגאַנצען פאַרשטאַנען; און דעם אמת געזאָגט איז דאָס אַלעס געווען אויסגעדריקט אזוי נעבעלהאַפט ניט קלאָר. ער האָט דאָן מיט אן אינערליכען שפּאָט א טראַכט געטאָן, אז אויך איצט רעדט דער שרייבער קאַקעטירענדיג מיט זיינע ליידען, און שפּיגעלט זיך אליין מיט דעם וואָס ער רעדט! דער שרייבער, האָט דאָס ווייזט אויס דערפיהלט, ווייל ער האָט זיך שמערצליך פאַרשעמט, רויט גע־וואָרען און איז אַפּגעגאַנגען אין א זייט מיט א באמת ליידענדען אויס־דרוק אין די אויגען.

אבער איצט אין דער פאַלשטענדיגער איינזאַמקייט, אין דער טויטער שטילקייט פון אבענט, האָט דזשענעיעוו זיך דערמאָנט אין אָט דעם געשפּרעך, און האָט פּלוצלונג דערפיהלט א קרענקליכען שאַרפען עקעל. איהם האָט זיך פאַרגלוסט אויפשפּרינגען באַפּען א מעסער און צושניידען זיין בילד אויף פּיצלעך... דער פאַרלאַנג איז געווען שטאַרק, כמעט אונערטרעגליך. ער האָט אָבער גלייך דערפיהלט, אז ווען ער זאָל דאָס טאָן, וואָלט ער זיך גלייך צוייאָמערט פון רחמנות, און וואָלט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעבען, וואָס ער האָט אליין אומגעבראַכט זיין בילד... דזשענעיעוו האָט טאַקע געטראַכט מיט די ווערטער „אומ־געבראַכט", פּונקט ווי דאָס וואָלט זיין א לעבעדיגער וועזען, וואָס לעבט אויסער איהם.

עס איז איהם אזוי אומרוהיג געוואָרען אויף דער נשמה, און עס האָט זיך פאַרביינקט נאָך א נאָהענטען מענשען, נאָך א צאַרטער מו־טערליכער נאָהענטקייט, כדי מען זאָל קענען אַלעס אויסדערצעהלען, ביז צום סוף ענטבלויזען די נשמה, אָהן מורא, אדער פאַרדאַכט ניט פאַרשטאַנען צו ווערען. עס האָט זיך געגלוסט דערוואָרעמען דאָס האַרץ אין אזא נאָהענטקייט און דערטרינקען אין איהר אַלעס וואָס שטיקט און דריקט.

ווידער האָט דורכגעשוועבט פאַר איהם דער העלער פרישער פּנים

מיט שווארצע אויגן און ברעמען. אבער ער איז דורכגעשוואומען און פארשוואונדען, איבערלאזענדיג א שארפען וועהטאג, ווייל דערביי האט זיך איהם דערמאנט אלעס: דער צימער פון דעם מאסקווער האטעל, די צודרעהטע בעט, דאס נאקעטע לייב, די גרויזאמע, כמעט ווי פיינד־ליכע תאוה... דארטען איז אלעם אזוי אומגעלומפערט מיאוס באליידיגט געווארען!

ליזא?...

ער האט זי כמעט ארויסגעטריבען, אבער דאס איז גארניט... דאס קען מען פארריכטען!

אבער ער האט גלייך דערפיהלט אז פארריכטען דארף מען ניט.

— דו, געטליכקייט מיינע! — האט זיך דערמאנט דזשענעיעוו'ן איהר אויסדרוק. או ארימע לעבערליכע מיידעל! שווין־זשע וואלט ער זיך קענען צופרידענשטעלען מיט איהר ליעבע? מיט וואס ענט־פערט מען אויף אזא אונגעהויער גרויסען געפיהל, ווען דאס הארץ איז פוסט און וויסט?

שווער און פוסט איז איהם געווארען, אזוי ווי אימיצער וואלט איגגאנצען ארויסגענומען זיין נשמה פון גוף.

עס האט זיך איהם אזוי שמערצליך פארבייגקט נאך א צארטען פריידיגען ווי דער פרילינג, איידעלען געפיהל... אום צו טרוימען וועגען עטוואס, זיך רעגען פון ערווארטונג... אום מיט מורא און א ציטער פון פארגעטערונג זיך צורירען צו דער געליבטער, אזוי ווי דו זאלסט תפילה טאן, אדער באגעהן א זיסע עברה, ווייל מיאוס זענען איהם געווארען די פארדארבענע גראבע צערטליכקייטען.

— עט נארישקייטען! — האט דזשענעיעוו געזאגט צו זיך, מיט א פלוצלינגער גראבקייט.

דאס קען ניט און וועט ניט זיין! — אט די פרילינגס ליעבע איז בלויז א מאמענט; א מאמענט, א פונקט, ווי למשל, אז דו כאפסט זיך אויף אין א זוניגען טאג, און דו עפענסט נאר די אויגען, אזוי לייכט דיר אריין פון איבעראל די בלענדענדע זון. די זון, די זון! עס ווילט זיך דיר אויפשפרינגען, זיך צולאכען, לויפען אין דער וועלט אריין, אום דערטרינקען ווערען אין דעם פריידיגען ים פון די גאלדענע זונען־שטראלען, צווישען די גרינע בוימער, אויף דער פרייער לופט... אבער דערנאך... ווי דו הויבסט נאר אן צו לעבען, ציהט זיך אזוי לאנג

און שווער דער שטויביגער הייסער טאָג, ביז וואַנענט די זון, וואָס האָט דיר אַזוי דערעסען און פאַרמאַטערט, פאַרגעהט ניט. אַזוי איז דאָס! ווען די ליעבע זאָל זיך ענדיגען אין אַ מאָמענט פון הויכער באַגייס־טערונג, אַזוי, אַז מען זאָל צוגעהן אין איהר שימער און זיך צוזאַמענ־גיסען מיט דער וועלט, ווי אַ וואָלקען מיט דער זוניגער בלויקייט! דאָס וואָלט זיין גוט! אָבער אַזוינע זאַכען זענען ניטאָ. עס איז פאַראַנען איין קורצער מאָמענט — דער ערשטער געפיהל: די ערשטע ליידענ־שאַפט, און דערנאָך, — די ווידערהאָלונגס געוואוינהייט אין די בייגק־שאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט.

דזשענעיעוו האָט זיך דערמאָנט, ווי אַ סך פלעגען איהם זאָגען:

— „מיר ווילען צוזאַמען אַרבייטען, איך וועל דיר העלפען מיין טייערער“!

ביי די ווערטער פלעגט ער זיך שטענדיג פאַרשעמען. שווין־זשע איז מעגליך צו העלפען לעבען און פיהלען? מען קען העלפען ציגעל טראָגען, קינדער ניאַנטשען! אָבער יענער געהיימניספולער פּראָצעס וועלכער קומט פאָר אין די טיפענישען פון דער נשמה, און וועלכער איז אייגענטליך דאָס לעבען, יענער פּראָצעס איז טיעף פאַרבאָרגען, קענסט איהם פאַר קיינעם ניט עפענען, און די צאַרטסטע, די ליבענס־טע האַנט קען אַהין ניט אַריינדרינגען און ניט דערגרייכען! אויב דאָס איז ניטאָ, און ניט מעגליך, דאַן איז ניטאָ קיין פאָלקאָמענער, פאָלשטענדיגער בונד, דאַן איז גאָר ניטאָ!

אויף אַזאַ אויפ'ן בלייבט בלויז דער גראָבער אינסטינקטיווער פאַרגעניגען, אַט דער געפיהל קען פאַרכאַפּען, אָבער ער איז ניט אימ־שטאַנדע אָנצופיהלען דאָס גאַנצע לעבען, ווייל באַגרעניצט איז די קראַפט פון פאַרלאַנג!

דאָס איז אַ פאַרשלאָסענער קרייז: פון איין זייט דער גרויל פון געצוואונגענעם צוזאַמענזיין, ווי אויף צו להכעיס דעם מעכטיגען רוף צום פאַרבאָרגענעם, איז עפּעס אַ מין זומפּ, וואָס זויגט אויס די נשמה, פון דער צווייטער — די פוסטקייט פון געזיכטלאָזע רגעס, אין וועל־כע דיין נשמה צובייט זיך אויף קליין־געלט...

אפשר איז ער אליין שולדיג, וואָס ער האָט ניט געקענט געפינען די, וועלכע זאָל קענען אָנפיהלען זיין לעבען?.. ער האָט זיך אַליין צוביטען צווישען אַלע אַהן און אויסוואַהל? עט נאַרישקייטען!... וואָס

מיר אויסוואהל: יעדער מענש — איז א סוד; און דאס לעבען פון יעדער נאר, יעדער נישטיגען מענשען, איז פונקט אזוי געהיימניס־פול און אונערשעפליך, זינלאז און פול מיט רעטעניש, ווי דאס לעבען פון דעם גרעסטען דכם, אדער דער שענסטער פון די פרויען!

עס האט זיך דערהערט א שוואכער, און צו דער זעלבער צייט, ענטשלאסענער קלאפ אין טיר. דזשענעיעוו האט אויפגעהויבען דעם קאפ, פלוצלינג האט זיין הארץ זיך גענומען צאפלען אין אן אינסטינקטיווער אומרוה.

— קומט אריין! האט ער א געשריי געטאן.

די טיר האט זיך שטיל געעפענט און פארמאכט. אימיצענס א בויגזאמער, שווארצער שאטען האט אריינגעשוועבט אין צימער, איז אריין און געבליבען שטעהן אין דער פינסטער, ווי א גייסט.

דזשענעיעוו איז אויפגעשפרונגען.

— ווער איז דאס? — האט ער דערשראקען געפרעגט.

פלוצלונג האט ער דערקענט די דינע ברעמען, און דעם טרויעריגען און דראהענדען בליק פון די גרויסע טונקעלע אויגען.

— נעלי! — האט ער כמעט מיט שרעק אויסגעשריען.

— איך, האט הארט געענטפערט נעלי. זי האט זיך אפגעטיילט פון דער טיר און איז ארוים אויפ׳ן מיט פון צימער.

21.

דזשענעיעוו איז לאנגזאם אפגעטראטען. ער איז געווען ערשיטערט ביז די טיעפסטע טיפענישען פון זיין נשמה.

— דו?

נעלי האט געשוויגען.

דזשענעיעוו האט געמאכט עפעס אזוינע מאדנע באוועגונגען מיט

די הענט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

נעלי האָט לאַנג געקוקט אויף איהם, און די צוויי בייזע שווארצע ברעמען האָבען זיך ווי פּיאַווקעס איבער איהרע טיעפע אויגען מאָדר־נע גערודערט.

פלוצלונג האָט זי בייז און אָפּגעריסען אָנגעהויבען:

— איך בין געקומען צו דיר גאָר ניט צוליעב דעם... צינדט אָן פייער! ווארום זיצט איהר אין דער פינסטער? זי האָט זיך גע־ווענדט צו איהם, אָט אויף „דו" אָט אויף „איהר", אָבער זיי ביידע האָבען דאָס ניט באַמערקט.

דזשענעיעוו האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָנצינדען דעם לאָמפּ. פּלוצ־לינג האָט ער דערפיהלט, אַז זיין האַרץ שלאָגט מיט אַן אומרוהיגער פרייד, פּונקט ווי נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזענהייט, וואָלט געקומען צו איהם דער נאָהענטסטער פריינד זיינער און ער וואָלט ניט וויסען וואָס צו טאָן פון פרייד.

ביז וואָנענט ער האָט אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, איז נעלי געשטאַ־נען אין מיט'ן ארבייטס צימער, זי האָט באַקוקט דעם צימער, אַזוי ווי זי וואָלט געקומען זעהן צו אַלעם איז פאַרבליבען אויף דעם זעלבען פּלאַץ ווי זי האָט דאָס איבערגעלאָזען?

אַם ענדע האָט דזשענעיעוו אָנגעצונדען דעם לאָמפּ, וועלכער האָט העל באַלויכטען דאָס גאַנצע צימער, אויף די וועגט האָבען זיך גענומען שפּינגלען די אָפּגעגאָלטע ראַמען און די פאַרבען. די ליכט האָט אויך באַלויכטען איהר דינעם, זעהר בלאַסען בייזען פּנים, מיט די פאַרקנייטשטע ברעמען און מאָדנעם בליק.

— וואָס מאַכסטו עפּעס?.. נו טהו זיך אויס... נעהם אַראָפּ די הוט... איך פרעה זיך אַזוי! — האָט געמורמעלט דזשענעיעוו, אַליין ניט וויסענדיג וואָס עס טוט זיך מיט איהם. ער האָט געפיהלט, אַז עטוואָס ריינעס, ליכטיגעס האָט אריינגעדרינגען אין זיין נשמה.

ער האָט אפילו שיר ניט געזאָגט „ליעבע"!.. און האָט זי אָנגע־נומען פאַר דער שטאַרקער דינער האַנט.

נעלי האָט מיט אַן אַנבאַמערקטער באַוועגונג באַפרייט איהר האַנט און האָט אויף איהם אַ מאָדנעם קוק געטאָן. אַ ציטער איז דורך איהרע ברעמען, אָט אַזוי ווי זי וואָלט ניט דאָס ערוואַרטעט, און

מיט אמאל האט זי גענומען צווייפלען אין איהר אייגענעם בייזען באשלוס.

אבער דזשענעיעוו האט גארניט באמערקט, ער האט זיך גע'עסק'ט ארום איהר , איהר געהאלפען אראפנעהמען דעם דזשעקעט, די הוט מיט די הענדטשעקעס, דערביי האט ער אזוי פריינדליך געשמייכעלט, אז זיין איידעלער מענליכער פנים איז געווארען אזוי מילד און גוט־מוטהיג, ווי ביי א קינד.

נעלי האט איהם אפגעגעבען די הוט מיט'ן דזשעקעט, און איז געבליבען אין איהר שטענדיגען קלייד. ניט אפטרעטענדיג פון פלאץ האט זי ארומגעקוקט דעם צימער.

— לאנג, זעהר לאנג בין איך דא ניט געווען! — האט זי געזאגט אומעטיג, פארטראכט.

אט די ווערטער האבען דזשענעיוו'ן א קרענקליכען שטאך געטאן. ער האט מיט א מאל פארשטאנען ווי אומגעלומפערט און ניט אם פלאץ זיין פרייד איז. אבער, געגען זיין ווילען האבען זיינע אויגען דאך געקוקט אויף איהר מיט גרויס באגייסטערונג. זי האט אויס־געקוקט פונקט אזוי ווי אמאל: זעהר דין און איידעל, מיט בלאסע דינע הענט, אין א שווארצען קלייד, מיט אן ענטבלויזטע דונקעלע האלז און מיט א צושויבערטער פריזור.

—אבער ווי אזוי ביזטו דאס געקומען, האט ציטערענדיג פון אויפרעגונג געפרעגט דזשענעיעוו.

— אט אזוי בין איך געקומען, — האט כמעט גלייכגילטיג גע־ענטפערט נעלי.

דזשענעיעוו האט געקוקט אויף איהר מיט ברייט פארנאנדער־געעפענטע פינקלענדיגע אויגען. זי האט איהם אויסגעזעהן אזוי נא־הענט־ליעב און אייגען, אז עס האט זיך איהם געגלוסט זי איינפאך און צארט ארומנעהמען.

— נעלי האט דאס אזוי ווי דערפיהלט, זי האט זיך אפגערוקט פון איהם און האט גענומען אומגעהן איבער'ן צימער.

— ווייזט, וואס איהר האט אויפגעטאן פאר דער צייט... אלעס!

— האט זי שטרענג געזאגט.

אט די שטרענגקייט האט מעהר געריהרט ווי געשראקען דזשע־

נעיוו'ן. ער האט געכאפט דעם לאמפ, איהם אויפגעהויבען הויך איבער'ן קאפ און אויף אזא אויפ'ן באלויכטען אלע לייוועגטען.

— ליעבע! — האט געזינגען אין זיין נשמה. ער האט ניט גע־קענט אפרייסען זיינע אויגען פון איהר, ער האט זיך געפרעהט מיט יע־ען ריהר פון איהר דינעם קערפער, מיט דעם פריזור, ענטבלויזטען העלזעל, ווי אויך מיט'ן שטרענגען אויסדרוק פון איהר געזיכט וועל־כער האט ווי געפאדערט פון איהם דין־וחשבון.

נעלי האט געקוקט אויף די בילדער און עטיודען מיט אזא מין קאנצענטרירטען אויסזעהן, אט ווי זי וואלט געקומען רעווידירען, צו האט ער עפעס אויפגעטאן אהן איהר, צו האט ער ניט פארשווענדט אומזיסט די צייט און פרייהייט, וואס זי האט איהם געגעבען.

— דאס איז גוט! — האט זי א פאר מאל באמערקט, און דזשע־נעיעוו האט זיך אליין פאר'חידוש'ט, ווי שטארק עס האט איהם גע־פרעהט איהר לויב.

פאר דעם גרויסען בילד, וואס האט אויסגעזעהן טיעפער און גייסטערהאפטער ביים שיין פון ליכט, האט זיך נעלי אפגעשטעלט, און באוועגט די דינע ברעמען, ווי זי וואלט זיך געמיהט צו פארשטעהן דאס בילד.

— וואס איז דאס? — האט זי געפרעגט, באפוילענד.

דזשענעיעוו האט ניט געענטפערט, און זיך אזוי ווי פלוצלינג דערשראקען פאר עפעס.

נעלי האט לאנג און שווייגענדיג געקוקט אויפ'ן בילד, דערנאך האט זי א מאדנעם שאקעל געטאן מיט'ן קאפ, אזוי ווי זי וואלט זיך געמיהט צו פארטרייבען פון זיך א שווערען קאשמאר. נאך אט דער קלייניגקער באוועגונג האט דזשענעיעוו דערזעהן אז זי האט אלץ פארשטאנען, אפילו דאס וואס דזשענעיעוו האט נאר געוואלט, אבער ניט געקענט אויסדריקען מיט זיין בילד. איהר געזיכט איז געווארען אומעטיג.

— דאס איז זעהר גוט! — האט נעלי קורץ באמערקט, און נאך א קורצען שווייגען צו געגעבען, — אבער דאס איז שרעקליך!

דזשענעיעוו האט נאך אלץ געהאלטען דעם לאמפ הויך איבער'ן קאפ, און ווי א צוגעשמידטער, ניט געקענט אפרייסען די אויגען פון זיין בילד, אין וועלבען עס האט זיך פאר איהם ענטפלעקט עטוואס

נייעס, וואס ער האט פריער ווי ניט באמערקט און ניט געזעהן. דאס בילד האט איהם צוגעצויגען צו זיך מיט א מאדנער קראפט פון שרעק און גרויל. אין דער מינוט האט ער אפילו פארגעסען אין נעלי'ן.

אבער נעלי איז שנעל אוועק פון דעם פלאץ. דזשענעיעוו האט זיך ווי אויפגעכאפט און איז אוועק נאך איהר. זי איז אוועק גלייך אונטער'ן פארהאנג, וואו עס איז געווען דזשענעיעוו'ס שלאף־צימער, זי האט מיט אן אונפארשטענדליכען אויסדרוק באטראכט זיין אינטי־מע אומגעבונג — די בעט, דאס טישעל מיט די ביכער.

דזשענעיעוו'ן האט מיט אמאל שטארק פארדראסען וואס זי קוקט... ניט פאר זיך, נאר פאר איהר, האט איהם געקרענקט: ליזא, זשעניטשקא, זענען פלוצלינג ווי אויסגעוואקסען אויף דער זעלבער בעט, אויף וועלכער אויך נעלי האט זיך איהם אמאל אפגעגעבען, אין האבען זיך צוזאמענגעדרעהט אין אן אומגעלומפערטען קנויל פון נאַ־קעטע לייבער. דזשענעיווע'ן האט ארומגענומען א געפיהל פון פאר־צווייפלונג, טיעפען עקעל און שאנדע. ער האט אפילו געמאכט א באוועגונג ארויסצופיהרען נעלי'ן פון דארטען. אבער זי איז אליין ארויס. איהר געזיכט האט זיך ניט אומגעביטען, בלויז א לייכטער ציטער איז אריבער איהרע ברעמען, דער ציטער איז געלאפען נידע־ריגער און האט זיך באהאלטען אין די ווינקלען פון די צוזאמענגע־פרעסטע ליפען.

דא האט נעלי צום ערשטען מאל גלייך א קוק געטאן אויף דזשע־נעיעוו'ן. ער איז פארשטארבען געווארען פון צערטליכקייט, שאנדע און מורא. אונטער אט דעם שטרענגען, כמעט דראהענדען בליק, פונקט ווי ער וואלט ערווארטען זיין אורטייל.

אונערווארטעט האט נעלי א שמייכעל געטאן.

דאר איז געווען א מאדנער שמייכעל — דער שמייכעל האט אויסגעדריקט אומעט, ערנירונגען, צערטליכקייט, פארוואורף, פארגע־בונג און נאך עטוואס, וואס דזשענעיעוו האט ניט פארשטאנען. דער עטוואס האט אנגעווארפען אויף איהם א קעלט.

— נו, גוט! — האט אונפארשטענדליך געזאגט נעלי, ווי זי וואלט געענטפערט זיך אליין, און פלוצלינג ארומגעכאפט דזשעשענע־יעוו'ס קאפ מיטביידע הענט און איהם א קוש געטאן אין שטערען.

דזשענעיעוו האט אויפגעציטערט און האט שיעור ניט ארויסגע־

לאָזט דעם לאָמפּ פון האַנט, מיט דער צווייטער האַנט האָט ער אַרומ־געכאַפּט נעלי׳ן.

זי האָט מיט דעם זעלבען שטרענגען, פול מיט רעטעניש בליק, לייכט אָפּגערוקט זיין קאָפּ און מיט אַ מאָל איהם איינינע מאָל אַ קוש געטאָן אין שטערן, און די אויגען און אין די ליפּען.

איהרע ליפּען זענען געווען הייס און טרוקען, ווען זי האָט זיי צו־געטוליעט צו זיינע. דזשענעיעוו האָט דערפּיהלט די פייכטע קעלט פון איהרע ציין. עס האָט זיך איהם פאַרדרעהט דער קאָפּ.

נאָר איידער ער האָט נאָך דערוויזען צו קומען צו זיך, האָט נעלי איהם כמעט מיט האַס אָפּגעשטויסען פון זיך און האָט געזאָגט:

— נו, אַ סוף!

נעלי האָט אָנגעטאָן איהר שוואַרצע הוט מיט דעם מאַנטעל.

דזשענעיעוו איז געשטאַנען אין מיט׳ן צימער און געפּיהלט ווי דער דיל וויגט זיך שטיל אונטער זיינע פיס. ער האָט גליקליך גע־שמייכעלט און ניט פאַרשטאַנען צו וואָס זי טוט זיך אָן.

שוין־זשע געהסטו שוין אַוועק? — האָט ער פאַרלאָרען אויס־געשריהען.

נעלי האָט זיך אומגעקוקט. אין איהרע ליפּען איז געווען אַ לאַנגע און שאַרפע שפּילקע פון הוט, וואָס האָט איהר צוגעגעבען אַ בייזען און גרויזאַמען אויסדרוק.

— יאָ, — איך געה אַוועק! — האָט זי געענטפערט.

— אַבער דאָס איז אונמעגליך... איך האָב זיך אַזוי דערפרעהט! וואָרום־זשע ביזטו געקומען? — האָט זיך דזשענעיעוו אַ וואָרף גע־טאָן צו איהר אַזוי צו מישט און הילפלאָז, גאָר ניט פאַרשטעהענדיג. ער איז מיט אַמאָל שרעקליך בלאַס געוואָרען.

נעלי האָט זיך אויסגעדרעהט צו איהם און האָט אַראָפּגעלאָזען די הענט.

— ערשט איצט האָט דזשענעיעוו פאַרשטאַנען דעם אויסדרוק פון איהרע אויגען: פון זיי האָט אַרויסגעקוקט אַ געפיהל פון גרוי־זאַמער, כמעט זיסער נקמה. אַבער אין די ווינקלען פון מויל איז דאָך געלעגען אַ שאַרפער צייכען פון ליידען, וועלכען ער האָט ניט באַ־מערקט.

— ווי הייסט נאָך וואָס? — האָט זיך אונאַטירליך פאַרוואונ־

דערט נעלי. — איך בין געקומען זיך זעהן מיט אייך!... מיר זענען דאָך אַלטע פריינד, און אפשער נאָך מעהר ווי פריינד!

— נעלי! האָט פאַרצווייפעלט אויסגעשריהען דזשענעיעוו, פי־לענדיג ווי ער זינקט אין א שוואַרצען קאַלטען תהום.

— נאָך וואָס־זשע האָסטו מיך נאָר וואָס, א קוש געטאָן? — האָט ער נאַריש געפרעגט.

נעלי האָט געהיימניספול א שמייכעל געטאָן.

— אַ, דאָס האָב איך זיך געוואָלט געזעגען... ווייל איך פאָהר דאָך היינט אינגאַנצען אויף אייביג אוועק פון דאַנען...

וואוהין? — האָט נאָך מיט מעהר פאַרצווייפלונג אויסגעשריען דזשענעיעוו.

— צו אַרבוזאָוו'ן... אויפ'ן פאַבריק! — האָט נעלי געענטפערט אבגעריסען און שאַרף, און נאָך גרויזאַמער איז געוואָרען דער אויס־דרוק פון דער פאַרכאַפּענדער נקמה אין איהרע אויגען און נאָך קרומער די ליידענדע ליניע פון די דינע צוזאַמענגעפרסטע ליפען.

— צו אַרבוזאָוו'ן? — האָט ווידערהאָלט דזשענעיעוו.

— יאָ... איך האָב אייך נאָך געוואָלט דערצעהלען א נייעס... איהר הערט, איך האָב דאָס אייך געוואָלט אָנזאָגען די ערשטע — אונבאַדינגט די ערשטע... האָט אונטערשטרייכענדיג, לאַנגזאַם ארויס־גערעדט נעלי, און האָט זיך אָפּגעשטעלט, אזוי ווי פאַר עפּעס א גרוי־סען פאַרגעניגען.

איהרע אויגען האָבען געפינקעלט ווי ביי א חיה פאַר'ן לעצטען שפּרונג.

— וואָס פאַר א נייעס? וואָרום די ערשטע; האָט ניט פאַר־שטעהענדיג איבערגעפרעגט דזשענעיעוו.

נעלי ניט אראָפּנעהמענדיג פון איהם די אויגען האָט קלאָר און דייטליך ארויסגערעדט:

— אייער ליזא... האָט זיך היינט דערטרונקען!

דזשענעיעוו האָט זיך א טרייסעל געטאָן ווי אָן אָפּגעבריטער. איהם האָט זיך געדאַכט אז עס האָט איהם ארומגערינגעלט א מאַמענ־טאַלער נעבעל, און דורך דעם מילך־ווייסען חושך, פינקלען אימיצענס שוואַרצע נקמה־נעמענדע אויגען.

נעלי האָט זיך פלינק אויסגעקערעוועט און איז ארויסגעלאָפען

פון צימער. אויפ'ן גאניק האט זי זיך אפגעשטעלט אויף א ווײלע. האט זיך צוגעהערט צו עפעס. דערנאך האט זי זיך געכאפט מיט ביידע הענט פאר'ן קאפ און איז אראפגעלאפען אונטען אין דער פינ־סטערער גאס אריין, וועלכע האט געפינקעלט מיט ווייטע, זעלטענע פייערלאך.

22.

ארבוזאוו האט געווארט אויף נעלי'ן, ביי איהר אין צימער, אין דעם זעלבען הויז, וואו מאריא פאוולאוונא האט געוואוינט און איז געשטארבען.

נאך דער אקטריסעס טויט, איז געקומען צופאהרען איהר א גע־שוועסטערקינד, עפעס א מין לייכטזיניגער, פרעהליך אקטיארעל מיט א בלימעל אין לאץ, ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען, האט די פארשטארבענע איהם געשריבען וועגען נעלי'ן און איהם געבעטען זי איבערלאזען אין הויז. דער אקטיארל האט זיך אפילו דער־פרעהט דערמיט, ווייל ער האט אבסאלוט ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט דער הויז. ער האט אביסעל אומגעטאנצט ארום נעלי'ן, פאר וועלכער ער האט זיך אויך א היבש ביסעל געשראקען, פארבראכט א פאר טעג און איז אוועקגעפאהרען. נעלי איז פארבליבען אין איהר צימער און דאס גאנצע איבעריגע הויז האט מען פארקלאפט און פאר־שלאסען.

די נוהענטקייט פון דעם פארקלאפטען אויסגעשטארבענעם הויז, האט צוגעגעבען נעלי'ס צימער עטוואס מורא'דיגעס אין די ווענדען, ווען אין דעם נאקעטען, טונקעלען גארטען האט גערוישט דער ווינט, און דאס אלטע הויז פלעגט פארטרינקען ווערען אין א פייכטען פייפענ־דען חשך. בלויז אין נעלי'ס פענסטער האט געלויכטען א פייערל

און געוועקט ביי די פארבייגעהער אן אונאנגענעמענעם אבערגלויבישען געפיהל.

ארבוזאוו איז געזעסען אנגעשפארט מיט איין האנט אין טיש, און טיעף אנגעבויגען זיין קאפ. פון צייט צו צייט האט ער אויפגעהויבען די שווארצע פיבערישע אויגען, און איז ווילד אומגעלאפען מיט די בליקען איבער'ן צימער, און האט זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט פון דער אויסגעשטארבענער הויז. דערנאך האט ער ווידער אראפגעלאזען דעם קאפ און איז געזעסען באוועגלאז.

די ליכט אויפ'ן טיש האט געברענט דונקעל און געל. פון דער דונקעלהייט האבען ארויסגעקוקט די שווארצע שטולען מיט'ן קאמאד, נעלי'ס שמאלע בעט, וועלכע איז געוועזן פארבעט מיט א ווייסער קאלדרע. אלעס איז געוועזן ריין און שוין אביסעל צו פינקטליך. אויף אלץ אין צימער איז געלעגען דער שטעמפעל פון אסקעטישער שטרענגקייט. אויסער דעם קליינעם שפיגעלע אויפ'ן קאמאד, האט קיין זאך ניט דערמנאט אין דעם, אז דא וואוינט א שעהנע יונגע פרוי, וועלכע האט איבערגעלעבט א שטורעם פון ליידענשאפט, איבערגעלעבט א צובראכענע ליעבע, שוואנגערשאפט און א פריה־צייטיגען געבורט... און אפשר, האט טאקע אט די אסקעטישע שטרענגקייט, מיט דער שמאלינקער בעט, דערצעהלט וועגען אן איבערגעברענטער ליידענשאפט, צובראכענער ליעבע און פארביטערטען הארצען.

די טיר, וואס האט געפיהרט אין הויז גופא, איז געוועזן פארקלאפט און פארשטעלט מיט'ן טיש. פון דער פארשלאסענער טיר האט געדריקט די שווערע שטילקייט פון טויט. הינטער דער טיר האבען זיך געשפירט די פוסטע צימערן, וואו עס איז נאך געשטאנען מעבעל, די פיאנע, שפיגלען און לאמפען זענען געהאנגען אין שטוב; זאכען אין וועלכע קיינער האט זיך מעהר ניט גענויטיגט. דארטען האט געהערשט חושך און פוסטקייט. דארטען איז נאך ערגעץ געשטאנען די אייזערנע בעט אהן א מאטראץ און אהן קישענס, דיזעלבע בעט אויף וועלכער עס האט געלעבט, געליטען און געשטארבען, אן אומגליקליך וועזען, וואס האט געוואלט לעבען און ליעבען... אין א פוסטען ווינקעל ביי א ווייסער וואנט איז געשטאנען די בעט א הייליגע, א נאקעטע און אוננויטיגע.

ארבוזאוו איז געזעסען און האָט געהערט. צו איהם האָבען זיך דערטראָגען מאָדנע קלאַנגען; אַט האָט זיך געלאָזט הערען אַ פאַר־זיכטיגער סקריפּען, ווי אימיצער וואָלט זיך אויף די שפּיץ פינגער גע'גנב'ט צום סאַמע טיר; אַט האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער הילבינער קלאַנג. דער ווינט הינטער די פענסטער האָט גערוישט אַט טויב און אַט שטורמיש. אַט האָט אַנגעהויבען מאָנאָטאָנע און אונקלאָר צו מורמלען דער רעגען צייטענווייז אָבער האָט ער איילענדיג געקלאַפּט אין די לאָדען.

ארבוזאוו איז געווען אינגאַנצען ניכטער, ארומגעוואַשען און פאַרקאַמט. זיין היטעל און קירצער מאַנטעל זענען געלעגען אויף אַ בייגקעל ביים אריינגאַנג. ער איז געזעסען אין אַ רויטען זיידענעם העמדעל.

די ליכט אויפ'ן טיש, דער אראָפּגעלאָזענער קאָפּ, די הילפלאָז אראָפּגעהאַנגענע הענט, צוזאַמען מיט'ן העל־רויטען העמדעל, האָבען איהם צוגעגעבען דעם אויסזעהן פון אַ בראַווען רויבער, פון איוואַן דעם שרעקליכענס צייטען, וואָס האָט זיך פאַרטראַכט וועגען דעם, ווי ער מוז דאָס מאָרגען געהן צום משפט, און צו דער טויט שטראָף.

פון צייט צו צייט האָט ער בייז געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און ביי־טער, שפּאָטיש געשמייכעלט, אַזוי ווי ער וואָלט אליין פון זיך לאַכען.

מיט אַמאָל האָט אַ קלאַפּ געטאָן די טיר, און עס האָבען זיך דערהערט אויפ'ן גאַניק לייכטע, שנעלע טרעט. ארבוזאוו האָט פלינק אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיינע אויגען האָבען גענומען פינקלען. ווען אימיצער זאָל איהם געווען דערזעהן אין דער מינוט, וואָלט ער גוט פאַרשטאַנען יענעם בייז־אַנזאָגענדען שרעקליכען אויסדרוק. וועלכער האָט זיך באַוויזען אין אַט די שוואַרצע פון אייביגען שכור'ען און הוליען, פיבערישע אויגען. די טיר האָט זיך אויפגעעפענט, און עס איז אריינגעקומען נעלי.

— אַם ענדע! — האָט באַמערקט ארבוזאוו מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל.

נעלי האָט שווייגענדיג אראָפּגענומען דעם הוט מיט'ן רעקעל און זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען צימער. זי האָט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט ארבוזאוו'ס טאָן.

— נו, שוין! — האט זי ווי פאר זיך געזאגט. מען האט ניט געקענט פארשטעהן, צי דאס האט זי געענטפערט אויף איהרע אייגענע געדאנקען, צי זי האט בארוהיגט ארבוזאוו'ן. איהרע ווערטער האבען דורכגעקלונגען אזוי, ווי זי וואלט געוואלט זאגען אין איינער און אין דער זעלבער צייט:

נו, אט איז שוין א סוף, עס האט זיך אפגעריסען דאס לעצטע, אלעס איז געשטארבען... אדער — נו, אט דאס גאר, און דו האסט אומזיסט זיך באאונרוהיגט!

ארבוזאוו האט א פינסטערן, אונצוטרויליכען קוק געטאן אויף איהר.

— טאקע אלעס? — האט קרימענדיג די ליפען געפרעגט ארבוזאוו.

נעלי האט צוזאמענגעדריקט די ברעמען און גארניט געענטפערט.

— נו, גוט. הער זיך איין נעלי, — האט אנגעהויבען ארבוזאוו, נאך א קורצען שווייגען, — איך האב געהאלטען ווארט, און אין קיין זאך דיר ניט געשטערט... אבער פאר דער צייט וואס איך בין דא געזעסען אליין האב איך א סך איבערגעטראכט און... הער זיך איין... איך קען ניט גלויבען!

נעלי האט שווייגענדיג צוזאמענגעגאסען די דינע ברעמען און געקוקט אויף איהם.

— איך קען ניט! — האט ווידערהאלט ארבוזאוו.

— נו איז ניט! — האט הארט געענטפערט נעלי.

ארבוזאוו האט פלינק אויפגעהויבען דעם קאפ, א ווילדע רציחה האט זיך אנגעצונדען אין זיינע אויגען.

— פאר דיר איז דאס אלץ איינס? נו, ווי דען... הייסט עס אז איך בין ניט גערעכט! האט ער שוואך, ווי איבער די כחות ארויסגערעדט.

נעלי האט געדריקט מיט די פלייצעס.

— אפשר!

— נעלי, טרייב ניט קיין קאטאוועס! — האט ארבוזאוו א ווילדען געשרעה געטאן, אבער ער האט זיך גלייך באהערשט. דו מוזט דאך פארשטעהן... איך האב דיר גארניט געזאגט, ווען דו ביזט געגאנגען... ווייל עס איז געוועזן א שאנדע דערפון צו רעדען, צו נאריש

און לעבערליך... אָבער איצט מוז איך זאָגען: אז וואָס דו זאָלסט דאָרטען ניט רעדען, ווייס איך איין זאַך, אז דו ליעבסט איהם נאָך ביז היינטיגען טאָג!

— ניין! — האָט געענטפערט נעלי.

— דו ליעבסט איהם ווי פריהער, אָדער נאָך מעהר!

— ניין, — האָט נעלי ווידערהאָלט בייז און איינגעשפּאַרט.

ארבוזאָוו האָט זיך הייזעריג צולאַכט.

— ווען דו וואָלסט זיך איצט אליין געקענט הערען!... דו שטרעבסט זיך אליין צו איבערצייגען... אָדער אומזיסט! דאָך ניט צוליעב דער טראַגעדיע אָדער עפעקט ביזטו צו איהם געלאָפען! עט, זאָג דאָס ניט!... דו האָסט איהם ליעב און שוין. מיר האָט אמאָל איינער דערצעהלט, אז יענעם, וועמען א פרוי האָט זיך מיט ליעבע אליין צום ערשטען מאָל אוועקגעגעבען, דעם וועט זי שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסען. זי וועט איהם בלומרשט האַסען, זיך פאַרוואַנדלען אין זיין שונא, זיין גרייט איהם צו דער'הרג'ענען, אָבער יענער דאַרף בלויז א ווינק טאָן צו איהר מיט א פינגער, אז זי זאָל קומען צו איהם צולויפען... איך זעה דאָס איצט אליין!

ארבוזאָוו האָט גערעדט מיט שפּאָט, פּייניגענדיג זיך אליין.

נעלי האָט געשוויגען.

נו וואָס, האָט איהר זיך עפּעס ריהרענד געזעגענט, הא? — האָט מיט א קרענקליכער איראָניע געפרעגט ארבוזאָוו.

— זי האָט א פלינקען בליק געטאָן אויף איהם און געענטפערט מיט נקמה, א, זעהר.

ארבוזאָוו איז בלאַס געוואָרען.

איצט זעה איך, אז דו לאַכסט זיך אויס פון מיר, נעלי! האָט מיט א ציטער געזאָגט ארבוזאָוו, באַלעקענדיג מיט'ן צונג די טרוקענע ליפּען. דיר ווייזט זיך בלויז אויס, אז דו רעדסט דאָס מיר אויף צו להכעים, אָבער דאָס איז אין דער אמת'ן געוועזן רירענד... עס מערקט זיך!

— באַשיינפּערלאַך? — האָט נעלי געפרעגט אונטערווינקענדיג מיט'ן אויגעל און האָט זיך צולאַכט. — אויב אזוי, איז נאָך בעסער!

ארבוזאָוו'ן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— האסט זיך איהם אפשר אפגעגעבען ביים געזעגנען זיך צום לעצטען מאל? הא? — האט ער געזאגט, קוים זייענדיג אימשטאנד אליין אריבערצוטראגען זיין שפאס.

— געוויס! — האט נעלי געענטפערט.

א נעבעל האט איינגעהילט ארבוזאוו'ס געזיכט, און נעלי'ן האט זיך געדוכט אז אט וועט ער זיך גלייך ארויפווארפען אויף איהר. ער האט ווירקליך געמאכט אזא באוועגונג. ער איז געווען ווי געריהרט פון זינען.

ארבוזאוו האט גוט געזעהן, אז זי רעדט דאס איהם אויף צו להכעיס. ער האט פארשטאנען אז ער ברייננגט זי אריין אין כעס מיט זיינע פארדאכטען און שפאס. אבער אפילו קיין בייזע איראניע. דעם מאמענט האאט ער ניט געקענט אריבערטראגען. דאס אליין, וואס זי, וועלכע האט זיך ווירקליך אפגעגעבען דזשענעיעוו'ן, האט געקענט ברייננגען דאסווארט אויב איהרע ליפען, זאל זיין אפילו אומיסטען, האט איהם פון זינען געטריבען.

— פייניג מיך ניט, נעלי! — האט ער כמעט ארויסגעקרעכצט.

— איך גלויב דאך ניט... איך ווייס אז דו זאגסט דאס אומיסטען... אבער איך קען דאס ניט הערען; כ'קען ניט!

נעלי האט זיך צולאכט, זי האט א ווארף געטאן די הוט אויפ'ן קאמאד און איז צוגעגאנגען צו איהם.

— נו, זאל זיין גענוג... הער אויף! — האט זי ארויסגעמורמעלט און ארומגעכאפט זיין קאפ, צוגעדריקט צו איהר ברוסט און האט איהם שטיל געגומען גלעטען איבער די הארטע האר. — איך האב דיך ליעב!... מיין טייערער, ארימער מיינער!

אז איבערמענשליכער גליק האט איבערפיהלט ארבוזאוו'ס גאנ־צען וועזען. ער האט זיך צוגעדריקט צו איהר קליינער ברוסט, פון אונטער וועלכער עס האט זיך געלאזט הערען דאס ווייכע שלאגען פון איהר הארצען, און איז אזוי פארשטארבען.

נעלי האט איהם צערטליך געגלעט איבער די האר.

איך האב זיך אויסגעמאטערט... — האט ער רחמנות'דיג געמור־מעלט, — נאך וואס ביזטו געגאנגען!

אין זיין שטים האט ווידער דורך געקלונגען א טאן פון אייפער־זוכט.

נעלי האָט אַראָפּגענומען איהר האַנט און האָט זיך לייכט אָפּגע־רוקט. ארבוזאָוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט פון אונטערן שטערען אַ קוק געטאָן אויף איהר מיט פאַרדאַכט.

הייסט עס, אַז דו האָסט איהם נאָך ניט אינגאַנצען פאַרגעסען...

נעלי האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגערוקט און האָט פאַרבראָכען די הענט.

אַך, ווי שווער, לייַנגווייליג און דערווידער דאָס איז! ווי שטאַרק דאָס האָט מיר דערעסען! — האָט זי ארויסגעקרעכצט מיט אַנגסט.

— נעלי, נעליטשקאַ! — האָט אַרבוזאָוו דערשראָקען, מיט חרטה, זיך געצויגען צו איהר.

אָבער נעלי איז שוין געשטאַנען ביים קאַמאָד. איהרע ברעמען זיינען געווען שאַרף צוזאַמענגעגאָסען, די אויגען האָבען געקוקט ענט־שלאָסען און בייז.

— הערט זיך איין, מאַקסים מאַקסימאָוויטש, — האָט זי אָנגע־הויבען מיט אַ געבראָכענער שטים, — וועט איהר מיך נאָך לאַנג פּיי־ניגען?

— איך דיך?... נעלי? — האָט מיט פאַרווירף אויסגעשריהען ארבוזאָוו.

— יאָ, איהר מיך! — האָט איהם איבערגעקרימט נעלי.

— וואָס ווילט איהר פון מיר! נו... האָב איך אייך געליעבט, דער נאָך זיך אויסגעליעבט... פאַרראַטען... און איצט ליעב איך אייך ווי־דער...

איז וואָס־זשע איז? יעדער מענש, זאַכאַר מאַקסימאָוויטש, פאַרמאָגט זייַנע אינערליכע סודות, וואָס ער ווייסט און פאַרשטעהט אַליין ניט! איך האָב איהם באַדאַרפט זעהן! אָט, טאַקע צוליעב דעם, כדי איך זאָל זיך איבערצייגען אַז איך האָב איהם מעהר ניט ליעב! וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי?... אפשר בין איך אַ נידע־ריגע, פאַרדאָרבענע און מיאוסע... אפשר פאַרשטעהע איך זיך אַליין ניט... נו גוט, אויסגעצייכענט! אָבער פאַר וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר צו פאָדערען פון מיר, אַז איך זאָל זיין אַן אַנדערע!.. איך נאַר אייך ניט, פאַרשטעל זיך ניט פאַר אַן אַנדערע!... נאָכוואָס פּייניגט איהר מיך?

— נעלי!

— וואס נעלי! איהר דארפט מיר גלויבען אז דאס איז אויף אייביג פארגעסען און צוריסען!... מיט וואס וועל איך דאס דערוויי־זען?... איהר מוזט גלויבען... ווייל איך בין דאך ניט געקומען צו אייך... איך האב קיין ענטשולדיגונג ניט געבעטען! איך האב געזינ־דיגט, און האב באקומען פאר מיינע זינד די פולע שטראף. אבער איך בין שטאלץ גענוג, אום ניט קומען צו אייך בעטען ענטשולדיגונג, ווייל איך וויים, אז אזוינע זאכען קען מען ניט פארגעבען!... איך וואלט זיך אראפגעלאזען אויף די קניע פאר אייך, אבער צוליעב וואס?... איהר וועט ניט און קענט דאס קיינמאל ניט פארגעסען! דערמאנט זיך, איהר זענט דאך שוין אמאל געקומען צו מיר און מיך געוואלט פארזיכערען אז אלעס איז שוין פארגעסען און פארגעבען געווארען, און דערנאך האט איהר מיך געווארנען... אט דא אויף דעם זעלבען דיל... געדענקט איהר?

ארבוזאוו האט אראפגעלאזען דעם קאפ.

— איך האב געדענקט אז דערמיט וועט זיך שוין ענדיגען... איך האב געדענקט צו שטארבען... אבער איהר זענט ווידער געקומען! זייט זיך מודה, זאכאר מאקסימאוויטש, אז איהר זענט בלויז דאן גע־קומען, ווען איהר האט זיך דערוואוסט אז דאס קינד איז געבוירען געווארען א טויטס... אמת?... אנדערש וואלט איהר ניט געקומען!

ארבוזאוו האט געשוויגען.

נעלי האט צוגעווארט.

— זעהט איהר!... אזא מין... רעאלע... — נעלי האט איבער די קרעפטען אן איראנישען שמייכעל געטאן, — אנדענקונג, וואלט איהר אינגאנצען ניט געקענט אריבערטראגען, איהר האט דאס אליין גע־וואוסט... טא וואס פאר א פארגעבונג איז דאס, וואס איז דאס פאר א ליעבע?

— און אפשר וואלט איהר יא געקומען!

נעלי האט א שנעלען קוק געטאן אויף איהם.

— יא, איהר וואלט געקומען... מעגליך... איך זעה אז איהר וואלט געקומען... אדער בלויז צוליעב דעם, כדי ווידער אוועקגעהן!...

— איך האב דיך ליעב, נעלי! — האט ארבוזאוו איהר איבער־געשלאגען מיט פארצווייפלונג.

נעלי האָט אזוי פאַרדריקט די פינגער אַז זיי האָבען אַ קנאַק געטאָן.

— איך זעה, כ'זעה דאָס... און פּענדעסטוועגען איז אונז דאָך בעסער זיך צו צושיידען איינמאָל פאַר אַלע מאָל!

— נעלי!

— בעסער, בעסער, בעסער!.. איהר וועט ניט פאַרגעסען... איהר קענט ניט פאַרגעסען. און מיר וועלען בלויז אהן אַ סוף פּייניגען איינע די אַנדערע!

— איך וועל פאַרגעסען, נעלי! — האָט אַפּתענדיג געשטאַמעלט אַרבוזאָוו.

— ניין! — דאָס קינד... איך האָב געזאָגט אַז אַזאַ מיין רעאַלע אַנדענקונג וואָלט איהר ניט אַריבער געטראָגען. און אפשר טאַקע דערפאַר ווייל דאָס איז שוין אַ ביסעל צו גראָב, וואָלט איהר זיך געבער צוגעוואוינט. אַ, יאָ. אייך וועלען דעטאַלען דערמאָנען! איך וועל ניט וואָגען אייך אַ קוש טאָן, וועל ניט וואָגען צערטליכער אַ גלעט צו טאָן, ווייל איך וועל וויסען אַז יעדער וואָרט מיינער, יעדע באַוועגונג, וועט וועקען אין אייך דעם געדאַנק: אַזוי האָט זי איהם געקושט, אַזוי האָט זי איהם גערופען... ניט אַזוי? יאָ?.. געוויס!.. היינט ביינאַכט האָט מיך פּלוצלונג אַ שטאַרקען ציה געטאָן צו אייך... עס האָט מיך אַזוי ליידענשאַפטליך געצויגען! איך בין געלעגען אין בעט און מיר האָט זיך שמערצליך געוואָלט אַז איהר זאָלט זיין מיט מיר...

נעלי האָט זיך מיט אַמאָל פאַרוויטעלט און איז געוואָרען פּשוט'ער, און צוויי מאָל אַזוי שעהן. אַרבוזאָוו האָט זיך פלינק אויסגעגלייכט און האָט געמאַכט צו איהר אַ באַוועגונג פול מיט פרייד און ליידענשאַפט...

— וואַרט... איך האָב ניט אַלעס געזאָגט! דאָס האָב איך דאָן באַנאַכט געטראַכט... — האָט זיך נעלי גענומען היילען אין איהר דערצעהלען, — איך האָב געדענקט: זיכער, איז אַלץ נאַרישקייטען, עס איז גאַרניט געוועזן, קיין זאַך האָט ניט פּאַסירט! בלויז איהם אַליין ליעב איך, בלויז צו איהם ווייל איך באַלאַנגען מיט מיין גוף און נשמה! איך האָב געטראַכט, אַט אַזוי וועל איך איהם צערטלען און אַזוי וועל איך זיין קאָפּ האַלטען אויפ'ן מיין ברוסט...

נעלים שטים האט גענומען קלינגען ליידענשאפטליך און צארט ווי מוזיק. זי האט אפילו צוגעלייגט איהר האנט צו איהר קליינער, צארטער ברוסט.

ארבוזאוו האט זי אויסגעהערט, ניט אראפנעהמענדיג פון איהר זיין באגייסטערטען בליק, ניט וואגענדיג זיך א ריהר צו טאן אום ער זאל זי ניט דערשרעקען.

— און פלוצלינג האט מיר ווי א הויב געטאן דער געדאנק: אז וואס ליידענשאפטליכער איך וועל זיין, אלץ ערגער און שרעקליכער וועט דאס זיין... אלץ העלער און קלארער וועט ער זיך פארשטעלען. אז אזוינע בין איך געווען... אמת? ניט אזוי, הא?

— אמת, האט טויב געענטפערט ארבוזאוו און האט זיך אויפגעהויבען.

נעלי'ס אויגען האבען געפינקעלט מיט פארצווייפלונג.

— נו, און אפשר ביזטו טאקע גערעכט, נעלי! האט געזאגט ארבוזאוו מיט א צומישטען שמייכעל און בליק. — דו האסט דאס זעהר קלאר און קינסטלעריש באשריבען! האט ער פלוצלינג צוגעגעבען מיט אן אונערמיעדליכען האס.

„אזוינע געווען"!... זעהר קלאר! טא וואס־זשע זאלען מיר טאן? אבסאליוט צורייסען אויף אויביג, צו וואס?

— יא, — האט בלאס און ניט אויסדריקליך געענטפערט נעלי. ארבוזאוו האט געשוויגען.

און אויב איך... קען דאס ניט? האט ער זעהר שטיל געפרעגט. נעלי האט א מאך געטאן מיט'ן האנט.

— איהר קענט! דאס דוכט זיך נאר אזוי! — האט זי געענטפערט.

ארבוזאוו האט ווידער איבערגעשוויגען. אויף זיין טריבען געזיכט מיט דעם שווערען ווייסען שטערען איז געווען אויגעגאסען א מורא'דיגע עקשנות. שאטענס האבען איינגעהילט זיין שטערען, אזוי ווי טויזענדער געדאנקען װאלטען זיך ווי וואלעקנס געיאגטע פון ווינט, געטראגען אונטער אט דעם שטערען.

— אט וואס איך וועל אייך זאגען, — האט צוגעגעבען נעלי, — דאס דוכט זיך אייך בלויז דערפאר, ווייל איך בין נאך ניט געווען אייערע.

נעלי! — האט זיך ארבוזאוו איינגאנצען פארטרייסעלט ווי א פארוואונדערטער אקס.

— ווי נאר איך וועל זיך אייך אפגעבען, אזוי וועט איהר דער־פיהלען אז איהר קענט, און נאך ווי! — האט פארגעזעצט נעלי. — איהר זענט אלע אלץ איינס — וואס איהר זאלט דארטען ניט זאגען, וואס איהר זאלט דארטען ניט פיהלען, דארפט איהר בלויז, בלויז דאס האבען! — האט זי איסטעריש צוגעגעבען, מיט קרענקונג, פאראכ־טונג און עקעל.

ארבוזאוו האט ניט גלייך געענטפערט. די זעלבע שאטענס האַ־בען אומגעשוועבט איבער זיין געזיכט.

— נו, הער מיך אויס נעלי, — האט ער לאנגזאם אנגעהויבען. — מעגליך, אז דו ביזט גערעכט... יא, אמת... איך וועל ניט און קען ניט פארגעסען! איך וועל טראכטען און וועל זיך פארשטעלען! און דאס איז אויך פארשטענדליך: איך גיב דיר אוועק מיין גאנצע נשמה, און איך שעץ מיין נשמה! איך בין א שטאלצער, נעלי, כאטש איך בין ניט מעהר ווי א סוחר'ס א זינדעל און באזיץ ניט קיינע טא־לאנטען... ווען ער, זאל דיך געוועזען ליעבען אזוי ווי איך, און דאס זאל געוועזען זיין א טעות פון זיין זייט, וואס ער האט דיך אוועקגעווארפען... ווען ער זאל געווען ליידען, וואלט איך פארגעסען! ווייל מיר וואלטען געוועזען גלייכע: איך גיב דיר אוועק מיין גאנצע נשמה און נעהם דיך מיט דער פרייד פון מיין גאנצען לעבען, און ער אויך... דאס פארשטעה איך. אבער דאס איז דאך די זאך ניט אזוי. איך בין ניט אימשטאנד אריבער צו טראגען דעם געדאנק, אז איך ברייננג צו דיינע פיס אלץ אהן א שפור, זיך איינגאנצען, פאר מיר ביסטו א הייליגטום, און ער האט דיך גענומען אויף א שטונדע, פאר א לוסטיגער פארוויילונג, גלאט אזוי זיך, און דערנאך אוועקגעווארפען ווי אן איבעריגע זאך! שווין־זשע שטעהט ער אויף אזוי פיעל העכער פון מיר?... ווען מיר וועלען זיך אמאל צופעליג אלע דריי צוזאמענקומען, וועט ער אינער־ליך... אפען וועט ער דאס ניט וואגען!... און אפשר וועט ער יא וואַ־גען... טראכטען: אט א שוטה!... מיט דער פרייז פון גאנצען לע־בען האט ער געקויפט דאס, וואס איך האב פארבייגעהענדיג גענומען און אוועקגעווארפען!... אט דעם געדאנק בין איך ניט אימשטאנד צו

פארטראגען! אין אזא פאל, וועל איך איהם, דיך און זיך אליין אויך דער'הרג'נען!

ארבוזאוו האט פלוצלונג געכאפט זיין היטעל און גענומען אוועק־געהן. ביים טיר האט ער זיך אפגעשטעלט.

— געדענק בלויז דאס, נעלי, האט ער ווידער דראהענד און שווער אנגעהויבען, אז איך האב דיך ליעב געהאט, כ'האב דיך איצט ליעב און וועל דיך אימער און שטענדיג ליעב האבען! איך וואלט ניט אוועקגעגאנגען. דו האסט איהם ליעב, יא, איהם ליעבסטו, אט וואס איך זעה. אין דעם קענסטו מיך ניט אפנארען! דאס וואס איך רעד איז אלץ נארישקייטען: ווען איך זאל גלויבען אז דו ליעבסט איהם שוין ניט מעהר, וואלט איך אויף אלץ א מאך געטאן מיט'ן האנט... איך גלויב אבער ניט! — האט ער א געשרעה געטאן. — נאך וואס ביזטו צו איהם געגאנגען? זיך זעגענען? זאגט נאר איך בעט אייך! איך בין ניט קיין קינד!.. ניט זעגענען זיך ביזטו געגאנגען, נאר צום לעצטען מאל א קוק טאן, זי איבערצייגען, אז אלץ איז פארלארען! א קוק טאן צי האט ער זיך ניט איבערגעדענקט? צו וועט ער דיך ניט נעהמען צוריק? שווייג!... לייג ניט!.. דו ווייס אליין אז דאס איז אן אמת! אפשר האסטו געטראכט אנדערש, אבער אין דער נשמה איז געווען דאס. נו, גוט! זאג, חאטש איין מאל דעם אמת: האסטו איהם ניט געקושט צום אבשייד?

ארבוזאוו'ס שטים האט זיך אונטערבראכען און איז אינגאנצען אראפגעפאלען. ער האט זיך געשטיקט, אויף איהם איז געווען א שרעק און א רחמנות צו קוקען. ער האט געווארט אויף אן ענטפער.

נעלי האט אויפגעהויבען אויף איהם א פאר אויגען פול מיט גע־בעט, זי האט צוגעדריקט צום ברוסט איהרע דינע בלאסע הענט און געמאכט מיט די ליפען. זי האט זיך אינגאנצען געריסען צו איהם, אזוי ווי זי וואלט געוואלט, אבער ניט געוואגט זיך אראפלאזען פאר איהם אויף די קני, ארבוזאוו האט ביטער געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— אזוי, אזוי... נו, זיי געזונט! — איך וועל מעהר ניט קומען! אלענפאלס אזוי לאנג... ווי ער וועט לעבען!... זיי געזונט!

ער האט פון זיך א זעץ געטאן מיט'ן פוס אין טיר און האט זיך א ווארף געטאן אין דער פינסטער. די טיר האט זיך א קלאפ געטאן

אין וואנט און האט זיך אזוי פארהאקט, אז א רויש האט זיך צוטראָגען איבער'ן גאנצען הויז.

נעלי איז לאנג געשטאנען באוועגלאז און געקוקט אויף דער פארשלאסענער טיר, אט ווי זי וואלט געהאפט אז ער וועט זיך אומקערען. דערנאך האט זי ארונטערגעלאזען איהר קאפ און איבער איהר בלאסען, אויסגעקרימטען פון שרעק געזיכט, האבען גענומען רינען טרערען. איהרע הענט, וועלכע זענען געווען צוגעדריקט צום ברוסט, זענען מאכטלאז אראפגעפאלען.

23.

דאס גאנצע שטעדטעל איז געווען אויפגערודערט און ערשטוינט. שוין אויף מארגען נאך דעם קארנעט קראוזעס לויה האט זיך אויפגעהאנגען דער באאמטער ריסקאוו, וועמען מען האט ארויסגעטריבען פון קאזנאטשעיסטווע, פאר אן אונערווארטעט שארפען ענטפער דעם קאזנאטשעי, וואס האט איהם געזידעלט. אויף מארגען האט זיך פארשפרייט א קלאנג אז אויף דער סלאבאדקע האט זיך דערשאסען א גערטנער, און ליזא, דעם סחר טרעגולאוו'ס טאכטער, האט זיך דערטרונקען.

עס פלעגט אויך פריער טרעפען, אז די פריעדליכע שטילקייט פון דעם פארשלאפענעם שטעדטעל, פלעגט אמאל איבערגעריסען ווערען דורך זעלבסטמארד צופאל, אבער דאס איז אימער געווען א פארלוסט פון אן איינזאמען, נישטיגען קליינינקען מענשעלע, וועגען וועלכען עס איז אפילו קיינעם ניט איינגעפאלען צו טראכטען. ערגעץ אין א ווינקעל האט זיך מיט אמאל ענטפלעקט א גאנצע דראמע, וועגען וועלכער קיינער האט קיין אהנונג ניט געהאט, און קיינער וואלט זיך גאר ניט געגלויבט אז דארטען איז מעגליך א דראמא. צו טויטען קערפער פון זעלבסטמערדער פלעגט מען זיך צוזאמענלויפען פון אלע זייטען. מיט א מורא'דיגער נייגעריגקייט פלעגט מען ארייינקוּ־

קען אין טויטען געזיכט, ווען עס שטיינערנע מאסקע עס האט פארבא־
האלטען אונטער זיך עפעס א סוד, מען פלעגט זיך וואונדערן וואס קיי־
נער האט ניט פאראויסגעזעהן אזא מין סוף. מען פלעגט זיך איבעררע־
דען און שנעל פארגעסען. דאס לעבען האט זיך פארטגעזעצט צו פליסען
מיט זיין געוועהנליכען טעמפ. די איינציגע זאך וואס אויפ'ן בית־עולם
איז געווארען מעהר מיט איין קבר, און אויף דעם באפרייטען שטיקעל
פלאץ האט זיך איינגעארדענט און געהארכזאם זיך אנגעהויבען צו
טומלען לויט דעם איינגעפיהרטען סדר אן אנדערער, אויך אזא מין
אונאינטערעסאנטער און אונגויטיגער פאר וועמען עס איז מענשעלע.

אבער א רייהע זעלבסטמארדען, וואס האבען אנגעריהרט די פאר־
שידענארטיגסטע קרייזען פון דער געזעלשאפט, האבען ווי א דונער
געטראפען דאס שטעדטעל און האבען אויפגערודערט דאס גאנצע
לעבען. עס איז קיין ענדע ניט געווען צו די רייד, און געשפרעכען;
דאס גאנצע שטעדטעל האט געקאכט, און אין יעם ארדנונגסלאזען
טומעל, וואס האט ארומגעכאפט דאס שטעדטעל איז געווען א סך
מעהר ווי פשוט'ע געוועהנליכע נייגעריגקייט.

וועגען דעם גערטנער, האט מען, זעלבסטפארשטענדליך, גערעדט
זעהר ווייניג, און דאס אויך מעהר אין מארק: דאס איז געווען א ביטער־
ער שכור, און אפילו געשטארבען איז ער אויך ניט קיין ניכטערער. אמת
טאקע אז אין אבענט ערב זיין זעלבסטמארד, האט ער וועגען עפעס
געשריען אין שיינקעל, זיך געשלאגען מיט די פויסטען אין ברוסט,
און אימיצען געשאלטען. אבער זיין שכור'ער היסטעריקע האט קיינער
ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט, ווייל דאס איז געווען א גע־
וועהנליכע ערשיינונג צווישען די בעל מלאכות וואס האבען ליעב דעם
ביטערען טראפען.

פון אנפאנג האט ריסקאוו'ס זעלבסטמארד אלעמען פאר־
חדוש'ט: זיין אונערווארטעטער אויסערגעוועהנליך חוצפה'דיגער
אויסברוך האט שוין אליין דערצעהלט וועגען א קאטאסטראפע און
דערפאר האט קיינער ניט באשולדיגט דעם קאזנאטשעי, אבער קיינער
האט ניט ערווארטעט אזא מין מאדנע היציגקייט און אזא טראגישען
סוף פון א נישטיגען שרייבערל. זעלבסט־מארד רופט צו זיך שטענ־
דיג ארויס עפעס א מין מאדנע אכטונג, און אלעמען דוכט זיך אז
א זעלבסט־מערדער איז א באזונדערע פון שיקזאל געשטרויכעלטע פער־

זענליכקייט. — און דאָ איז אין דער ראָל פון א זעלבסטמערדער מיט אמאָל ארויסגעטראָטען א געוועהנליכער באַאמטער מיט א פארב־לאָזען געזיכט, מיט האָר ווי שטרוי. דאָס האָט אויסגעזעהן ווי א באַ־ליידיגונג, אָבער אין שטעדטעל האָט מען זיך גלייך דערמאָנט אין די אומשטענדען וואָס האָבען געפיהרט דערצו. מען האָט גלייך פארבונדען ריסקאָווס טויט מיט דעם קאָרנעט קראָוזעס זעלבסט־מאָרד. מען האָט גענומען רעדען דעם ווי די זעלבסט־מאָרד איז אנשטעקענד, וועגען דעם, אז די געהויבענע לויה, צוזאמען מיט אלגעמיינע מיטגע־פיהל שטויסען אויף דעם זעלבען וועג אויך אנ־ערע עמפפינדליכע מענשען. אימיצער האָט זיך אויסגערעדט וועגען אן עפידעמיע. עס איז געבליבען געוואָרען אן אומגעלומפערטער קלאַנג אז נאָך אבצעהן מענ־שען מוזען זיך נעמען דאָס לעבען. דאָ איז אויך, ווי אין נעבעל, ארויס־געשוואומען דעם אינזשינער נאומאָוו'ס נאָמען, קיינער האָט ניט גע־וואוסט און ניט געקענט זאָגען עטוואָס באַשטימטעס, און עס איז אויך געוועזען מעהר ווי קלאָר, אז אויב נאָומאָוו האָט געקענט ווירקען אויף דעם קאָרנעט קראָוזע'ן אָדער ריסקאָוו'ן, האָט ער אָדער בשום אופן ניט געקענט ווירקען אויף ליזא טרעגולאָוו, אָדער דעם גערט־נער. דאָך האָט מען ניט אויפגעהערט רעדען וועגען נאומאָוו'ן און מען האָט אפילו דערמאָנט וועגען דער פּאָליציי.

אונטערן דרוק פון אָט די אלע קלאַנגען, האָט זיך דער איבער־געשראָקענער איספּראַווניק, ווירקליך געוואָלט פאַהרען צו נאומאָוו'ן, אָבער דער אינזשינער איז געוועזן אויף'ן פאַבריק און דערנאָך האָט זיך צוטראָגען א קלאַנג, אז ער איז ערגעץ אוועקגעפאָהרען. איינמאָל האָט דעם איספּראַווניק באַגעגענט ארבוזאָוו אליין. ער איז געוועזן שיכור לוט, און אויסגעמוטשעט. ער האָט איהם בייז אויסגעהערט, און א זאָג געטאָן מיט כעס: עט נאַרישקייטען !... נעהם זיך דעם וועג, צום טייר־פעל.

די אויפרעגונג אין שטעדטעל איז געוואקסען. עס האָט געהערשט א מין אונרוהיגע ערוואַרטונג, כאָטש די מערהייט האָט געלאַכט פון די פאַנטאַסטישע פּאַראַויסזאַגונגען, אָבער אין דער שטיל, בסוד האָבען זיך אלע געפיהלט געדריקט.

מעהרער פאַר אלעמען האָט זיך גערעגט און געקאָכט די יוגענד. די גימנאַזיסטען און גימנאַזיסטקעס פון די עלטערע קלאַסען האָבען זיך

צוזאמענגעקליבענע גרופענווייז. און היים דיסקוטירט די פראגע וועגען זעלבסט־מארד. גאנץ אונערווארטעט האט זיך ארויסגעוויזען אז צווי־שען זיי געפינען זיך איבערצייגטע אנהייגנער פון נאומאוו׳ס אידעע. וועגען וועלכע זיי האבען זיך דערוואוסט, גאט ווייסט אויף וואס פאר אן אופן.

די פריילינגס זענען ווירקליך אוועק מיט בלומען אויף די קברים פון קארנעט קראוזע און ליזע טרעגולאווא. בלויז דעם ארימען ריס־קאוו׳ס טרוימען זענען ניט מקוים געווארען: אויף זיין לויה איז אויסער זיין מוטער קיינער ניט געוועז.

מען האט איהם באערדיגט אויף דעם פארוואָרפענסטען ווינקעל פון דעם בית־עולם, ניט נאר אהן בלומען און אהן מוזיק קלאנגען, נאר אפילו אהן גלחים. אמת, אז אויף זיין קבר איז געקומען דער סטודענט טזשיזש, וועלכער איז געשטאנען א פאר מינוטען אויפ׳ן קבר ווי א פארלארענער, האט געדריקט מיט די פלייצעס און האט איהם פארלאזען אין אן אונבאשטימטער שטימונג.

דער דירעקטאר פון גימנאזיע, האט נאך דער פריהמארגענדיגער תפילה געפונען פאר נויטיג צו האלטען א רעדע פאר אלע שילער פון דער גימנאזיע. אין דער אנוועזענהייט פון אלע לעהרער, דעם גלח אריינגערעכענט. אין זיין רעדע האט ער געשטרעבט צו באווייזען אז זעלבסט־מארד איז אן אקט פון פארברעכערישער קליינמוטיגקייט. ער האט געווארענט זיינע שילער, זיך היטען פון דער עברה; צוליעב דעם פאטערלאנד, קיסר און גאט.

די שילער האבען איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט, אבער ווי עס זעהט אוים האט ער קיינעם ניט געריהרט. בלויז א סך פון די עלטערען האבען גענומען באהאלטען פון די קינדער יעדער אנווייזונג אויף געוועהר.

עס איז געוועזן עטוואס אונפארשטענדליכעס אין אט דער אלגע־מיינער צושרויפטקייט: עס האט אויסגעזעהן אזוי ווי אין גרונד גענו־מען, האבען אלע טיעף אין דער נשמה געוואוסט ווי ווענינ אנציהענד עס איז דאס לעבען, און אז עס איז גענוג איין שטויס, אז די גרויס־ארטיגע פון יאהר הונדערטע אויפגעבויטע געביידע זאל צופאלען ווע־רען און מענשען זאלען אין די מאסען אנטלויפען פון לעבען.

מעהר פון אלעמען האט מען געשמועסט אין שטאט וועגען ליזא

טרעגולאווא. איהר ניט געלונגענע ליעבע איז אריינגעפאלען אין אלע־מענס מיילער, ווענען איהר האט מען גערעדט מיט נעשפאנטער נייגע־ריגקייט. אונבאמערקט פאר זיך האט מען באגאסען איהר קבר מיט דער עקעלהאפסטער שמוץ. אמת, אז איינינע האט אויפריכטיג פאר־דראסען און וועה געטאן פאר דער מיידעל, אדער דאס פיקאנטע פון דער געשיכטע איז געווען שטארקער פון דעם רחמנות מיט דער אויפ־געבראכטקייט צוזאמען.

אלע האבען זיך געקאכט און אומגעלאפען פון הויז צו הויז, זיך גע'חדוש'ט און געשראקען. די אונרוהיגקייט איז געוואקסען, און דאס שטעדטעל האט ווירקליך געמאכט דעם איינדרוק פון א שטאט, וועלכע איז פארכאפט פון א מאדנער מגפה, וועמעס איינגעשאפטען זענען צו קיינעם ניט באוואסט, פאר וועלכער קיינער האט ניט און ווייס ניט קיין מיטלען.

24.

דעם זעלבען טאג אין אבענט, ווען נעלי איז צום לעצטען מאל געווען ביי דזשענעיעוו'ן, איז דער אלטער דאקטאר ארנאלדי אליין געזעסען אין דעם היים און האט געטרונגען טעה.

דער לאמפ האט באלויכטען בלויז די פינקלענדיגע זייט פון סא־מאוואר און דעם דאקטאר'ס דיקע הענט. דער גאנצער איבעריגער צימער איז געווען פארטרונקען אין דער האלב פינסטערניש. די פענס־טער האבען ניט געהאט קיין לאדען און ניט קיין פארהאנגען; אין זיי האט מריב אריינגעקוקט דער קאלטער בלויער אבענט, וואס האט צו־געגעבען דער אומגעבונג פון אלטען בחור א נאך מעהר אונהיימליכען און פארלאזענעם אויסזעהן.

ער האט אוטאמאטיש געמישט מיט'ן לעפעלע די געדיכטע וואנ־שעל איינגעמאכטס. ער האט געקוקט ווי די איינגעמאכטס איז אראפ־געגונגען מיט שווערע טראפענס און וועגען עפעס געטראכט.

אט אזוי פלעגט ער פארברייננגען זיינע אבענטען אין דער פאל־שטענדיגער איינזאמקייט, טרינקען טעה און קוקען אויף א צופעליגען פינטעלע און אוטאמאטיש דרעהען אין קאפ די שווערע געדאנקען. וואס זענען געקראכען ווי ווארקענס איבער א פעלד, אזוי לאנגזאם און אונבאמערקט אז ער האט זיי אליין ניט געמערקט.

גלייך נאך מאריא פאוולאוונאס טויט האט ער זיך שטארק פאר־עלטערט און ארפגעלאזען : זיין קאפ איז אינגאנצען גרוי געווארען. די ליפען האבען זיך ארפגעהאנגען, די הענט האבען אנגעהויבען באמערקבאר ציטערען, און זיינע קליידער האבען צוגענומען א פאר־נאכלעסיגטען שמוציגען אויסזעהן.

דאס ליכטיגע פייערל וואס האט אזוי שפעט אויף אן אויגענ־בליק זיך אנגעצונדען אין זיין נשמה, האט זיך שוין אויף אייביג אויסגעלאשען. טריב און צוועקלאז האט ער געלעבט די לעצטע טעג ווי א טרוקענער בוים וואס וויגט זיך פון ווינט ביים זוים פון וועג.

ווען עס פלעגט פאר איהם אמאל ארויסשווימען דאס דורכגע־ליטענע פון לאנגער קראנקהייט פנים׳ל און פלעגט אזוי טרויעריג שמייכלען צו איהם, און ווי פרעגען פון דער ווייטענס מיט די אומע־טיגע אויגען : „וועט איהר מיך ניט פארגעסען דאקטאר ?... ליעבער דאקטאר !...“ — פלעגט ער זיך בלויז א צאפעל טאן נעמען פינטלען מיט די אויגען, און זיך מיהען וואס שנעלער זיך צו באהאלטען אין זיין טויטער טעמפקייט.

עס איז ניט געווען אין זיין נשמה, ניט קיין פארלאנגען, ניט קיין פראטעסטען, ניט קיין פארצווייפלונג. איהם איז אפילו ניט איינגעפאלען צו טרוימען דערפון, וואס וואלט געווען ווען זי זאל ניט געווען שטארבען. ער איז שוין אזוי געוואוינט געווען צו זיין טריבער איינזאמקייט, אז ער פלעגט פיהלען אין איהם א שמערצליכען געגום וואס האט שטיל געגוגט זיין הארץ, אזוי ווי א גוטע פיאווקע וואלט לאנג־זאם ארויסגעזויגען פון איהם דאס בלוט. איהם האט אפילו פאר־דראסען וואס ער קען ניט, ניט דענקען, ווען די געדאנקען זענען אזוי שווער און נוצלאז, ער קען ניט זיך ניט ערינערען, ווען די ערינערונגען זענען אזוי פיינדליך, אפילו אין דעם איז דער מענש ניט פריי אין אזעלכע זאכען ווי זיין ווילען ! — האט ער געטראכט מיט אנגסט, נאר ער האט זיך גלייך אונטערגענעבען. — עט אלץ איינס !

און אין די צוויי ווערטער איז אלץ אנטרונען, פונקט ווי א נעבעל וואלט איינגעהילט זיין נשמה.

די קאטאסטראפע וואס האט ווי א דונער געטראפען דעם שטערטעל האט איהם ניט פארוואונדערט, און ניט דערשראקען. ער האט זיך באצויגען צו די געשעהענישען אזוי, אט ווי ער וואלט קיין אנדער זאך ניט ערווארטעט. די איינציגע לעבעדיגע געדאנקען האט ביי איהם ארויסגערופען דער זעלבסטמארד פון דעם גערטנער, וועגען וועמען עס האבען ווייניגער פון אלץ געטראכט אנדערע. און אפילו ניט דער זעלבסטמארד גופא, נאר בלויז איין ווארט וואס ער האט געהערט אין יענעם טאג.

א שכור! — האט ער געטראכט מיט א מאדנעם פארדרוס.

— א שכור?... אבער פאר־וואס־זשע איז ער געווארען א שכור און בלויז א שכור, אויב דאס לעבען איז אזוי גוט...

ער האט זיך ניט געקאנט געפינען קיין פלאץ אין לעבען? פארוואס־זשע? ער האט ניט געוואלט?... ס'ארא מאדנע זאך! ווערזשע האט דאס זיך ניט געוואלט געפינען קיין פלאץ אין לעבען?... הייסט עס ניט געקענט?... אט דאס איז דאס טאקע... ניט געקענט!... פון וואנענט ווייסט איהר וואס פאר א נשמה דראנג עס האט פארמאגט אט דער שכור'ער גערטנער? אט, שטעלט איהר זיך דאך צופריעדען דערמיט וואס מען גיט אייך, אבער ער האט זיך דאך ניט געקענט צופריעדענשטעלען!... מעגליך אז ער האט ניט ווייניגער פון א נאפאלעאנען, א טאלסטאי געשטרעבט צו זיין פארניפטיג שטארק און גרויס, אבער אימיצער, דארטען, האט איהם געבוירען א קליינינקען א טאלאנטלאזען און נארישען!... געוויס ניט אלע מוזען דאס זיין טאלאנטען און דזשעניען, אבער דערפאר ווער קען דאס פאדערען פון א מענשען, אז ער זאל זיך צופרידענשטעלען מיט זיין נישטיגקייט, זיין צופריעדען מיט זיין פינסטערען שמוציגען שפאלטעל, זיך פאררוקען אין א לעבעל און פון דארטען מיט ענטציקונג און פארגעטערונג באאבאכטען די אמת גליקליכע וועלכער שאפען דאס לעבען?... קוקען און זיך פרעהען דערמיט וואס זיי זענען אזוי גרויס פראכטפול, ווען ער אליין איז אזוי נישטיג! שוין צופיעל זעלבסט־אפפערונג פאדערט איהר פון א מענשען!... שכור!...

דער דאקטאר האט בייז אויפגעהויבען דאס לעפעלע און האט

לאנג באַאָבאַכטעט ווי עס רינט אַראָפּ אויפ'ן שאָל אַ זיסער קלעפּיגער שטראָמעלע איינגעמאַכטס.

— יאַ, האָט ער אַרויסגערעדט אין דער הויך, ווען דער טראָפּען האָט זיך איבערגעריסען און האָט אַוועקגעלייגט דאָס לעפעלע.

— און מען וויל צווינגען צו גלויבען, אַז אַט דאָס אוננויטיגע, פאַר קיינעם ניט אינטערעסאַנטע לעבען, וואָס זיי אַליין פאַראַכטען, איז אַ גרויסע מתנה, אַ שעצבאַרער היילינטום, וועלכען מיר מוזען שלעפּען און היטען מיט דאַנקבאַרקייט... ביז'ן קבר!

— יאַ! — האָט ער נאָך אַמאָל הויך ווידערהאָלט; האָט אַ טראַכט געטאָן און זיך אַ ציה געטאָן מיט דער דיקער, לייכט ציטער־רענדער האַנט צום פלעשעל, וואָס איז געשטאַנען אין שאַטען הינטער'ן סאַמאָוואַר.

אין דער מינוט האָט אימיצער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר. דער דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט אויף שנעל אַראָפּגעלאָזען די האַנט און זיך אויסגעקערעוועט.

— ווער איז דאָרטען?... קומט אַריין! — האָט ער געזאָגט.

די טיר האָט זיך אויפגעעפענט און אויפ'ן שוועל האָט זיך באַוויזען דזשענעיעוו.

— אַ־האַ, האָט אויסגעצויגען דער דאָקטאָר, און האָט זיך אויפגעהויבען אַנטקעגען.

דזשענעיעוו איז אַריין און זיך ניט גריסענדיג, האָט ער זיך אין הוט און מאַנטעל אַוועקגעזעצט אויף דעם ערשטען ביינקעל ביים טיש. דער דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף איהם מיט זיינע קלוגע פאַרגאָסענע אויגען און האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פּלאַץ.

גאַנץ לאַנג איז דזשענעיעוו געזעסען שווייגענדיג, איינגאַנצען צו־זאַמענגעדרעהט און האָט באַוועגלאָז געקוקט פאַר זיך. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט איינגאַנצען פאַרגעסען וואוהין און נאָך וואָס ער איז געקומען. דער דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט איהם אויפמערקזאַם באַאָבאַכטעט.

פּלוצלונג האָט זיך דזשענעיעוו אַ ריהר געטאָן. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך מיט די אויגען באַגעגענט מיט'ן דאָקטאָר און האָט צו איהם נערוועז אַ שמייכעל געטאָן. דאָס איז געווען אַ שמייכעל פון אַ געבראָכענעם געמיהט; אַט אַזוי שמייכלען טויט־

קראנקע מענשען, וועלכע האבען זיך אונטערגעגעבען זייער שיקזאל, אט אזוי שמייכעלט מען ווען מען בעט מיטגעפיהל אדער ענטשולדיגונג פאר דער אייגענער הילפלאזיגקייט.

— נו, וואס וועט איהר זאגען גוטס? האט ארויסגעפליסטערט דער דיקער דאקטאר. — טעה ווילט איהר?

דזשענעיעוו האט ווי עס ווייזט אויס, געוואלט עפעס זאגען, אבער אט די פשוט'ע פראגע האט איהם פארפלאנטערט און ער האט בלויז א מאך געטאן מיט'ן האנט.

— יא, — גליקען! — האט אהן א סימן פון אויסדרוק געזאגט דאקטאר ארנאלדי.

דזשענעיעיו האט זיך א פיינליכען ווארף געטאן, אבער א פאר־שימטער האט ער זיך גלייך צוריק געהאלטען. ער האט איינינע מאל פרובירט אנהויבען רעדען, אבער דאס האט זיך איהם ניט איינגעגעבען. עס זענען איהם הפנים געקומען אויפ'ן זינען ניט די ווערטער, וועלכע ער האט באדארפט.

דער דאקטאר האט ווי דערפיהלט א מין רחמנות צו איהם: ער האט זיך אויפגעהויבען און האט ערמונטערענד געוואלט א פאטש טאן איהם אין פלייצע, אבער יענער איז כמעט מיט עקעל אפגעשפרונגען פון איהם. דער דאקטאר ארנאלדי האט צוגענומען די האנט, האט א קיי געטאן די ליפען און האט זיך אוועקגעזעצט.

דזשענעיעוו האט פארטגעזעצט באוועגלאז צו קוקען אויפ'ן דיל. צוביסלעך האט דער דאקטאר זיך אנגעהויבען שטארק באונרוהיגען, און האט ארויסגעמורמעלט:

— נו, באמת, מען טאר ניט פארלירען דעם מוט.

דזשענעיעוו האט געשוויגען.

— דאס איז ווירקליך שרעקליך, אבער וואס קען מען העלפען. דאס אפגעטאנענע איז א פארלארענע זאך, מען קען דאס צוריק ניט אומ־קערען... און לויט מיין מיינונג זענט איהר שוין גאר אזוי פיעל ניט שולדיג דערינען...

— דענקט איהר אזוי? — האט טויב געפרעגט דזשענעיעוו.

דער דאקטאר האט ארופגעלאזען די אויגען און האט גאר ניט געענטפערט.

דזשענעיעוו האָט פלינק אויפגעהויבען דעם קאָפּ און א קוק גע־טאָן אויף איהם מיט א מאָדנעם בליק. זיין בליק האָט אויסגעדריקט אי נייגעריגקייט, אי שפּאָט, אי האַס, און ער האָט זיך מיט אמאָל גאַנץ אומגערוואַרטעט און אונגאַטירליך צולאַכט.

— דאָקטאָר, איהר, זעהט אויס, דענקט ערנסט, אַז איך האַלט זיך פאַר א פאַרברעכער און מערדער, און בין געקומען צו אייך מיט א געפיהל פון חרטה, מיט דעם פאַרלאַנג צו שלאָגען זיך מיט די פויס־טען אין ברוסט?... בארוהיגט זיך, איך בעט אייך!... עס הויבט זיך אפילו ניט אָן!...

דזשענעיעוו'ס ליפּען האָבען גענומען מאָדנע טאַנצען, דער דאָק־טאָר האָט פון דער זייט געקוקט אויף זיי.

— איך האָב אויף קיין זאַך קיין חרטה ניט, האַלט זיך ניט פאַר קיין גזלן, און אייער... און איהר... איהר טאָרט ניט וואַגען... און קענט ניט וואַגען צו קוקען אויף מיר אַזוי!

דזשענעיעוו איז מיט אמאָל אויפגעשפּרונגען, האָט אַרונטערגע־ריסען זיין הוט און האָט זי ערגעץ פאַרוואָרפען. ער האָט אינגאַנצען געציטערט און געוועזן ווייס ווי קרייד, אויף זיינע ליפּען האָט זיך אַט באַוויזען און אַט פאַרשוואונדען דער שוים, און עס האָט איהם גע־שטיקט. צוערשט האָט זיך דער דאָקטאָר פאַרוואונדערט פון ערשטוי־נונג, אבער ער האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז, און איז געוואָרען ערנסט.

— בארוהיגט זיך, ברוהיגט זיך, האָט ער געזאָגט מיט א באַאיינ־פלוסענדען טאָן פון א דאָקטאָר.

דזשענעיעוו האָט ווילדען קוק געטאָן אויף איהם, טרייסלענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער, און מאָדנע געקרימט מיט די אויגען. אומ־געלומפּערט מיאוס און קלעגליך האָט ער אויסגעזעהן אין דער מינוט.

— נו, זעצט זיך, און באַרוהיגט זיך! — האָט באַפוילענד רו־היג ווידערהאָלט דער דאָקטאָר. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אנגע־נומען דזשענעיעוו'ן פאַר די פּלייצעס און האָט איהם מיט גוואַלד אני־דערגעזעצט אויף א שטול.

דזשענעיעוו איז גלייך שטיל געוואָרען, און האָט פון דער זייט רחמנות'דיג, כמעט מיט פּחד געקוקט אויפ'ן אַלטען דאָקטאָר.

— דאָקטאָר, — האָט ער געפּליסטערט שטיל און בעטענדיג, אַט

ווי ער וואלט בעטען מען זאל ניט זיין בייז אויף איהם, — איך האב זיך אזוי פארמאטערט!

— נו יא, יא, געוויס... דאס איז גארניט!... עס וועט פאריבער־געהן! — האט אזוי ווי ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג געזאגט דער דאקטאר. — אט וועל איך אייך בעסער אנגיסען טעה... אבער פריהער פון אלץ בארוהיגט זיך; נעמט זיך אין די הענט. אזוי טאר מען ניט!

ער האט גוט אויסגעוואשען די גלאז, זי אויסגעווישט מיט'ן האנט־טוך וואס איז געהאנגען איבער זיין פלייצע, ווי ביי א נוטער אלטער הויזווירטין. ער האט אנגעגאסען א גלאז טהע, וועלכע ער האט צו־זאמען מיט דער שאל איינגעמאכטס צוגערוקט צו דזשענעיעוו'ן און האט זיך צוריק געזעצט אויף זיין געוועהנליכען ארט.

דזשענעיעוו האט איהם נאכגעפאלגט מיט פינקלענדיגע אויגען. ער האט גענומען די גלאז, אבער ער האט זי גלייך צוריק אוועקגע־שטעלט.

— דאקטאר, איהר האט זי געזעהן? — האט מיט אן אנשטרענ־גונג שטיל געפרעגט דזשענעיעוו, און זיין געזיכט איז אינגאנצען צו־קרימט געווארען פון וועהטאג.

דער דאקטאר האט פארשוויגען די פראגע. ער האט אראפגע־נומען פון פלייצע דעם האנטוך און איהם פינקטליך גענומען צונויפ־לייגען. דזשענעיעוו איז אנטשוויגען געווארען און פארטגעזעצט צו קוקען אויפ'ן דאקטאר, ווי א פארגיפנאטיזירטער.

פון צייט צו צייט איז זיין בליק געווען צוטראגען, ווייל ער האט ווי עס ווייזט אויס, בשום אופן ניט געקענט צוזאמענגעמען זיין גע־דאנקען, וואס האבען זיך אזוי שטורמיש געטראגען אין זיין מוח. ער האט אפילו ניט גוט פארשטאנען וואס ער רעדט.

— יא דאקטאר, — איבריגענס ווי אזוי... זי איז גלייך מיט אמאל דערטרונקען געווארען?

דער דאקטאר האט א פארוואונדערטען קוק געטאן אויף איהם. אבער דזשענעיעוו האט שוין פארגעסען זיין אומגעלומפערטע פראגע, און האט מיט א שמערצליכער אנשטרענגונג, ווי ער וואלט זיך מיהען אין וואס צו דערמאנען, געריבען מיט דער האנט דעם שטערען, ווייל ער האט מסתמא אפילו ניט געהאט בדעה דאס צו פרעגען.

דער דאקטאר האט זיך דערמאנט אז פונקט אזא מין זשעסט נאך אן אומגעלומפּערטער פראגע, האט ער געזעהן ביי א משוגענעם. און האט א שאקעל געטאן מיט'ן קאפּ.

— ווייסט איהר דאקטאר... עס איז ווירקליך בעסער וואס זי איז געשטארבען — האט ווידער אנגעהויבען דזשענעיעוו. — איך האב ווענען דעם שוין לאנג געקלערט... ניט דאס, א... איך גענ דאכט זיך פון זינען אראפּ!... עס איז עפּעס, אזוי אונאנגענעם!

— טרינק טעה, האט רוהיג געזאגט דער אלטער דאקטאר און האט ווידער צוגערוקט צו איהם די גלאז.

דזשענעיעוו האט געהארכזאם גענומען די גלאז מיטביידע הענט, און האט זי ווידער אוועקגעשטעלט אפילו ניט באמערקענדיג דאס.

איהר דענקט, אז איך ווער באמת משוגע, דאקטאר? — האט ער מיט אמאל געפרעגט רוהיג און באוואוסטזיניג.

— יא, איך מיין דאס ערענסט! ליזא האט ווירקליך גוט געטאן, וואס זי איז געשטארבען!

— דער דאקטאר האט שווייגענדיג געקוקט אויף איהם.

— אבער וואס קוקט איהר אויף מיר אזוי? האט ער זיך אנגע־צונדען מיט א מאמענטאלען פארדרוס. — איך זאג אן אמת!... און מיר טוט ווירקליך ניט באנג! — האט ער ענטשלאסען מיט כעס אויסגעשריען. — דאס איז אמת, אז איך... אבער דאס איז אלץ איינס! ניט אין דעם האנדעלט זיך, קיין שום שרעקליכעס איז דא ניטא!... נו, גוט... וואלט זי אפּגעלעבט נאך א 40 יאהר, וואלט חתונה געהאט מיט עפּעס א טייפעל, אדער שווארץ יאהר, איז דען ניט אלץ איינס מיט וועמען? זאל זיין, פאר אן אלוועלטליכען דזשעני! וואלט געבוירען קינדער, אדער געפאהרען אויף קורסען, אום דערנאך צו היי־לען פּויערים מיט פּויערטעס... אך ווי דאס אלעס איז אינטערעסאנט און וויכטיג!... דאס איז פּשוט נאריש, דאקטאר!... אויב דא איז דא עטוואס שרעקליכעס, איז דאס טאקע בלויז דאס אליין וואס אין דעם איז גאר ניטא קיין שרעקליכעס! וואס עס איז ניטא וואס עס זאל באנג טאן, עס איז ניטא נאך וואס צו טרויערן! ווייל אויסער דעם אלטעגליכען לאנגווייליגען שאבלאן, וואלט סיי ווי סיי גאר ניט געווען אין איהר לעבען, דאס גאר, איז זי געשטארבען און שוין... ווען אלע מענשען זאלען זיין אונשטערבליך, און זי אליין זאל געווען שטארבען,

וואָלט דאָס אפשר געווען שרעקליך און טראַגיש, און עס וואָלט גע־קענט באַנג טאָן, אָבער מיר וועלען דאָך אַלע שטאַרבען!... נו איז זי געשטאָרבען אביסעל פריער, און מיר וועלען שטאַרבען אביסעל שפּע־טער, אין דעם איז דער גאַנצער אונטערשיד. מעגליך, אַז זי איז טוי־זענד מאָל גליקליכער פון מיר מיט אייך, דאָקטאָר, האָט ער אויסגע־שריען מיט אזא כעס און אויפרעגונג, אַז ווי דער דאָקטאָר וואָלט זיך געאַמפּערט מיט איהם.

אָבער דער דאָקטאָר אַרנאָלדי האָט געהערט שווייגענדיג, און מען האָט ניט געקענט אַרויסלייענען פון זיין דיקען אַנגעבלאָזענעם געזיכט וואָס ער דענקט וועגען דעם.

דזשענעיעוו איז אויפגעשפּרונגען און גענומען אומשפּרייזען איי־בער׳ן צימער.

— אַלענפאַלס איז זי כאָטש אַמאָל פאַרברענט געוואָרען, און אפשר האָט זי זיך מיט פאַרגעניגען אַריינגעוואָרפען אין וואַסער, קור־קענדיג אויף זיך ווי אויף א קרבן!... און נאָך וואָס האָט דער שיקזאַל זי באַדאַרפט אנשטויסען אויף מיר? זי האָט באַדאַרפט האָבען אַן אנדער מענשען, א מאַן, א פּאַטער, אייביגע ליעבע... און אַז. וו. האָב האָב איך זיך געקענט פאַרשטעלען פאַר דעם, וואָס איך בין ניט?... און צוליעב וואָס?

דער דאָקטאָר האָט ניט געענטפערט.

— נו, זאָל זיין, אַז איך בין א גראָבער, א פאַרדאָרבענער מענש, און אַלץ וואָס איהר ווילט, אָבער וואָס זאָל איך טאָן אַז איך בין אַזוינער ניט קיין אנדערער?... צוליעב וואָס און נאָך וואָס זאָל איך זיך איבער־מאַכען? איך ווייס ניט!... אימיצער האָט מיך אַזוי באַשאַפען, און איך וויל ניט אויסבעסערען זיינע טעות׳ן!... אויב דאָס איז א טעות. צוליעב וואָס זאָל איך זיך מאַטערן און פאַרגוואַלדעווען, אום צו פאַר־פאָלקאָמען אימיצענס א ניט געלונגענע באַשעפעניש?... נו, וויל איך ניט, און שוין! איך וויל ניט! איך זאָג זיך אָפּ פון יעדער פאַרפאָל־קאָמונג און וויל פאַרבלייבען אַזוי ווי איך בין, צום טייפעל!...

דער דאָקטאָר האָט א קוק געטאָן אויף איהם און האָט ווידער איבערגעשוויגען.

— איך פאַרשטעה ניט אייער ליעבע, און וויל זי ניט פאַר־שטעהן!... איך פאַרמאָג ניט אָט די ליעבע!... איך דאַרף א פרוי, און

בלויז א פרוי, זאלען זיי זיך אפילו אלע אויפהענגען און דערטרינקען. איך...

דזשענעיעוו האט זיך איבערגעריסען, שטיקענדיג זיך פון א מורא׳דיג גרויסער אנשטרענגונג, און איז אויף א ווײלע אנטשוויגען געווארען.

דער דאקטאר ארנאלדי האט שווער אפגעזיפצט, און מיט אנגסט זיך א רוק געטאן אויפ׳ן ביינקעל.

— ווייסט איהר דאקטאר, — האט ווידער אנגעהויבען דזשענעיעוו מיט א מאדנער איינגעהאלטענקייט, — איך בין דאך ווירקליך געקומען צו אייך מיט דעם געפיהל פון חרטה און פארלאנג זיך צו ריינוואשען!...

— אם ענדע... מעגליך אז דאס איז ווירקליך — שרעקליך, מיאוס און נידערטרעכטיג!... איך ווייס ניט!... ליזא טוט מיר באנג... ווען איך האב דאס דערהערט, האט זיך מיר געדוכט אז מיין מוח האט זיך איבערגעקערט... דאס וואס איך האב נאר וואס גערעדט, איז פונדעסטוועגען — אן אמת, איך ווייס. אבער ווייסען ווייס איך איין זאך, און פיהלען, פיהל איך גאר אנדערש... אט רעד איך איצט, אבער אז איך דערמאן זיך, אז זי איז שוין ניטא, אז איך וועל זי שוין קיינמאל ניט זעהן, אז זי איז געשטארבען אן עלענדע, א באליידיגטע, או ערנידעריגטע פון אלעמען טוט עס מיר וועה, עס קלעמט מיין הארץ, איך וועל דאס ניט אריבערטראגען!... זי איז געווען אזא יונגע, נאאיווע און פארטרויליכע... זי האט אזוי פשוט און אויפריכטיג געליעבט... איך וועל זי קיינמאל ניט פארגעסען... ערגעץ האב איך געלעזען, אז דאס גרויליכסטע איז דאס, וואס מיט אמאל דערפיהלסטו, אז דו האסט באדארפט רחמנות האבען, און האסט ניט רחמנות געהאט און איצט איז שוין צו שפעט? מיר דוכט זיך אליץ, אז דאס איז בלויז א שווערער חלום... אבער, דאס איז דאך אן אמת, דער נאקעטער אמת!... איך האב ניט געקענט בלייבען אליין. מיך איז א פחד באפאלען... אט בין איך געקומען צולויפען צו אייך... אז איהר זאלט מיך טרייסטען און רחמנות האבען אויף מיר! — האט דזשענעיעוו צוגעגעבען מיט א שמערצליכער איראניע.

— און ווייסט איהר, דאקטאר, פון ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז ליזא האט זיך דערטרונקען? — האט ער פלוצלונג געפרעגט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט פרעגענד א קוק געטאן אויף איהם.

— פון נעלין!... זי איז אומיסטען געקומען צו מיר, אום די ערשטע מיר מודיע זיין די נייעס!... אזוי האט זי זיך טאקע אויסגע־דריקט: נייעס!.. אזוי, דאקטאר, האט זי נקמה גענומען פון מיר!.. און מען מוז צוגעבען אז זי האט דאס גלענצענד דורכגעפיהרט, איהר נקמה ארבייט!... זי איז א משוגענע, דאקטאר! איבריגענס, זענען מיר אלע משוגעים, און אונזערע אלעמענס נשמות איז א כאאס, א טייפעלשע, פארפלאנטערניש! איהר ווייסט, אז ווען איך בין געלאפען צו אייך, האב איך אלץ געטראכט וועגען קראוזע'ן... פארוואס עפעס וועגען קראוזע'ן?... און ניט וועגען ליזען אדער נעלין... איך האב זיך דער־מאנט וועגען אייך און קראוזען... אין דער לעצטער צייט האב איך שטענדיג געטראכט וועגען איהם!

דער דאקטאר האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט עפ'ס א מין מאדנעם בליק געטאן.

דזשענעיעוו האט זיך אוננאטירליך צולאכט.

— איהר, דאקטאר, שרעקט זיך ניט, איך וועל זיך מסתמא ניט שי־סען!... — האט ער געזאגט, אלס ענטפער אויפ'ן דאקטאר'ס בליק.

— אזוינע מענשען ווי איך שיסען זיך ניט. אמת איז, אז ווען נעלי איז אוועקגעגאנגען האב איך פריהער פון אלץ א טראכט געטאן, אז מען דארף פשוט באגעהן זעלבסטמארד און אויף אזא אופן מיט איין מאל פארנאנדערבינדען אלע קניפען... איך האב אפילו גענומען דעם רעוואלווער... נאר דערנאך האב איך איהם אוועקגעווארפען און אנט־לאפען... מעגליך, אז ווען איך זאל ניט געווען אנטלויפען, וואלט איך זיך אין דער'אמת'ן געוועז דערשאסען. אבער ניין, עס איז נאך א פראגע!... ווי קומט דאס צו מיר!... ניט ווייל איך בין א פייגלינג, נאר פשוט דערפאר, אום זיך צו שיסען, מוז מען דאך קומען צו א וואסערען ניט איז ענטגילטיגען שלום, און איך קען זיך אין קיין זאך ניט פארנאנדערקלייבען אין מיין נשמה!... אויסער דעם ווייס איך פשוט ניט צי מען דארף דאס, אדער מען דארף דאס גאר ניט... אט קראוזע האט געוואוסט... ליזא האט געוואוסט... זי האט געליעבט, די ליעבע האט זיך אפגענארט, און זי האט ניט געוואלט לעבען! אזוי פראסט און קלאר!... עס זעהט אויס אז מען דארף האבען שטארקע געפיהלען אום צו מאכען אן ענדע צום לעבען, און ביי מיר אין דער

נשמה לעבט א נארניט מיט א גארניט... אייך, דאקטאר, מוז אויססר קען מאדנע צו הערען פון מיר אט דאס אלעס?...

דער דאקטאר האט געדריקט מיט די פלייצעס.

— ניין, ווארום דען... — האט ער אונבאשטימט א ברום געטאן.

— סע טרעפען אזוי מאמענטען דאקטאר... עס לעבט זיך א מענש און לעבט, און מיט אמאל גיט ער זיך א קוק ארום, און עס כאפט איהם ארום א שרעק... אין גרונד גענומען, וואלט יעדער מענש, ווען ער זאל זיך ערענסט אומקוקען אויף זיין לעבען, געמוזט דערפיהלען א גרויל פון יענער אונגעהויער גרויסער צאהל אומזיסט צופטרט׳ער צייט, פארגעסענע געפיהלען, ארויסגעווארפענע כוחות, פון אלע יענע ניש־טיגקייטען און קליינליכקייטען וואס ער איז באגאנגען... אט אזוי האב איך זיך אומגעקוקט... מיר פלעגט טרעפען אויך פריער זיך אומקוקען. אבער אלץ פלעגט עפעס צודרעהט ווערען און ווידער זיך פארפלאנ־טערען... איצט אבער, דוכט מיר אז איך האב זיך צום לעצטען מאל אומגעקוקט...

דזשענעיעוו האט גערעדט שנעל אהן אן אויפהער. עס איז געווען קלאר, אז ער רעדט אין א מאדנעם צושטאנד, פלאנטערט זיך אין די געדאנקען און אין די ווערטער, פייניגט זיך, פארנאנדערוויקלענדיג זיין גאנצע נשמה.

— איך בין דאך ניט אימער געווען אזוינער, דאקטאר... אמאל האב איך אויף אלץ געקוקט מיט אנדערע אויגען... איך האב געגלויבט אין קונסט, און אין דער מענשהייט, ווי אויך אין ליעבע, געגלויבט אין וואס איהר ווילט!... אבער דאס איז געווען שוין לאנג. זעהט איהר, דאקטאר, איך האב געהאט אין לעבען אן איבערקערעניש, ווען איך בין אלט געווען א יאהר ניינצעהן—צוואנציג. איך בין נאך דאן געווען אין דער מאהלער שול. דאקטוירים האבען געפונען אז איך האב שווינדזוכט, און איך האב געגלויבט אז אין אייניגע מאנאטען ארום וועל איך שטארבען... איך האב זיך ניט דערשראקען, זיך גאנץ רוהיג, אפילו אביסעל איראניש דערצו באצויגען, אבער איך האב באמערקט אז אלץ האט אנגעוואוירען ביי מיר דעם אינטערעס. מען דארף, למשל, פארענדיגען אן עסקיז צו די עקזאמענעס, קלער איך אויף וואס פאר א שווארץ יאהר, אויב איך וועל נאך דעם עקזאמען שטארבען?... איך געדענק אז דאן האט זיך געגרייט אן עקסקורסיע קיין איטאליע

אויף די מיטלען פון א געוויסען מעצענאט, איך בין ניט געפאהרען... נאך וואס? — קלער איך... — וועט מיר דען זיין לייכטער צו שטארבען דערפון, וואס איך וועל זעהן רוים?... און אזוי אלץ... איך האב אנגעהויבען זיך אומדרעהען ארום א מיידעל, — און האב איהר אוועקגעווארפען... נו גוט, דענק איך, זי וועט זיך פארליעבען אין מיר, און וואס ווייטער?... איך וועל דאך סיי ווי סיי שטארבען!... דאן האב איך זיך צום ערשטען מאל פארטראכט איבער'ן לעבען און פארשטאנען, אז אין תוך אריין, איז יעדער מענש פונקט אזא קראנקער ווי איך, ווען ער זאל אפילו זיין געזונטער פון הערקולעסען. אימיצער האט געזאגט אז די געפערליכסטע קראנקהייט איז דאס לעבען, ווייל עס ענדיגט זיך מיט'ן טויט אין פולע הונדערט פראצענט פון אלע פעלע... פון שווינדזוכט קען מען זיך אויסהיילען, פון אלע איבעריגע אפילו די שרעקליכסטע קראנקהייטען קען מען דאך ניצל ווערען, אבער פון לעבען קיינמאל ניט. דאס איז זיכער אן אויסגעדראשענער געדאנק, אבער מיר דענקען וועגען איהם קיינמאל ניט ערענסט... מיר ווידערהאלען איהם אזוי זיך, אלס א שעהן גלייך־ווארט, און פארגעסען גלייך אן דעם געדאנק; אט אזוי ווי דאס וואלט זיך גערעדט בלויז אין שפאס... אבער איך האב דאך געוואוסט אז איך שטארב און פאר מיר איז דאס גאר ניט געווען קיין שפאס! אזוי אט... ביז יענער צייט איז די קונסט געווען פאר מיר א זאך פון מיין גאנצען לעבען. נון, פריהער פון אלץ האב איך גענומען צווייפלען טאקע אין מיין קונסט!... איך געדענק אז איך האב דאן דערזעהן קאמענסקים א ניט פארענדיגטען פארטרעט, וועלכען ער האט געשריבען פאר'ן טויט. אט דער פארטרעט האט מיך פיעלע נעכט ניט געלאזען שלאפען... איך פלעג אלץ ליגען אין דער פינסטער און טראכטען: אט דעם עטיוד וועל איך נאך באווייזען צו ענדיגען, יענעם מעגליך אויך, אבער וועלכען עס ניט איז וועל איך דאך ניט באווייזען... אמת איך האב פארטגעזעצט צו שרייבען, פלעג אפילו געהן אין פארשידענע ארבייטס פלעצער, אבער דאס איז שוין ניט געווען קיין הייליגע ארבייט, נאר איך האב זיך פשוט געשפיעלט, ביז וואנענט וואס. מיר איז אפילו געווען לעכערליך און עקעלהאפט וואס די מאלער טראגען זיך ארום מיט זייערע בילדער, היטען זיי און מיהען זיך צו געברויכען פארבען וועלכע זאלען ניט טונקעלער ווערען פון דער צייט. איך האב איבערגעלעזען

ווי לעאנארדא דא־ווינטשי האָט געליטען, ווען ער האָט באמערקט אז זיין בילד „דער געהיימניספולער אבענט ברויט". הויבט אָן א תל צו ווערען, און ער האָט פארשטאַנען, אז זיין ווערק קען נאָך חלילה פארלאָרען געהן אין א הונדערט יאָהר ארום... און לעאָנארדא אליין איז צו יענער צייט אלט געווען פופציג יאָהר!... מיר האָט דאָס אויס־געזעהן מאָדנע. צו זענען זיי משוגעים, צו וואָס? זיי ווענען דאך אליין פיעל שנעלער א תל ווערען, ווי זייערע בילדער!... לעכערליך!... אז דער מענש אליין וועט צופוילט ווערען אין צוואנציג יאָהר ארום, דאָס איז — גאר ניט, און אז א בילד וואָס ער האָט אנגעשריבען וועט עקזיסטירען בלויז צוויי הונדערט יאָהר אנשטאט פיער הונדערט — דאָס איז גרויליך!... וואָס פאר אן אבסורד!... דאָן, געדענקט זיך מיר האָט מען נאָך אוועק גע'גנב'עט א בארימטעס בילד פון לואוור, און עס האָט זיך אויפגעהויבען א מורא'דיגער טומעל: די צייטונגען האבען געיאָמערט, די פארלאַמענטען האָבען געמאַכט אַנפראַגען און עטליכע מענשען זענען אויפריכטיג משוגע געווארען!... מיר איז ווידער אמאָל בלויז געווען לעכערליך; איך דענק וואָס וואָלט געווען, ווען עפּעס א רוח, א טייפעל זאָל אוועקגנב'ענען אלע בילדער, ביכער און סטאַטועז? מיט וואָס פאר א נאָז וואָלט געבליבען די מענשהייט, מיט איהר „אייביגער" קונסט?... דאָס וואָלט דאָך באמת געווען לעכערליך: מען האָט זיך ארומגעטראָגען און ארומגעטראָגען ווי נאַראָנים, מיט דער געמאָלענער טאָרבע, און מיט אמאָל — טראַך!... קיין זאך איז ניטאָ, ווי ניט געווען. אָט האָט איהר אייך די אייביגע קונסט!... און דאָס וויכטיגסטע איז, וואָס אזוי איז דאָס טאַקע; שטילינקערהייט, צוביסלעך, אונבאַמערקט גנב'עט די צייט א בילד נאָך א בילד, איין געביידע נאָך דער צווייטער, א קולטור נאָך א קולטור, א קאָנטינענט נאָך א קאָנטינענט, און א פלאַנעטע נאָך א פלאַנעטע!

דזשענעיעוו האָט א בייזען שמייכעל געטאָן.

— דאָן האָט דער געדאַנק וועגען דער גנבה מיך באַזונדערס ער־שיטערט: איך בין געווען אן עמפינדליכער אינגעל, און האָב זיך נאָך ניט געקענט באפרייען פון מיינע אייגענע אויספיהרונגען פון מיין אייגענעם לעבען. איך האָב צו קלאָר זיך פאָרגעשטעלט אָט דאָס אלעס און האָב דערפיהלט אזא נשמה פוסטקייט, אזא שרעקליבע

פאַרניכטונג פון אַלע מיינע אידעאַלען. אז איך האָב זיך פאַרטראַכט וועגען זעלבסטמאָרד. אָבער איך בין געווען צו יונג, צו שטאַרק זענען געווען אין מיר די אינסטינקטען פון לעבען, און אַנשטאַט צו שטאַרבען האָב איך גענומען זוכען באַרעכטיגונג פאַר׳ן לעבען אין דעם לעבען גופא.

דזשענעיעוו איז געשטאַנען א ווייַלע פאַרטראַכט. זיין געזיכט איז רוהיגער געוואָרען אָבער נאָך אַלץ טרויעריג. דער שאַרפער אויסדרוק איז פאַריבער, און אַ שטילע פיינליכע ביינקשאַפט האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ.

— יאָ, — האָט ער ווידער אנגעהויבען, און האָט זיך מיעד אוועקגעזעצט ביים טיש, — איך האָב אנגעהויבען צו זוכען פאַרגעניגענס און גענוס, — בלויז פאַרגעניגען אַן און פאַר זיך. און איך האָב דעם פאַרגעניגען פאַרקערפּערט אין דער פרוי, ווייל דער פאַרגעניגען פון ליידענשאַפט איז אינטעסיווער פון אַלע אַנדערע...

דער דאָקטאָר ארנאַלדי האָט איהם אויסגעהערט אַ באַטריבטער.

— פון אַנהויב האָב איך געזוכט ליעבע, אַן אמת׳ע גרויסע און אייביגע ליעבע... און ווייסט איהר, איך האָב געמאַכט א שפּאַסהאַפטע באַאָבאַכטונג: איצט, זעהען אויס די ווערטער „אייביגע ליעבע“, אבּיסעל לעכערליך, צו יעדען איינעם. אזוי אז אַלע רעדען זיי ארויס מיט שפּאָט, אונטערשטרייכענדיג דערמיט, אז מען גלויבט ניט דעריןִ, אין אַט דער „אייביגער ליעבע“, אָבער צו דער זעלבער צייט, וועט קיינער ניט זאָגען גלייך, אז ער ליעבט ביז א צייט... אייגענטליך, וועט ער אפילו יאָ זאָגען, אָבער ער וועט ניט אָנווייזען קיין צו קורצע צייט. אזוי אז פונדעסטוועגען בלייבט אזאַ איינדרוק אז די ליעבע וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגען. און דערפאַר, ווי אזוי פאַרליעבטע זאָלען ניט אָפּמאַכען צווישען זיך, ווי נאָר איין זייט ווערט אָפּגעקיהלט, אזוי דערפיהלט זיך די צווייטע, באמת אָפּגענאַרט! איהר האָט דאָס באַמערקט?

דער דאָקטאָר האָט מיעד א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אַט אזוי... כאָטש איך האָב אויך ארויסגערעדט אָט די ווערטער מיט שפּאָט, האָב איך דאָך מיט מיין גאַנצען הארצען געזוכט דוקא אייביגע ליעבע, אויב ניט קיין אייביגע, איז דאָך א גרויסען און ערענסטען געפיהל!.... מערקווירדיג: ווייל אויב ניט קיין אייביגע, איז דען ניט אַלץ איינס — א וועלכע? אם ענדע, מעסט מען דאָך די

קראפט און ערענסטקייט פון א געפיהל, מיט צייט, ווייל אויף דריי טעג, אויף אן אויגענבליק קען מען פארכאפט ווערען, אבער גאר ניט ערענסט: אונטער א מאמענטאלען איינדרוק קענסטו אויפריכטיג גרייט זיין זיך צו ווארפען אין פייער אריין, אבער אויפ'ן צווייטען טאג וועט די גאנצע זאך דיר אליין אויסקוקען לעכערליך! אבער איך וויל ניט רעדען דערפון... דאן האב איך באמת געגלויבט אין ליעבע, ווען מיר האט זיך אויסגעדוכט אז איך האב זי געפונען. גאט מיינער, וואס פאר א גליק דאס איז געווען! אויך איצט ווען איך דערמאן זיך אין דעם, דערפיהל איך אזא אומעט, אז עס פארקלעמט מיר דאס הארץ. מיר האבען אזוי גוט פארשטאנען איינע די אנדערע, אזוי טיעף געפיהלט, אונז איז אזוי גוט געווען צוזאמען, אז עס האט זיך געדוכט אז מער דארף מען שוין גאר ניט. דאך זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען, אין נאך א צייט פאר דעם, האבען מיר שוין פון קיין אנדער זאך ניט גערעדט און ניט געטראכט אויסער דעם... אלע אונזערע באגעגענישען האבען זיך קאנצענטרירט דערויף, וואס איך האב געשטרעבט זי צו קריגען, און זי האט זיך פארטיידיגט! דאס איז געווארען א צוועק, וואס איז מיר ניט ארוים פון קאפ. עס האט מיר געברענט און געפייניגט! איך געדענק אז דער געדאנק דערפון האט מיר אויסגעזעהן ווי א חילול השם, און איך האב זיך אליין פאראורטיילט דערפאר, אבער איך האב זיך ניט געקענט העלפען!... אלע הארציגע געשפרעכען אלגעמיינע פלענער און טרוימען, קונסט און דאס גלייכען זענען אפגעטראטען אין א זייט!... און ווען דאס האט אם ענדע פאסירט, געדענק איך, אז איך בין ארוים גאנץ פריה אויפ'ן בולוואר ביים ים!... עס איז געווען אזא שטילער, אזא הייליגער פריהמארגען, — דער ים האט אויסגעזעהן ברעגלאז, איבער'ן ים האבען געפינקעלט העלע שטערען, וועלכע האבען ווי געציטערט פון זייער פריהמארגענדיגען גליק... עס האט זיך אזוי פריידיג, אזוי לייכט געאטעמט, אט ווי ניט קיין לופט, נאר די פריהמארגען ליכט אליין וואלט זיך געגאסען אין ברוסט אריין. איך בין גרייט געווען צו שרייען פון פרייד, וואס איך לעב און פיהל! און צו איהר, וואס האט מיר געשענקט אזא גליק האב איך געפיהלט אזא פארגעטערטע דאנקבארע ליעבע, אז איך בין גרייט געווען זיך צו שטעלען אויף די קני און קושען יעם זוים פון איהר קלייד, ווי ביי א הייליגער! מיר האט זיך אויסגעוויזען אז מיין ליעבע

צוגיסט זיך ארום, ווי דאס מאָרגען־ליכט... מיין געליעבטע האָט מיר אויסגעזעהן צו זיין אזוי ריין, אַזוי ווי זי וואָלט געווען אויסגעוועבט פון די שטראַלען פון אָט די בלאַסע פריהמאָרגען שטערען... איך בין נאָך איינגאַנצען געווען אין שוויס... מיינע פיס האָבען געציטערט, פון דער איבערגעלעבטער אויפרעגונג, פאר די אויגען איז נאָך געשטאַנען די, ווי פון שטורם צוקנייטשטע בעט און דאָס נאַקעטע לייב... אבער דאן האָב איך דאס ניט געדענקט... עס איז געווען בלויז גליק... און אין וואָס באַשטעהט דאָס גליק, וועגען דעם האָב איך ניט געטראַכט. עס איז געווען צו ווילד און שרעקליך צו דענקען אז דאָס אַלעס — איז בלויז א קערפּערליכע לייכטקייט, פון א בשלום׳דיגער און פול אויסגעגאָסענער אויפרעגונג!

דער דאָקטאָר האָט געהערט און קוים־קוים באַמערקבאַר געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. מען האָט ניט געקענט פארשטעהן, צי דאָס שוועבען פאר איהם אָט די ריינע פריהמאָרגענדיגע ערינערונגען, צי עס ציטערט פּשוט די קאָפּ פון אַלטקייט.

— דערנאָך האָבען מיר געלעבט צוזאַמען. אין א יאָהר ארום זענען מיר זיך צוגאַנגען! יא מיר זענען זיך אזוי צוגאַנגען, אז מיר זענען געוואָרען שׂנאים. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אָט דער גאַנצער פריהמאָרגענדיגער גליק איז בלויז איין קורצער מאָמענט, וועלכער ווידערהאָלט זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט. זעהר שנעל זענען די צערטליכקייטען פארוואַנדעלט געוואָרען אין א געוועהנליכער זאַך, ווי א היימישע בעקוועמליכקייט, ווי א געוויסע פארווייַלונג פון לאַנגווייליגקייט!... מען קען ניט יעדען טאָג ארויסלויפען אין דרויסען און איינלאַדען די נאַטור צו פייערען אַן ערשיינונג, וועלכע ווידערהאָלט זיך יעדען טאָג! די ליידענשאַפט איז געוואָרען א היימישע, א לאַנגווייליגע, און איהר איז שוין מעהר ניט געווען קיין באַגייסטערונג. און דערפאר האָט אימער געלעבט אין דער נשמה א ניט קלאָרע, אבער שאַרפע בייגקשאַפט... מיר האָבען ווארשיינליך, ליעב געהאַט און רחמנות געהאַט איינע אויף די אנדערע, און צוזאַמען איבערגעלעבט אי פריידען, אי ליידען, אבער מיר זענען שוין געווען צוויי גוטע פריינד און ניט קיין פאַרליעבטע; און דערפאר האָב איך מיט אומעט גענומען קוקען אויף יעדער שעהנער פרוי, אזוי ווי איך וואָלט צוליעב עפּעס זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אייביגען יום־טוב פון ליידענשאַפט... ווארשיינ־

ליד, האט זי אויך געפיהלט דאסזעלבע, ווייל זי איז געווארען נערוועז און בייז; זי האט אנגעהויבן זיך לאנגווייליגען און זיין אייפערזיכ־טיג... אונז איז געווען אונאנגענעם און לאנגווייליג צוזאמען... מיר פלעגען זיך פרעהען ווען מיט אונז איז געווען א דריטער. מיר האבען זיך אנגעהויבען קריגען, און ביז גאר אויסגעמאטערט איינע די אנדע־רע! אם ענדע זענען מיר זיך צוגאנגען... דאס צורייסען איז געווען מורא'דיג שווער... איך געדענק די ערשטע צייט פלעג איך זיך אויפ־כאפען ביינאכט. און מיט א שרעק דערפיהלען, אז זי איז שוין ניטא, אז זי איז ערגעץ ווייט, אז זי איז מיט אנדערע, און אז איך וועל שוין קיינמאל, קיינמאל ניט נעמען קיין אנטייל אין איהר לעבען! איך האב אפילו ניט געקענט פארשטעהן: אויב אזא גרוי־סער געפיהל פארשווינדעט פון לעבען, טא וואס־זשע פארשווינדט שוין ניט, וואס־זשע איז שוין דאן וויכטיג, וואס־זשע איז שוין דאס ווירק־ליכע, דאס אמת'ע? דאך האב איך אין א האלב יאהר ארום שוין דערזעהן אז איך לעב ווי פריער אהן איהר, שלאף רוהיג, עס, טרינק, און דרעה זיך ארום שעהנע פרויען... אזוי ווי זי וואלט גאר קיינמאל ניט געווען!... און דערנאך האב איך אז איהר אינגאנצען פארגעסען!... דאן האב איך גענומען איבערגעהן פון איין פרוי צו דער צווייטער, זוכענ־דיג בלויז א פלינקען אומבייט און שארפקייט פון איבערלעבונגען... דאס איז געווען א העלע ליכטיגע צייט... אזוי האב איך אפגעלעבט עטליכע יאהר און האב געדענקט אז איך האב געפינען דאס וואס מען דארף. אבער דאס איז געווען א ליגען!... איך האב פלוצלונג דער־פיהלט, אז עס הויבט זיך אן די זעלבע אונקלארע, אבער אונערטרעג־ליכע פיין און ביינקשאפט, דאס זעלבע שפירען פון פוסטקייט און אוננוציגקייט!... מיר איז פשוט געווארען לאנגווייליג! איך האב דערזעהן אז איך געה צו צו א פרוי אהן יעדער באגייסטערונג, נעהם זי אהן פרייד, און לאז זי איבער אהן לייד אדער אויפרעגונג... פון אנהויב האט יעדע נייע באגעגעניש מיך פארכאפט אויף מאנאטען, דערנאך אויף וואכען, שפעטער אויף צוויי־דריי טעג, צולעצט בלויז ביז'ן מאמענט פון צוזאמענזיין!... ביי מיר איז שוין אפילו ניט געווען קיין געדולד צו אויסקעמפען מיין פארלאנג, מיך האט גערייצט יעדע ווערהונג... איך קען אייך ניט איבערגעבען יענעם כעס, וואס פלעגט מיך אפט ארומכאפען, אזוי אז צו דער צארטסטער מיידעל

פלעגט זיך מיר וועלען ווי מעגליך גראבער און צינישער א געשריי טאָן: נו יא, וואס מאכסטו דארטען קונצען... סיי ווי סיי וועט זיך דערמיט ענדיגען!... מיר איז אַלץ באַקאַנט ביז די מינדעסטע דעטאַלען... איך ווייס פאראויס מיט וואס עס וועט זיך אַנהויבען און ווי אזוי עס וועט זיך אויסלאזען מיט יעדער איינער פון די פרויען. פון צעהנדליגע פרויען האב איך געהערט איינע און די זעלבע ווערטער, און געזעהן איינע און די זעלבע צערטליכקייטען... און אויסער לאַנגווייליגקייט, פיין און עקעל איז ביי מיר גאר ניט פארבליבען... איך האב פארוויסט מיין נשמה, און צוביטען מיין געפיהל אויף מינץ...

דזשענעיעוו איז ווידער אויפגעשטאנען און גענומען אומשפרייזען איבער׳ן צימער.

— זאגט מיר דאקטאר, וואס פאר א מין אונמענשליכע נארישקייט אדער נידערטרעכטיגקייט האט אויסגעטראכט דאס מעשה׳לע וועגען ליעבע?... אלע באשרייבען אויסגעצייכענט די ליעבע בלויז ביז׳ן מאמענט. ווען די פארליעבטע פאראייניגען זיך... נו און ווייַטער?... ווייטער — קומט פילימאָן און מאריא, אפאנאסי איוואנאַוויטש און פולכעריע איוואנאוונא, קריגעריי, שמוץ א. א...

דזשענעיעוו איז נאהענט צוגעגאנגען צום דאקטאר און קוקענדיג איהם גלייך אין פנים אריין מיט גליהענדע אויגען, געזאגט:

— בייז, דאקטאר אויב דו קענסט ניט גלויבען, אויב דו קענסט ניט לעבען פאר עפּעס, אין נאמען פון וואס ניט איז, קען מען אינגאנצען נים לעבען!... ליידענשאפט איז אויך א מעשה׳לע — און מיט קיין פארגעניגענס קען מען ניט אנפיהלען די נשמה... בלייבט איבער, אבער זיך איינגלויבען אין א משוגענער אידעע, ווי למשל נאומאוום, אדער ווי קראוזע זיך אפזאגען פון אלץ!... איהר געדענקט, ווי ער האט גערעדט וועגען א שוועבעלע?... ס׳ארא מאדנער ער איז געווען!... איך קען אפילו נים פארשטעהן צו איז ער געווען קלוג אדער נאריש?

דזשענעיעוו האט זיך מיט אמאל איבערגעשלאגען מיט א פלוצליגען אויסברוך פון פיין:

— זאגט מיר, דאקטאר, צו וואס דארף מען לעבען?

— איך ווייס ניט...

— אבער צוליעב וואס לעבט איהר אליין? — האט כמעט מיט האס געפרעגט דזשענעיעוו.

— איך? — האָט מיט פאַרוואונדערונג איבערגעפרעגט דער דאָקטאָר. — איך בין פּשוט מיעד...

— ווי?

— איך בין מיעד, — האָט ווידערהאָלט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי, און אין דער שטים פון דעם אַלטען האָט זיך ווירקליך דערהערט אַזאַ טיעפע ביז צום האַרצען דורכדרינגענדע מיעדקייט, אַז דזשענעיעוו האָט איהם מיט אַמאָל פאַרשטאַנען.

— יאָ, אַזוי איז דאָס, אַ מענש קען מיעד ווערען ביז אַזאַ שטופע, און ער ווערט אַלץ שפּאַנען און שפּאַנען פאָראויס, ניט דענקענדיג וועגען רוה, ביז וואַנענט ער וועט אַ פאַל טאָן אום שוין ניט אויפצושטעהן מעהר.

דזשענעיעוו האָט מיט גליהענדע אויגען געקוקט אויפ׳ן דאָקטאָר, אַט ווי ער וואָלט זיך מיהען עפּעס איבערלייענען אויף זיין פאַרגאַ־סענעם אויסדרוקסלאָזען פּנים.

— אַט... — האָט ער געזאָגט און האָט זיך אָפּגעריסען.

דאָ האָט זיך מיט אַמאָל אונערוואַרטעט צוזונגען דער סאַמאָוואַר, און זינגענדיג האָט ער ווי עטוואס אַרויסגעמורמעלט און איז אַנט־שוויגען געוואָרען.

— הערט זיך איין, דאָקטאָר, — האָט ווידער אָנגעהויבען דזשע־נעיעוו, אַט ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס וואָס איז פאַרגע־קומען אין די טיפענישען פון זיין נשמה. איהר זענט מיעד, דאָס פאַר־שטעה איך, אָבער איך בין דאָך ניט מיעד! אין מיין נשמה זיצט און ציטערט אַלץ. איך וואָלט דוכט מיר אַנגעכאַפּט און איבערגעקערט די גאַנצע וועלט, און דאָך קען איך ניט לעבען! דאָס איז ניט קיין פראַ־זאַ דאָקטאָר, איך פיהל באמת, אַז איך האָב ניט קיין באָדען אונטער די פיס, אַז פאָראויס איז גאָר ניטאָ... פאַר מיר איז שוין אַלץ איינס, סיי דאָס וואָס איז געווען נעכטען, סיי דאָס וואָס וועט זיין מאָרגען! איך קען ניט לעבען, אָבער שטאַרבען בין איך אויך ניט אימשטאַנד! איך זאָג צו זיך יעדען טאָג, געגנוג; איך זאָג צו זיך, אַז שטאַרבענדיג פאַרליר איך גאָרניט, וועגען וואָס עס וואָלט זיך געלוינט צו טרויערן... אָבער צו דער זעלבער צייט, אַז איך גיב אַ טראַכט, אַז היינט זעה איך צום לעצטען מאָל אייך, די זון, אַט דאָס בענקעל, כאַפּט מיך אַרום אַזאַ מין אַנגסט, אַז איך פאַרמאַך אין גרויל די אויגען אויף אַלעס,

און ווענד אַז אַלע מיינע כחות צו פאַרגעסען, אַז דער טויט עקזיסטירט אפילו!... מיר טוט קיינער ניט באַנג, דאָקטאָר, מיך אַרט אבסאָלוט ניט, וואָס ליזאַ איז געשטאָרבען, וואָס קראָוזע האָט זיך דערשאָסען, וואָס אויף דער מלחמה ווערען פאַרלאָרען טויזענדער מענשען, וואָס מען האָט נעכטען אימיצען געהאַנגען. נאָר אויב אימיצען טוט וועה די ציין אויף מיינע אויגען, דאַן קאָרטשע איך זיך פון וועהטאָג צו־זאַמען מיט איהם!... גאָט מיינער, ווי איך בין דאָס מקנה יעדען טעמ־פען סאָציאַל דעמאָקראַט, וואָס גלויבט אין זיין פּראָגראַם, און איז טיעף איבערציינט, אַז ער דאַרף לעבען צוליעב דעם, כדי אין צוויי־און־פערציגסטען יאָהרהונדערט, זאָל יעדער איינער עסען א זופּ פון הוהן!... איך בין מקנה נאָוקאָוו'ן, וואָס גלויבט אין זיין האָס! אין מיין נשמה איז גאָרניט ניטאָ... פאַרשטעהט איהר אָבער גאָר, גאָר ניט!... איך קען אפילו ניט פאַרשטעהן, ווי קענען דאָס מענשען גלויבען אין וואָס ניט איז! און איך דענק דאָקטאָר...

— וואָס? — האָט ווי דורכ'ן שלאָף נעפרעגט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

איך דענק, אַז קיינער גלויבט טאַקע ניט! מען גלויבט אין גאָר־ניט: ניט אין גאָט, ניט אין טייפעל, ניט אין דער מענשהייט, ניט אין די אידעאַלען פון שעהנקייט און גערעכטיגקייט! קיינער האָט ניט ליעב: ניט דאָס לעבען, ניט די נאַטור, ניט די מענשען! דאָס אַלעס איז א שאַפונג פון שרעק פאַר'ן סוף, א פאַרצווייפעלטע וואַנזיניגע שוואַכקייט און מורא; ווייל אנדערש וואָלט מען מיט קיינע שעהנ־קייטען און אמת'ען ניט געקענט פאַרנאַרען דעם מענשען אפילו אויף צוויי־דריי טעג לעבען, ווייל דאָס לעבען איז פּשוט גערעדט, ניט אינ־טערעסאַנט!... אַזוי טראַכטען אייניגע אוים עפּעס אַן אנדער לעבען, אנדערע מיהען זיך צו לעבען צוליב אנדערע, די דריטע זינגען שירה דעם לעבען, אַלס פאַקט. אָבער דאָס אַלעס איז בלויז פון פּחד פאַר דער שוואַרצער לאָך. און איך בין אַזאַ מין פייגלינג ווי אַלע!... צו וואָס זאָל איך זיך אַליין נאַרען?...

אימיצער איז מיט שוועריגקייט אַרויפגעלאָפען אויף די שטיג־גען פון גאַניק און האָט מיט דער גאַנצער קראַפט א זעץ געטאָן אין טיר. דזשענעיעוו האָט זיך א צאַפּעל געטאָן און איז שטיל גע־בליבען, דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— ווער איז דארט? — האט א געשריי געטאן דזשענעיעוו.
די טיר האט זיך א קלאפ געטאן אין וואנט און אינגאנצען א פארשפריצטער פון בלאטע איז אריינגעפאלען אין צימער א בלאנדער בלאסער סאלדאט.
— דאקטאר, איך בעט אייך שנעלער... אן אומגליק, זיין עקסעלענץ האט זיך געקוילעט!
— ווער? — האט אויסגעשריען דזשענעיעוו, און מיט אמאל דערקענט טרענעיעוו'ס דינער.
— טרענעיעוו? האט זיך געקוילעט? ווי אזוי?
— מיט'ן ראזיר מעסער. האט ווי א צומישטער געענטפערט דער סאלדאט.
דזשענעיעוו האט איהם ווילד אנגעקוקט. דער דאקטאר האט איין איילעניש געצויגען אויף זיך דעם מאנטעל.

25.

דעם טאג האט טרענעיעוו אנגעהויבען פונקט אזוי ווי הונדערטע אנדערע טעג. זינט ער איז געווארען אן אפיצער און האט חתונה געהאט. ער איז אויפגעשטאנען זעהר פריה, האט אליין אפגעטרונקען טעה אין דעם פוסטען און קאלטען עס צימער, האט זיך אנגעטאן און איז אוועקגעפאהרען אין קאנצעלאריע, ווי מען האט איהם, צווישען אנדערע זאכען, אויך געלאזט וויסען וועגען ריסקווא'ס זעלבסט-מארד. פון דארטען איז ער אוועק אין עסקאדראן.

ער איז געשטאנען אין מיטען הויף, רויכערענדיג א סיגארעטעל און האט געקוקט ווי די סאלדאטען האבען ארויסגעפיהרט פון די שטאלען די בלאנקענדע פערד, וואס האבען געשמעקט מיט שטאל און ווארימקייט. ער האט געשריען אויפ'ן וואכמיסטער, זיך געדונגען מיט'ן

פּאַרפּאַרוטשיק, און בלויז צייטענווייז געפיהלט עפּעס א מין ניט קלאָרע אונרוהיגקייט.

ריסקאָוו'ס טויט האָט איהם ניט געוואונדערט: דעם אמת גע־רעדט, האָט ער ביז אזא גראַד פאַראַכטעט אָט די אַלע באַאַמטע, לערערלעך און אַלע אַנדערע וואָס האָבען ניט געהאַט די עהרע צו טראָ־גען קיין מיליטערישען אַנצוג, אַז איהם האָט אויסגעזעהן מעהר ווי נאַטירליך וואָס ריסקאָוו האָט זיך אויפגעהאַנגען; ווייל ווען מען זאָל איהם אליין געוועזן פאַר'משפּט'ען צו אזא עקזיסטענץ, וואָלט ער אויך געטאָן דאָס זעלבע, אזוי האָט זיך איהם געדוכט. טרענעיעוו איז גע־וואוינט געוועזן צו גלויבען אין דעם פאָרצוג פון מיליטערישער דינסט. ער איז געוואוינט געוועזן צו דעם זאַטען גרויסאַרטיגען און פרעהליכען לעבען פון דעם אָפיצערן קרייז, ער האָט זיך אפילו געוואונדערט, ווי קענען דאָס לעבען מענשען פון ריסקאָוו'ס שניט, וועלכע זענען פאַר־אורטיילט דעם גאַנצען לעבען צו שוויצען איבער פּאַפּירען אין עפּעס א מין קאַנצעלאַריע.

א גאַנץ אַנדער זאַך — איז פאַר איהם געוועזן קראַוזעס זעלבסט־מאָרד... דאָס האָט איהם ווי א דונער געטראָפען, כאָטש ער איז געווען א פּשוט'ער אָפיצער פון קאַוואַלעריע, וואָס איז געווען פרעמד צו אָט די אַלע „פילאָסאָפיעס" און האָט זיי ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמ־קייט. ווען דער ערשטער שרעק וואָס האָט ארויסגערופען דעם קאָרנעט'ס טראַגישער סוף איז פאַריבער, האָט טרענעיעוו'ן פּשוט באַנג געטאָן א גוטער חבר, ער איז אבסאָלוט געווען איינשטימיג מיט דער מיינונג, אַז קראַוזע איז געוועזן אַן אַבנאָרמאַלער מענש. ער האָט אפילו מיט א געוויסער זעלבסט צופרידענהייט דערצעהלט, אַז ער האָט דער ערש־טער באַמערקט די מאָדנע גענג פון דעם פאַרשטאָרבענעם קאָרנעט, און אַז ער האָט שוין כּלומרשט דאַן געזעהן אַז עס האַלט שמאָל מיט איהם.

אָבער יענער אונצווייפעלהאַפטער, כאָטש אבסאָלוט אונפאַר־שטענדליכער בונד, וואָס טרענעיעוו האָט גלייך מיט אַלעמען דערפיהלט צווישען קראַוזע'ס און ריסקאָוו'ס זעלבסט־מאָרד, האָט געוועקט אין איהם א אונאַנגענעמענעם געפיהל פון פּחד. טרענעיעוו האָט זיך דער־מאָנט, אַז מען זאָגט, אַז זעלבסט־מאָרד איז אַנשטעקענד און האָט דערשפּירט, אַז אונפאַרשטענדליכע מורא. עס האָבען זיך איהם דער־מאָנט יענע מאָמענטען, ווען קריגענדיג זיך מיט זיין פרוי, האָט ער

ניט איין מאָל זיך אַליין געוואָלט אַריינלאָזען אַ קויל אין שטערען. און די פאַרשטעלונג וועגען דעם, אַז אַזוינע מאָמענטען קענען זיך ווי־דערהאָלען האָט דורכגעשוועבט אין זיין נשמה צוזאַמען מיט אַן עקעל־האַפטען געפיהל פון אינערליכער שוואַכקייט. ער האָט דערפיהלט אַז ער שטעהט ניט שטאַרק גענוג אויף דער ערד, און דאָס איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט, אַז טרענעיעוו האָט איבערגעריסען צו באַטראַכ־טען די פערד, באַפוילען דעם וואַכמיסטער, אַז ער זאָל זיך אַליין אויפ־רעדען מיט׳ן מעקלער, און איז אַוועק אַהיים.

אויפ׳ן וועג האָט איהם אָפּגעשטעלט דער זעלבער טריבער שטאַב־ראַט מיסטער, וועלכער האָט אין דער נאַכט פון קראַוזעס טויט געזאָגט אין קלוב, אַז ער טראַכט אַליין אויך זעהר אָפט פון זעלבסט־מאָרד. טרע־נעיעוו׳ן איז געוועזען מאָדנע אונאַנגענעם אָט די באַגעגעניש, כאָטש ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבען רעדען פון ריסקאָוו׳ן.

— נו, יאָ, — האָט כמורנע געזאָגט דער שטאַב־ראַטמיסטער, פּי־עלע פאַרדעכטיגען אַפילו ניט, אַז זיי שטעהען אויף דער וועלט אויף הי־נערשע פיסלעך. און וואָס פאַר אַן אונבאַמערקבאַרער שטויס עס איז אַמאָל גענוג, אַז אַלעס זאָל זיך איבערקערען מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ... מען זאָגט אַז עס קען ניט זיין, אַז נאָומאָוו זאָל האָבען געווירקט אויף קראַו־זען, און איך בין איבערצייגט, אַז יאָ!... איהר ווייסט עס. עס איז גע־נוג אַ וואָרט זאָל געזאָגט ווערען אין צייט, אָדער אַז עס זאָל קומען פאַר די אויגען אַ רעוואָלווער אין דעם פּאַסענדען מאָמענט... און דער פרעה־ליכסטער און לעבהאַפטסטער מענש זאָל זיך דערשיסען און דאָ סאַפּילו אַליין ניט באַמערקען!

טרענעיעוו איז אַוועקגעפאָרען ווייטער, און ער האָט זיך אַליין געחדושט ווי קרענקליך עס האָט זיך איינגעקריצט אין זיין מוח די פראַזע וועגען אַ רעוואָלווער, וואָס קומט צופעליג פאַר די אויגען. אַ גאַנצען וועג האָט זיך איהם געדרעהט אין קאָפּ אָט די פראַזע, דערפון איז נאָך קלאָרער געוואָרען דער געפיהל פון אַ מין אינערליכער שוואַכ־קייט און אונפאַרשטענדליכען שרעק פאַר זיך אַליין.

ביים מיטאָג האָט ער דערצעהלט דער פרוי וועגען ריסקאָוו׳ן. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז זי האָט שוין געוואוסט דערפון. און האָט זיך באַצויגען צום טויט פון נישטיגען באַאַמטען אַבסאָלוט גלייכגילטיג. עס האָט זיך עפּעס ניט פאַרבונדען קיין געשפּרעך, און

טרענעיעוו האָט זיך גלייך נאָך מיטאָג געלייגט שלאָפען, מיט דעם זעלבען אונבאַשטימטען אונאָנגענעמענעם געפיהל אין הארצען.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט שפּעט, אײנגאָנצען א באַרוהיגטער און ערפרישטער, מיט א זיסען געפיהל פון זיין אויסגערוהטען געזונטען קערפּער.

נאָך אויפ'ן געלעגער האָט ער דערהערט שטימען פון עס־צימער און דאָס קלאַפּען פון טעה געפעס.

א דיניקער ליכט איז געפאַלען פון דער ניט שטייף צוגעמאַכטער טיר פון זאַל, און האָט צוגעגעבען דעם טונקעלען שלאַף־צימער א באַזונדער היימליכקייט.

טרענעיעוו'ן האָט זיך ניט געגלוסט אויפשטעהן. ער האָט געגענעצט, זיך געצויגען און מיט יעדען מוסקול פון זיין לייב געפיהלט דעם ווייכען געלעגער. אן אויסברוך פון געלעכטער אין עס־צימער האָט איהם אויפגעוועקט. ער איז ענטשלאָסען און פרעהליך אראָפּגעשפּרונגען פון בעט, האָט זיך אָנגעטאָן און אָפּגעוואַשען מיט קאַלטע וואַסער, פאַרקאַמט די האָר מיט'ן באַרשט, און א פרישער, אביסעל רויט פון דער קאַלטער וואַסער און שלאָף, פאַרשפּרייטענדיג דעם ריח פון פּאַרפיום, איז ער אריין אין עס־צימער.

זיין פרוי איז געזעסען ביים סאַמאָוואַר, און הויך אויפהויבענדיג איהר פולע ענטבלויזטע האַנט, האָט זי אָנגעגאָסען פאַר איהם א שטאַרקע גלאָז טעה אין זיין אייגענער גרויסער גלאָז אויף א זילבערנער שאַל. לויט דעם רויש פון וואַסער אין שלאָף־צימער האָט זי פאַרשטאַנען אז ער שטעהט שוין אויף. ביים אַנדערען עק טיש איז געזעסען א שעהנינקע פאַרפוצטע דאַמע, די פרוי פון דעם הויפּט אַפּיצער פון פינפטען עסקאַדראָן, און האָט וועגען עפּעס אזוי הויך און קלינגענד דערצעהלט.

אין אַט דער דאַמע, וואָס האָט געשם'ט מיט איהר לייכטער אויפפיהרונג איז ער געווען אביסינקעלע פאַרליעבט. דערזעהענדיג זי, איז ער געוואָרען נאָך מונטערער, און האָט זיך דערפיהלט פאַר א געשיקטען און בלענדענדען אָפיצער. ער האָט א קוש געטאָן ביים עלענבויגען די פולע ענטבלויזטע האַנט פון זיין פרוי, וועלכע זי האָט אומיסטען פאַרהאַלטען אין דער לופטען. טרענעיעוו האָט זיך צוגערירט מיט די וואָנצען צום גאַסטס הענטעל, און האָט זיך אוועקגע־

זעצט אויף זיין געוועהנליכען ארט. ער איז געווען אויסערגעוועהנליך גוט געשטימט און האט מיט א באזונדערען פארגעניגען צוגערוקט צו זיך די שטארקע, הייסע טעה, אזוי ווי ער האט ליעב געהאט.

— ווייסטו, וואס עס האט פאסירט? — האט באליעבט געפרעגט די פרוי.

— וואס?

— ליזע טרעגולאווא קענסטו?

— נו, יא... האט פויל געזאגט טרענעיעוו, א זופ טוענדיג טעה. פאר זיינע אויגען האט זיך דורכגעטראגען א שעהנינקער פנים'על, מיט שעהנע העלע האר און נאיווע גרויע אויגען.

— זי האט זיך דערטרונקען, האט איילענדיג פארענדיגט די פרוי, זיך שטיקענדיג פון דעם מורא'דיגען פארלאנג צו באטויבען איהם מיט דער נייעס.

טרענעיעוו האט מיט פארוואונדערונג אנגעקוקט ביידע דאמען.

זייערע פנים'ער זענען געווען באלעבט און אויפגעלעגט און זיי האבען ביידע מיט אלע כחות געקוקט איהם אין מויל אריין, אום ניט דורכצולאזען דעם איינדרוק וואס אויף איהם וועט מאכען אט די מיטטיילונג.

טרענעיעוו האט ניט ווילענדיג אוועקגעשטעלט די גלאז.

— עס קען ניט זיין... ווען? האט ער אוטאמאטיש געפרעגט.

— היינט. — ווען דו ביזט געשלאפען!

— אויף דער סלאבאדקע האט עפעס א געריטנער זיך דערשא־סען! — האט מיט דעם זעלבען באלעבטען פריידיגען טאן, זיך איי־לענדיג צוגעגעבען דער גאסט.

טרענעיעוו האט צומישט געדריקט מיט די פלייצעס.

— ווייסט דאס דער טייפעל, וואס דאס איז אזוינס!... דאס איז שוין ווירקליך...

— נו, און יענער מאלער ווייסט? — האט ער זיך דערמאנט אין דזשענעיעוו'ן.

— איך דענק אזוי... די גאנצע שטאט רעדט דערפון... דו ווייסט עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי איז אין אנדערע אומשטענדען!

— ווידער האט דורכגעשוועבט טרענעיעוו'ן דאס ליעבע פנים'על מיט די העלע האר און אויגען.

— א. ארימע מיידעל! — האט ער געזאגט.

— וואס מיר דארטען ארימע — האט מיט פאראכטונג אפגעענט־פערט די פרוי דריקענדיג מיט די פלייצעס, — זי האט אליין גוט גע־וואוסט אויף וואס זי איז געגאנגען.

— נו, פונדעסטוועגען!

— איך פארשטעה ניט, וואס הענגען זיי זיך אלע אויפ'ן האלז אט דעם דזשענעיעוו'ן! — האט באמערקט דער גאסט. — מיר גע־פעלט ער אינגאנצען ניט... איך קען ניט פארטראגען אזוינע זעלבסט־איינגעגלויבטע „שעהנקייטען"...

טרענעיעוו האט זיך דערמאנט, אז מען דערצעהלט, אז אויף א פיק־ניק פון פאלק, מיט א יאהר צוויי צוריק, האט זי זיך אביסעל א שכור'ע אפגעגעבען דזשענעיעוו'ן טאקע דארטען אין וועלדעל, און ער האט זיך אביסעל פארשעמט.

— יא... אבער פונדעסטוועגען איז דאך א רחמנות אויף דער מיידעל! — פארלארען געגאנגען פאר גארניט!... איך פארשטעה ריסקאוו... וועלכער האט ניט געהאט וואס צו עסען! קראוזע... פאר א אידעע... אבער זי? אזא שעהנינקע און יונגינקע.

אן אונאנגענעמער שאטען איז דורכגעפלויגען איבער דער פרוים געזיכט.

— נו, יא, — האט זי געזאגט מיט אן איראניע, מענער האבען שטענדיג רחמנות אויף שעהנינקע פרויען!

טרענעיעוו האט פארשטאנען, אז זי איז אייפערזיכטיג דערצו, וואס אן אנדערע, זאל זיין אפילו א טויטע קען, אויסזעהן אין זיינע אויגען שעהן, און ער האט זיך פארקרימט.

— וואס האט דאס צו טאן מיט מענער?... עס טוט פשוט באנג: וואו איז מענשליכקייט!

— נו, יא, געוויס, האט מיט אן אפענער איראניע כלומרשט איינ־געשטימט די פרוי.

דער גאסט האט א פארשייטען קוק געטאן אויף טרענעיעוו'ן, איהר האט זיך שטארק געוואלט „פארפיהרען מיט איהם א ראמאן" און זי פלעגט איהם שטענדיג שטעכען, אז ער האט מורא פאר זיין פרוי.

טרענעיעוו האט זיך צוהיצט.

— עס איז ווירקליך א רחמנות! — האט ער באמערקט מיט אונצופרידענהייט.

— נו, יא... טאקע, איך זאג אויך אזוי! — האט ווידער, נאר מיט מעהר שפאט איינגעשטימט די פרוי.

טרענעיעוו האט זיך אביסעל פאררוויטעלט און האט זיך באמיהט אומבייטען דעם געשפרעך.

— דאס איז עטוואס שוידערליכעס! אז אמת'ע מגפה!... איז די צייטונגען שרייבט מען אז אומעטום קומען איצט פאר זעלבסט־מארדען... נאך מייי מיינונג נאך וואלט מען באדארפט אננעמען וואסערע ניט איז מיטלען געגען דעם!...

— איהר ווייסט, האט לעבעדיג ווערענדיג איבערגעשלאגען דער גאסט, — מען זאגט אז נאומאוו האט געגרינדעט א קלוב פון זעלבסט־מערדער און נאך אכטצעהן מענשען דארפען זיך דערשיסען, בלויז דאן וועט דאס אלעס זיך ענדיגען!

— איז נאומאוו עפעס אן אינטערעסאנטער מענש?

— ווי א מענש, אדער ווי א מאן? — האט געפרעגט טרענעיעוו. מאמענטאל אריינפאלענדיג אין א שפילענדען טאן.

די דאמע האט זיך הילכיג צולאכט, און פאררוארפענדיג דאס שעהנע זינדיגע קעפעל האט זי געוויזען טרענעיעוו'ן איהר פול העלזעל וואס איז געווען ווי מיט א פעדים איבערגעבונדען.

— נו, אויך ווי א מאן!

נ־ניט זעהר!... אבער ער איז אויסערגעוועהנליך א קלוגער מענש!

— האט טרענעיעוו געמאכט אן ערענסטען פנים.

— איך וועל מיט איהם אונבאדינגט פארפיהרען א ראמאן! — איז זיך די דאמע פארגאנגען פון געלעכטער. — א קלוב פאר זעלבסט־מערדער!... דאס איז אינטערעסאנט!... ער איז זיכער א שרעקליכער?

— דאס מיינט ליידענשאפטליכער — ווילט איהר פרעגען? האט צווייידייטיג געשפאסט טרענעיעוו.

די דאמע האט איהם פארשייט געדראהט מיט'ן פינגערל און האט אויף קאטאוועס אנגעבלאזען די ליפלעך.

— נו, נו, נו!...

טרענעיעוו האָט זיך מיט אמאָל געכאַפּט, אז ער האָט זיך אביסעל צופיעל ערלויבט אין דער אַנוועזענהייט פון זיין פרוי, האָט געמאַכט אַן ערנסטען פּנים און געזאָגט:

— אָבער אהן א שפּאס... אָהן צווייפעל איז דאַ נאומאָוו שטאַרק פאַרמישט, קיין קלוב פאַר זעלבסט-מערדער איז זיכער ניטאָ, דאָס איז נאַרישקייטען, אבער זיין ווירקונג אויף קראַנזע'ן איז...

— מען זאָגט אז איהר נעמט אַן אנטייל אין אַט דעם קלוב! —

— נאַרישקייטען! האָט זיך צולאַכט דער גאַסט.

— ער באַטייליגט זיך מעהרער אין ליעבעס! — האָט באַמערקט זיין פרוי, וועמען עס האָט גערייצט דאָס קאָקעטירען פון גאַסט און דאָס אונטערשפּילען זיך פון איהר מאַן.

טרענעיעוו'ן האָט דאָס א שניט געטאָן, אָבער ער האָט זיך באַמיהט צו לאַכען.

— וואָרום ניט אויסטרינקען אין א גוטער געזעלשאַפט!

— זעהר א גוטע געזעלשאַפט! — האָט איראָניש באַמערקט זיין פרוי.

— פאַר וואָס-זשע!... טשיקאָווע מענשען... — ארבוזאָוו — איז א ברייטע נאַטור, דזשענעיעוו איז פונדעסטוועגען דאָך א טאַלאַנט-פולער מענש... — טזשיזש איז א סטודענט... נאומאָוו... יאָ מיט זיי איז אינטערעסאַנט!

— יאָ, — האָט די פרוי א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — ביי אייך מיט וועמען איהר זאָלט ניט טרינקען, וועלען זיי אימער זיין אינטערעסאַנט, באַזונדערס נאָכ'ן צעהנטען גלעזעל!... און דיין נאומאָוו, איז פּשוט א נידערטרעכטיגער מענש, לויט מיין מיינונג, און מעהר גאָרניט!

פאַרוואָס — איז ער א נידערטרעכטיגער?

דערפאַר, אויב שוין פּראָפּאָגאַנדירען אַזוינע זאַכען, דאַרף מען פריער פאַר אַלץ זיך אַליין דערשיסען און ניט שטויסען אַנדערע!

טרענעיעוו האָט זיך פאַרלאָרען: ער האָט אַליין אויך אַזוי געדענקט, און פונדעסטוועגען האָט ער זיך גענומען אַמפּערען.

— ס'אַרא מאָדנע דו ביזט קלאַווא! אויב עס פעלט איין א מענשען א געוויסער געדאַנק, דאַרף ער...

— איך דענק אזוי! — אַנדערש איז ניטאָ וואָס צו רעדען!...

דאס איז נידעריג!... ווייל קראווע האט זיך טאקע דערשאסען, און ער לעבט, אט אזוי ווי עס וואלט גארניט פאסירט! א שאד וואס איך בין מיט איהם ניט באקאנט, אניט וואלט איך איהם געזאגט אין די אויגען... אז דאס איז נידערטרעכטיג!

— א מורא'דיגע זאך! ער האט דאך ניט געזאגט אז אלע מוזען זיך גלייך שיסען? ער האט גערעדט וועגען דעם לעבען אין אלגעמיין. און אז דאס לעבען איז אז אונזין אין דעם בין איך מיט איהם פאל־שטענדיג איינשטימיג!

— שוין לאנג? — האט מיט שפאט געפרעגט די פרוי, אלץ מעהר און מעהר זיך אויפרעגענדיג, אליין ניט וויסענדיג פארוואס.

— איך בין אימער געווען דערמיט איינשטימיג!... און עס איז אונמעגליך ניט איינצושטימען, ווען מען פארטראכט זיך ווי געהעריג איז... מען דארף זיך בלויז אומקוקען אויפ'ן איינענעם לעבען! און וואס באמת, אימער איינע און דאס זעלבע...

פון טאג אויף טאג קייסטו איבער די לעהרעריי, אימער די סאל־דאטען... און די אנדערע קלייניגקייטען פון דער דינסט. — אבער איהר לעבט דאך ניט מיט סאלדאטען אליין! — האט זיך צולאכט דער גאסט. די דאמע האט זיך מיט אלץ א גרעסערען פארגעניגען צוגעהערט צו דער אויפרעגונג וואס האט געקלונגען אין דער דיסקוסיע פון דעם פארעל. — איהר האט א פרוי און א קינד.

— נו איז וואס — א פרוי מיט א קינד! — האט פארכאפט פון דער קריעג אפגעענטפערט טרענעיעוו, כאטש ער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען דאס לעבען אהן זיי. אין דער מינוט האט זיך איהם ווירקליך אויסגעדוכט אז דאס איז ניט וויכטיג און ניט אינטערעסאנט. — מען קען דאך ניט פארפיהלען דאס גאנצע לעבען בלויז מיט ווייבער און קינדער!...

— א, געוויס! — האט מיט האס אריינגעשטעלט די פרוי.

טרענעיעוו האט זיך געכאפט.

איך זאג דאס ניט בוכשטעבליך... נאר אין אלגעמיין...

מען לעבט בלויז אום צו שטארבען, און אויב אזוי טא נאך וואס דארף מען לעבען?

— נו, לעב ניט, — האט שוין גאר ניט איינגעהאלטען געענט־פערט די פרוי.

יעדעס וואָרט האָט זי געברענט: דאָס גאַנצע לעבען האָט זי איהם אוועקגעגעבען און האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, און ער!

— נו, נו, קלאַווא, — האָט פאַרלאָרען אויסגעצויגען טרענעיעוו — אַזוי קען מען ניט דיסקוטירען!

— דיסקוטיר ניט, איך בעט דיך!

— דו האָסט זיך באַליידיגט? — האָט טרענעיעוו אַ געצוואונגענעם שמייכעל געטאָן.

אויף דיר? — האָט זי געפרעגט צווישען די ציין און איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם מיט שמערצליכען האַס.

דער גאַסט האָט דערזעהן, אַז עס הויבט זיך אָן אַן אמת'ע קריעג און האָט זיך גענומען געזעגענען.

— איהר רעדט וועגען אַזוינע שרעקליכע זאַכען, — האָט זי געזאָגט טרענעיעוו'ן ביים געזעגענען זיך, אַז איך וועל שוין אויך מורא האָבען פאַר אייך.

און מיט מיר וועט איהר אויך פאַרפיהרען אַ ראָמאַן? — האָט געפרעגט טרענעיעוו, — שמערצליך באַונרוהיגט פון דער קריעג, די אונפאַרמיידליכקייט פון וועלכער ער האָט שוין געפיהלט, מיהענדיג זיך מיט אַלע קרעפטען אויסצוזעהן רוהיג ווי פריער.

די דאַמע האָט ניט ווילענדיג אַ קוק געטאָן אויף זיין פרוי. זי האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, און האָט זיך צולאַכט, דראָהענדיג איהם מיט'ן פינגער. אָבער טרענעיעוו האָט שוין באַמערקט ווי זיין פרוי'ס געזיכט איז בלאַס געוואָרען און האָט זיך צוזאַמענגעצויגען, ווייל זי האָט פאַרשטאַנען דעם בליק פון דער דאַמע, דעם גאַסט.

ביז וואַנענט דער גאַסט האָט זיך אָנגעטאָן אין פאָרצימער, האָבען די דאַמען זיך איבערגעוואָרפען מיט שפּאַס־ווערטלעך, גערעדט וועגען אַ פאַסאָן פון אַ קליידעל. אָבער טרענעיעוו האָט שוין גאָר ניט געהערט, דער טרוקענער בייזער בליק פון זיין פרוי, מיט וועלכען זי האָט איהם כמעט ניט קוקענדיג באַשאָנקען, האָט איהם געזאָגט אַז די קריגעריי האָט זיך שוין אָנגעהויבען און מען קען איהר מיט קיין זאַך ניט אָפּשטעלען.

— ווידער! — האָט ער געטראַכט מיט פּיין — אָבער וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? גאָט מיינער, ווען־זשע וועט קומען אַ סוף דערצו.

ער האָט געפּרוּאווט, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט אַ שפּאַס צו טאָן איבער דער פרויס שוואַכקייט צו שעהנע קליידער, נאָר זי האָט זיך געמאַכט אַז זי האָט גאָר ניט באַמערקט, און פאָרטגעזעצט כלומרשט פּאַלשטענדיג זאָרגלאָז צו פּלוידערען מיט'ן גאַסט. טרענעיעוו האָט זיך אָפּגעהאַקט, געכאַפּט אויף זיך דעם רחמנות־שפּאָטישען בליק פון גאַסט, און האָט זיך דערפיהלט אונערטרעגליך ערנידעריגט און אומגליקליך.

ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטערן גאַסט האָט ער נאָך געפּרוּאווט אַנהויבען רעדען מיט דער פרוי, און אומיסטען כדי צו פאַרשאַפען איהר פאַרגעניגען, האָט ער זיך אַ חכמה געטאָן אויפ'ן גאַט'ס חשבון. אַבער די פרוי האָט ווידער ווי ניט געהערט, האָט זיך אומגעקערט אין עס־צימער, גענומען אַ בוך, און זיך גענעצט צום טיש. טרענעיעוו האָט געוואָלט גלייך צוגעהן צו איהר, אַבער עס איז אַריינגעקומען דאָס הויז מיידעל און גענומען צוראַמען פון טיש. טרענעיעוו האָט גענומען אומשפּרייזען איבער'ן צימער הין און צוריק פיהלענדיג אַז אַלץ אין איהם זידט און קאָכט. מען האָט דאָך ניט געקענט רעדען פאַר דער הויז־מיידעל און דאָס האָט איהם געפּייניגט.

— איך האָב זיך היינט אַזוי גוט אויסגעשלאָפען! האָט ער געזאָגט נאָך אַלץ פּרוּאווענדיג צו פאַרמיידען די קריעג, דערטרינקען זי אין געוועהנליכע פּוסטע ווערטער. — דו ביזט אין ערגעץ ניט געגאַנגען, קלאַווא?

די פרוי האָט ניט געענטפערט. זי האָט פאַר'עקשנ'ט ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון בוך. זי האָט מיטביידע הענט אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ, אַזוי אַז טרענעיעוו האָט געקענט זעהן בלויז איהר פריזור מיט'ן שפּיץ נאָז. בלויז דאָס הויז מיידעל האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם. טרענעיעוו איז רויט געוואָרען, פאַרביסען די וואָנצען און פאָרטגעזעצט זיין שפּאַציר איבער'ן צימער.

דאָס הויז־מיידעל האָט זיך גע'עסק'ט מיט דעם געפּעס אונענדליך לאַנג. זי האָט אויסגעווישט יעדען לעפעל, געשווינקט די גלעזער, געווישט און אויף יעדער גלאָז געקוקט דורך דער שיין פון לאַמפּ. טרענעיעוו איז גרייט געווען זי צו דער'הרג'ענען. אם ענדע האָט זי די גאַנצע געפּעס אַריינגעשטעלט אין שאַפע, האָט אָפּגעטרייסעלט די

ברעקלעך פון טישטוך, איבערגעשטעלט די צוזאמענגערוקטע שטולען און איז ארויס.

די פרוי האט ניט אויפגעהויבען דעם קאפ.

מאדנע — אזוי לאנג ווי דאס הויז־מיידעל איז געווען אין צי־מער האט זיך איהם געדוכט, אז בלויז איהר אנוועזענהייט שטערט איהם פשוט צוגעהן צו דער פרוי און אין צוויי ווערטער קלאר מאכען די לאגע, אבער ווי נאר זי איז ארויס, און טרענעיעוו האט דערזעהן די אונגאטירליך אנגעשטרענגטע פאזע פון זיין פרוי, איהר אראפגע־לאזענעם פנים אויף די ענטבלויזטע ראזעווע הענט, וועלכע זי האט געהאלטען אנגעשפארט מיט די עלענבויגענס אין טיש, איז איהם אזוי קאלט געווארען אין זיין גאנצען קערפער. ער איז אינגאנצען ווי אפגעשוואכט געווארען, אזוי אז אנשטאט צוגעהן צו איהר, האט ער פארטגעזעצט שוויינענדיג אומשפרייזען איבער'ן צימער.

— הער זיך איין קלאווא! — האט ער אין געדאנק גערעדט צו איהר, און אינערליך איז דאס ארויסגעקומען אויפריכטיג שטארק און פול מיט ווירדע — שוין־זשע פארשטעהסטו ניט, אז דו ביזט אין כעס פאר נארישקייטען, אז דאס אלעס האט זיך גערעדט בלויז צוליעב דיסקוסיען, און אויב איך האב אזוי גערעט מיט אט דער נישטיגער פרוי, ביזטו אליין שולדיג אין דעם: איך מוז זיך אזוי האלטען, צוליעב דעם כדי מען זאל ניט מערקען, אז דו ביזט אייפערזיכטיג צו מיר און איך האב פאר דיר מורא!

— אדער ניט... — האט זיך טרענעיעוו איבערגעשלאגען אין געדאנק, — וועגען אייפערזוכט דארף מען ניט דערמאנען; זי קען זיך נאך באליידיגען!... אבער גאר פשוט אזוי: הער אויף איך קען מעהר ניט פארטראגען אט די אומגעלומפערטע האלטונג! פייניג מיך ניט!... שוין־זשע ווילסטו, באמת, אז איך זאל זיך ווען ניט איז דערשיסען?... טאקע דערפאר האב איך געזאגט אז איך בין איינ־שטימיג מיט נאומאוו'ן, ווייל דו האסט מיך אזוי אויסגעמאטערט אז צייטענווייז פאלט מיר אליין איין דער געדאנק זיך ארייגלאזען א קויל אין שטערען! טא הער־זשע אויף מיין טייערע, מיין ליעבע, מיין גוטע! איך האב דאך דיך ליעב.

די פרוי האט פארטגעזעצט צו לעזען ניט אויפהויבענדיג דעם קאפ, און צייטענווייז, האט זיך געדוכט, אז זי איז ווירקליך פארכאפט

פון בוד, און טראַכט אינגאַנצען ניט וועגען איהם. עפּעס האָט איהם ניט געלאָזען צוגעהן צו איהר:

טרענעיעוו האָט געפיהלט אז עס וועט זיך אנהויבען קריגען. וועט זיך גלייך ניט איבערבעטען, זי וועט איהם אַרויסציהען די נשמה, און ווידער וועט איהם אויסקומען זיך צו ערנידעריגען, בעטען ענטשולדיגונג, אַט ווי אַ פאַרשולדיגטען אינגעל. זיין אינערליכע שטאָלץ האָט זיך געבונטעוועט אין איהם.

ווארום קען איך זי ניט זעהן אַ ליידענדע. ווארום פאַרגעס איך מאָמענטאַל יעדע באַליידיגונג, ביים אויסדרוק פון דער קלענסטער צערטליכקייט פון איהר זייט. אַט האָט זי זיך צוקריעגט מיט מיר, זיצט זי זיך און לייענט, אַט ווי עס אַרט זי אינגאַנצען ניט פאַר מיר? ווירקליך, זי מוז דאָך זעהן, אז איך לייד? דאָס בעסטע וואָלט זיין אינגאַנצען ניט שענקען איהר קיין אויפמערקזאַמקייט! טאַקע דערפאַר, וואָס איך גיב צו איהרע קאַפּריזען אַזא באַדייטונג, מאַכט דאָס פון איהר אַ תל!

טרענעיעוו האָט שוין געטראַכט וועגען דעם הונדערטער מאָל און האָט זיך שטענדיג געגעבען דאָס וואָרט צו זיין אויסגעהאַלטען און איהר געבען אַ מעגליכקייט זיך איבערצו׳כעס׳ען, ניט שענקען איהר קיין אויפמערקזאַמקייט, ווי זי טוט דאָס. אָבער זיין האַרץ האָט זיך אַזוי שטאַרק צוזאַמענגעוואַקסען מיט איהר צערטליכקייט, אז ער האָט ניט געקענט אויסהאַלטען אַפּילו דעם קלענסטען מאָמענטאַלען ריס.

ער האָט שוין געמאַכט אַ באַוועגונג אנהויבען רעדען, נאָר ער האָט איינגעשלונגען די סלובע און פאַרטגעזעצט אומגעהן; דערביי האָט ער געליטען, זיך געקאָכט, געהאַסט, און צו דער זעלבער צייט שמערצליך געליעבט.

אויטאָמאַטיש האָט ער אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט און פאַררויכערט. אַ שלונג פון דעם פאַר׳שכר׳ענדען רויך האָט איהם אביסעל בארוהיגט. טרענעיעוו האָט טיעף אָפּגעזיפצט און אַ טראַכט געטאָן:

— נישקאָשע, עס וועט איבערגעהן!... ניט צום ערשטען מאָל!...

— איך בעט דיך, רויכער ניט... עס טוט מיר וועה דער קאָפּ!

— פּלוצלונג, אַזוי אונערוואַרטעט האָט דורכגעקלונגען די בייזע טרוקענע שטים פון דער פרוי, אז ער האָט אויפגעציטערט.

טרענעיעוו׳ן האָט דאָס אַרויסגעבראַכט פון זיך: ער רויכערט אַ

גאנצען טאג און זי טראגט דאס גאנץ גוט אריבער, און ווי נאר א קריעג, אזוי רויכער ניט, די קאפ טוט וועה!... צו וואס איז אט דער מאכען זיך? עס טוט איהר גאר ניט וועה דער קאפ! דאס איז גלאט אזוי זיך, אום איהם צו ערנידעריגען און דערווייזען איהר מאכט איבער איהם!

אויף א רגע האט ביי איהם אויפגעבליצט דער פארלאנג זי צו דערפרעהען און אוועקווארפען דעם סימארעט, אבער דער ווילען זי באשטראפען מיט'ן פארדרוס האבען איבערגעוועגען.

— לאז דאס איבער, איך בעט דיך! ס טוט דיר גאר ניט וועה... ווי דאס איז מאדנע. מיר ווילט זיך רויכערען. פאר וואס-זשע זאל איך דאס ניט טאן?

זי האט ניט געענטפערט און האט איבערגעקערט א זייטעל.

טרענעיעוו האט דערפיהלט אז זיין מוח קערט זיך איבער.

און וואס גרייסטו זיך אזוי? — האט ער געפרעגט, אונערוואר־טעט פאר זיך אליין.

די פרוי האט אויפגעהויבען אויף איהם א פאר אויגען פול מיט האס, און האט זיך ווידער פארגראבען אין בוך.

טרענעיעוו האט שוין ניט ארויסגעלאזען דעם פאפיראס, צוליעב עקשנות, כאטש עס האט זיך איהם שוין איבערגלוסט צו רויכערען. מיט אמאל האט זי זיך מיט רעש אופיגעהויבען, געכאפט דעם בוך און ניט קוקענדיג אויף איהם אוועק אין שלאף-צימער.

טרענעיעוו איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער. אין איהם האט אלץ געזאטען. דאס איז געווען אן אמת'ע קריעג. און פרעגט זיך פאר וואס, פאר ווען? צו פארשטעהט ער זי ניט, אדער זי איהם? אוטאמאטיש האט ער אוועקגעווארפען דעם סיגארעט, מיט א געפיהל פון ביטערער חרטה וואס ער האט דאס גלייך ניט געטאן. חרטה האבענ־דיג, האט אלעס אין איהם געבונטעוועט געגען אט דער אייביגער ערנידערונג.

די טיר פון שלאף-צימער איז געווען פארמאכט.

— גענוג, דאס מוז נעמען א סוף! איך וועל געהן צו איהר און וועל איהר גלייך זאגען, אז...

טרענעיעוו איז פלינק צו צום טיר, און האט זי א שטופ געטאן.

די טיר האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין פארשלאסן, און דאס האט געווירקט אויף איהם ווי א פאטש אין פנים.

הייסט עס אז זי איז געווען איבערצייגט אז ער וועט קומען צו־לויפען נאך איהר, און זי האט אומיסטען צוגעגרייט אט די נייע באַ־ליידיגונג! איהם איז פינסטער געווארען אין די אויגען. טרענעיעוו האט ווי א וואהנזיניגער זיך גענומען דרעהען איבער'ן צימער.

— וואס־זשע איז דאס, וואס — האט ער געפליסטערט, פאר־לארען צופיהרענדיג מיט די הענט.

און וויפיעל מאהל האט זיך שוין ווידערהאלט אט די געשיכטע! וויפיעל מאל איז ער שוין געשטאנען אט דא הינטער דער פארשלאסע־נער טיר ווי א אינגעל!

אויב אזוי, — האט טרענעיעוו געברומט, — וועלען מיר שוין זעהן!

ער איז אין ווילדער רציחה צוגעלאפען צו דער טיר, האט זי א טרייסעל געטאן.

די פרוי האט זיך ניט אפגערופען.

קלאווא עפען אויף, וואס פאר נארישקייטען?... עפען, אדער איך... עפען! שוין ניט טראכטענדיג דערפון אז עס וועלען איהר דערהערען די דינער, ניט זייענדיג אימשטאנד זיך צו באהערשען, האט טרענעיעוו געגוואלדעוועט און האט מיט דער גאנצער קראפט א קלאפ געטאן מיט'ן פוס אין טיר.

עס האט א קלונג געטאן דער שלאס, זי האט איבערגעדרעהט דעם שליסעל, אבער עפענען האט זי זיך ניט באמיהט. דאס האט גע־הייסען א נייע באליידיגונג. טרענעיעוו האט א ריס געטאן די טיר, און איז אריין אין צימער א בלאסער פון ווילדען כעס, ניט וויסענדיג אויף וואסער וועלט ער איז.

די פרוי איז געשטאנען ביים טואלעט־טישעל, און קאלט גע־קוקט אויף איהם.

נו, וואס ווילט איהר? — האט זי געפרעגט.

— איהר?... וואס האסטו זיך פארשלאסען?... וואס איז דאס אזוינס!... אום גאטעס ווילען!... וואס הערסטו זיך ניט אויף צו כעס'ען!... דאס איז דאך, באמת, שרעקליך!

זי האָט זיך קאַלט אָפּגעקערט, און זיך ווידער גענומען פאַר'ן בוך.

נו, זאָג שוין, וואָס ווילסטו פון מיר האָבען? — האָט געשריען טרענעיעוו מיט פּיין.

זי האָט זיך ניט אויסקערענדיג געדריקט מיט די פּלייצעס.

טרענעיעוו האָט א קוק געטאָן אויף אָט די רונדע ווייכע פּלייצעס, אויף דער פּראַכטפולער פריזור, און אינגאַנצען האָט זי זיך איהם מיט אַמאָל אויסגעוויזען אַזוי מיאוס און פּאַרהאַסט, אַז עס האָט זיך איהם שטאַרק פאַרגלוסט מיט אַלע כחות איהר אַראָפּלאָזען אַ פּאַטש אי־בער'ן קאָפּ.

— איך בעט דיך, זאָג־שוין!... וואָס איז דאָרט... וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען... וואָס־זשע שווייגסטו, פאַרפלוכטע! האָט טרענעיעוו אַרויסגעקריצט צווישען די ציין, און האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ.

— וואָס ווילסטו פון מיר האָבען? — האָט זי ווידערהאָלט מיט האַס.

אָט די אומגעלומפּערטע פראַגע אויף אַ פראַגע, האָט ווי פאַר־דונקעלט זיין מח. פאַר אַ ווײַלע האָט ער געשלונגען די לופט און מיט אויסגעגלאָצטע אויגען געקוקט אויף איהר. זי האָט זיך בלומרשט רוהיג צוריק גענומען לעזען.

פּלוצלונג האָט טרענעיעוו מיט קראַפט אַרויסגעריסען ביי איהר דעם בוך... זי האָט זיך אַ דערשראָקענע אָפּגערוקט און איז בלאַס גע־וואָרען. אויף אַן אויגענבליק האָט זיך באַוויזען אויף איהר געזיכט אַ קלעגליך ניט פאַרשטעהענדער, געפּייניגטער אויסדרוק, אָבער דער־זעהענדיג זיין געזיכט האָט זי זיך ווידער פאַרהאַרטעוועט, און די מורא האָט זיך אומגעביטען מיט אַן אויסדרוק פון ווילדער פּאַראַכטונג און האַס.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שווײַנערײַ... גיב מיר אָפּ מיין בוך! האָט זי קאַלט געזאָגט.

טרענעיעוו האָט נאַריש געדריקט דעם בוך צום האַרצען און ווילד געגלאָצט מיט די אויגען. אין דער מינוט האָט ער אויסגעזעהן קלעג־ליך און לעכערליך, ער האָט דאָס אַליין אויך פאַרשטאַנען. אָבער ער האָט זיך שוין ניט געקענט באַהערשען.

— אידיאָט! — האָט זי געזאָגט צווישען די ציין, און צולאַ־

בענדינג זיך מיט א געמאכטען געלעכטער, איז זי אוועק צו דער טיר.

— אין דער מינוט האט פאסירט דאס שרעקליכסטע. פארוואס טרענעיעוו האט זיך אימער אזוי שטארק געשראקען! אט די אונבעו׳רחמנות באוועגונג, אט דער געלעכטער, ווען ער האט גע־ליטען, און מיט זיין גאנצען וועזען געבעטען זי זאל איהם פארשטעהן און רחמנות האבען אויף איהם, האט פארדונקעלט זיין באוואוסטזיין מיט אן אויסברוך פון ווילדען צארן.

ער האט איהר געלאזען צוגעהן צום טיר, נאך אלץ האלטענדיג דעם בוך אין האנט, זיך טרייסלענדיג מיט׳ן גאנצען קערפער. נאר, ווי זי האט זיך נאר גלייכגילטיג גענומען פאר׳ן הענטעל פון טיר, און איהם איז קלאר געווארען, אז זי וועט אוועקגעהן אין קינדער־צימער אונטער דער שוץ פון די דינער, פאר וועלכע ער וועט זיך ניט בא־שליסען צו רעדען, און ער וועט בלייבען אליין מיט זיין אנגסט און פיין, האט טרענעיעוו א שליידער געטאן דעם בוך, האט זי דעריאגט, און האט געוואלט זי ארומנעמען, זי שטארק צודריקען צו זיך, און אויף אזא אופן זי צווינגען זיך אונטערגעבען. אבער מיט אמאל איז א צושטאנד פון האלב משוגעת האט ער מיט פארצווייפלונג און שמערצ־ליכען פארגעניגען זי א זעץ געטאן מיט׳ן פויסט אין פלייצע.

— אוי! — האט זי ארויסגעלאזען א קורצען געשריי, און ווי אן אונטערגעבראכענע א פאל געטאן אויף צוריק מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

אויגענבליקליך האט זיך זיין מח באפרייט פון א קאשמארנעם מיאום׳ען נעבעל.

— וואס האב איך געטאן! — האט זיך מיט א ווילדער פאר־צווייפלונג און גרויל דורכגעטראגען אין זיין קאפ.

ער האט דערזעהן איהר פאלשטענדיג בלוי, אויסער געוועהנליך פארענדערטען געזיכט, איהרע אויגען זענען געווען אויסגעגלאצט פון וועהטאג, אויפ׳ן פלאץ פון מויל האט זיך געשווארצט א מורא׳דיגע לאך.

— דער׳דרג׳עט!

— קלאווא, קלאווא פארגיב!... פארגיב האט ער געשריען, און האט זיך אזש צוואויינט אין אן אונערטרעגליכען אויסברוך פון רחמנות.

פאַרצווייפלונג, שאַנדע און ליעבע, אונטערכאַפּענדיג איהר פאַלענדען קערפּער.

מיט אַמאָל האָט זי זיך ווי אַ קאַץ איינגאַנצען אויסגעבויגען. איהר געזיכט האָט פאַרלאָרען יעדען מענשליכען אויסדרוק, די אויגען זענען געוואָרען דונקעל און פאַרקיילעכדיגט, די סלונע האָט גענומען רינען פון מויל... שווייגענדיג קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען, האָט זי מיטביידע הענט זיך איינגעפּלאָנטערט אין זיינע האָר. זי האָט זיך גענומען בייסען, דראַפּען און רייסענדיג זיך פון איהם, האָט זי איהם דאָך ניט אַרויסגעלאָזען פון איהרע הענט און דערביי מאָדנע ווילד געקוויטשעט.

טרענעיעוו'ן האָט זיך געדוכט אַז ער איז פון זינען אַראָפּ, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל האָט פּאַסירט עטוואָס אַזוינס וואָס איז אונמעגליך צו פאַרריכטען, און אַז אַלעס איז אויף אייביג צו ענדע.

אויגענבליקליך, ווילד, איז דורכגעפלויגען ביי איהם אַ געדאַנק, אַז ער וועט ערגעץ באַלד צופעליג דערזעהן אַ ראַזיר מעסער אונטער'ן האַנט, און אין דער זעלבער רגע האָט ער איהם דערזעהן אויפ'ן טואַ־לעטען טישעלע.

צו איהם האָט זיך נאָך דערטראָגען אַ מורא'דיגער געשריי. אַ פאַלשטענדיג וואַהנזיניגער, שמערצליך זיסער נקמה געפיהל האָט איהם אַרומגענומען, ווען ער האָט דערזעהן דער פרוי'ס אויסגעשטרעקטע הענט, דעם גרויל אין איהרע רונדע געוואָרענע בעטענדע אויגען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ראַזיר־מעסער און האָט מיט ווילדען צאָרן עס אַריינגעשניטען אין האַלז.

— אָט האָסטו דיר... אָט!... האָט זיך דורכגעטראָגען אין זיין קאָפּ, און האָט גלייך מיט אַ מורא'דיגער קלאָרקייט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ אונפאַרריכטבאַרע זאַך, אַז דאָס — איז דער טויט!

— קלאַוואַניו, איך האָב ניט געוואָלט... קלאַוואַניו! — האָט זיך איהם געדוכט, אַז ער שרייט אויפ'ן קול, אָבער אין דער ווירקליכ־קייט האָט ער בלויז אַנגעהויבען כריפּען און איז לאַנגזאַם געפאַלען אויפ'ן דיל, אַראָפּציהענדיג מיט זיך אַלעס פון טישעל. מיט אַ היל־

כיגען ליארעם האבען זיך א שאט געטאן די פלעשלעך, קעסטעלעך און פארשידענע קליינינקייטען פון דעם טואלעטען טישעלע.

ווי אזוי די פיסלעך פון טישעל זענען אויסגעוואקסען ארום זיין געזיכט, הא ער שוין ניט פארשטאנען, אבער ער האט זיך נאך קאנ־וואולסיוו געוואלט אנכאפען אין זיי און אויפשטעהן. ער איז אב־געגאנגען מיט בלוט, און מיט אן אונבאשרייבליכען גרויל געקוקט דער פרוי אין די אויגען, וועלכע האט זיך באמיהט מיט די הענט צו פאר־דריקען די שרעקליכע וואונד.

עפעס א שווארץ־געלער חשך האט זיך שנעל אנגערוקט אויף זיינע אויגען.

קלאוואניו! — האט ער אויסגעשריען אין פארצווייפלונג, אזוי אז קיינער פון די לעבעדיגע האט איהם שוין ניט געקענט הערען, ווייל ער האט געשריען פון „דארטען" פון דער שוועל פון טויט.

26.

דזשענעיעוו האט ניט באמערקט צו עס איז געווען א רעגען, אדער א ווינט, צי ער האט אימיצען באגעגענט אויפ'ן וועג, ווען ער איז געלאפען א היים. ביי איהם איז בלויז פארבליבען אן אונקלארע פאר־שטעלונג פון נאסקייט און פינסטערניש אין גאס. ערגעץ ווייט הא־בען דורכגעשוועבט פייערלעך און עס איז ביי איהם פארבליבען דער איינדרוק פון רעש און געטומעל אין די אויערען. ער איז געווען אין א צושטאנד פון א מענשען ארום וועלכען עס קומט פאר א מורא'דיגע קאטאסטראפע, און וואו אלעס ווערט פארניכטעט, בלויז ער איינער א צודולטער, פארשטיינערטער און האלב באטויבטער האט זיך קוים ארויסגעראטעוועט. די אלע איבערלעבונגען זענען געווען אזוי בלאס, פונקט ווי ביי א מענשען וועלכער האט איבערגעלעבט אן ערד־ציטער־ניש אין א פריעדליכער שטאט באגינען, ווען עס איז נאך ניט ליכטיג,

אַבער עס איז שוין אויך ניט פינסטער, ווען דאָס אַלעס וואָס פאַלט אַרום און ארום און ווערט צושטערט מאַכט דעם איינדרוק פון נעבעל־האַפטען קאָשמאַר. דאָס איז געווען אַ שרעקליכער גרויל, אַבער אַ בלאַסער און קראַנקער, ווי אַ בייזער חלום אויף דער וואַך.

ער איז ווייזט אויס געלאָפען פון דעם דאָקטאָר אַרנאַלדי'ס וואוינונג זעהר שנעל. ער איז זיכער דעם גאַנצען וועג געלאָפען, ווייל ער האָט זיך שטאַרק פאַרסאַפּעט, און געפיהלט אַז זיין האַרץ שלאָגט אין דער ברוסט, ווי אַ האַמער.

ער איז אַביסעל געקומען צו זיך בלויז אויפ'ן גאַניק פון זיין הויז, מיט אַמאָל איז ער געבליבען שטעהן אַ פאַרוואונדעטער:

אין דעם ניט פעסט צוגעמאַכטען לאַדען האָט זיך שטאַר דורכ־געלויכטען אַ שפּעלטעל. אימיצער איז געווען ביי איהם. דער ערשטער געדאַנק זיינער איז געווען נעלי, דער געדאַנק איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַן אויפגעטרייסעלטער זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן גאַניק. ער האָט זיך אַ וויילע פאַרקלערט באַמיהענדיג זיך צו פאַרשטעהן, צו עס פרעהט איהם, אָדער עס שרעקט איהם איהר צוריקקערען זיך. אין זיין נשמה האָט אַבער געהערשט אַזאַ כאַאָס, אַז דזשענעיעוו האָט זיך אַליין ניט געקענט פאַרשטעהן. ער האָט מורא געהאַט צו עפענען די טיר. זעהר נעבעלהאַפט איז דורכגעשוואומען פאַר איהם אַ משונע־נער געדאַנק אַז נעלי האָט זיך אומגעקערט אום צו באַגעהן זעלבסט־מאָרד ביי איהם אין הויז. ער האָט בלויז באַוויזען צו דערפיהלען, אַז אויב ער זאָל דערזעהן איהר טויטען קערפּער, וועט ער זיכער זיך רירען פון זינען... און מיט אַמאָל האָט ער מיט אַן אינסטינקטיווען שרעק, אַ משונע ווילדען רים געטאַן די טיר און איז אריין אין צימער.

אין דעם אונגעהויער גרויסען ארבייטס־צימער איז געווען כמעט פינסטער: בלויז אונטער דעם גרויסען לייוועגט האָט זיך געמערקט אַ שיין צוזאַמען מיט אַ גרויסען שאָטען פון אַ מענשען, וואָס איז דאָר־טען געזעסען ביים לעמפּעל. דער שאָטען האָט זיך באַוועגלאַז אויס־געליינט אויפ'ן וואַנט און האָט זיך איבערגעבויגען איבער'ן סטעליע. ביים קלאַנג פון דער געעפענטער טיר, האָט דער שאָטען זיך אַ וויג געטאַן און צוריק פאַרשטאַרבען. עס ווייזט אויס אַז דער מענש וואָס איז דאָרטען געזעסען האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, אַבער ער איז ניט אויפגעשטאַנען.

דזשענעיעוו איז אליין ניט וויסענדיג פּארוואָס, זעהר שטיל אויף די שפּיץ פינגער דורכגעגאַנגען דעם צימער און האָט אריינגעקוקט דורך דעם פינסטערען לייוועגט אין דעם באַלויכטענעם ווינקעל. דאָרטען זענען ביי איהם אַנגעוואָרפען אַלטע בילדער, לייוועגט, פאַרשטויבטע געבלומטע פאָרהאַנגען און אַלערליי אַלטוואַרג. דאָרטען איז אויך געשטאַנען אַ פּשוט׳ער קיילעכדיגער בענקעל, אויף וועלכען עס איז אימער געשטאַנען אַ קליינער קיך־לעמפּעל, וועלכען מען האָט אַנגעצונדען בלויז דאַן ווען מען האָט דאָ געמוזט עפּעס געפינען.

איצט האָט אַט דאָס לעמפּעל געברענט און נעבען דעם אויף אַ צווייטען ביינקעל איז געזעסען אַ מענש מיט אַ צושויבּערטען קאָפּ, אין אַ רויטען העמדעל, מיט שוואַרצע פיבערישע אויגען, וועלכער האָט פון אונטער׳ן שטערן געקוקט אויף דזשענעיעוו׳ן.

— ארבוזאָוו! — האָט מיט אַן אונפאַרשטענדליכער אויפרודערונג אין זיין גאַנצען וועזען אויסגעשריען דזשענעיעוו.

ארבוזאָוו האָט זיך ניט אָפּגערופען מיט קיין איינציגען קלאַנג. ער האָט זיך אפילו קיין ריהר ניט געטאָן, נאָר ער האָט אַלץ געקוקט אויף דזשענעיעוו׳ן מיט אַ פינסטערען גליענדען בליק, ווי ער וואָלט איהם וואָרנען פון עפּעס.

דזשענעיעוו איז מיט אַמאָל אַנשוויגען געוואָרען. איינינע מינוטען האָבען זיי שווייגענדיג אַנגעקוקט איינער דעם צווייטען. אין דעם שווייגען איז לאַנגזאַם אַראָפּגעפאַלען די מאַסקע פון געוועהנליכע באַציהונגען. דזשענעיעוו האָט פּלוצים מיט זיין גאַנצען וועזען דערשפּירט אַז ארבוזאָוו איז ניט געקומען גלאַט אַזוי זיך, נאָר ער האָט פאַרבאָרגען אַ שרעקליכען געדאַנק.

טאַקע אין דעם אבענט ווען דזשענעיעוו האָט זיך דערזעהן אויפ׳ן שוועל פון טיר, וואָס פיהרט אין אַ שוואַרצען תהום פון פוסטקייט, איז ארבוזאָוו׳ס אונערוואַרטעטע ערשיינונג מיט דעם אמת אויפריכטיגען און שרעקליכען פּנים, געוועזן דער לעצטער קלאַפּ נאָך וועלכען ער האָט שוין מעהר ניט געהאַט קיין קלאָרען באַוואוסטזיין וועגען זיינע האַנדלונגען, אַט ווי ער וואָלט אונטערגעפאַלען אונטער דער מאַכט פון אַן אונגעלומפּערט־גרויליכען קאָשמאַר.

אויף אַ מינוט האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט, אַז דאָס איז גאָר

ניט ארבוזאוו, און ער האָט ניט ווילענדיג דורכגעפיהרט מיט'ן האַנט איבער די אויגען, אזוי ווי ער וואָלט וועלען פאַרטרייבען פון זיך א גייסט.

ארבוזאַוו האָט זיך אלץ ניט געריהרט, און זיצענדיג ביים לעמפעל אויף זעהר א נידעריגען בענקעל האָט ער אלץ ניט אויפגעהערט איהם ערענסט צו באַטראַכטען. אין אָט דער צוזאמענגעדרעהטער אונבאַקוועמער פּאָזע איז געוועזן עטוואָס חיה'שעס און ווען דזשענעיעוו זאָל געוועזן קענען טראַכטען אָדער פיעל וועניג פאַרנעמען זאַכען אין דער מינוט, וואָלט ער פאַרשטאַנען אז ארבוזאַוו, איז איהם געקומען הרג'־ענען. ניט קיין געדאַנק, נאַר אַן אונקלאַרער געפיהל פון אָט דעם גע־דאַנק איז דורכגעפלויגען ביי איהם. דזשענעיעוו האָט א שוואַכען שמייכעל געטאָן און געפרעגט:

— דו ביסט שוין לאַנג דאָ?

ארבוזאַוו האָט ניט געענטפערט און האָט איהם ווי פריהער ווייטער אַנגעקוקט.

דזשענעיעוו איז אַפּגעטראַטען אויף א שפּאַן און האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אז דער גרויל געהט אריבער אין א בלינדען ציטערענדען כעס, ווי ביי א מענשען אין דער אנוועזענהייט פון א גיפטיגען שלאַנג.

— וואָס דאַרפסטו? — האָט ער א געשריי געטאָן.

ווען ארבוזאַוו זאָל געווען אויך דאָס מאָל איבערשווייגען, וואָלט זיך דזשענעיעוו געווען ארויפגעוואָרפען אויף איהם, זיך צושריען, אפשר א זעץ געטאָן, אָדער פון זינען אראָפּ. ארבוזאַוו האָט געענטפערט.

— גאַרניט... איך בין גלאַט אזוי זיך געקומען א קוק טאָן אויף דיר! — האָט ער געזאָגט, ניט ענדערענדיג די פּאָזע, מיט א שמייכעל פול מיט אַפענעם שפּאָט און שפּאָס.

— ווארום, און נאָך וואָס? — האָט נאָך אלץ דריקענד די פויס־טען געפרעגט דזשענעיעוו מיט א ציטער.

—אזוי. עס איז מיר טשיקאַווע! — האָט אונבאַשטימט געענט־פערט ארבוזאַוו און האָט א בלאַנק געטאָן מיט די ווייסע ציין פון אונטער די שוואַרצע וואָנצען.

— וואַרף זיך ארויס צום טייפעל! — האָט אין א נייעם אויס־ברוך פון ווילדען צאָרן אויסגעשריען דזשענעיעוו און האָט אויפגע־הויבען די האַנט.

ער האָט אויגענבליקליך פאַרשטאַנען, אַז ארבוזאָוו איז געקומען בלויז דערפאַר וואָס ליזאַ האָט זיך דערטרונקען, און בלויז צוליעב דעם, אום זיך אויסצולאַכען פון איהם.

— נו, — האָט לאַנגזאַם און דראָהענד ארויסגערעדט ארבוזאָוו, אָבער ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

דזשענעיעוו האָט מאַכטלאָז אראָפּגעלאָזען די האַנט.

— אַט אַזוי איז טאַקע בעסער! עס לוינט זיך דיר ניט שלאָגען מיט מיר!... דו זעץ זיך בעסער צו, איך וועל רעדען מיט דיר!... זעץ זיך, האָט ער אַ געשריי געטאָן! — מאַכענדיג אַן אָפּגעהאַקטע באַוועגונג.

אַט דער געשריי האָט עפּעס אויפגעוועקט אין דזשענעיעוו'ס פאַרדונקעלטער נשמה. ער האָט אָפּגעטראָטען אויסגעשטעלט די אויגען און פאַרוואָרפענדיג דעם שעהנעם בלאָסען קאָפּ אַ פאַראַכטענדען שמייכעל געטאָן.

— שריי ניט!... וועגען וואָס קען איך מיט דיר רעדען?...

דו געה בעסער אַוועק. דאָס וועט זיין פיעל בעסער און קלינער!

— קלינער? האָט ארבוזאָוו איבערגעפרעגט מיט גאַל. — ניין, ברודער!... איצט בין איך ווייט פון חכמה!... און ווי לאַנג ביזטו דאָס אליין געוואָרען אַזאַ פאַרנינפטיגער?... וועגען פאַרזיכטיגקייט, וואָלסטו בעסער געוועזן פריהער טראַכטען, איצט איז שוין צו שפּעט. איצט וויל איך ניט, ניין! — האָט ער בייז פאַרענדיגט און האָט זיך דערצו נאָך אַזוי חוצפה'דיג געחנ'ט, אַז דאָס האָט איהם גלייך צוגענעבען אַזאַ גראָבען און עזות'דיגען אויסזעהן. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ סחר'ל וואָס גרויסט זיך נאָך אַ גוטער הוליאַנקע. — איך וויל זיך דורכרעדען מיט אַ פריינד פון האַרץ צו האַרץ... אונז האָט דאָס זיך עפּעס ניט איינגעגעבען די גאַנצע צייט. מיר זענען דאָך פריינד... פריינד, אמת?

דזשענעיעוו האָט מיט פאַראַכטונג אַ דריק געטאָן מיט'ן פּלייצע.

ארבוזאָוו האָט געשוויגען אַ ווייל'ע, ווי עס זעהט אויס, געוואַרט אויף אַן ענטפער און זיין געזיכט האָט אָנגעהויבען שנעל בלאַס ווערען.

—איך ברודער, האָב שוין גענוג דערוויזען מיין פאַרנינפטיגקייט! איך בין גענוג מאָל אַוועקגעגאַנגען... שוין צייט אַז דו זאָלסט כאָטש

איין און איינציגען מאל „אוועקגעהן“ וואס ביזטו דאס פאר אזא מין גרויסער מענש, אז איך זאל דיר אפטרעטען דעם וועג?... דו ביזט פונקט אזא מענש, ווי אלע איבעריגע זינדיגע מענשען!

ער האט געשפעט גראב און נאריש, פיהלענדיג דאס איז ער נאך מעהר אין כעס געווארען.

— דו ביזט געקומען זיך קריגען? האט מיט פאראכטונג געזאגט דזשענעיעוו. גוט... אבער צו וואס אזוי גראב? דאס קומט ארויס שוין אביסעל צופיעל אויף א סוחרישען אופן! וואלסט זיך שוין בעסער אנגעהויבען שלאגען.

— דוכט מיר, אז ניט איך, נאר דו האסט געריסען זיך שלאגען. האט באמערקט ארבוזאוו. און וואס זאגסטו, אויף א סחר'ישען אופן, איז ווי זאל איך דאס אנדערש זיין, איך בין דאך ניט מעהר ווי א סחר'ס א זוהנדעל!

דזשענעיעוו האט מיט עקעל געקוקט אויף ארבוזאוו'ן וועלכער האט זיך ווי געגרייסט און איבערגענומען, און האט ווי אומיסטען אויסגעקערט זיין גאנצע נשמה אויף דער לינקער זייט, און גערעדט מיט אן אונגאטירליכער ברייטקייט אין טאן.

—נו גוט, אלץ איינס! האט באמערקט דזשענעיעוו און האט גענומען א ביינקעל און זיך געזעצט אנטקעגען איהם! — רעד, איך הער... וואס ווילסטו האבען פון מיר?

— נו, דערוויילע וועל איך דיר דאס ניט זאגען, ברודער לעבען!... האט זיך ארבוזאוו כיטרע צולאכט. — ניט וועגען מיר, וועגען דיר וויל איך רעדען!

— אלץ איינס, האט ווידערהאלט דזשענעיעוו דריקענדיג מיט די פלייצעס.

ארבוזאוו האט א לענגערע צייט פארשענד אריינגעקוקט אין זיינע אויגען.

— איך האב דיך אט וואס געוואלט פרעגען, — האט ער לאנגזאם אנגעהויבען. — ווייסטו אז דיין... טרעגולאווא, האט זיך דערטרונקען?

טרענעיעוו האט זיך געקווילעט! — האט אונערווארטעט באמערקט דזשענעיעוו זיך מאכענדיג ניט הערענדיג.

ארבוזאוו האט פארוואונדערט אויפגעהויבען דעם קאפ.

— וואס ?

— טרענעיעוו האט זיך געקוילעט, — האט דזשענעיעוו מיעד ווידערהאלט.

— אט האסטו דיר! האט ארבוזאוו געזאגט, מיט א טיעפער אונפארשטענדעניש, און האט אונטערגעכאפט! — וואס טוט זיך דאס דא מיט זיי! עס האט זיך אויפגעהויבען א מגפה! נו כאפט איהם דער טייפעל! געקוילעט איז געקוילעט... איז איין שוטה געווארען ווענינער ניט כדאי טרויערען, עס זענען נאך פארבליבען גענוג נאראנים! ניט ער ליגט מיר איצט אין זינען. אבער, אז דיינע האט זיך דערטרונקען ווייסטו ?

דזשענעיעוו איז בלאס געווארען.

— וואס ווילסטו ?... נאכוואס...

ארבוזאוו האט זיך פרעהליך צולאכט.

ווייסטו. הייסט עס יא! — נו גוט... ווי הייסט נאך וואס איך בין געקומען ?...

— מיך צו מאטערען ? האט בלאס, מיט א ביטערען פארוואורף געפרעגט דזשענעיעוו.

ארבוזאוו'ס אויגען האבען זיך צופלאקערט.

— מאטערן ? פארוואס טאקע ניט ? ווי איך האב זיך געמאטערט. ווייסטו ? האט ער שטיל געפרעגט, צורוקענדיג נאהענט צו איהם זיין געזיכט, מיט די פיבעריש פול מיט ברענענדען האס אויגען.

דזשענעיעוו האט ניט געענטפערט.

— דאס איז דאך!... אזוינע זאכען וואס געהן דיר ניט אן ? א פרעמדער וועהטאג טוט קיינעם ניט וועה ?... עס וואונדערט מיך באמת, ווי אייניגע מענשען זענען דאס איבערצייגט, אז צו זיי דארפען אלע גוט זיין, און אליין... ניין ברידער!... אט טאנץ דו איצט אבי־סעל, און איך וועל צוקוקען! דו ווייזט אוים האסט ווירקליך געדענקט דעם גאנצען לעבען דורכגעהן שפילענדיג... מיט א לייכטען טראט ? א ?... נו, וואס־זשע שווייגסטו ?

— איך האב דיר ניט וואס צו זאגען!

— גארניט ? מע... גארניט!... ווייסטו אז דו האסט געטראטען איבער לעבעדיגע מענשען?... איצט זעה איך אז דו הויבסט דאס אן צו פארשטעהן!... אזוי, אזוי!... איך ברודער לעבען האב געהערט א

קאַלאַמעקער ווערטעל, אַז דאָס גליק־בלומעל באַגיסט מען ניט מיט בלוט! דו האָסט געפּרואווט... נו וואָס... זאָג דעם אמת, האָט זיך דאָס בלימעל צובליהט, הא?

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען, האָט אַנגעהויבען אַרבוזאָוו כמעט מיט איין אויפריכטיגען טיעפען מיטלייד געפיהל, — קוק איך אַזוי אויף דיר און מיר דוכט אַז דו האָלסט שמאָל!... עס האָט דיך נישקשה'דיג אויפגעטרייסעלט. דו ביזט אַזוי אַרונטער... זעה, צו דער לויה וועסטו געהן, אַט דאָס וואָלט באמת געווען אינטערעסאַנט. — האָט ער פּלוצלונג צוגעגעבען, אַט ווי ער וואָלט שטילינקערהייט דער־לאַנגען אַ זעץ פון הינטען.

דזשענעיעוו איז אויפגעשפּרונגען.

— ווי וואַגסטו! — האָט ער מיט אַ הילכיג הויכער שטים אַ געשריי געטאָן.

אַרבוזאָוו האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ פינסטערער פרייד.

— זעה נאַר, ביזט אינגאַנצען בלאַס געוואָרען! — האָט ער ווי פאַר זיך באַמערקט. — אַך, ניט גוט, ניט גוט איז דיר!... אָבער דו זעץ זיך, זעץ זיך!

ער האָט זיצענדיג אויסגעצויגען די האַנט און לייכט אוועקגעזעצט דזשענעיעוו'ן אויף זיין אָרט.

— און דאָך טוסטו מיר אַזוי באַנג, סעריאָזשאַ, דאָס זאָג איך שוין אויפריכטיג! ווייל איך זעה, אַז דו ביזט אויסער זיך!... איך האָב דיך דאָך אַמאָל ליעב געהאַט סעריאָזשאַ! — האָט ער אונטער־וואַרטעט פאַרענדיגט מיט אַ קרענקליכען אומעט.

דזשענעיעוו האָט אויפגעציטערט.

— הער זיך איין זאַכאַר, — האָט ער אַנגעהויבען אין אַ מאַדנע איילעניש, שנעל און אויפגערעגט, איך האָב ניט געזינדיגט געגען דיר! דאָס האָט פּאַסירט אַז און פאַר זיך! איך האָב דאָן מורא'דיג גע־ליטען!... ער האָט כמעט מיט געבעט אויסגעצויגען זיין האַנט.

אַרבוזאָוו האָט אויפמערקזאַם מיט איין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ אויסגעהערט.

— דו ביזט דאָן אוועקגעפאָהרען; נעלי איז געבליבען אַליין... זי האָט מיך געבעטען אַריינקומען... דו אַליין האָסט מיך אויך געבעטען... איך האָב ניט געטראַכט דערפון, איך שווער דיר! דאָס האָט געטראָפען

אזוי אונערוואַרטעט, עס האָט זיך אָפּגעטאָן מיט אַמאָל אין איין אָבענט ווי אין אַ נעבעל!... דאָס איז געווען אַ קללה! ווען דו זאָלסט געווען וויסען, ווי טיעף עס איז דאָן געווען מיין חרטה, וואָס וואָלט איך דאָן ניט געווען אוועקגעגעבען, אַז עס זאָל קיין זאַך ניט געווען פּאַסירען! דערפאַר האָבען מיר ביידע אזוי שנעל צוריסען, ווייל דו ביזט אימער געשטאַנען צווישען אונז... איך האָב דאָס ניט געוואָלט!

— פון ווינט געקומען! — האָט מיט אַ פּיסטשענדיג קול׳כל וויך איבערגעשלאָגען ארבוזאָוו, און מיט אַמאָל האָט זיין געזיכט זיך אויסגעקרימט פון אזא מין שרעקליכער האַס-געפיהל, אַז דזשענעיעוו האָט זיך ניט ווילענדיג אָפּגערוקט.

— נו, וואָס-זשע, ביזטו אַנשווינגען געוואָרען? דערצעהל ווייטער דאָס איז טשיקאַווע! — האָט אַלץ אזוי זיס, מיט שפּאָט פאַרטגעזעצט ארבוזאָוו, — נו ווייטער!... גאַר אזוי ניט געטראַכט, גיט געוואָלט, עס איז אליין געקומען, איך האָב אליין געבעטען... נו ווייטער!... דו ביזט אַ גאַרנישט, מיט אַ נישט, און שוין. פאַר מיר דיך צו ערמאָרדען, — איז ווי צו צוקוועטשען אַ פליג, און דו... — האָט פאַרשטיקט אַרויסגעברומט ארבוזאָוו — בעטסט נאָך רחמנות... בעטסט ענטשולדיגונג!... נידערטרעכטיגער!

דזשענעיעוו׳ן האָט ניט געאַרט; ניט דאָס פלוכטען, ניט די דראָהונג. בלויז די אויסגעשטרעקטע האַנט זיינע האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזען און זיין געזיכט האָט זיך אויסגעקרימט פון פּיין.

ארבוזאָוו האָט זיך געכאַפּט.

— הער זיך איין, דו ליגסט, אַז דו האָסט ניט געוואוסט!... דו האָסט אומיסטען אזוי געטאָן!... און טאַקע דערפאַר האָסטו דאָס געטאָן, ווייל איך האָב דיך אליין געבעטען... ווייל איך בין געווען דיינער אַ פריינד!... די געוועהנליכע אויסגעלאַסענהייט, האָט דיר שוין דערעסען, און דיר האָט זיך פאַרגלוסט עטוואָס קאָמפּליצירטעס. אַ מעשה מיט פּסיכאָלאָגיע!... אָט איז די כלה פון מיין בעסטען פריינד, וועלכער האָט זי מיר אליין פאַרטרויעט, ווייל ער האָט מיר געגלויבט ווי זיך אליין... זי האָט איהם ליעב און קוקט אפילו ניט אויף מיר... אָבער איך וועל אייך שוין ווייזען, ווי אויף מיר ניט צו קוקען! ווייס

איך וואָס, א סחר'ס א זוהנדעל, אזא שטיק נאַרנישט און איהם האָט זיך אויך פאַרוואָלט גליק!... און וואו בין איך? א טאַלאַנט, א שעהנהייט, א חכם, אלץ דאַרף באַלאַנגען צו מיר, און פאַר אייך איז גענוג די ברעקלעך!... איך דאַרף בלויז וועלען, איך דאַרף בלויז מיין א שפּרונג איינס, צוויי דריי!... און פערטיג!... דו האָסט אפשר ווירקליך געפיהלט אַן אויסערגעוועהנליכען פאַרגעניגען, ווען דו האָסט זי א פאַרלאָרענע, אַן אַראָפּגעפיהרטע פון וועג גענומען!... דו האָסט ניט וועגען איהר, נאָר וועגען מיר געטראַכט, ווען דו האָסט זי אויס־געטאָן: ער, דער נאַר, ליעבט ערגעץ דאָרטען, פאַרגעטערט זי, און גלויבט. און אָט וואוהין איך וועל פאַרשטופּען זיין ליעבע, זיין גלויבען, זיין ערליכע פאַרגעטערונג, אָט וואוהין!... דו ביזט אפשר פון דעם געדאַנק אינגאַנצען ווילד געוואָרען!...

— זאָכאַר דאָס איז ניט אזוי, ניט דאָס! — האָט אויסגעשריען דזשענעיעוו אין פאַרצווייפלונג.

— שווייג! אזוי!... איך זעה דיך אויף דורך און דורך!... איך האָב זיך צו דיר לאַנג צוגעקוקט, און איצט האָב איך דיין גאַנצע נשמה אויף מיין דאַלאָני!... וואָס ביזטו? דו ביזט געקומען אויף דער וועלט א באַפּוצטער, ניט ווי מיר — די גרויע אַלטעגליכע!... א טאַלאַנט, א שעהנהייט, איין איידעלע נשמה! אן אויבער מענש! ווער האָט דאָס פּראָקלאַמירט, אז בלויז פאַר א חיה איז גענוג איין „זי“, אדער א מענש, א מענש, דאַרף אַלע פרויען... דו!... זי האָסטו שוין ווירקליך געהאַלטען פאַר א מענשען, ניט ווי אַלע איבעריגע!... דו האָסט גע־דענקט, אז אין פאַרגלייך מיט דיין פּראַכט איז אלץ גאַרניט!... דו האָסט געדענקט, אז אזוינעם, ווי דו, איז אלץ ערלויבט!... אז די גאַנ־צע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען בלויז צוליעב דיין פאַרגעניגען. דיר איז אפילו ניט איינגעפאַלען, אז פון אָט דער פּראַכט דיינער, ווייגען מענשען מיט בלוטיגע טרערען!... און ווירקליך אויב דו האָסט נאָר געקענט אביסעלע זיך לוסטיג מאַכען, טו וואָס איז זיך דאָרטען צו רעכענען מיט א צווייטענס ליידען. עפּעס א קלייניגקייט איין אויי־בער־מענש. דער צווייטער דאַרף אָט די ליידען אננעמען פאַר'ן גרעס־טען גליק! ניט אמת!... אָבער ביזט פּונקט אזא מענש, ווי אַלע אַנדע־רע!... דאָס ליעבען האָט דיך צוזאַמענגעדרעהט!... איבער ליעבעריגע הערצער קען קיינער ניט וואַגען צו געהן אונבאַשטראָפט! ווייסטו

דאס!... יא, איצט ווייטסו שוין!

דזשענעיעוו האט שווייגענדיק באוועגט מיט די ציטערדיגע ליפּען און האט אויסגעשטרעקט צו איהם די האנט. ארבוזאוו האט זי גראָב אפּגעשלײַדערט.

— זאכאר!

— וואס — זאכאר?... צו שפּעט ברודער!... דו האסט מיר צו־בראָכען און פארשפּיגען מיין גאנצע נשמה, און איצט קומסטו, זא־כאר!... — זאכאר!

— און איצט בעטסטו זיך רחמים? עס האט דיך צוזאמענגע־בראָכען?... האסט ניט אויסגעהאלטען? אבער עס איז צו שפּעט זאג איך!...

ארבוזאוו האט א קוק געטאן דזשענעיעוו'ן אין פּנים אריין און איז מיט אמאל אנטשוויגען געווארען. דער געזיכט זיינער האט אויס־געדריקט אן איבערמענשליכע אנגסט און פּיין.

עס איז געווען שטיל א ווײַלע. ארבוזאוו האט פון אונטער'ן שטע־רען געקוקט אויף דזשענעיעוו'ן, און איבער זיין געזיכט פון די אויגען צו די ליפּען איז אומגעלאָפען א קאנוואולסיווער ציטער. אין איהם איז פארגעקומען א שמערצליכער קאמף.

— פארגיב! האט ארויסגערעדט דזשענעיעוו און האט איהם אנגענומען פאר'ן האנט.

ארבוזאוו האט אויפגעציטערט און האט זיך אויסגעריסען.

דזשענעיעוו האט אראפּגעלאזען דעם קאפּ.

— אט דאס איז דאס... — האט אונפארשטענדליך, צו מיט רחמנות, צו מיט נקמה ארויסגערעדט ארבוזאוו. — מען האט דאס באדארפט ערווארטען!

דזשענעיעוו האט נאך נידעריגער איינגעבויגען זיין קאפּ.

— הער אויס, — האט ווידער אנגעהויבען ארבוזאוו, איך וועל דיר דערצעהלען וועגען איינעם א פראקוראר...

ער איז, ווײַזט אויס געווען אויסער זיך, און האט זיך ניט אפּ־געגעבען קיין דין וחשבון, וואס און צוליעב וואס ער רעדט.

— הער... ווען איך בין נאך געווען א קליינער אינגעל, האט אין אונזער שטעדטעל געוואוינט א געהילף פּראקוראר. איך געדענק איהם, ווי דורך א חלום... א קליין געוויקסיגער, א טרוקענער מענ־

שעלע מיט א געזיכט ווי פון פאפיר... מיט איין ווארט א פראקוראר!...
אזוי פלעגט מען איהם ביי אונז רופען, — דער פראקוראר. געלעבט
האט ער ווי אלע, געדינט, אונטערגעטרונקען, געשפּיעלט אין קאר־
טען, אמאל געהוליעט. מיין פאטער האט א סך דערצעהלט וועגען איהם.
דאס איז געווען א געבילדעטער און באלעזענער מענש, ווער עס האט
אין דער הינזיכט ניט געהאט קיין גלייכען ביי אונז אין שטעדטעל. ער
איז געווען א קלוגער, אבער פון יענע קלוגע, וועלכע גלויבען בלויז אין זיך
אליין, און באציהען זיך מיט פאראכטונג צו אלע איבעריגע. פאר איין
שטריך זיינעם האבען אלע ארומיגע איהם ניט ליעב געהאט, געפיהלט
א מורא, און דאך רעספּעקטירט: וועגען וואס, ווען און וועמען מען
זאל ניט געווען רעדען אין זיין אנוועזענהייט, פלעגט דער פראקוראר
אונבאדינגט אריינווארפען א פּאר ווערטער, און אימער דאן ווען מען
פלעגט רעדען וועגען עטוואס גוטעס, למשל לויבען פאר א וואוילטעטי־
גער האנדלונג... ער פלעגט זיך א זאג טאן א ווארט, און אפילו קיין
שמייכעל ניט טאן דערביי, און דוכט זיך, אז ער האט גארניט געזאגט
אזוינס, אבער נאך אט דעם ווארט פלעגט די איידעלע האנדלונג ווי
אונטערגענעצט ווערען און לאזען אזא מיאוס'ען נאכרויך... אט אזוי
פלעגט ער זיך שפּיעלען אויף זיין אייגענעם שטייגער, און קיינער
האט זיכער ניט פארשטאנען, אז דאס טוט ער פון שטאלץ, אום אלעם
צו ערנידעריגען, וואס האט זיך געוואגט אויפהויבען איבער איהם!...
ער האט פארמאגט א מאדנע אייגענשאפט: איין מאל אדער צוויי מאל
אין א יאהר, אפשר זעלטענער, האט ער געמאכט א שרעקליכען יום־
טוב אויף וועלכען עס האבען געהערשט שכרות, אויסגעלאסענהייט,
מיט פארשידענע אומגעלומפּערטע מיאוסקייטען; דא זענען געווען
מיידלעך, טראיקעס: מען פלעגט ברעכען די שפּיגלען, דאס געפעס
און שמירען דעם עולם מיט האַרציצי די מאָרדעס. ער פלעגט אנ־
מאכען אזא מיאוס'ן חורבן אז א פאר מאנאטען נאכאנאנד פלעגט מען
איהם אויסמיידען... און ער, ווי עס וואלט גארניט פּאסירט, געהט
ווידער אום פונקט אזוי טרוקען און אנשטענדיג ווי פריהער, ער איז ווי
פריהער העפליך צו אלעמען, שפּיעלט אין קארטען, און פארשטענד־
ליך, אז די מעשה פלעגט מיט דער צייט פארגעסען ווערען, און אלע
האבען איהם צוריק גענומען רעספּעקטירען. בלויז זיין שפּאטישער
שמייכעל פלעגט נאך בייזער ווערען: — אט האב איך זיך צושפּילעט

פאר אייך ביז'ן לעצטען קנעבעל, מיט דער נאנצער מיאוסקייט ווי אויף דער דאלאני, פאר אייך ארויסגעלייגט און איהר — גארניט! איהר האט אויפגעפרעסען!... ער פלעגט זיך איבערנעמען! דער באליעב־סטער נומער זיינער איז אט די ארויסטרעטונגען איז געווען אט וואס: ער פלעגט אויסקלייבען פון די גאסען מיידלעך, איינע א שטילערע, וואס איז געווען פון די אדעליגע, פון נויט געטריבען אויף דעם וועג, וואס הוליעט נאך ניט לאנג, וואס שעמט זיך נאך, באליידיגט זיך. און האפט נאך יעדען טאג זיך ארויסצורייסען פון דער בלאטע... באַ־מערקט ער נאר אזוינע, הויבט ער אן אזוי ווייך דעליקאט, פרעגט אלעס אויס ביי איהר, פיהלט מיט, לאסטשעט זי צו, גלויבט אין אלעס, וואס זי דערצעהלט און פון מיטלייד פארלירט ער אזש א טרער. און שלאגט איהר גלייך אויפ'ן ארט פאר זיין הילף; ער זאגט איהר צו צוהעלפען, ארויסגעהן אויף אן עהרליכען וועג... אזוי ריהרט ער זי ביז די טיפסטע טיפעניששען פון איהר וועזען. און זי קוקט שוין אויף איהם, ווי אויף א רעטער, וואס גאט אליין האט איהר צוגעשיקט, און זי איז גרייט אייביג פאר איהם גאט בעטען. אבער דא ווייזט ער זיין אמת'ן געזיכט... דער טאטע דערצעהלט, אז אין אזוינע מינו־טען פלעגט זיך אפילו זיין אויסערליכער אויסזעהן בייטען: די באקען פלעגען איינפאלען, די שלייפען איינגעשרומפט ווערען, די ליפען פלע־גען זיך צועפענען און עס פלעגען זיך ארויסווייזען די קליינע ציינד־לעך... דאס איז שוין ניט געווען מעהר קיין מענש, נאר א חיה!... און ער הויבט אן אזוי ווייך מיט אזוי פיעל מיטלייד, אז דאס נייע לעבען כלומרשט, וועט זיך אנהויבען — פון מארגען. ער וועט איהר אין אלץ ארויסהעלפען זיך איינארדנען, אבער היינט, זאל זי נאך צום לעצטען מאל זינדיגען... און דאס טוט ער אזוי ווייך אונבאמערקבאר, אז דאס מיידעל, באטש עס קומט אזוי אונערוואַרטעט, נאך אזוינע הארציגע שמועסען דענקט דאך, אז דאס איז ווי עס געהער צו זיין. און זי טוט דאס אפשר מיט א באזונדערן פארגעניגען... אום פון גאנ־צען הארצען אפדאנקען איהר ערלייזער! נו פיהרט ער זי אוועק אין א באזונדער צימער, און אין א פערטעל שטונדע ארום שרייט זי שוין מיט ווילדע קלות, וויינט און רופט נאך הילף. וואס ער האט דאר־טען געטאן מיט זיי ווייס איך ניט, אבער מען דערצעהלט, אז ער האט זיי מורא'דיג געפייניגט און געשלאגען אויפ'ן ווילדסטען אופן!... און

דערנאָך, אין אַ אונמעגליכען צושטאַנד, אַ ערנידעריגטע און פאַר־שפּיגענע ביז דער לעצטער שטופע, פלעגט ער זי אַרויסשטופּען אין דעם אַלגעמיינעם גאַסט־צימער אום לוסטיג צו מאַכען די איבעריגע זיינע חברים!... ער פלעגט דאָס מאַכען אַזוי קונציג, אַז דאָס מיידעל פלעגט אַרומגעהן ווי אַ האַלב משוגענע, זיך שרעקען פאַר מענשען, און געוועהנליך זיך שוין אונבאַדינגט אַראָפּלאָזען אויפ'ן סאַמען אָפּ־גרונד! און דער פּראָקוראָר פלעגט זיך אומגעהן אַ ריינינקער, אַ צו־פרידענער. ער האָט זיך ווי געפרעהט דערפון, וואָס ער האָט באַשפּי־גען און צוטראָטען מיט די פיס דאָס הייליגסטע! עס האָט אַפילו געטראָפען אַז איינע פון די מיידלעך האָט זיך אויפגעהאַנגען נאָך אַזאַ מעשה. דעם פּראָצעס האָט מען געוועהנליך דערשטיקט, ווייל עס איז דאָך עפּעס אַ פּראָקוראָר...

— צו וואָס דערצעהלסטו דאָס מיר? האָט מיט פּיין געפרעגט דזשענעיעוו.

— אפשר גלאַט אַזוי זיך! — האָט פאַרטראַכט געזאָגט אַר־בּוזאָוו. און אפשר... איך וויים ניט... מיר איז אַזוי מאַדנע אַרויפגע־שוואומען אויפ'ן זכרון דער פּראָקוראָר די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָ אַליין געזעסען. האָב איך פון איהם געטראַכט, מעגליך אַז דער־פאַר... וואָרט איך וועל ענדיגען. עס האָט אַזוי פּאַסירט, אַז... ניט דאָן ווען יענע מיידעל האָט זיך אויפגעהאַנגען, נאָר פיעל שפּעטער... האָט זיך דער פּראָקוראָר מיט אַמאָל פאַרביינקט און פאַרטרויערט... ער האָט אויפגעהערט טרינקען, און מען האָט עפּעס זעהר לאַנג ניט געזעהן פון איהם קיינע קונצען. אַזוי איז ער אומגעגאַנגען, אומגע־גאַנגען און מיט אַמאָל געמאַכט אַ פאַרשלאַג איין פריילין... מען האָט איהם ענטזאָגט... די עלטערען האָבען אייגענטליך גאָר ניט געהאַט דאָ־געגען, אָבער די פריילין האָט זיך ענטזאָגט!... דער פּראָקוראָר איז נאָך פינסטערער, נאָך טריבּער געוואָרען. ער האָט געטראַכט, גע־טראַכט און דערנאָך גענומען צו זיך צו ערציהען אַ 16 יעהריגע יתומה... ער האָט זי באַשאַנקען מיט זאַכען, געצערטעלט און זי איז דאָך אַנט־לאָפען! דערנאָך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער האָט געפונען איינע פון יענע מיידלעך, וועלכע ער האָט אַמאָל געפּייניגט, און האָט איהר פאַרגעשלאָגען צו חתונה האָבען מיט איהם. פון אָנפאַנג האָט זי צוגעשטימט און דערנאָך האָט זי גענומען שפּעטען איבער איהם

און פאר אלעמען אין די אויגען איהם אויסגעפאטשט און ארויסגע־
שטופט !... אין פארצווייפלונג האט דער פראקוראר אנגעהויבען צו
זוכען פריינד. ער איז געווארען אזוי ליעבליך, אלעמען געליובט און
געגריכט... אבער אלע זענען פון איהם אנטלאפען, ווי פון א מגפה...
ער האט זיך גענומען ווארפען אין אלע זייטען !... שלעכט איז איהם
געווארען !... איינמאל איז ער געפאהרען פון אן אונטערזוכונג פאר־
ביי אונזער מאנאסטיר... ביי אונז איז דא עפעס א פארווארפענער
מאנאסטירל... אהן הייליגע ביינער, אהן הייליגע בילדער וואס טוען
אויף וואונדער. אבער דער מאנאסטיר פארמאגט אונטערערדישע קע־
לערס, וואס זענען אויסגעמאכט געווארען אין די קרייד בערג...
וואס ער האט געטראכט און געפיהלט פארביי פאהרענדיג דעם מא־
נאסטיר, איז אונבאקאנט. ער האט בלויז אפגעשטעלט דעם פערד
און איז אוועק צום הויפט אויפזעהער פון מאנאסטיר, האט איבער־
גערעדט מיט איהם, און אומקערענדיג זיך אין שטאדט האט ער רעזיג־
נירט פון זיין שטעלע, איבערגעגעבען זיין ארבייט און איז אוועק פאר
א מאנאך... ער האט שנעל דורכגעמאכט אלע נויטיגע שטאנדען, און
איז געווארען א מאנאך. ער האט זיך אויסגעגראבען א הויל אין דעם
טיפסטען פלאץ פון דער פעשטשערע (קעלער). אין איהר האט ער אפ־
געלעבט אין פאלשטענדיגען שווייגען גאנצע זיבעצעהן יאהר. פאר דער
צייט האט ער מיט קיינעם ניט אויסגערעדט קיין ווארט, אויך איז
ערגעץ ניט ארויס געגאנגען אדער ארויסגעפאהרען, אויסער דעם, וואס
מאר'ן טויט האט ער צו זיך ארייגגערופען דעם הייליגען אויפזעהער
פון מאנאסטיר, און האט איהם געבעטען, אז שטארבען זאל מען
איהם איבערטראגען אין אן אנדער פלאץ, ווייל פון דאנענט, וועט
זיין צו שווער פאר די מאנאכען צו שלעפען די טרונע.

ארבוזאוו איז אנטשוויגען געווארען.

דזשענעיעוו האט געקוקט אויף איהם, און אלץ שטארקער איז
געוואקסען אין איהם דער געפיהל פון אנגסט און פיין.

— וואס ווילסטו דערמיט זאגען ? — האט ער נערוועז געפרעגט.

ארבוזאוו האט אויסגעדרעהט צו איהם זיין בלאסען, טריבען
פנים, וועלכער איז געווען פארזינקען אין טיעפע אינערליכע סודות,
אזוי אז ער האט אליין אויך פארגעסען צו וואס ער האט אנגעהויבען
דערציילען. זיין בליק האט געקוקט אזוי ווייך, אזוי טרויעריג.

היינטיגען יאהר בין איך פארפאהרען אין אט דעם מאנאסטיר, האט ער ווידער אנגעהויבען, ניט דערהערענדיג די פראגע, איך בין אוועק צווישען די היילען, כ'האב געגעבען א מאנאך אויף טעה ער זאל מיך איבערלאזען אליין אין דעם פראקוראָרס הייל. ביי א דריי שטונדען האב איך אליין פארבראכט אין אט דעם הייל. די הייל איז א קליינינקע, זי איז אויסגעהאקט געווארען דירעקט אין שפיץ בארג. דארטען הייגנט א גרויס הייליג בילד אין דונקעל קולירען און עס ברענט א ליכט. קיין פענסטער זענען דארטען ניטא, בלויז א קליינער שפאלט איז דורכגעהאקט אין שטיין, אבער אזוינער אז זעהן קען מען דורך איהם גארניט. די לופט איז דארטען מורא'דיג שווער. די ערשטע האלבע שטונדע איז מיר געווען טשיקאווע... עס איז קיינער ניטא. זיצסט אליין און קוקסט ווי עס ברענט די ליכט... דער נאך איז מיר אזוי שווער און לאנגווייליג געווארען... עפעס האט מיך ארומגעכאפט א טויט אומעט. דאס גאנצע מיאוסקייט פון לעבען האט דא געשוועבט, אט ווי עס וואלט ארויפגעשוואומען פון אויבען... עס איז מיר געווארען פאסקודנע! דאך בין איך געזעסען און ניט אוועקגעגאנגען. אט די שטילקייט האט זיך גענומען איינעסען אין מיר: די געדאנקען האבען זיך גענומען ציהען אזוי מאדנע לאנגזאם און טיעף... דאס גאנצע לעבען איז ערגעץ וואו אנטרונען געווארען, די ערינורינגען האבען זיך אפגעווישט, בלאס געווארען... מען דארף גארניט, עס טראכט זיך אויך ניט, בלויז די ליכט ברענט פאר די אויגען, און די געזיכטער פון די הייליגען בילדער רירען זיך, איך בין ווי ארייגעפאלען אין א באוואוסטלאזען צושטאנד... מיט אמאל האב איך דערפיהלט מיט מיין גאנצען הארצען אז מען קען דאס... אויסזיצען איינער אליין אונטער דער ערד זיעבענצעהן יאהר. ווייל די נשמה לעבט אליין, און שאפט אליין פאר זיך א לעבען... אלץ וואס איז פריער געווען אזוי אונבאדינגט נויטיג און שמערצליך, האט מיט אמאל, ווי אויף צו־להכעיס זיך פארוואנדעלט אין א פארוויילונג, אין וועלכער דו פיהלסט ניט מעהר קיין שום באדערפעניש. דארטען האט זיך עפעס אזוי קלאר דערפיהלט, אז דאס לעבען איז ניט אין דעם, וואס מענשען געהען אום, מען רעדט, עס טומעלט זיך ארום, נאר אין דער נשמה אליין, אין איהר אייגענעם פינטעלע. און אט דאס פינטעלע, איז אונגעהויער גרויס, אין זיך לעבט דאס, מיט זיך איז דאס פול. ווען

עס איז געקומען דער מאַנאַד, האָט זיך ניט געגלוסט אַרויסגעהן!... אַז איך בין אַרויס אויף גאָט'ס וועלט, דערזעהן די זון, האָט מיר אַלץ אַזוי מאָדנע אויסגעזעהן. זאַכען און מענשען האָבען אויסגעזעהן ניט ווי קיין ווירקליכע, אמת'דיגע, נאָר ווי אויסגעמאָלענע אויף פּאַפּיר... די שטימען, געזיכטער, האָבען מיר אויסגעזעהן ווי קאַרדאָנענע... אפילו די זון האָט געשיינט טרוקען ווי אַן אויסגעמאָלענע!... דערנאָך האָב איך מורא'דיג גע'שכור'ט... האָט אונערוואַרטעט פאַרענדיגט אַרבוזאָוו און איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרען.

דזשענעיעוו האָט באַוועגלאַן געקוקט אויף איהם.

— און ווייסטו,—האָט ווידער אַנגעהויבען אַרבוזאָוו זעהר שטיל:
— עס געהט מיר ניט אַרויס פון זינען אָט דער הויל!.. איך האָב אַי געטרונקען, אַי מיאוס געהאַנדעלט, ווי אויך געליעבט, און געהאַסט, און די הייל איז אַלץ געשטאַנען און שטעהט אויך איצט פאַר מיינע אויגען!.. אָט ווי דאָס גאַנצע לעבען מיינס, מיט אַלע שטרעבונגען וואָלט געווען בלויז איין באַוועגליך לעבעדיג בילד אויף'ן לייווענט. אָבער דאָס אמת'ע לעבען מיינס געפינט זיך טאַקע דאָרטען אונטער דער ערד, אין יענעם פינטעלע, וועלכע איז ביי יעדען איינעם באַהאַלטען אין די סאַמע טיעפענישען פון דער נשמה, וואוהין דאָס לעבען קומט אין גאַנצען ניט צו... איך וועל אַוועק פאַר אַ מאָנאַד, סעריעזשאַ!
— האָט פלוצלינג צוגעגעבען אַרבוזאָוו, און זיין געזיכט איז פינסטערער געוואָרען.
דזשענעיעוו האָט אויפגעציטערט.
— הו קוק ניט דערויף, — סעריעזשאַ, וואָס איך האָב דאָ געשריהען אויף דיר און געדראָהט... — האָט טרויעריג געזאָגט אַרבוזאָוו, — דאָס האָב איך פון צרות, פון פיין... ווייל מיר איז אַזוי שרעקליך שווער געוואָרען!.. איך האָב זיך היינט אויף אייביג געזעגנט מיט נעלי'ן, סעריעזשאַ!
דזשענעיעוו האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.
— יאָ, אָבער זי האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז היינט פאָהרט זי מיט דיר אַוועק אויף'ן פאַבריק! — האָט ער אויסגעשריהען.
אַרבוזאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנט.
— ניין... אונמעגליך... אונמעגליך!

דזשענעיעוו האָט לאַנג, שווייגענדיג, מיט רחמנות און טרויער געקוקט אויף איהם.

— הער זיך איין, האָט דזשענעיעוו שטיל און פאַרזיכטיג געפרעגט, — שוין־זשע, קענסטו ניט פאַרגעסען און פאַרגעבען?

אַרבוזאָוו האָט לאַנגזאַם און טריב א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— אין די הייליגע שריפטען שרייבט מען זעהר גוט וועגען פאַרגעבונג, אָבער אין די ווירקליכקייט — פאַרגעבען, מיינט זיך ניט רעכענען!.. ניט צוגעבען קיין באַדייטונג!..

דזשענעיעוו האָט איבערגעשוויגען. אויף זיין געזיכט האָבען זיך קלאָר געמערקט די קנייטשען פון שאַרפען אינרעליכען וועהטאָג און קאַמף.

— זאָכאַר, אָבער דאָס איז דאָך גרויזאַם! מיר איז שווער דערפון צו רעדען, אָבער נעלי איז דאָך ניט שולדיג, בלויז איך, איך אַליין בין שולדיג... זי האָט פּשוט געמאַכט א טעות!

אַרבוזאָוו האָט א שפּאָטישען שמייכעל געטאָן.

— איך פאַרשטעה דיך ניט, — האָט מיט אַנגסט פאַרגעזעצט דזשענעיעוו, וואָלסטו זיך דאָך געקענט פאַרליעבען אין א פאַרהייראַטער פרוי... אָדער אין אַן אַלמנה!

אין אַן אַלמנה, — האָט מאַדנע ווידערהאָלט אַרבוזאָוו, און האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען ווי ער וואָלט אין זיי באַהאַלטען עטוואָס, וואָס איז דורכגעפלויגען אין זיין קאָפּ.

— וואָס איז דען? — האָט געפרעגט דזשענעיעוו פאַרוואונדערט, און פלוצלונג איז דורכגעשוואומען ביי איהם א קאָשמאַרער געדאַנק.

— זאָכאַר, — האָט ער אויסגעשריהען, איהם אָנכאַפּענדיג פאַר'ן האַנט.

אַרבוזאָוו האָט ניט געענטפערט.

— האָסטו טאַקע... באמת? האָט שטיל געפרעגט דזשענעיעוו.

אַרבוזאָוו האָט געשוויגען און האָט אַלץ אַזוי מאַדנע געקרימט מיט די אויגען.

דזשענעיעוו איז אויך אַנטשוויגען געוואָרען.

אין צימער האָט געהערשט א שרעקליכע שטילקייט.

עס ווייזט אויס אַז דער רעגען האָט אויפגעהערט און דער ווינט

דאַט זיך אויך איינגעשטילט. ווייל פון דרויסען האט זיך ניט דער־טראָגען קיין איין און איינציגער קלאַנג.

שטאַר האט געברענט דאַס לעמפּעל: אויפ׳ן וואַנט זענען באַ־וועגלאַז געזעסען צוויי שאָטענס, מיט צוויי גרויסע שוואַרצע קעפּ. עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, און די טויבע שטילקייט פון דער נאַכט איז דורכגעדרינגען דורך די ווענט.

— איך וועל דיר אַלעס דערצעהלען — האט מיט אַמאָל הויך אַנגעהויבען ארבוזאָוו, ניט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ. — אפשר רעד איך מיט דיר צום לעצטען מאָל, אַזוי אַז עס איז שוין אַלץ איינס!.. איך האָב דיך געוואָלט ערמאָרדען... איך וואָלט דאָס געטאָן, ווען ניט יענער אָפּיצער אווגוסטאָוו... ער האט דיך געראַטעוועט!.. עס האט זיך ארויסגעוויזען אַז צו ערמאָרדען א מענשען איז גאָר ניט אַזוי לייכט!.. ער שטעהט מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג פאַר די אויגען!.. נו, וואָס איז דאָ צו רעדען! עס איז אַזוי שווער!.. אַט!.. בין איך צו דיר היינט געקומען מיט׳ן זעלבען צוועק... אָבער ניין — איך קען ניט!.. ווען איך זעה דיך ניט, דוכט זיך מיר, אַז איך קען... עס דוכט מיר, אַז די גאַנצע זאַך איז אַזוי איינפאַך, אַט קום איך און דערלאַנג דיר איבער׳ן קאָפּ מיט וואָס עס איז געקומען צום האַנט!... אַזוי נוגט און ברענט! דערזעה איך דיך נאָר — קען איך שוין ניט מעהר... עס הויבט זיך ניט די האַנט. ערמאָרדען בין איך ניט אימשטאַנד און פאַרגעבען קען איך אויך ניט!... אַט דאָס איז מיאוס!...

ארבוזאָוו האט פאַרצווייפעלט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי אַן אַקס וואָס האט זיך פאַרפּלאָנטערט אין געשפּאַן.

— שויז־זשע ביזטו ביז אַזאַ שטופּע... — האט אַנגעהויבען דזשענעיעוו.

— וואָס ביז אַזאַ?.. איך, ברודער, בין פון די, וואָס ווייסען ניט פון האַלבע האַנדלונגען אין קיין זאַך: אויב איך וועל זיך גוט פאַר־טראַכטען, וועל איך, מעגליך, אויך אַז אמת׳ן אַוועק אין א מאַנאַס־טיר, ווען איך האָס, מוז איך ערמאָרדען, אויב איך ליעב, אָבער, איז דאָס שוין אויף אייביג ביז׳ן טויט... אַט!.. אין דעם איז מיין אומ־גליק, וואָס איך ליעב דיך און האָס דיך צוזאַמען!.. מיט וואָס האָסטו מיך צוגעבונדען, ווייסט בלויז איין גאָט דעם אמת!.. וואָלט איך דיך בלויז געליעבט, וואָלט איך שוין לאַנג פאַרגעסען אין דער מעשה און

וואָלט פאַרגעבען, וואָלט איך דיך בלויז געהאַסט, וואָלט איך שוין לאַנג דיך דער׳הרג׳ט ווי א הונט !..

— אָבער דאָס אַלעס איז פאַראיבער... האָט אין א שמערצליכער מאַכטלאָזיגקייט, ארויסגעמורמעלט דזשעגעיעוו.

—פאַראיבער ?.. וואָס איז פאַראיבער ?.. ווייסטו, אַז נעלי האָט דיך נאָך איצט אויך ליעב !

— וואָס רעדסטו, זאַכאַר !

— איך זאָג אַן אמת ! — האָט עקשן׳דיג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ ארבוזאָוו.

— נעלי האָט דיך ליעב !... דיך !... און האָט אימער בלויז דיך אליין געליעבט. אפילו דאַן, ווען זי איז געוועזן מיט מיר... — האָט געזאָגט דזשעניעוו.

— רעד ניט !... מען דאַרף ניט !

דזשעניעוו איז ניט ווילענדיג אַנטשוויגען געוואָרען.

— דענקסטו אַז איך בין נאַרישער פון דיר, — האָט טריב און שפּאָטיש אָנגעהויבען ארבוזאָוו. — איך ווייס אַליין אַז זי ליעבט, אָבער וואָס ווערט דערפון !...

— ווי, הייסט וואָס ?

— אזוי... יעדע פרוי, ברודער, באַזיצט אַזאַ סוד.

— וואָס פאַר א סוד ?

— אָט דאָס איז דער סוד ; אַז וועמען א פרוי האָט זיך צום ערשטען מאָל אוועקגעגעבען, דעם וועט זי שוין קיינמאָל ניט פאַרגעסען. זי קען איהם אוועקוואַרפען, זיך פאַרליעבען אין אַן אַנדערען, איהם זאָגאָר אָנהויבען האַסען, אָבער פאַרגעסען וועט זי ניט !... און עס איז גענוג פאַר יענעם בלויז א ווינק צו טאָן צו איהר מיט א פינגער, אַז זי זאָל אַלץ פאַרגעסען, און ווידער קומען צו איהם !... דאָס איז אויך ווייל דעם ערשטען מאָל ברענגט זי אַלעס פאַר א קרבן... דאָס גאַנצע לעבען ברעכט זיך... דאָ שטעלט זיך אַלץ אין קאַן : די חרפּה, די מורא, די ריינקייט, — אַלץ, אַלץ !... צום צווייטען מאָל קען זי שוין דאָס ניט איבערלעבען, ניט מיט׳ן גוף און ניט מיט דער נשמה !... ווייל די נאַטור האָט באַשאַנקען דעם מענשען בלויז מיט איין געפיהל פאַר יעדען פאַל, און צוויי מאָל ווידערהאָלט זיך ניט איינע און דיזעלבע זאַך !... דאַרטען וואו עס טרעפט יאָ, דאַרטען הייסט עס איז נאָר

אײנגאַנצען קײן געפיהל ניט געװען, נאָר בלױז אײן שװײנערײ!.... װאַהרשײנליך װען איך זאָל נעלי'ן װײניגער ליעבען, װאָלט איך ניט געטראַכט דערפון... װי דו האָסט ניט געטראַכט!... אָבער איך גיב דאָך איהר אַלץ אװעק... טאַ װי זשע װעל איך לעבען. װען יעדע רגע, איז דער צײט פון הײסער לײדענשאַפט און צערטליכקײט, װעט זיך מיר פאָרשטעלען, אַז זי פאַרגלײכט אונז בײדע!...

— דו ביזט פון זינען!...

— ניט מעהר װי דו!... אַזױ איז דאָס ברודער, און יעדער מענש װײסט און פיהלט דאָס. אַי מען רעדט ניט דערפון און מען מיהט זיך אַלײן אָפּנאַרען, מען שטרעבט צו פאַרגעסען, איז דאָס בלױז דערפאַר, װײל אַנדערש װאָלט געװען אונמעגליך צו לעבען!...

אַרבוזאָװ האָט געשװיגען אַ װײלע.

— און װאָס איז דאָ צו רעדען!... אין גאָט גלױב איך ניט, און דאַװנען האָב איך שױן לאַנג אױפגעהערט, און... עס איז אַ נעלעכטער צו זאָגען... יעדע נאַכט טראַכט איך דערפון, אַז דו זאָלסט אָדער שטאַרבען, אָדער מען זאָל דיך עפּעס אַזױ דער'הרג'ענען!... גאָטעניו, טראַכט איך, עס שטאַרבען דאָך אַנדערע! פאַר װאָס־זשע זאָל ער ניט שטאַרבען? מאַך דאָס אַזױ, גאָטעניו! האָב איך מיט טרעהרען געבעטען!... עס איז לעכערליך, איך װײס דאָס אַלײן, איך װאָלט דאָס קײנעם ניט דערצעהלט, אָבער איצטער איז שױן אַלץ אײנס!...

— װאָרום האָלסטו אין אײן זאָגען, אַז איצט איז שױן אַלץ אײנס?... — האָט מיט אַמאָל געפרעגט דזשענעיעװ.

אַרבוזאָװ האָט אַזאַ מאָדנעם קוק געטאָן אױף איהם, װי ער װאָלט זיך געװאונדערט, װאָס ער פאַרשטעהט נאָך אַלץ ניט.

— דערפאַר! — האָט ער גראָב געענטפערט און האָט װידער אַראָפּגעלאָזען די אױגען.

— זעה, דו האָסט דאָך נאָר װאָס געזאָגט, אַז דו קענסט מיך ניט ערמאָרדען.

— דיך קען איך טאַקע ניט! — האָט טױב געענטפערט אַר־בוזאָװ.

דזשענעיעװ האָט פאַרשענד אַ קוק געטאָן אױף איהם.

— װילסטו... װילסטו זיך ערמאָרדען? — האָט מיט שרעק

אויסגעשריען דזשענעיעוו, און דאס גאנצע בלוט איז איהם אנט־רונען פון הארצען.

ארבוזאוו האט גארניט געענטפערט.

— הייסט עס, יא, דאס איז דער אמת?.. זאג־זשע! — האט אויסגעשריען דזשענעיעוו און האט איהם א טרייסעל געטאן פאר די פלייצעס.

ארבוזאוו האט שווער און לאנגזאם אויסגעקערעוועט די אויגען אין זיין זייט.

— אלץ איינס, — האט ער קוים הערבאר געזאגט.

דזשענעיעוו האט איהם אפגעלאזען און האט זיך אבגעטרייסעלט.

— דאס קען ניט זיין, זאכאר!... ביזט משוגע!... וואס ויעסטו דערמיט אויפטאן?

— נו, וואס־זשע זאל איך טאן, — האט מיט א ביטערער אי־ראניע געפרעגט ארבוזאוו.

דזשענעיעוו האט צומישט א קוק געטאן אויף איהם.

— אט דאס איז דאך דאס!... נו, און אויב נעלי וועט באַ־געהן זעלבסטמארד? — האט שטיל צוגעגעבען ארבוזאוו, און האט זיך שמערצליך פארקרימט.

— נעלי?... פארוואס עפעס נעלי?...

ארבוזאוו האט געצויגען מיט די פלייצעס.

— און וואס האסטו געדענקט? — האט ער א ביטערען שמייכעל געטאן. — אפשר זאל זי גאר געהן טאנצען? זי וועט זיך זיכער דער׳הרג׳ענען!... אויב זי האט דאס שוין ניט געטאן!... וואס־זשע, איז עס דען דיר ניט אלץ איינס, איינע אדער צוויי!...

— זאכאר! — האט א געשריי געטאן דזשענעיעוו און איז מיט אמאל אויפגעשפרונגען. ער האט זיך אזוי מאדנע געפיהלט; צייטענווייז האט זיך איהם געדוכט, אז דאס אלעס קומט פאר אין חלום: ארבוזאוו׳ס פיבערישע, היציגע רייד האבען געקלונגען אזוי מאדנע ווילד און זיין שווערע שווארצע קאפ האט זיך געוויגט פאר די אויגען, ווי א קאשמאר. אין דער נשמה האט זיך אלעס פארמישט און פארפלאנטערט: נעלי, ארבוזאוו, ליזא, קראוזע... דער בלינדער סאלדאט — טרענעיעוו׳ס דינער — איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען פון ערגעץ־וואו... ארבוזאוו שמאכט נאך זיין טויט!... ער איז א

משוגע׳נער!... ער איז אומיסטען געקומען אום שטויסען איהם צום טויט!

די מורא׳דיגע אויסגאנגסלאזע פיין, וועלכע ער האט צוערשט דערפיהלט אין דעם פוסטען צימער פון דעם מאסקווער האטעל, איז מיט אמאל צוגעטראטען דזשענעיעוו׳ען צום הארצען. עס האט זיך איהם פלוצלונג פארגעשטעלט, אז אין זיין נשמה האט זיך פארפלאנ־טערט אן אונגעהויערער שמערצליכער קנויל און עס איז ניט געבלי־בען קיין אנדער אויסוועג, אויסער מיט אמאל מאכען א סוף צו אלעס... דאן וועט זיך אלץ ענדיגען. עס וועט מעהר ניט זיין דער מורא׳דיגער טאג. ז

מארגען!... היינט איז געקומען נעלי, דערנאך איז ער געווען ביים דאקטאר ארנאלדי, שפעטער איז געקומען צולויפען דער סאל־דאט, און איצט זיצט דא ארבוזאוו... אבער מארגען וועט שוין קיינער ניט זיין, ניט נעלי, ניט ארבוזאוו, וואו עס איז שוין ניטא ליזא.. ליזא!.. ער האט נאך כמעט ניט געטראכט וועגען איהר, אלץ געטריבען פון זיך די עראינערונגען, ער האט זיך געווארפען פון איין מענשען צום צווייטען, אום ניט צו טראכטען!... איהם האט זיך געדוכט, אז ער האט נאך אפילו אלץ ניט פארשטאנען. אבער מארגען ביים ליכט פון ווייסען גלייכגילטיגען טאג, וועט אלעס פארשטאנען ווערען, און דער גאנצער גרויל פון דעם תוהו־ובוהו וועט אויפשטעהן פאר די אויגען!... ליזא!

— און דאס בילד! — האט ער זיך פלוצלונג דערמאנט אן דעם, און א שארפער וועהטאג האט פארקלעהמט זיין הארץ, אט ווי ער וואלט שוין געוואוסט, אז ער וועט דאס ניט דערהוייזען צו ענדיגען.

מארגען וועלען קומען מענשען און וועלען ארויסטראגען אלע זיי־נע עטיודען און בילדער... דער ארבייטס־צימער וועט בלייבען שטעהן א נאקעטער, אן ארומגעריסענער... אויף דער קומענדער אויסשטעל־לונג וועלען שוין ניט זיין זיינע בילדער... בלויז ערגעץ־וואו אין מוזע־אום וועט בלייבען זיין „שוואנען טייך“, א קאלטער, ווי א מארמאר־נער דיינקמאל אויף א קבר...

וואס־זשע, עס איז דען ניט אלץ איינס!... ווארום־זשע טוט עס אזוי וועה, און עס איז אזוי טרויעריג!... ווארום איז ניטא קיינער, ווער עס זאל אויף איהם רחמנות האבען? נאך וואס האט ארבוזאוו

דערצעהלט וועגען אַט דעם פּראָקוראָר? יענער האָט אויך קיינעם ניט געהאַט אין דער מינוט פון אמת'ער נויט!... אָבער דער פּראָקו־ראָר האָט אַלעמען געהאַסט און פאַראַכטעט!... און ער?... ער האָט קיינעם ניט געהאַסט, קיינעם ניט פאַראַכטעט, אָבער ער האָט אויך קיינעם, אויסער זיך, ניט ליעב געהאַט!... „מיט קיין פרעמדען בלוט פאַרוואַסערט מען ניט די בלום פון גליק"; שוין־זשע האָט ער דאָס געוואָלט?... ליזאַ, ליזאַ!...

— וועגען וואָס טראַכסטו, — האָט ער פון דערוויטענס דער־הערט אַרבוזאָוו'ס שטים.

אַ? — האָט אווטאָמאַטיש איבערגעפרעגט דזשענעיעוו, און האָט מיט אַמאָל אַ מאָדנעם קוק געטאָן אויף אַרבוזאָוו'ען, אַזוי ווי ער וואָלט איהם צום ערשטען מאָל געזען.

אַט דער מענש פאַרלאַנגט זיין טויט... ס'אַרא מאָדנע גזיכט עס איז ביי דעם מענשען וואָס זוכט דעם טויט... וועמענס?... מיין טויט!... סאַראַ אומגעלומפּערטע זאַך דאָס איז!... און נעלי?... יאָ, גוט... ער קען ניט פאַרגעבען און קען אויך ניט פאַרגעסען און דערפאַר האָט ער אַ רעכט דערצו!... אָבער צו וואָס אַזוי גראָב און גרויזאַם?... שוין־זשע האָט ער גאָר קיין מיטלייד ניט מיט מיר?... פאַרוואָס?...

אַרבוזאָוו האָט אויפגעהויבען די קאָפּ און ווי פאַרלאָרען גע־קוקט אויף דזשענעיעוו'ן, ער האָט געקוקט אויף זיין אָבגעצעהרט, אויסגעקרימט געזיכט, אויף זיינע ווייטע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט ערגעץ טיעף אין זיך.

— סערגעי! — האָט ער געזאָגט הויך און האָט איהם אָנגע־ריהרט ביים האַנט.

דזשענעיעוו האָט אַ ווייל̈ע טעמפּ, ווי ער וואָלט גאָרניט פאַר־שטעהן, געקוקט אויף אַרבוזאָוו'ען.

— סערגעי! — האָט אַרבוזאָוו אַ צווייטען מאָל, נאָך העכער, מיט אַן אונבאַשטימטען שרעק, איהם אַ רוף געטאָן.

דזשענעיעוו האָט מיט'ן גאַנצען קערפּער זיך אויסגעקערעוועט צו איהם, און האָט מיט אַמאָל אַ שמייכעל געטאָן מיט אַ בלאַסען בע־טענדען שמייכעל.

— ווייסטו, — האָט ער אַרויסגערעדט, ניט מיט זיין קול, — דאָס איז מאָדנע, וואָס דו ביזט גראָד היינט געקומען...

— וואס איז דא אזוי מארנע?

— דו האסט ווי געוואוסט...

— וואס געוואוסט? וואס רעדסטו?

— גארניט, — האט דזשענעיעווו צוקראכען א מאך געטאן מיט'ן האנט, — עס לוינט זיך ניט... דערנאך!....

— אבער וואס דערנאך? דו ביזט שכור, צו וואס? — האט באונרוהיגט אויסגעשריהען ארבוזאוו.

זיין גרויסער שווארצער שאטען האט זיך קאנוואולסיוו אווארף געטאן אויפ'ן סטעליע.

— ניין... דו, ווייסט איך האב היינט אנגעהויבען א נייע בילד. האט באלעבט אנגעהויבען דזשענעיעוו, ווי ער וואלט שטרעבען זיך אנכאפען אן עפעס. — ווילסט וועל איך דיר ווייזען?

— איך האב געזעהן! — האט בייז געענטפערט ארבוזאוו, מיר קריכען איצט ניט אין קאפ קיין בילדער.

— א, האסט שוין געזעהן, האט מיט אן אראפגעפאלענער שטים איבערגעפרעגט דזשענעיעוו און האט צומישט א פיהר געטאן מיט'ן האנט איבער'ן שטערן.

— איך האב היינט א גאנצען טאג געארבייט...

— געפונען א צייט, האט אפגעענטפערט ארבוזאוו, — פונקט היינט דארפסטו טאקע מאהלען בילדער!..

דזשענעיעוו האט זיך געכאפט ביים קאפ.

— אבער וואס טוט זיך דאס מיט דיר? — האט ווידערהאלט ארבוזאוו אין א מאדנע אויפגערייצטער שטימונג? דו ביזט קראנק?

— ניין, איך בין געזונט.. נאר.. דו האסט זעהר אינטערעסאנט דערצעהלט וועגען דעם פראקוראר!

— דו ריהרסט זיך פון זינען, צו וואס? אדער דו לאכסט מיך אויס? — האט בייז ארויסגערעדט ארבוזאוו, פילענדיג, אז אן אונ־פארשטענדליכער שרעק פארדריקט זיין הארץ.

— מעגליך! ווייסטו אז גראד היינט האב איך זיך געוואלט דערשיסען?.. איך האב אפילו געקראגען א רעוואלווער.. אבער איך האב זיך ניט דערשאסען!

— איך זעה! — האט געזאגט ארבוזאוו און האט זיך נערוועז

צולאכט. פלוצלינג האט זיך באוויזען אין זיינע שווארצע פיבערהאפטע אויגען א שרעקליכער, כמעט אונבאוואוסטזיניגער געדאנק, ער האט חיטרא אונטערגעווינקען און געזאגט:

— ניין, ברודער!.. לאז דאס איבער!.. אזוינע מענשען ווי דו שיסען זיך ניט!.. דו וועסט זיך לעבען, ווי גאט אין אדעם! עס איז ניט פאר דיר!..

דזשענעיעוו האט מיט אמאל פארשטאנען און מאדנע באוואוסטזיניג איהם אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען.

— דו, זאכאר, וואלסט זיך באמת געפרעהט ווען איך שיס זיך? האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט.

— נארישקייטען, האט אונטער'ן נאז אפגעענטפערט ארבוזאוו און האט זיך אויפגעהויבען. — דו ביזט משוגע געווארען!

— הער זיך איין, — האט אנגעהויבען דזשענעיעוו אויסציהענדיג צו איהם דאס געזיכט.

ארבוזאוו האט זיך קוים אומגעקוקט אויף זיינע מאדנע, פאלשטענדיג ווילדע אויגען און האט זיך אפגערוקט.

— הער אויף!

ניין... הער זיך איין! — האט אלץ אזוי אונפארשטענדליך ווידערהאלט דזשענעיעוו, און זיך אלץ גענצויגען צו איהם.

א ווילדער שרעק האט ארומגעכאפט ארבוזאוו'ן.

— וואס? — האט ער געפרעגט, און איז מיט אמאל בלאס געווארען.

— הער זיך איין! — האט צום דריטען מאל מיט גרויס שוועריגקייטען ווידערהאלט דזשענעיעוו, אט אזוי ווי ער וואלט ניט געפינען קיין ווערטער.

ארבוזאוו האט ניט ווילענדיג אפגעטראטען נאך אויף א שפאן.

— סערגעי! — האט הויך און קלינגענדיג, ניט מיט זיין קול אויסגעשריען — ארבוזאוו!

דזשענעיעוו, האט ווי עס זעהט אויס געוואלט עפעס זאגען און האט ניט געקענט, בלויז די ליפען האבען געציטערט אלץ שטארקער און שטארקער, און אלץ מעהר האט זיך אויסגעצויגען דאס בלאסע געזיכט מיט די צושארפעטע האר.

— סערגעי, הער אויף!.. איך וועל אוועקגעהן, האט מיט גרויל געפליסטערט ארבוזאוו, ניט אראפנעהמענדיג פון איהם די אויגען.

— ווייסט, אז דו... אפשר, וואלסטו, באמת... מיך...

— אבער קום צו זיך!.. וואס איז מיט דיר! — האט אויסגעשריהען ארבוזאוו און האט מיט קראפט איהם א חאפ געטאן פאר די פלייצעס. אבער דזשענעיעוו האט זיך אויסגעריסען מיט א ווילדער באוועגונג.

— אוועק! אוועק! — האט ער זיך ווילד צושריהען! — א ניט וועל איך דער'הרג'ענען!..

— דאס ביסטו אומיסטען געקומען, ווען איך... דו ווילסט אז איך זאל... נו, גוט, גוט... גוט זאג איך!..

ער האט זיך אינגאנצען געטרייסעלט, זיין אויסזעהן איז געווען א שרעקליכער און רחמנות'דיגער. ארבוזאוו האט ווילד געקוקט אויף איהם. מיט אמאל האט זיך דזשענעיעוו א ריס געטאן און איז אוועק אויף דער מיט פון ארבייטס־צימער, האט עפעס אראפגעווארפען אויף דער ערד און מיט ציטערענדיגע הענט גענומען עפעס זוכען אין די שיפלאדען פון טיש.

— גוט, גוט... זאל זיין!.. האט ער זינלאז געמורמעלט פאר זיך.

ארבוזאוו האט באוועגלאז געקוקט אויף איהם. איהם האט זיך געחוכט, אז ער געהט פון זינען אראפ. אבער ער האט באלד פארשטאנען, אז דאס איז א שרעקליכער איסטערישער אויסברוך, און אויב מען זאל דזשענעיעוו'ן אפהאלטען, וועט ער זיך גלייך דערשיסען אט דא אויף זיינע אויגען. דעם קארנעט קראווזע'ס פארבלוטיגטער געזיכט איז ארויסגעשוואומען פאר זיינע אויגען. איהם האבען ארומגעכאפט א אינסטינקטיווער שרעק און עקעל. די ערשטע באוועגונג זיינע איז געווען, זיך א ווארף טאן צו דזשענעיעוו'ן און איהם בינדען מיט א האנטוך, ווי מען בינט א משוגע'נעם. צו דער זעלבער צייט, האט א געדאנק, וועלכער איז אפילו ניט צוגעקומען צום באוואוסטזיין, און דאך א מורא'דיגער קלארער, איהם אפגעהאלטען.

דזשענעיעוו האט זיך אלץ געגריבעלט אין די שופלאדען, און האט מיט ווילדען צארן געשליידערט אויפ'ן דיל אלץ וואס איז איהם געקומען צו מהאנט, און האט אלץ אזוי פיבעריש און שנעל זיך געמורמעלט אונטער'ן נאז.

— גוט... גוט... גוט...

ארבוזאוו האט געזעהן אז דאס וואס ער האט געזוכט, — דער רעוואָלווער — איז געלעגען אויפ׳ן טיש אונטער דעם שמוציגען מאהל־ברעטעל, עס איז נאך געווען צייט צונעהמען דעם רעוואָלווער, נאר ארבוזאוו האט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט.

— וואס טהו איך ?.. גיכער !.. גיכער !.. — האט זיך געדרעהט ביי איהם אין קאָפּ, אבער איהם, האט מיט אמאָל, ארומגענומען א מורא׳דיגע אונפארשטענדליכע שוואכקייט. דער גאנצער קערפּער האט איהם ווי אפּגענומען און דאס גאנצע לעבען זיינס האט זיך קאָנ־צענטרירט אין די אויסגעגלאָצטע אויגען, וועלכע זענען געווען צו־געשמידט צו דער קליינער בלאנקענדער זאך אונטער דעם שמוציגען מאהל־ברעטעל.

ער האט געזעהן, ווי דזשענעיעוו האט ארויסגעצויגען דעם גאנ־צען שיפלאד און האט איהם א שליידער געטאן אויפ׳ן דיל. ביי דעם שטויס האט זיך דאס מאהל־ברעטעל אראפּגערוקט און די לאד פון רעוואָלווער איז ארויס פון אויבען. אין דער זעלבער מינוט האט דזשע־נעיעוו איהם דערזעהן.

עס איז געווען נאך איין אויגענבליק, ווען ארבוזאוו האט איהם געקענט אפּשטויסען.

— סערגעי ! — האט ער א דורכדרינגדען געשריי געטאן, אבער מיט אמאָל האט ער זיך אויסגעקערעוועט, מיט דעם גאנצען קערפּער אויסגעשלאָגען די טיר און איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

ער האט קלאר און דייטליך געפיהלט און געוואוסט, און דאך ניט געגלויבט, אז ער פארשטעהט, וואס מיינט זיין אנטלויפען אין אט דער מינוט. איהם האט זיך נאך אויסגעדוכט אז דזשענעיעוו האט איהם עפּעס נאכגעשריהען, נאכגעשריהען אזוי רחמנות׳דיג, ווי א געפּאנגע־נער הוז, אבער ארבוזאוו האט זיך ניט אפּגעשטעלט און איז ארויס־געלאָפען אויפ׳ן גאניק.

די קעלט מיט דער ליכט האבען איהם ארומגענומען. עס איז שוין געווען אין דער פריה, אבער די זון האט זיך נאך ניט באוויזען, כאטש א דורזיכטיגע שיין האט שוין ארייגגעדרינגען איבעראל. די צושלאָגענע בייגאכטיגע וואָלקענס האבען זיך צוזאמענגעקליבען אין איין פּאס אויפ׳ן האריזאנט און איבער די וואָלקענס האט זיך פאר־

שפּרייט דער וואונדער־שעהנער, ווי אויסגעוואַשענער הימעל, אָהן איין און איינציגען וואָלקענדעל. הינטען, אונטער די בוימער איז נאָך גע־ ווען פייכט און קאַלט. אָבער דער איינזאַמער טאַפּאָליען שפּיץ איז עק גאַרטען, האָט זיך שוין פאַרנאַנדער געברענט מיט אַ ראָזאַווען פּייערל, און עס האָט זיך געמערקט, ווי עס צאַפּלען זיך זיינע שיטע־ רע גאָלדענע בלעטלאַך, ערוואַרטענדיג ליכט און וואַרימקייט.

אָבער ער האָט גאָר ניט געזעהן און ניט פאַרשטאַנען. אַ צו־ פּייניגטער און שרעקליכער, אָהן אַ היטעל, מיט אַ בלאַס געזיכט און וואַנזיניג אויסגעגלאָנצטע אויגען, איז ער געפלויגען איבער דער גאַס און געפּיהלט בלויז איין זאַך, אז אויב ער זאָל דערהערען הינטער זיך וואָס ניט איז, וועט ער אינגאַנצען פון זינען אַראָפּ.

27.

אווענט צייט איז נעלי אליין געזעסען ביי זיך אין צימער.

זי האָט שוין געוואוסט פון דזשענעיעוו'ס טויט, וועלכער האָט זיך דערשאָסען קלוימערשט אין אַן אויסברוך פון משוגע'ת, וואָס ליזאַ טרעגולאָווע'ס טויט האָט ארויסגערופען ביי איהם. וועגען דעם האָט ארבוזאָוו, וועלכער איז אַנוועזענד געווען ביי דעם זעלבסטמאָרד אי־ בערגעגעבען דער פּאָליציי, גאַנץ פריה. די פּאַסירונג האָט נעלי'ן ניט ערשיטערט, זי האָט דאָס אַזוי ווי ערוואַרטעט, און האָט זיך באַצוי־ גען צו דער געשעהעניש מיט אַ מאָדנאַ גלייכגילטיגער רוהיגקייט. איהר האָט זיך בלויז אויסגעדוכט אַז עס איז נאָך פּוסטער, נאָך וויס־ טער געוואָרען אויף דער נשמה. נעלי איז ניט געווען צו דער לויה, אָבער זי האָט געוואוסט אַז די גאַנצע שטאָדט איז געווען אויפ'ן בית־ עולם, און אַז עס איז געווען אַ וועלט מיט בלומען, אַז זיין קבר, איז ניט ווייט פון די קברים פון דעם קאָרנעט קראַוזען, און דעם געקוילע־ טען טרענעיעוו'ן. באַערדיגט האָט מען איהם אין אַ ליכטיגען שעה־ נעם הערבסט טאָג.

איהר האָט זיך גראָד פאָרגעשטעלט בלויז אָט דער ליכטיגער טאָג. די לעצטע גאָלדענע בלעטלאַך אויף די בוימער, די שאַרפע הערבסט קעלט מיט דער העלער זין וואָס וואַרעמט נים.

דערפון איז נאָך פינסטערער געוואָרען אין די טונקעלע טיעפע־נישען פון איהר פאַרביטערטער נשמה, און דער שרעקליכער באַשלוס צו וועלכען זי איז שוין פון לאַנג געקומען, איז געוואָרען נאָך פעסטער, נאָך שטאַרקער.

זי האָט געטראַכט דערפון פאַלשטענדיג רוהיג און קלאָר. דער געדאַנק וועגען טויט האָט זי ניט געשראָקען, בלויז די דינגע ברעמען האָבען זיך נאָך עקשנות'דיגער געקנייטשט, אָט ווי זי וואָלט שטרע־בען מיט דער קראַפט פון ווילען זיך צווינגען, זיך צושיידען מיט'ן לע־בען ביים פולען באַוואוסטזיין.

נעלי האָט קאַלט־בלוטיג אַלעס באַטראַכט: קיין רעוואָלווער האָט זי ניט געהאַט, עס איז איהר געוועזן דערווידער די ליגנערישע גרינע טיעף פון וואַסער, און זי האָט באַשלאָסען צו סם'ן זיך. זי האָט גע־וואָלט קריגען אַ שטאַרקען סם אום צו שטאַרבען אָהן עקעלהאַפטע דעטאַלען, אָהן אַ לאַנגען גוסס'ן. דער באַשלוס אליין האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אַזוי נויטווענדיג און פשוט, אַז ביי איהר איז אפילו ניט געווען דער מינדסטער צווייפעל אין זיין גערעכטיגקייט. נעלי האָט אָנגעשריבען אַ פּאָר ווערטער דעם דאָקטאָר אַרנאָלדי. זי האָט איהם געבעטען ער זאָל באַשטימען אַ צייט ווען זי קען איהם טרעפען אַליין. ער האָט געענטפערט, אַז ער בעט זי אריינגעהן צו איהם אַזייגער 9 אין אָבענט, ווייל ביז דאַן איז ער פאַרנומען ביי קראַנקע. נעלי האָט געוואוסט אַז ביים אַלטען דאָקטאָר אויף דער עטאַזשערקע, צווישען די פאַרשידענע פאַרשטויבטע פלעשעלאַך, גע־פינט זיך איינע מיט ציאַניסטען קאַליה. זי האָט געדענקט אַז זי וועט דערווייזען צו צונעהמען דאָס פלעשעלע אונבאַמערקט פאַר דעם אַל־טען צוטראַגענעם דאָקטאָר.

עס איז געווען די אַכטע שטונדע, און נעלי האָט רוהיג געוואַרט אויף דער באַשטימטער צייט.

זי איז באַוועגלאָז געזעסען ביים טיר. נעלי איז שטאַרק אַרונ־טער, איהרע ליפען זענען געווען טרוקען און צוזאַמענגעפרעסט, די אויגען האָבען געקוקט שטרענג און דראָהענד. זי האָט כמעט פון

גאַר ניט געטראַכט בלויז בלאַסע צופּיצעלטע ערינערינגען האָבען גע־שוועבט פאַר איהר און גלייך פאַרשוואונדען אָהן אַ שפּור. איהר האָט גאַר ניט באַנג געטאָן, זי האָט ניט געטרויערט, זיך ניט געשראָקען. וויסט און פינסטער איז געווען אויף דער נשמה. ווען זי האָט זיך דערמאָנט אין ארבוזאָוו'ן, האָבען זיך נאָך שטאַרקער צוזאַמענגעפּרעסט איהרע ברעמען, אָבער די אויגען האָבען געקוקט מיט דעם זעלבען שטאַרקען אויסדרוק. זי האָט געדענקט אַז מיט איהם האָט זי שוין אויף אייביג צוריסען און האָט זיך ניט געוואָלט דערמאָנען.

און דאָך ווען זי האָט דערהערט דעם קלאַנג פון די שווערע טריט אויפ'ן גאַניק האָט זי אויפגעציטערט, איז בלאַס געוואָרען און איז אַפּגעשפּרינגען פון טיש, אַט אַזוי, ווי זי וואָלט פריער געוואוסט אַז ער וועט קומען, און זיך געשראָקען בלויז דערפאַר.

ארבוזאָוו איז אריינגעקומען און ניט קוקענדיג אויף נעלי'ן, זיך אוועקגעשטעלט ביים טיר. פאַר די טעג האָט ער זיך מורא'דיג פאַר־ענדערט: זיין טריבער שעהנער פּנים איז געווען דאַר און געל, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערער קראַנקהייט. זיינע שוואַרצע ברענענדע אויגען האָבען שאַרף געקוקט פון אונטער'ן שטערען, פּונקט ווי ער וואָלט זיך מיט פאַרדאַכט איינגעקוקט אין אַלע זיטען. ער האָט זיך שוין לאַנג ניט ראַזירט און אַ קליין שוואַרץ בערדעל האָט מאָדנע באַוואַקסען זיין דאַר פּנים.

— אַט בין איך ווידער אַמאָל געקומען... האָסט ניט ערוואַרטעט?

— האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ זעהר הייזעריגער ניט פעסטער שטימע. ער איז ניט צוגעקומען נעהענטער, ער האָט בלויז אַראָפּגע־נומען די היטעל און איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, און נידעריג־געזונקענעם שוואַרצען צוקודלעטען קאָפּ.

נעלי, שטעהענדיג מיט די פּלייצעס צום טיש, האָט אַ ווײַלע שווייגענדיג געקוקט אויף איהם.

זי וואָלט אַליין ניט געקענט זאָגען וואָס זי האָט געפיהלט אין דער מינוט. עס האָט איהר ניט אויסגעזעהן מאָדנע, וואָס ער איז געקו־מען, אַ שרעקליכע, כמעט וואַנזיניגע פרייד האָט זי ארומגעכאַפּט, אָבער אַפילו אויף קיין איינציגען אויגען בליק איז איהר ניט איינגע־פאַלען אַז זי וועט אומבייטען איהר באַשלוס. זי האָט אַפילו אַ קוק געטאָן אויפ'ן וואַנט־זייגער, אום צו זעהן, צי וועט זי ניט פאַרשפּע־

טינען צום דאקטאר ארנאלדי. דאס איז געװען אן ענליכער געפיהל, װאס עס לעבט איבער א פאר׳משפט׳ער צו טויט. ביי דער לעצטער באגעגעניש מיט דעם טייערסטען און ליעבסטען, װעמען ער װעט שוין סיי װי מעהר ניט זעהן.

זי האט לאנג געקוקט אויף זיינע אויסגעמאטערטע פיבערישע אויגען, אויף אט דעם מאדנא אונבעקאנטען בערדעל, אויף דעם דאָ־רען, שרעקליך פארענדערטען געזיכט, װאס איז איהר אזוי ליעב און טייער. פלוצלינג אין איין אויגענבליק האט זי דורך א געהיימניס־פולער אינערליכער קראפט פארשטאנען אלץ, װאס ער האט דורכגע־לעבט פאר די טעג. עס איז איהר געװארען קלאר ביז צו װעהטאג דאס, װאס עס איז פארגעקומען צװישען איהם און רזשענעיעװ׳ן, און עס האט זי אויפגעטרייסעלט א מאדנער רחמנות געפיהל, װאס איז געװען ענליך צו פארצװייפלונג.

— זאריא, זאריא, — האט זי מיט צארן אויסגעשריהען. זי האט געמאכט א פאר טריט איהם צו באגעגנען און האט אויסגע־שטרעקט די הענט.

ארבוזאװ האט װילד, כמעט מיט שרעק א קוק געטאן אויף איהר און דערזעהן אז איהרע אויגען זענען פול מיט ליעבע, רחמנות און טרערען. ער האט ארויסגעלאזען פון די הענט די היטעל און האט אונ־טער געכאפט נעלי׳ן, װעלכע איז כמעט אריינגעפאלען אין זיינע הענט.

— זאריא! — האט זי שטיל געמורמעלט, באהאלטענדיג דעם קאפ אויף זיין פלייצע, און ציטערענדיג ארומגעכאפט זיין האלז מיט איהרע דינע בויגזאמע הענט.

מיט אמאל האט זי דערפיהלט אז צװיי שטארקע הענט הויבען זי אויף אין דער לופטען.

אלץ װאס ארבוזאװ האט איבערגעלעבט, — אייפערזוכט, װיל־דען צארן, פארצװייפלונג, דער קאשמאר פון יענער שרעקליכער נאכט, דער דינער הוזען, געשריי, װאס האט אהן אז אויפהער געקלונגען אין זיינע אויערן: — אלץ איז פארשװאונדען און צורינען געװארען אין דעם אויפטרייסענדיגען אויסברוך פון פרייד, ליידענשאפט, צערט־ליכקייט און ליעבע. װי א קינד האט ער ארומגעטראגען נעלי׳ן איי־בער׳ן צימער, זי געװיגט, געקושט איהר ברוסט, איהרע הענט, די קני, און װי א װאנזיניגער געהאלטען אין איין װידערהאלען:

נעלינקא... מיין נעלימשקא !.. ליכטיגע זין מיינע !..

נעלי איז געווען אביסעל העכער פון איהם, איהם איז געווען אונ־באקוועם צו האלטען זי אויף די הענט, עס איז אויך געווען אביסעל לעכערליך, אבער ארבוזאוו האט דאס ניט באמערקט.

— געקומען צו מיר ?.. טאקע געקומען !.. ארימער מיינער, ליע־בער, האט זי איהם געשעפטשעט אויפ'ן אויער און געברענט זיין גע־זיכט מיט איהר הייסען טרוקענעם אטעם. פילענדיג דעם ריח פון איהרע האר און קערפער, איז ארבוזאוו ווילד געווארען פון גליק און האט זי אלץ שטארקער און שטארקער צונויפגעדריקט אין זיינע הענט.

— האסטו מיך ליעב ?.. ליעבסט מיך ?..

זי האט זיך ניט געוועהרט ווען ער האט זי אראפגעלאזען אויפ'ן בעט, אויף דער ווייסער שטרענגער מיידעלשער דעקע. זי האט בלויז געקוקט אויף איהם מיט גרויסע פינקלענדע פון גליק אויגען.

28.

דאס האט זיך געענדיגט אזוי פלוצלינג, פונקט ווי א טרוקענער פייער וואלט זיך מיט אמאל צופלאקערט און פארברענט — פאר־ניכטעט אלץ אין זיי ביז'ן סוף. ווען זיי זענען געקומען צו זיך, הא־בען זיי אליין ניט פארשטאנען, ווי אזוי דאס האט פאסירט.

נעלי איז געלעגען אויפ'ן בעט און איבער דער גאנצער קישען זענען געווען צוווארפען איהרע טרוקענע האר, דאס געזיכט האט אויס־געזעהן דונקעל, די אויגען מיעד, מיט א שטילער מיעדקייט.

ארבוזאוו איז געזעסען נעבען, אויפ'ן ברעג בעט, אין אן אונבא־קוועמער אנגעשטרענגטער פאזע, ער האט שווער און נערוועז גע־אטעמט, ער איז געווען אינגאנצען רויט, די האר האבען זיך איהם צוגעקלעפט צום שטערען.

מיט איהם איז פאָרגעקומען עטוואָס אויסער געוועהנליכעס: עס האָט איהם באַהערשט דער שרעקליכער באוואוסטזיין פון א מורא־דיגען נשמה־קראַנק. וואָס האָט אַלץ ערליידיגט אין זיין אינערליכען וועזען, איז איהם וויסט געוואָרען. ער האָט זיך אינגאַנצען פאַרלאָרען.

צו אלעם איז געקומען א סוף. עס האָט פּאַסירט דאָס, צו וואָס ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט געשטרעבט, וואָס עס האָט אינגאַנצען אָנ־געפּיהלט זיין גוף און נשמה, צוליעב וואָס, ער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט. דער קערפּער האָט גענוגט, דאָס הארץ האָט זיך האַסטיג געשלאַגען אין ברוסט, און א וואַנזיניגער אונפאַרשטענדליכער עקעל האָט זיך אַזוי קלעפּיג־מיאוס אויפגעהויבען אין זיין גאַנצען וועזען. אין הארצען איז ניט פאַרבליבען ניט קיין גליק, ניט קיין באַגייסטערונג, ניט קיין ליידענשאַפט... קיין זאַך, אויסער מיעדקייט און עקעל, אויסער אַן אונבאַשטרייטבאַרען פאַרלאַנג ערגעץ וואו אַנטלויפען פון איהר, פון אַט דעם באוואוסטזיין, ווי פון אַן אומגלויבליכער, אונפאַריכטבאַרער אינערליכער קאַטאַסטראָפע.

דאָס איז געווען אומגעלומפּערט און ווילד, וואָס ער האָט אַזוי ביעל געליטען, געהאַסט און געליעבט, פאַר אַט דעם אויגענבליקליכען אויסדרוק פון אינסטיקטיווער באַפרידיגונג. נאָך וועלכער עס איז גאָר ניט פאַרבליבען.

ארבוזאָוו האָט מורא געהאַט א קוק טאָן אויף נעלי'ן, כדי זי זאָל ניט דערזעהן קיין עקעל אין זיינע אויגען.

נעלי האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען. זי האָט געטוליעט זיין גרויסע שווייסיגע האַנט צו איהר ווייכער קליינער ברוסט מיט איהרעביידע הייסע הענט, און האָט פאַרמאַכט די אויגען אין א זיסען, זעליגען געפיהל פון גליק.

איהם איז געוואָרען דערווידער איהר ברענענדער געזיכט, וואָס האָט נאָך געטראַגען אויף זיך דעם אויסדרוק פון ליידענשאַפט. איהרע באַקען זענען געווען רויט, די האָר האָבען זיך פון שוויס צוגעקלעפּט צו די שלייפען. עס איז איהם געווען דערווידער דאָס שפּירען פון איהר ווייכער ברוסט, אונטער וועלכער עס האָט זיך געפּיהלט דאָס האַסטיגע שלאָגען פון הארצען, ווי עס איז איהם געווען דערווידער זיין אייגענער פאַרשנעלערטער קלאַפּען פון הארצען, דערווידער דער איי־

גענער באַפרידעקטער קערפּער, וועלכער איז מיט אַמאָל אַזוי אָפּגע־לאָזען און אָפּגעשוואַכט געוואָרען, עס איז איהם געווען אַזוי מיאוס־עקעלהאַפט איהרע און זיינע קליידער, אַז ער האָט ניט געוואָגט צו ברייננגען זיי אין אָרדנונג.

ארבוזאָוו׳ן האָט זיך געדוכט אַז אַפילו די לופט ארום זיי איז אָנ־געזאַפּט מיט אַ זיסען, קלעפּיגען און פעטען שטאָף און קרענקליכע נודאַטע איז איהם צוגעקומען ביז׳ן האַלז.

— וואָס־זשע איז דאָס... וואָס ?... — האָט ארבוזאָוו זיך געפרעגט מיט גרויל, פילענדיג אַז ער פליהט אין אַ מורא׳דיגען אָפּגרונט.

מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אויפ׳ן סאַמע אויער אַ דינענדיקען רחמנות׳דיגען הוזען געשרעה...

— סערגעי! — האָט זיך מיט אַן ענדלאָזער פאַרצווייפלונג און חרטה דורכגעטראָגען אין זיין קאָפּ — וואָס האָב איך דאָס געטאָן !..

נעלי האָט זיך אויפגעהויבען און צוויי דינע בויגזאַמע הענט האָ־בען ארומגענומען זיין האַלז, ווי נאָר וואָס, ווען זי האָט זיך אַ וואָרף גע־טאָן צו איהם אַזוי אונערוואַרטעט פאַר זיי ביידען. אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער ארומנעהמען — דאָס איז געווען אַ צערטליכער און אינטים דאַנקבאַרער אויסדרוק פון נאָהענטקייט... ארבוזאָוו האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן, ווי עס וואָלט איהם באַריהרט אַ מיאוסער שלאַנג...

—מיינער, מיינער!.. איצט ביזטו שוין אויף אייביג מיינער! האָט איהם געפליסטערט אין אויער ניט נעלי׳ס, אָבער אַ נייע, נאָר אַזאַ ווייכע און אָפּען אונפאַרשעמטע שטים. — דו וועסט פאַרבלייבען ביי מיר, איך וועל דיך אין ערגעץ ניט לאָזען!...

זי האָט איהם געצערטעלט, געגלעט איבער׳ן פּנים, געגלעט אי־בער דער באַוואָקסענער באָרד, וואָס האָט איהר פאַרשאַפט פיעל שפּאַס און האָט זיך אַליין געצויגען צו איהם, אַ ווילענלאָזע, אַ הייסע, אַ באַ־זיעגטע פון ליידענשאַפט.

— יאָ, יאָ... זיכער... האָט געשטאַמעלט ארבוזאָוו, און מיט גרויל געפרעגט ביי זיך, וואָס־זשע זאָל ער איצטער טאָן, ווי זאָל ער איהר זאָגען, ערקלערען דאָס וואָס ער קען אַליין ניט פאַרשטעהן אין זיך.

אויף אַן אויגענבליק האָט ער געוואָלט זיך מאַכען האַרץ און אַפילו זי אַליין ווידער נעמען צערטלען, כּדי זי זאָל זיך ניט אָנשטויי־

סען אַז ער האָט דערפיהלט אַז דאָס איז אונמעגליך, אַז זיין גאַנצער קערפּער ווערט צוזאַמענגעפּרעסט פון אַ קאַלטען עקעל־געפיהל. און געצוואונגענע צערטליכקייט רופט ארויס ביי איהם אַ ווילדען כעס, צוזאַמען מיט אַ שטאַרקען פאַרלאַנג זי אַנכאַפּען ביים האַלז און דער־וואַרגען.

— דו וועסט פאַרבלייבען?.. — וועסט ניט אַוועקגעהן פון מיר? — האָט פריידיג און שעמעוודיג געפרעגט נעלי.

— יאָ, יאָ... — האָט געמורמעלט ארבוזאָוו, און מיט אַמאָל זיך אויסגעבענדיג מיט דער פאַלשער שטים, האָט ער אומגעלומ־פערט, נאַריש און געשעפטסמעסיג געזאָגט, איך ווייס ניט:—זעהסטו, איך מוז היינט אונבאַדינגט זיין אויפ׳ן פאַבריק; דו ווייסט דאָך, אַז נאָומאָוו איז אַוועקגעפאָרען...

— וואָס רעד איך האָט זיך דורכגעטראָגען אין זיין מוח, אָבער ער האָט זיך שוין ניט געקענט באַהערשען, און איז אַלץ מעהר און מעהר צומישט געוואָרען.

אָבער נעלי האָט איהם נאָך ניט פאַרשטאַנען.

—אין פאַבריק, וואָס מיר פאַבריק? ווער מיר פאַבריק!.. איך וועל דיך ניט לאָזען!.. האָט זי באַפעלענדיג מיט אַ קוקעטירענ־דען קאַפּריז אויסגעשריהען. — דאָס האָט אויף איהם געמאַכט אַ שלעכ־טען איינדרוק. דער טאָן האָט איהם אויסגעדוכט, פּאַסט זיך זעהר ניט צו איהר.

— מיין הערען וואָרט, אַז איך מוז פאָהרען!.. האָט אַפּגעענט־פערט ארבוזאָוו אַלץ טיעפער און טיעפער אַראָפּפאַלענדיג אין אַפּ־גרונט.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס מאָהל זיך אַזוי קלאָר דערהערט אין זיין שטים ביינקשאַפט, עקעל און פאַרדרוס, אַז נעלי האָט מיט אַמאָל לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזען די הענט, וואָס האָבען זיך אליין אַראָפּ־געדרוקט פון זיינע פּלייצעס. ווי צוויי טויטע שלאַנגען, און די שוואַרצע ברייט־צועפענטע אויגען האָבען זיך מיט שרעק אַפּגערוקט און איהם אריינגעקוקט טיעף אין דער נשמה.

אונטער דעם דרוק פון אָט דעם בליק האָט ארבוזאָוו אַראָפּגעלאָ־זען די אויגען. אין זיין קאָפּ איז געווען אַ נעבעל, אין די אויערען האָט איהם געזשומעט, אין אָט דעם זשומען האָט זיך איהם ווידען

אונבאוואוסטזיניג געהערט דער־רחמנות׳דיגער הוזען־געשריי פון וויי־טען.

— זאריא? — האט אונענשלאסען, טויב ארויסגערעדט נעלי, אט ווי זי וואלט זיך אליין געשראקען פאר׳ן געדאנק וואס איז דורכ־געשוועבט אין איהר מוח.

ער האט זיך גענומען צאפלען פון אנגסט, אויסמיידענדיג איהר בליק. זי האט זיך דערפרעהט מיט עפעס און איהר געזיכט האט זיך אייף אן אויגענבליק אויסגעלייטערט.

— ליעבער... מיר איז איצט אלץ איינס... זאל זיין!

— ניין, עס איז ווירקליך אונבאקוועם... איך וועל בעסער, ווי ניט איז קומען אן אנדערש מאל! — האט ער ארויסגעפליסטערט. און אלץ אין איהם האט זיך אויפגערודערט פון אט דער לעצטער אומגע־לומפערטער פראזע, וואס האט זיך אזוי אונערווארטעט נאריש ארויס־געריסען.

— דאס איז דער סוף! האט גענומען קלינגען ביי איהם אין די אויערען. ארבוזאוו׳ן האט זיך געדוכט אז דער דיל איז לאנגזאם פארשוואונדען אונטער זיינע פיס.

— ווי הייסט... אן אנדערש מאל? — האט צומישט איבערגע־פרעגט נעלי, זיך אפרוקענדיג אלץ ווייטער און ווייטער. איהרע אונ־געהויער גרויסע אויגען האבען ווי מיט זיך פארדעקט איהר גאנצען געזיכט, און געקוקט אויף איהם מיט גרויל, און עס האט זיך געמערקט ווי איהרע אויגען דרינגען אלץ טיעפער און טיעפער אריין אין זיין נשמה.

ארבוזאוו איז אויפגעשפרונגען. ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן און האט זיך שיר ניט צושריהען פון וועהטאג און פארצווייפ־לונג. —

— נו, וואס איז דא אזוינס?.. איך דארף דאך באמת האבען... כ׳ארא לעבערליכע דו ביזט! האט נעגען זיין ווילען, אזוי ווי א פרעמ־דע, גערעדט זיין שטים, וועלכע איז געווארען אזא ברייטע און פרייע, ווי ביי סחר׳ל וואס האט זיך צוהוליעט.

און דאס איז שוין באמת געווען דער סוף. נעלי האט נאך בריי־טער, נאך ברייטער צועפענט די אויגען, וואס האבען שוין געקוקט מיט

פולער פארשטענדניס. זי האט זיך אנגעכאפט ביים קאפ און האט זיך אווארף געטאן מיט'ן פנים אין קישען.

ארבוזאוו האט זיך געוואלט א לאז טאן צו איהר, אבער ער האט ניט געוואגט. א ווײלע האט ער זיך געטאפטשעט אויף איין ארט ארום איהר מיט א אומגעלומפערט נארישען שמייכעל. ער האט אליין געפיהלט זיינע נארישע, מיאוסע גרימאסעס.

גנביש, שטיל האט ער א כאפ געטאן זיין קורצען מאנטעל, און אויף די שפיץ פינגער איז ער אוועק צו דער טיר. ער האט זיך אומ־געקוקט, האט א קרומען רחמנות'דיגען שמייכעל געטאן, און איז ארויס פון צימער...

29.

עס איז געווען אן אויסגעשטערענטע פינסטערע נאכט. פון אויבען האבען העל געפינקעלט די צאהלרייכע שטערען, וואס זענען צו־שאטען אין פארשטענדלאזע שימערירענדע אזארען. הינטען איז אלץ געווען שווארץ און האט זיך צוזאמענגעגאסען אין איין גרויסער מאסע.

ארבוזאוו האט קוים געפונען זיין טראיקע.

דער פאהרמאן, וואס האט זיך צוגעגרייט לאנג צו ווארטען איז אראפגעקראכען פון די קאזלעס און זיצענדיג פון הינטען אין עקיפאזש האט געריכערט א סיגארעטעל, וואס האט אונטערגעבליצט אין דער פינסטער און האט באלויכטען דעם פאהרמאנ'ס רויטע בארד, נאז און דיקע ליפען.

ארבוזאוו איז צוגעלאפען צום עקיפאזש.

— ווער איז?.. זאכאר מאקסימאוויטש, איהר?.. האט גע־פרעגט דער פאהרמאן. ער איז אויפגעשפרונגען און האט אוועקגע־ווארפען דעם סיגארעט. — פאהרען?

ארבוזאוו האט ניט געענטפערט. ער האט זיך פלינק דורכגע־

שטופט פארביי איהם אין עקיפאזש אריין, וואו ער האט זיך צוזאַמענגעדרעהט אין דרייען.

ארבוזאוו האט ווי דאן, אין יענער נאכט פארגעסען די היטעל און האט דאס ניט באמערקט.

דער פאהרמאן האט זיך אביסעל פארוואונדערט, אבער ער איז געוועזן קלוג גענוג אום ניט צו פארגעבען קיין פראגען. ער איז אזוי בעל־הבתיש לאנגזאם ארויפגעשפרונגען אויף די קאזלעס, האט צוגענומען די ווישקעס, און געפרופט די פערד. די גלעקלאך האבען זיך צעקלינגען אין דער פינסטער.

ארבוזאוו האט געשוויגען.

וואוהין וועט איהר באפוילען, זאכאר מאקסימאוויטש? — האט אַב ענדע געפרעגט דער פאהרמאן, זיך אויסדרעהענדיג אויב די קאזלעס. קיין ענטפער איז ניט געקומען. ארבוזאוו'ס שווארצע געשטאלט האט זיך א צוזאמענגעדרעהטע געמערקט אין א ווינקעל פון עקיפאזש.

— וואוהין, וועט איהר באפוילען, האט דער פאהרמאן, אן אויפגערעגטער, ווידערהאלט.

— צום טייפעל! — האט ווילד א געשרעה געטאן ארבוזאוו.

אט דער ווילדער, וואנזיניגער געשריי האט אויפגערעגט דעם פאהרמאן. ער האט שיר ניט פארלארען די ווישקעס, ער האט ווי א ווילדער א זעץ געטאן איבער די פערד.

ארבוזאוו'ן האט א שליידער געטאן אויף צוריק, די ערד האט איהם גענומען פליהען אין פנים אריין. עפעס האט גענומען פייפען און קרעכטצען ארום און ארום, עס האבען זיך פארביי געטראגען די פלעקען פון הייזער, ביימער און פארקאנס.

ביים פארקערעוועז האט אימיצער שטארק אנגעהויבען קרעכטצען אויפ'ן וועג, דעם עקיפאזש האט א מורא'דיגען טרייסעל געטאן, אבער די פערד האט מען שוין ניט געקענט איינהאלטען. דער פאהרמאן בלאס ווי דער טויט, האט זיך אומזיסט געמיהט אפצושטעלען די פערד, און זיך פאנאנדערקלייבען אין דעם, וואס עס טוט זיך אין דער פינסטער. איצט האט ער שוין געטראכט בלויז דערפון, ווי אנצוהאלטען די טראיקע אין מיטען פון גאס און ניט ארויפליהען אויף דעם לאמטערן, אדער אויפ'ן טראטואר.

— ווי זיי האבען זיך דאס צוטראגען! טאטעלאך געטרייע...

מיר זענען פאַרלאָרען! האָט זיך דורכגעטראָגען אין זיין קאָפּ.

ארבוזאָוו האָט קיין זאַך ניט באַמערקט. ער איז געזעסען א צו־זאַמענגעדרעהטער, צונויפגעהויקערטער מיט פאַרמאַכטע אויגען און האָט געפיהלט ווי עס שליידערט און טרייסעלט איהם און ווי דער ווינט שמייסט אין פנים, פאַרכאַפּט דעם אָטעם און רייסט די האָר, אָבער ער האָט ניט געקענט צורייסען דעם טעמפּען חלום אין וועלכען ער האָט זיך געפונען.

איהם איז געווען קלאָר בלויז איין שרעקליכער געדאַנק: אַז זיין גאַנצער לעבען מיט דעם אויסערגעוועהנליכען שטרעבען צו איין ציעל, צו איין זאַך, איז מיט אמאָל אויף א ווילדען, גרויזאַם אומגעלומפּער־טען אופן צושטערט געוואָרען.

אין זיינע אויערען האָט אַלץ אָפטער געקלינגען דער יאָמערליכער הוזען־געשרעה, און פאַר די אויגען האָבען זיך אַלץ ברייטער און ברייטער צעעפענט נעלי'ס פאַרצווייפעלט־פרעגענדע אויגען, וואָס האָבען פאַרשטעלט מיט זיך די גאַנצע שוואַרצע נאַכט צוזאַמען מיט דער שרעקליכער שוואַרצער ערד, און די שימערירענדע שטערען אין דער הויך.

ער האָט ניט געקענט פאַרשטעהן וואָס האָט פּאַסירט... ער איז אָבער געווען זיכער אַז נעלי וועט זיך נעהמען דאָס לעבען, אַז ער האָט אומגעבראַכט אי זי, אי זיך, און אַז ער וועט ניט אריבערטראָגען דעם בראַך פון אָט די צוויי לעבענס, — איהרען און דזשענעיעוו'ס.

איהם האָט ארומגענומען אַן אינסטיקטיווער גרויל, ווי יענער ווילדער ווינט, וואָס האָט געריסען די האָר, געבלענדט די אויגען און פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

עס איז געווען א מאָמענט, ווען ער האָט געדענקט אָפּצושטעלען די פערד, ארויסקריכען פון עקיפּאַזש, און אָט דאָ אויפ'ן וועג אָפּ־געהן אביסעל און א זייט און זיך אריינלאָזען א קויל אין שטערען. אָבער ער האָט דאָס ניט געקענט טאָן, און צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך ניט געקענט פאַרשטעלען אַז ער וועט בלייבען לעבען, ווי פריער. — ער, ארבוזאָוו, וועלכער האָט אלעס פאַרלאָרען און אלעס אומגעבראַכט.

— שטעה! — האָט ער ווילד און הילכיג א געשרעה געטאָן.

די טראָיקע האָט זיי שוין ארויסגעטראָגען הינטער'ן שטאָדט

און איז געפלויגען איבער דעם גרויסען וועג, גלייך אין דער נאכט אריין, גלייך און אין דעם חשך, מיט טומעל און גערויש.

עס ווייזט אויס אז אין דעם געשרעה איז געווען עטוואס אויסער געוועהנליכעס, ווייל דער פאלשטענדיג צודולטער פאהרמאן, וועלכער האט מיט א מינוט פריער בשום אופן ניט געקענט איינהאלטען די פערד, האט מיט אזא קראפט א ריס געטאן די צוימען, אז די פערד האבען זיך געזעצט אויף אלע פיס. די ערד האט זיך אויפגעטריי־סעלט ווי א וואלקען. ארבוזאוו׳ן האט דאס ארויסגעווארפען אויף די קאזלעס און דער פאהרמאן איז אויסגעוואקסען ערגעץ פון הינטען, כמעט אונטער די פערד. נאך א גאנצע מינוט האבען געזשומעט די גלעקלאך, און עס האט זיך געהערט, ווי די פערד האבען געסאפעט און זיך געשלאגען אין דער פינסטער, ווייל זיי האבען זיך פארפלאנטערט אין די צוימען.

— פארקערעווע רעכטס אין מאנאסטיר, — האט פארצווייפעלט אויסגעשריהען ארבוזאוו.

דער פאהרמאן, וואס האט ביז׳ן בלוט זיך צושלאגען די האנט מיט׳ן ליפ, איז מיט גרויסע שווערינקייטען ארויסגעקראכען פון הינ־טער די פערד, איז ארויף אויף די קאזלעס, און אויסער זיך פון שרעק ווידער גענומען טרייבען די פערד מיט׳ן גאנצען כוח.

— ער איז פון זינען געריהרט! האט מיט שרעק פאר זיך גע־טראכט דער פאהרמאן וועגען ארבוזאוו׳ן. און האט ניט געוואגט ארויסצורעדען א ווארט.

פארביי האבען זיך געטראגען די גלאטע שווארצע סטעפעס, עס האבען זיך געשפירט פארביילויפענדיגע פעלדער, דער ווינט האט שרעקליך גערוישט אין די אויערען, אלעס האט זיך געטראגען אויף צוריק אין א ריזיגען קרייז, בלויז די פינקלענדיגע שטערען האבען געשימערירט אין דער הויך, ווי שטענדיג אויף זייערע פלעצער, אין די אייביגע באוועגלאזע אזארען.

30.

דער רעגען האָט גערינכט און אַז און אויפהער געגאָסען, און אין דעם וואַסערדיגען ליכט פון הערבסט טאָג, האָט אַזוי צושוואומען און בלאַס אויסגעזעהן דאָס קליינע שטעדטעל.

אין די סעדער, ווי עס זענען אַפּגעפאַלען די נאַסע געלע בלעטער, איז געווען פּוסט און קאַלט. אין די גאַסען האָבען געבלאַנקט און גע־ציטערט גאַנצע קאַליזשעס און איבער די טראָטואַרען מיט די צופּויל־טע ברעטער האָבען זיך מיט ווילדען צאָרן געטראָגען מוטנע שטראָ־מען. דער סטעפּ איז פאַרטרונקען געוואָרען אונטער'ן רעגען, און עס האָט זיך געדוכט אַז דאָס שטעדטעל שטעהט איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט, און לעבט איהרע לעצטע קלעגליכע טעג.

טזשיזש איז מיט אַן אויפגעשטעלטען קאַלנער פון מאַנטעל געלאָפען איבער'ן בולוואַר. זיין שאַרף פאַרביטערט פּנים'על איז געווען בלאַס, גרוי און נאַס, אַזוי ווי ער וואָלט געוויינט מיט נאַסע טריבע טרערען. קליין און איינזאַם האָט אויסגעזעהן זיין ברעקעל געשטאַלט אין דעם רעגען. פּוסט איז געווען אומעדום. אַלץ וואָס לעבט האָט זיך באַ־האַלטען פון רעגען.

בלויז ער איינער איז אומגעלאָפען און האָט זיך געטומעלט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהלט אַזאַ פאַלשטענדיגע איינזאַמקייט.

עס לויפען די וואָלקענס... — האָט אויטאָמאַטיש געטראַכט דער קליינינקער סטודענט, — עס געהט אַ רעגען... מיליאָנען יאָהרען וועלען זיך אַזוי ציהען די וואָלקענס, עס וועט גיסען דער רעגען... מען דאַרף אַוועקגעבען פאַריכטען די קאַלאָשען!.. מען דאַרף אַנטלויפען פון דאַנענט, מען דאַרף קעמפען פאַר'ן לעבען... דאָ וועל איך פאַר־לאָרען געהן!.. און אפשר בין איך שוין פאַרלאָרען?.. וואָס איז דאָרטען פאַר אַ לעבען!... דער טייפעל ווייסט עס!... פּילייכט פאָהרען קיין פּעטערבורג... דאָרטען זענען דאָ טעאַטערע, דער אוני־ווערסיטעט... און אפשר געהט דאָרטען אויך רעגען?.. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם לאַנגען קאַלטען נעוווסקי פּראָספּעקט, די שילדען, די נאַסע פערדלאַך, און די הייזער, הייזער, הייזער אָהן אַ סוף. טריב און לאַנגזאַם פליסט די נעוואַ, איבער איהר שווימען אום שיפלאַך,

שיפען און באַרזשעס. אין נעבעל הייננט דער שפּיץ פון דער פעסטונג. און אין דער פעסטונג זיצען מענשען, וועלכע האָבען געטרוימט וועגען אַן אַנדער לעבען... זיי געהן אום היז און צוריק איבער די קליי־נינקע קעמערלאַך, קוקען אַרויס פון די פּיצינקעלאַך פענסטערלאַך אין דורך די שטאַכעטען זעהען זיי דעם זעלבען גרויען וויינענדיגען הימעל. וואָס איז אויך דאָ אין דעם קליינעם טריבען שטעדטעל אויסגעשפּרייט איבער'ן קאָפּ.

— פו, ס'אַרא מיאוסקייט דאָס איז!.. מען דאַרף אונבאַדינגט אַפּגעבען די קאַלאַשען פאַריכטען. ווי עס וועט נאָר זיין געלט, אַזוי וועל איך זיי אָפּגעבען... אַ ניט איז אָקאַרשט ווי מען זעהט ניט קען מען נאָך אַריינכאַפּען אַ לונגען אָנצינדונג!.. דאָס וואָלט גוט זיין!.. ווען זאָלסט שוין פּגר'ן און שוין מעהר ניט זעהן ניט די בלאָטע, ניט דעם רעגען!... ווי אויך ניט טראַכטען וועגען די קאַלאַ־שען!.. מיאוס!.. דאָס לעבען געהט אַריבער, און וועט אַריבער געהן... איז דען ניט אַלץ איינס, וואו און ווי אַזוי?.. אַט אין איטאַליען מוז איצט שיינען די זון, דער ים איז בלוי... צום טייפעל די זון מיט'ן ים!.. אַריינגעהן אין קלאַב, צו וואָס?..

טשיזש האָט פאַרקערעוועט, און האָט זיך אויפגעהויבען איבער די שטעגען פון קלאַב. אין פאַרצימער איז קיינער ניט געווען. אויפ'ן הענגער איז געהאָנגען די גוט באַקאַנטע הוט פון דאָקטאָר אַרנאַלדי דערזעהענדיג די הוט, האָט זיך טשיזש אַ דערפרעהט, אַ דערפיהלט אַ גרויסע פּיין: פונדעסטוועגען איז דאָך גוט וואָס ער וועט ניט זיין איינער אַליין, אָבער וויפיעל מאָל איז ער שוין פאַרגאַנגען אַהער, און דאָ איז אַלעס איז געווען אַזוי פּוסט און טריב, און די הוט פון אַלטען אומעטיגען מענשען איז אַלץ געהאָנגען אויף דעם פּלאַץ.

די פענסטער זענען געווען פאַרשוויצט איבער זיי זענען אין איי־לעניש געלאָפען שמוציגע שטראָמעלאַך וואַסער. אין זאַל זענען גע־שטאַנען אָפּענע גרינע טישלעך וואָס האָבען אויך אויסגעזעהן נאָס אין דער וואַסערדיגער שייז. דער דאָקטאָר אַרנאַלדי איז געזעסען אין עס־צימער, פאַר איהם איז געשטאַנען אַ פלעשעל בראַנפען. דעם דאָק־טאָר'ס געזיכט האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי פאַרקעלטערט, די אויגען האָבען געקוקט טריב. אַ ניט באַרירטער טעלער סופּ איז אַן אַפּגע־קיהלטער געשטאַנען פאַר איהם.

זייט געגריסט, דאָקטאָר! — האָט געזאָגט דער קליינינקער סטו־דענט, און האָט זיך ווידער דערמאָנט וויפיעל מאָל ער האָט שוין דאָס געזאָגט.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט עפּעס אַרויסגעברומט און האָט גע־וויזען מיט די אויגען אויפ׳ן פלעשעל בראָנפען.

— עס, צו וואָס... עס האָט אַזוי אויך דורגעווייקט די גאַנצע נשמה! — האָט זיך טשיזש אַ קרים געטאָן מיט עקעל, אָבער דאָס גלעזעל האָט ער דאָך צוגערוקט, און האָט אויפמערקזאַם, אַזוי ווי מיט אונגעדולד געקוקט ווי עס האָט זיך געהויבען די ווייסע פליסיגקייט אין גלעזעל אונטער דעם דאָקטאָר אַרנאַלדי׳ס דיקער האַנט, וואָס האָט לייכט געציטערט.

אַ מיאוסער וועטער, דער טייוועל זאָל איהם נעהמען! — האָט געזאָגט דער קליינינקער סטודענט, און האָט אויסגעטרינקען. יאָ, האָט אַרויסגעברומט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

— עס איז טויט אומעטיג!

— דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט געשוויגען.

— מיך חדושט דאָקטאָר... אַ מענש זענט איהר אַ פאַרמעגליכער און פרייער... — האָט ער אָנגעהויבען, און דערמאָנענדיג זיך אַז ער האָט שוין איהם אַמאָל געזאָגט דאָס זעלבע, איז ער פּלוצלונג געוואָרען אַנטשוויגען.

דער דאָקטאָר אַרנאַלדי האָט אונטערגעווינקען מיט אַן אויגעל, נאָר ער האָט גאָרנים געזאָגט.

טזשיזש האָט אָפּגעזיפצט און האָט זיך דורכ׳ן פענסטער פאַר־קוקט אויפ׳ן הויף, וועלכער האָט זיך אײַנגאַנצען צושוואָומען פון די אייביגע רעגענס. דער גלאָק אויפ׳ן סלופּ האָט געפינקעלט מיט אַ נאַסען שימער; פון גלאָק האָט אַראָפּגעהאַנגען די צוזאַמענגעדרעהטע נאַסע שטריק. אַט ווי מען וואָלט פון איהר נאָר וואָס אַראָפּגענומען אַ געהאַנגענעם. טזשיזש האָט זיך אָפּגעקערעוועט. איהם האָט זיך דערמאָנט דער בית־עולם מיט די געל־נאַסע בלעטער און קברים... זיי האָבען שוין זיכער אינגאַנצען צווייקט פון רעגען!

— ניט גוט איז דאָרטען! — האָט ער געזאָגט פאַר זיך.

און מאָדנע דער דיקער דאָקטאָר האָט דוכט זיך פאַרשטאַנען וועגען וואָס ער רעדט. — יאָ, ניט גוט... — האָט ער געזאָגט.

— און ווי נאריש דאס איז! — האט פארגעזעצט טזשיזט אנ־גיסענדיג פאר זיך א גלעזעל בראנפען און אליין ניט באמערקענדיג דאס. ווי דענקט איהר דאקטאר, האט ארבוזאוו געוואוסט אז דזשע־נעיעוו וועט זיך דערשיסען, צו ניין?

ער האט געוואוסט, — האט טויב געענטפערט דער דאקטאר, און האט גענומען דאס גלעזעל.

— וואס־זשע איז דאס אזוינס, זיי זענען דאך געווען פריינד... אייפערזוכט, צי וואס?

— איך ווייס ניט.

און וואו איז איצט ארבוזאוו?

— איך ווייס ניט.

— און זי, ווי רופט מען זי... נעלי... מען דערצעהלט אז זי האט געמאכט א פארזוך!..

איך ווייס ניט, האט איבערגעשלאגען דער דאקטאר ארנאלדי. ביידע האבען אויסגעטרונקען.

טזשיזש'ן האט זיך נאך עפעס געוואלט פרעגען אין באצוג צו דזשענעיעוו'ן, אדער וועגען זיין אייגענער ביינקשאפט, אבער ער האט זיך ניט געקענט פארנאנדערקלייבען אין אט דעם כאאס פון געשעהע־נישען, און האט זיך געפיהלט ווי אין אן נעבעל. איהם האט זיך ניט געגלוסט ווידערהאלען די געוועהנליכע ווערטער. צו שארף האט זיך געפיהלט, אז מיט וואס פאר א יאמער אדער פראטעסטען זאלסט זיך ניט אויפהויבען, זענען מענשען שוין דאך אומגעקומען, און דערצו וועסטו שוין ניט העלפען. רעד, טראכט, דאס אלץ איז גארניט! מיט אמאל איז איהם אפילו שווער געווארען א דרעה טאן מיט'ן צונג.

— לאמיר אויסטרינקען, צי וואס? — האט אויטאמאטיש גע־פרעגט טזשיזש.

אין פלאש איז שוין ניט געווען קיין בראנפען. דער דאקטאר ארנאלדי האט באטראכט די פלאש ביים ליכט און האט געגעבען א צייכען אין דער זייט פון בופעט.

— יא, — האט ער געזאגט אנגיסענדיג פון דער נייער פלאש.

— וואס יא, — האט געפרעגט דער קלייניקער סטודענט.

דער דאקטאר ארנאלדי האט דאס ניט ערקלערט.

אזא שרעקליכע פיין האט אנגעכאפט דעם קליינינקען סטודענט,

אז ער האט דערפיהלט א נויטווענדיגקייט אין צושטריימונג: זאל זיין קינסטליך זיך צוהיצען, אנמאכען א טומעל, זיך שלאגען. אלץ וואס איהר ווילט נאר, אבער ניט אט דער גרויער פוסטער שווייגען.

מיר זענען פארבליבען איינע אליין דאקטאר, — האט ער אנגע־הויבען, דערביי האט ער זיך אנגעגאסען א גלעזעל און דאס אוועקגע־שטעלט נעבען זיך.—און ווי לאנג זענען דא אלע געוועזן... מען האט גע־טומעלט, געטרונקען, זיך גערעגט און געקריגט!... נאומאוו האט פילא־סאפירט... יעווגעניא סאמאילאווגא... דזשענעיעוו... קראוזע... און דער אומגליקליכער טרענעיעוו!.. ווער האט דאס געקענט ערווארטען? די פארפלוכטע פרוי האט איהם אומגעבראכט!..

— די פרוי האט דא גאר ניט וואס צו טאן, האט פלוצלינג באַ־מערקט דער דאקטאר ארנאלדי.

— טזשיזש האט געוואלט זיך אביסעל צו אמפערן, אבער ער האט דאס דורכגעלאזען.

— יא, עס איז געווארען פוסט! פונקט ווי מיט'ן ווינט וואלט עס זיי אלעמען אראפגעטראגען!.. ווייסט עס דער טייפעל!.. אייך שרעקט די איינזאמקייט דאקטאר?

— ניין, האט גלייכגילטיג געענטפערט דער דאקטאר ארנאלדי, צוריקענדיג צו איהם דאס גלעזעל.

טזשיזש האט אוטאמאטיש גענומען דאס גלעזעל און האט עס צו־געטראגען צום מויל.

— ווי דענקט איהר, איז נאומאוו שולדיג אין אט דער גאנצער קאטאסטראפע, האט ער געפרעגט און אפגעטרוקענט דאס גלעזעל ביז'ן סוף, אדער דאס איז א צופאל זאך?

— ווער ווייס! — האט אלץ אזוי גלייכגילטיג געענטפערט דער דאקטאר ארנאלדי.

— אבער ווי דענקט איהר?

—איך דענק גאר ניט.

טזשיזש האט א קוק געטאן אויף זיין אפגעצערטען צופארענעם פנים און האט באמערקט ווי ביים דאקטאר האבען קוים־קוים א ציטער געטאן די ליפען. עפעס האט איהם א שארפען שטאך געטאן אין הארצען.

— ווארום זענט איהר אזא מאדנער דאקטאר!

— איך בין אימער אזוינער.

— איהר ווייסט, — מיר דוכט זיך אז פון אונז אלעמען, האט גראד איהר, אין דער טיפעניש פון דער נשמה אמשטארקסטען מיט־געפיהלט אט דעם וואנזיניגען אינזשינער מיט זיין ווילדער פילאסא־פיע, ניין? — האט זיך צוטשעפענדיג געזאגט דער קליינינקער סטודענט.

דער דאקטאר האט א קוק געטאן אויף איהם מיט די קליינע פארגלאסענע אויגעלאך און האט אונבאשטימש אונטערגעוויגקען.

— איהר זענט דאך א שרעקליכער פעסעמיסט דאקטאר!.. דעם אמת געזאגט זענט איהר דאך ערגער פון נאומאוו'ן! — האט פאר־געזעצט טושיזש, גאט ווייסט צוליעב וואס!

— מעגליך.

טא פאר וואס־זשע דערשיסט איהר זיך ניט דאקטאר! האט מיט שפאט געפרעגט דער קליינינקער סטודענט.

דער דאקטאר האט אויף איהם ווידער אויפגעהויבען די קליינינ־קע אויסדרוקלאזע אויגלאך. א ווייל האט ער שווייגענדיג געקוקט אויף איהם.

— צו וואס זאל איך זיך שיסען? איך בין שוין במלה לאנג געשטארבען! — האט ער קורץ און טויב געענטפערט.

טושיזש האט זיך א צאפעל געטאן. א מאדנע קעלט איז איהם אריינגעדרינגען אין דער נשמה. אויגענבליקליך ווי אין חלום, האט זיך איהם פארגעשטעלט אז ער זיצט און פארברייננגט, באמת, מיט א מת.

— וואס ווילט איהר דערמיט זאגען, דאקטאר? האט ער גע־פרעגט מיט א ציטעריגער שטימע.

דער דאקטאר האט געשוויגען.

— איהר הערט, דאקטאר? איך פרעג, וואס איהר...

דער דאקטאר האט איהם היטרא אונטערגעווינקען.

— דאקטאר, איהר זענט פון זינען אראפ ?.. דאקטאר! — האט מיט אמאל דין און יאמערליך אויסגעשריהען טזשיזש.

— דער דאקטאר האט אונטערגעווינקען מיט איין אויג, אזוי ווי ער וואלט שוין ניט באהאלטען דעם שפאס, דערנאך האט ער רוהיג אויסגעצויגען די דיקע האנט און האט אנגעגאסעןביידע גלעזלאך.

— לאמיר אויסטרינקען! — האט ער געזאגט.

31.

אין דרויסען איז געווען פינסטער און עס האט געבלאזען א קאל־טער ווינט. דער דיקער דאקטאר ארנאלדי איז געגאנגען געארעמט מיט'ן קליינינקען סטודענט טזשיזש. זיי זענען געגאנגען איבער די נאסע הילצערנע בריקלאך פון טראטואר, טזשיזש האט זיך געהאלטען אין איין אראפגליטשען פון די בריקלאך אין בלאטע, האט געמאכט מיט די הענט און געשריהען:

איהר דאקטאר, זענט א טויטער מענש!.. און מעהר גארניט!..

— איהר ווייסט, אז איהר זענט א מת ?... איך האב אייך זעהר ליעב דאקטאר, דאך זענט איהר — א טויטער!..

— גוט, גוט, — האט גלייכגילטיג געענטפערט דער דאקטאר ארנאלדי, איהם צוהאלטענדיג אונטער דער האנט.

—איך זאג דאס אייך, דאקטאר, אזוי אפען דערפאר, ווייל איך האב אייך שטארק ליעב... גלויבט איהר, אז איך האב אייך זעהר ליעב ?..

איך גלויב, איך גלויב...

דאס איז א שרעקליך שטעדטעל, דאקטאר!.. דאס איז א שטאדט פון מתים!... אמאל דוכט זיך מיר, דאקטאר, אז דאס איז אינגאנצען ניט קיין שטאדט, נאר בלויז א מיראזש!.. דאקטאר, שוין־זשע קען דאס זיין, אז טויזענדער מענשען זאלען לעבען אין אט דער טויבער

לאַד, בלויז צוליעב רעמ אום צו עסען, טרינקען און שלאָפען?.. דאָס איז דאָך אַ קאַשמאַר!.. קוקט זיך נאָר צו: אַרום און אַרום איז אויסער דער פינסטערניש, ווינט, רעגען און בלאָטע, ניטאָ קיין זכר פון קיין לעבען אין די גאַסען... איהר קוקט זיך נאָר צו אַליין: קען מען דען גלויבען אַז דאָס איז אַ מענשליכע שטאָדט און דאָ וואוינען מענשען?.. אמת'ע לעבעדיגע מענשען, די אַזוי גערופענע מענשהייט?.. ווער־זשע איז זי אָט די מענשהייט?.. איך מיט אייך?.. נו,מיר פאַרשטעהן כאָטש וואָס ניט איז... אָבער זיי?.. נאָכוואָס לעבען זיי?..

שטעלט זיך פאָר ווען דאָס שטעדטעל וואָלט אינגאַנצען ניט געווען... ווען עס וואָלט פאַרשוואונדען צו אַלדע רוחות, צו עס וואָלט צווייקט געוואָרען פון רעגען און אָוועקגעשוואומען ווי אַ טייכעל... אָדער ווי אַ קופּע מיסט... ווירקליך, דערפון וואָלט זיך די וועלט אפילו אויף קיין האָר ניט פאַרענדערט!.. קיינער וואָלט אפילו ניט באַמערקט, אַז אָט די פאַרשאָלטענע בלאָטע איז ניטאָ!.. וואָס האָט דאָס פאָר אַ זין?..

עס האָבען זיך צונויפגענומען באָאַמטע, סוחרים, בירגער און אַפּיצערען... און איהר שטעלט זיך נאָר פאָר, אַז פּונקט אַזוינע סוחרים, בירגער און אַפּיצערען מיט באַאַמטע זענען דאָ אין יעדער שטעדטעל... אָבער פּונקט די זעלבע!.. פרעגט זיך צו וואָס זענען אָט די מיליאָנען קאָפּיעס ווען דער אָריגינאַל אַליין טויג ניט!... דאָס איז דאָך אַ מורא'דיגער אונזין! ווען מען זאָל זיך איצט אויפהויבען איבער רוסלאַנד, אָבער בלויז איבער איין רוסישער גובערניע, און אפילו איבער הונדערט פאַרשידענע פלעצער, גיסט מסתמא פּונקט דער זעלבער רעגען, עס איז די זעלבע בלאָטע, ווינט און פינסטערניש און דער דאָקטאָר אַרנאַלדי מיט'ן סטודענט טזשיזש וואַנדערען... אָבער פאַלשטענדיג די זעלבע טויגניכצען!... שוין־זשע רופט דאָס ניט אַרויס ביי אייך קיין ענטריסטונג און ברייגנט אייך ניט אַריין אין פאַרצווייפלונג?

ניין, וואָרום זאָל עס... — קוים איינהאַלטענדיג טזשיזש'ן אויף די פּיס, האָט געענטפערט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

— יאָ, אייך פאַרדריסט ניט קיין זאַך ניט!.. איהר זענט אַ טויטער מענש. נו, זייט זיך מודה, אַז איהר זענט פשוט אַ מת!

— איך האָב אייך שוין דאָס געזאָגט.

—עט, וואָס מיר דאַרטען געזאָגט... צו פיהלט איהר דאָס אָבער? צו פיהלט איהר, אַז איהר פוילט לעבעדיגערהייט, דאָקטאָר?.. אַלע פוילען מיר לעבעדיגערהייט!.. עס איז אונז אַלעמען צייט צו געהן אויפ'ן בית־עולם, דאָקטאָר, ווייל עס שטינקט, פאַרשטעהט איהר, עס שטינקט.

— יאָ, עס איז שוין צייט, שוין צייט, — האָט אויטאָמאַטיש געענטפערט דער דאָקטאָר אַרנאַלדי.

איך פאַרשטעה ניט דאָקטאָר, ווי קענט איהר אַזוי לעבען?.. דאָס איז דאָך ווירקליך דער טויט, דאָקטאָר!

— דער טויט.

—ווייסט איהר, דאָקטאָר, אַז איהר זענט אַוועק ווייטער פון נאָומאָוו'ן... יענער גלויבט כאָטש אין פאַרניכטונג, און איהר גלויבט אפילו אין טייפעל אויך ניט!.. נו, זאָגט, גלויבט איהר אין עפּעס, דאָקטאָר?

— איך גלויב.

— אין וואָס?

— אין גאָר ניט...

— טאָ וואָ־זשע איז דאָס?... איהר גלויבט אין גאָר ניט? טאָקע אין גאָרניט?...

— קומט, קומט... — האָט אָפּגעענטפערט דער דאָקטאָר אַר־נאַלדי.

— וואַרט... איהר זאָגט מיר, צו גלויבט איהר אין וואָס ניט איז? ווירקליך, איהר זענט דאָך פאַרט ניט קיין פּוסטער פּלאַץ, צום טייפעל!

— אפשר יאָ... — האָט ער מיעד געענטפערט.

טזשיזש האָט זיך מורא'דיג צולאַכט.

— אָט דאָס איז אויסגעצייכענט, דאָקטאָר! קיינער האָט זיך נאָך ניט דערהויבען צו יענער שטופע, אַז ער זאָל זיך אַליין אָנערקענען פאַר אַ פּוסטען אָרט, און אויף אַזאַ אופן זיך באַרוהיגען!

דער דאָקטאָר האָט אָפּגעזיפצט און האָט זיך אומעטיג אומגע־קוקט מיט זיינע קליינע אויגעלאַך.

אבער וואס טוט זיך עס דא, דאקטאר?... איך קען אנערקענען א פוסטען ארט... אבער וואס ווייטער?

—איך ווייס ניט... — האט געענטפערט דער דיקער דאקטאר און האט שטארקער אונטערגעכאפט טושיזשען אונטער'ן האנט.

דער קלייניקער סטודענט האט אפגעטראטען אויף א פאר טרעט, האט זיך ארויסגעריסען און איז שיר ניט געפאלען. מיט גרויס מיה איז איהם געלונגען זיך איינהאלטען אויף די פיס און זיך אנצושפא־רען מיט'ן פלייצע אין אן נאסען פארקאן.

ער האט אויסגעזעהן שרעקליך: די וואנצען זענען געווען דורכ־געווייקט. דער דורכגענעצטער מאנטעל האט זיך צושפרייט מיט'ן ווינט. דאס געזיכט איז געווען נאס און איינגאנצען אין ווייסע און רויטע פלעקען, די אויגען מיטנע.

—איך ווייס ניט, איך ווייס ניט... וואס דאס מיינט?... ביי יעדער מענשען מוז זיין, זיין פינטעלע. א מענש אהן א פינטעלע קען ניט עקזיסטירען!

— פארקערט, — עס זעהט אויס אז מען קען יא... לעבט מען דאך! — האט גלייכגילטיג אפגעענטפערט דער דאקטאר.

— מען לעבט?.. ניט מען לעבט, נאר מען שטינקט!.. און דאס איז אומגעלומפערט!.. איהר פארסמט די לופט!.. ארום אייך קען א לעבעדיגער דערשטיקט ווערען!.. איך ווער דא דערשטיקט דאקטאר, האט מיט א וויינענדיגען קול געליארעמט דער קלייניקער סטודענט.

— ווער זאגט, אז דאס הייסט לעבען?.. קיין געלט איז ניטא, קיין טיטון איז ניטא... אט האב איך זיך אנגעטרונקען. דאס איז שוין די ענדע, דאקטאר! איך פיהל אז דאס איז שוין מיין סוף!.. עס האט מיך אויפגעפרעסען...

— נו, וואס איז דארטען!.. — האט איהם ערמוטיגט דער דאק־טאר.

זיי האבען זיך לאנגזאם גערוקט אין דער פינסטער, גליטשענדיג זיך איבער די נאסע בריקלעך. דער ווינט האט געפליקט און געריסען. משונה ווילדע וואלקענס האבען זיך געיאגט איבער די נאסע דעכער און שווארצע ביימער, וואס האבען געפאכט אין אלע זייטען מיט זייערע נאסע דיקע צווייגען.

טושיזט האט אלע ווײלע זיך ארייגגעגליטשט אין בלאטע. אין

ווינקעל פון גאַס איז ער ווידער שיר ניט געפאַלען און דער דאָקטאָר האָט איהם קויס איינגעהאַלטען אויב די פיס. ער האָט צוגעשטופּט דעם קליינינקען סטודענט צום וואַנט, ווי מען שטופּט צו אַ זאַך. ער האָט אויפגעהויבען פון בלאָטע די אַראָפּגעפלויגענע היטעל און ניט אָפּווישענדיג זי, האָט ער זי קרום אַנגעטאָן אויפ'ן נאַסען קאָפּ. טזשיזש האָט דאָס אפילו ניט באַמערקט.

— און פונדעסטוועגען, פאַרמאָג איך אַ גלויבען דאָקטאָר!.. האָט ער געשריהען און אומזיסט זיך געמיהט אָפּצורייסען פון פאַר־קאָן. — זאָל זיין אַז איך בין פאַרלאָרען... זאָל זיין אַז דאָ איז שוין מיין סוף, זאָל זיין אַז איך וויל ווערען אַ שכור.

— פונדעסטוועגען, גלויב איך, דאָקטאָר, איך גלויב!.. וואָס עס זאָל ניט זיין, גלויב איך אין דער מענשהייט, איך גלויב אין פאָלק!.. און אין דעם פּראָלעטאַריאַט!... דאָקטאָר!... צום פאָלק!... צום פּראָ־לעטאַריאַט!..· פאַראויס, הויב זיך אויף „דו" אַרבייטער פאָלק! האָט מיט אַ פּאַלצעטען קול זיך צוליאַרעמט דער קליינינקער סטודענט. די צוקונפט באַלאַנגט צום פאָלק!... איך, דאָקטאָר, בין אַ פּראָלעטאַ־ריער, איך בין אַ אָרימער בעטלער טזשיזש, אַ טזשיזש וועמען קיינער דאַרף טאַקע ניט... און דאָך, אָט דער טזשיזש גלויבט, דאָקטאָר!.. גלויבט שטאַרק, איך גלויב!.. מיר וועלען זיך אָפּטרייסלען פון דער אַלטער וועלט!.. אָפּטרייסלען זיין שטויב פון אונזערע פיס!.. קומט לאָמיר זינגען דאָקטאָר!.. לאָ־מיר זיך אָפּ־טרייס־לען פון דער אַלטער וועלט... זינגט דאָקטאָר!..

— קומט בעסער שלאָפען, — האָט זיך איהם געמיהט אוועקפיהר־רען אַ היים דער אַלטער דאָקטאָר.

— וואוהין?

— אַ היים.

— אַ היים?.. איך האָב ניט קיין היים, דאָקטאָר! לאָמיר זיך אָפּטרייסלען פון דער אַלטער וועלט, אָפּטרייסלען זיין שטויב פון אונ־זערע פיס... דאָקטאָר, און איך וועל אייך דאָך פענדרעסטוועגען......

טזשיזש וואָס האָט דירעזשירט מיט אַן געהיימניספולען כאָר, האָט זיך מיט אמאָל אַרויסגעגליטשט פון דאָקטאָר'ס הענט, האָט גע־מאַכט אַן אומגעלומפּערטע פּאַ, האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַריינגעפאַלען אין בלאָטע.

דער דאָקטאָר ארנאָלדי האָט איהם מיט גרויסע שווערינקייטען אויפגעהויבען, האָט איהם ווידער אָנגעטאָן די היטעל, וואָס איז שוין געווען פאַלשטענדיג נאַס און שמוציג.

— נו, זאָל זיין גענוג, קום!

טזשיזש איז ווייכער געוואָרען. ער האָט זיך ווי אויסגעניכטערט און איז אַנטשוויגען געוואָרען, און פאַרסאָפּעט, מיט א זייט, ווייל דער דאָקטאָר האָט איהם צו הויך געהאַלטען אונטער'ן האַנט, גענו־מען שפּאַנען ווייטער.

— איך בין שרעקליך שכור! — האָט ער נאַיוו און אזוי רחמנות'־דיג באַמערקט אין א ווײַלע ארום. — נו, א דאגה! אויב שוין יאָ פאַרלאָרען געהן, איז כאָטש מיט מוזיק, דאָקטאָר!.. אמת?

אמת, אמת!.. — האָט מיעד צוגעשטימט דער דאָקטאָר אר־נאָלדי.

— ווייל עס איז אַלץ איינס דאָקטאָר... אַלץ איינס!.. שוין־זשע איז דאָס א לעבען?.. שוין־זשע בין איך א מענש?.. איך געה פאַר־לאָרען, דאָקטאָר... א סוף.

זיך וואַקלענדיג און גליטשענדיג, האָט זיך טזשיזש פּלוצלינג צוואויינט ווי א קינד.

32.

אויף מאָרגען האָט זיך טזשיזש אויפגעכאַפּט שפּעט.

אין צימער איז געווען קאַלט, גרוי און נאַס. א חושכ'דיגער טרי־בער טאָג מיט א נידעריגען בלייענעם הימעל איז געהאַנגען איבער דער ערד.

דעם קליינינקען סטודענט האָט וועה געטאָן דער קאָפּ, די הענט און פיס האָבען געטרייסעלט פון שוואַכקייט און איינגאַנצען איז ער געווען באַהערשט פון דעם באַוואוסטזיין, אַז עס האָט פּאַסירט עפּ־

וואָס שענדליכעס וואָס פאַריכטעז קען מען ניט.

ער האָט זיך געמיהט צו דערמאָנען וואָס אייגענטליך האָט געכּ־מען פּאַסירט און האָט ניט געקענט.

צוערשט זענען זיי געזעסען מיט'ן דאָקטאָר אַרנאַלדי אין דעם האַלב־דונקעלעם עס־צימער פון קלאַב און האָבען געטרינקען און גע־שמועסט און זענען געווען כּמעט ניכטער. נאָר שפּעטער האָבען זיך מיט אַמאָל אָנגעצונדען פייערען, געלע צושוואומענע, עס זענען אויסגע־וואַקסען מענשען, וועמענס געזיכטער ער האָט בשום אויפ'ן ניט גע־קענט זעהן אָבער ער האָט געוואוסט אַז זיי אַלע זענען זעהר סימפּאַ־טישע און ליעבע מענשען, וואָס האָבען איהם טזשיזשען זעהר ליעב. ער האָט מיט עמיצען אויסגעטרונקען, מיט אימיצען זיך געקושט, פון וועמען עס האָט געשמעקט מיט בראָנפען און מיט הערינג, דערנאָך האָט זיך צופלאַקערט אַ קריעג און ער האָט אימיצען אַרויסגערופען אויף אַ דועל, אימיצער האָט איהם געהאַלטען פאַר'ן האַנט און ער האָט זיך געריסען און געשריהען... דערנאָך איז אויף אַ ווײַלע אַלץ פאַרשוואונדען, ווי אין אַ שוואַרצען אָפּגרונט אַריינגעפאַלען, און שפּעטער איז ער ווידער צוזאַמען מיט'ן דאָקטאָר אַרנאַלדי געגאַנגען איבער'ן גאַס, ער האָט געזינגען, זיך ערקלערט דעם דאָקטאָר אַרנאַל־די אין ליעבע, זיך געקראַכען קושען, געפאַלען און געוויינט...

אָבער דאָס שרעקליכסטע איז געווען דאָס, אין וואָס טזשיזש איז ניט געווען אינגאַנצען זיכער, וואָס ער האָט אויסגעטרינקען מיט'ן פּריסטאַוו אויף „דו" און האָט איהם פאַרזיכערט אַז ער וועט איהם איבערקערען זיין גאַנצע נשמה, און ער — דער פּריסטאַוו וועט געהן פאַראויס מיט דעם אויפגעשטאַנענעם פאָלק. דוכטזיך אַז דער פּריס־טאַוו האָט איהם אונטערהאַלטען אונטער'ן האַנט, האָט מיט אַלעם איינגעשטימט און האָט איהם אַלץ איינגערעדט צו געהן אַ היים.

דאָס אַלעם איז געווען אַזוי אומגעלומפּערט מיאוס, אַז טזשיזש'ן האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע שטאָדט רעדט איצט דערפון. ער האָט זיך באַרוהיגט בלויז דערמיט, אַז דאָס אַלעם איז נאַרישקייטען, אַז דער וואָס איז ניט געווען שכּור איז נאָך מיאוסער, און אַז אויף מאָרגען וועט מען שוין דאָס אינגאַנצען פאַרגעסען, אָבער דער געפיהל פון חרפּה און עקעל איז געווען אונערטרעגליך.

אויפ'ן טיש איז געלעגען צוויי בריעף. טזשיזש, פאַרבויגענדיג

די שוואכקייט האט צוריסען די קאנוועדטען און זיך געפּראוואוט איי־בערצולייענען, אבער די בוכשטאבען האבען געטאנצט פאר די אויגען, עס האט איהם גענודיט, דער קאפּ האט זיך איהם מורא'דיג געדרעהט, עס האט איהם געקלאפּט אין די שלייפען אזוי, אז ער האט געמוזט אוועקווארפען די בריעף און אז אויסגעמאטערטער האט ער זיך צו־געלייגט אויפ'ן סאפע. און גלייך האט די סאפע גענומען לאנגזאם צו טאנצען און שווימען אונטער איהם, נאך דער סאפע האבען זיך אויך א ריהר געטאן די וואנט מיט דער סטעליע און אלעס צוזאמען האט זיך אלץ שנעלער און שנעלער גענומען דרעהען אויף איין ארט.

טזשיזש זיך האלטענדיג פאר'ן קאפּ, איז אויפגעשטאנען און האט זיך אנידערגעזעצט ביים פענסטער, ניט וויסענדיג ווי זיך אהין צוטאן פון וועהטאג, נודנאטע און ביינקשאפט. א מורא'דיגער כעס, אהן א פארוואס, האט איהם ארומגעכאפּט מיט אזא קראפט, אז ער איז זיך גרייט געווען צו שלאגען מיט'ן קאפּ אין וואנט. אבער יעדע באוועגונג האט ארויסגערופען א שמערצליכען שטאך אין די שלייפען פון וועלכע עס איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען, און דער קליינינקער סטודענט האט שוין געגען זיין ווילען זיך געמיהט ניט צו ריהרען זיך און ניט צו אטעמען.

— פע... איך וועל שוין מעהר קיינמאל אין לעבען ניט טרינ־קען!.. — האט מיט פארצווייפלונג געטראכט דער קליינינקער סטו־דענט.

עס איז אריינגעקומען א פאראומערטע פרוי, די קיכען, און האט אריינגעטראגען א זודיגען סאמאוואר. דער הייסער דאמף האט זיך געצויגען צום סטעליע, דערפון איז איהם ווי נאך ערגער געווארען, די קאפּ האט זיך איהם נאך שטארקער פארדרעהט, עס האט זיך איהם געוואלט ברעכען.

— גאטוניו, וואס איז דאס אזוינס! — האט אין פיין ארויס־געמורמעלט טזשיזש און האט פארדריקט מיט די הענט די שלייפען.

איהם האט זיך געדוכט, אז ער איז מורא'דיג איינזאם. עס האט זיך שמערצליך געוואלט אז אימיצער זאל קומען און רחמנות האבען אייף איהם.

ער האט ווי ניט איז פארקאכט טעה. די הייסע פליסיגקייט

האָט איהם פון אָנפאַנג אַזוי ווי לייכטער געמאַכט, אַלענפאַלס איז דער שלעכטער, פריקרער געשמאַק פון מויל פאַרשוואונדען, אָבער דער פאַר האָט שטאַרק אָנגעהויבען קלאַפּען און ווייטאָן דאָס האַרץ.

— פע־ע, וואָס־זשע איז דאָס אַזוינס! — האָט טזשיזש כמעט מיט טרערען אין די אויגען און גרויס פאַרצווייפלונג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ער האָט זיך שיר ניט צושריהען, אַזוי האָט איהם געשטאָכען אין די שלייפען.

עס איז איהם איינגעפאַלען אַז ווען ער זאָל זיך אָנטרינקען מיט וואָס ניט איז זויערס, וואָלט איהם געוואָרען לייכטער. דער קליינינ־קער סטודענט האָט אָנגעקלאַפּט אין וואַנט.

— אַנאַ וואַסילעוונא, האָט איהר ניט קיין שטיקעל לעמאָנע, ווי גאָט איז אייך ליעב?

באַלד.

טזשיזש האָט געהערט ווי די בעל־הבית'טע האָט זיך גע'עסק'ט אונטער וואַנט און געקלאַפּט מיט'ן מעסער איבער'ן טעלער.

די קאָפּ־וועהטאָג איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען און ציימענווייז איז איהם געוואָרען זעהר שלעכט. איהם האָט זיך געדוכט, אַז מען וועט שוין קיינמאָל ניט ברייננגען קיין שטיקעל לעמענע. און פון דער קרענקליכער אונגעדולדיגקייט האָט זיך איהם געוואָלט וויינען.

אָם ענדע האָט זיך באַוויזען די בעל'הבית'טע מיט אַ טעצעל אויף וועלכען עס איז געלעגען אַ צושניטענע געלע לעמענע.

זייט געגריסט, קיריל דמיטריעוויטש! אָט האָט איהר אַ לע־מענע.

אַ דאַנק, אָבער צו וואָס אַזוי פיעל? איך דאַרף איין שטיקעל.

דער בעל־הבית'עס געזיכט, וואָס איז געווען אָביסעל צו שטאַרק פאַרפּודערט מיט קרויזעלאַד אויפ'ן שטערען, האָט קאָקעטיש צו איהם געשמייכעלט.

— נישקשה, עסט, געזונטערהייד!.. ווי האָט איהר דאָס זיך נעכ־טען אַזוי אויסגעצייכענט?.. איהר שעמט זיך גאָר ניט?..

— וואָס איז זיך דאָ צו שעמען, האָט מיט אַן אונאַטירליכען פאָרס, אָפּגעענטפערט טזשיזש, און האָט זיך געכאַפּט פאַר די שלייפען. אייך איז ניט גוט?... דער קאָפּ טוט אייך וועה?... אַרעמינקער!

— האט געזאגט אננא וואסיליעוונא מיט א קאקעטישען מיטגעפיהל. אויב איהר ווילט וועל איך אייך צולייגען א קאמפרעס.

— נאך וואס... מען דארף ניט! עס וועט אזוי אויך איבער־געהן!

— ניין, ניין, איך וועל באלד!

און איז אוועק אין איילעניש, פאכענדיג מיט די ראזע סטענגעס פון קאפאט, און זיך וויגענדיג מיט איהר גאנצען פולען קערפער.

טושיזש האט אויסגעטרינקען צוויי גלעזער טעה מיט לעמענע, און איהם איז ווירקליך, לייכטער געווארען. אויפ'ן הארצען איז אויך געווארען אביסעל ווארימער. דאך איז ער ניט אינגאנצען אליין.

— אין גרונד גענומען איז זי גאר ניט אזא שלעכטע פרוי! — האט ער געטראכט, פארגעסענדיג דערביי, ווי זי האט איהם שטענדיג גע'כעס'ט מיט איהר קאקעטירען און אייביגע ענבלויזטע פערציג יאהריגע שעהנקייט...

זי האט זיך שנעל אומגעקערט און געבראכט מיט זיך א האנדטוך אנגעווייקט אין עסעק און א קליינינקע פלעשעל בראנפען.

— נאך וואס איז דאס, — האט אויסגעשריהען טושיזש, וועל־כער איז א פארציטערטער געווארען, ווען ער האט דערזעהן דעם בראנ־פען.

— דאס איז גארניט, גאלע גארניט, טרינקט אויס, דאס וועט אייך זעהר פיעל העלפען. מיין פארשטארבענער מאן פלעגט אימער אזוי טאן.

זי האט כמעט מיט גוואלד געצוואונגען טושיזש'ן אויסטרינקען. דער קליינינקער סטודענט האט פון וועהטאג פארלארען זיין ווילען און האט זיך אינגאנצען איבערגעגעבען אין איהר רשות. עס איז איהם אפילו אנגענעהם געווען, וואס זי פאדעט אזוי ארום איהם. ער האט זיך שוין פון לאנג אפגעוועהנט פון צערטליכקייט און מיטגעפיהל.

ווען טושיזש האט צוגעטראגען דאס גלעזעל צום מויל, האט איהם אזש אנגעהויבען דרעהען אינווייניג אזוי, אז עס איז איהם פינ־סטער געווארען אין די אויגען, און דער פנים האט זיך באדעקט מיט א גרינעם שאטען.

נישקשה, נישקשה! — האט איהם צערטליך ערמוטיגט אננא וואסילעוונא, און האט איהם אונטערגעשטופט דאס גלעזעל.

טזשיזש האָט זיך שיר ניט דערוואָרגען, אָבער גלייך האָט אַן איינגענעהמענע וואַרימקייט זיך צוגאָסען איבער זיינע גלידער און איז זיך צוגאַנגען איבער דעם גאַנצען קערפּער.

— נו, נעהמט נאָך אַ גלעזעל... אָט אַזוי!..

עס האָט אויסגעזעהן אונמעגליך אַראָפּצושלינגען דאָס צווייטע גלעזעל, אָבער צו טזשיזש׳ס פאַרוואונדערונג איז דאָס אַרונטער פאַל־קאָם פריי. עס איז איהם געוואָרען לייכטער.: דער שטעכענדער וועה־טאָג אין די שלייפען, צוזאַמען מיט דעם ציטערן פון קערפּער האָבען זיך איינגעשטילט.

— און איהר האָט נאָך ניט געוואָלט!.. אמת, עס איז אייך בע־סער? — האָט זי באַזאָרגט געפרעגט.

טזשיזש האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— יאָ, לייכטער!

— זעהט איהר שויז... איהר זאָלט מיך אימער פאָלגען!.. און איצט לייגט זיך צו, וועל איך אייך צולייגען דעם קאָמפּרעס.

דער קליינינקער סטודענט האָט זיך פאַרשעמט.

— גיט מיר... איך וועל דאָס אַליין טאָן...

— ניין, ניין!.. מאַכט זיך ניט נאַריש, איך בעט אייך! נו, אָט!..

טזשיזש האָט מיט אַ פאַרשעמטען שמייכעל זיך צוגעלייגט אויפ׳ן בעט. אַננאַ איוואַנאָוונאַ האָט זיך געזעצט נעבען איהם. זי האָט גע־שיקט אַרויפגעלייגט דעם קאַלטען האַנדטוך אויפ׳ן שטערען, וואָס האָט געשמעקט מיט עסעק, און האָט איהם שטייף צוגעדריקט מיטביידע הענט צום קליינינקען סטודענט׳ס שטערען.

פון הינטען האָט טזשיזש געקענט זעהן כמעט ביז די פּלייצעס, וואָס זענען נאָך געווען רונד און צאַרט, איהרע פּולע־ראָזעווע הענט אין די ברייטע אַרבעל פון קאָפּאָט.

זי איז געזעסען זעהר נאָהענט. דער קליינינקער סטודענט האָט געפיהלט די וואַרימקייט פון איהר קערפּער.

— און וואו האָט איהר דאָס אַזוי? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פאַרוואורף, אין אַזאַ טאָן, מיט וועלכען ערפאַרענע דערוואַקסענע רעדען מיט יונגע לייט, וואָס געפעלען זיי.

— אָט אַזוי. איך בין אַריינגעגאַנגען אין קלאַב... דאָרטען איז

געווען דער דאָקטאָר אַרנאַלדי... צווערשט האָט מען אויסגעטרינקען אַביסעלע, און דערנאָך, ווייסט איהם דער טייפעל...

— ווי קומט עס צו אייך?

— עס איז לאַנגווייליג, אננאַ וואַסיליעוונאַ!

— דאָס איז דערפאַר וואָס איהר זענט אימער אַליין, אימער אַליין!... געווים, ווארום אַמאָל, טאַקע, ניט אַ הוליע טאָן... זייט ניט בייז, וואָס איך רעד אַזוי: איך וואָלט דאָך געקענט זיין אַ מוטער צו אייך, לויט מיינע יאָהרען.

—איהר, מיין מוטער — האָט העפליך אָפּגעענטפערט דער קליי־ניגקער סטודענט, און ניט ווילענדיג געוואָרפען אַ בליק אויף איהרע ענטבלויזטע הענט.

— פע, ווי וואולגאָר איך רעד, האָט ער געטראַכט מיט עקעל, און דאָך דערפיהלט דערביי אַן אַנגענעהמענע רעגונג.

— זי איז נאָךווירקליך גאַנץ שעהן!..

אננאַ וואַסילעוונאַ האָט זיך צולאַכט און איהם געדראָהט מיט'ן פינגער. ער האָט זיך פאַרשעמט, און צו דער זעלבער צייט איז ביי איהם דורכגעפלויגען אַ ציניש׳ער און רענענדער געדאַנק:

„וואָרום ניט?“

— געווים פאַר אַ מוטער! — האָט זי ווידערהאָלט און טזשיזש'ן האָט זיך אויסגעוויזען אַז איהר ווייבער קערפּער האָט זיך שטאַר־קער צוגעדריקט צו איהם. — איהר, ווייסט דאָך, מען טרינקט אוים איינמאָל, צוויי מאָל...

— איהר האָט מורא אַז איך זאָל ניט ווערען קיין שכור? — האָט זיך טזשיזש צולאַכט, כּמעט אונבאַוואוסטזיניג אַריינזאַפּטענדיג אין זיך די רייצענדע וואַרימקייט פונ'ם פרויען קערפּער.

אננאַ וואַסיליעוונאַ האָט זיך אַביסעל פאַררויטעלט און איז גלייך געוואָרען יונגער און שעהנער.

— ווירקליך!.. איך האָב מיטלייד מיט אייך. איהר זענט שטענ־דיג אַזוי איינזאַם... איך בין אויך איינזאַם, אָבער איך בין שוין אַן אַלטע, און איהר זענט אַ יונגער מענש. איהר נויטיגט זיך אין נאָ־דענטקייט און צערטליכקייט.

אין איהר שטים האָט זיך ווירקליך דערפיהלט אַ וואַרימער גע־פיהל.

דער קליינינקער סטודענט האט מיט דאנקבארקייט א קוק געטאן אויף איהר.

— איהר זענט היינט אויסערגעוועהנליך, ליעבע אננא וואסי־לעווגא!

— טאקע? — האט זי שפּילענדיג געפרעגט און האט זיך זעהר נידריג איבערגעבויגען איבער איהם.

אין איהרע טונקעלע אלוויסענדע אויגען האט זיך באוויזען עפּעס א מין געפערליך פייערל.

— אויף מיין ווארט! — האט מיט א ציטערדיגער שטים געזאגט טושיזש, און אונערווארטעט פאר זיך אליין צוגעגעבען: מיר ווילט זיך אפילו אייך א קוש טאן.

אויף אן אויגענבליק האבען זייערע בליקען זיך באגעגענט, און עטוואס אפענהערציג עזות'דיגעס, האט זיך איבערגעגעבען אויג צו אויג.

— נו ליגט, ליגט! — האט געזאגט אננא וואסיליעוונא און איז גלייך אויפגעשטאנען, ווי זי וואלט זיך דערשראקען פאר עפּעס. בלויז א ווײילע צוריק איז טושיזשען געווען אונאנגענעהם איהר נאהענט־קייט, און דא האט איהם פארדראסען, וואס זי האט זיך אויפגעהויבען.

— איהר געהט שוין אוועק? — האט ער געפרעגט אין פארלע־גענהייט.

— איהר דארפט איינשלאפען... ווייל איהר זענט ניט געזונט, האט זי זיך צולאכט! — און ניט קוקענדיג האט זי זיך קוים־קוים א ציה געטאן מיט איהר פולען קערפּער.

ביי איהם איז דורכגעפלויגען א פארלאנג זי אנכאפּען ביי דער טאליע און פשוט, גראב און אפען, זי צוציהען צו זיך אויפ'ן בעט. אבער די מאמענטאלע פארשטעלונג וועגען א דיקען צושוואומענעם קערפּער האט איהם אפּגעהאלטען מיט אן אונקלארען דערווידער גע־פיהל.

אננא וואסיליעוונא איז געשטאנען א ווייַלע, האט פאריכט די האר און איז אוועקגעגאנגען. ביים זעגענען זיך האט זי אזוי געהיימניס־פול און עזות'דיג א זאג געטאן:

— גו ווערט שנעלער געזונט... איך וועל נאך קומען צו אייך.

33.

עס איז געווען א כמורנער טרוקענער טאג. אין דרויסען האט געשמעקט מיט פראסט און מיט נאהענטע שנעהען. דאס איז געווען דער לעצטער טאג אין הערבסט. א קאלטער ווינט האט געבויגען די שווארצע נאקעטע צווייגען פון די בוימער, און האט אין גאנצע הויפענס צונויפגעבלאזען די געלע בלעטער אויף די סטעזשקעס פון די פארוויסטע סעדער. די בלאטע אין די גאסען איז שנעל פארפרוירען געווארען און איבער די טרוקענע ווי אויסגעגראבענע וועגען האט זיך געטראגען א טרוקענער שטויב. צייטענווייז איז דער הימעל דונקעלער געווארען, האט זיך אראפגעלאזען נידריגער, און אין דער לופטען האבען געגומען שוועבען קוים באמערקבארע שנייעלאך.

דער קליינינקער סטודענט מיט א צושויבערטען טשוביקעל אויפ'ן שטערען, מיט פארלאפענע אויגען, איז געזעסען ביי זיך אויפ'ן בעט און האט טעמפ געקוקט אויפ'ן פינטעלע פון דיל, ווי עס איז געלעגען אן אויסגעבויגענע האר־נאדעל מיט צושאטענע האר ארום דעם.

איצט האט ער שוין געוואוסט אויף זיכער, אז עס איז צו אלעם אן ענדע, אז יענער גרויס און שעהן לעבען, וועגען וועלכען ער האט אזוי לאנג און ליידענשאפטליך געטרוימט איז אויף אייביג אוועק פון איהם.

— זיכער!

ווי דאס האט פאסירט, האט ער אליין ניט געקענט פארשטעהן. ער איז געווען שכור, אזוי אומגעלומפערט וואולגאר שכור. ער

האָט זיך אַראָפּגעלאָזען ביז אַזאַ שטופּע, אַז ער האָט זיך געוואַקעלט אין די גאַסען. ער האָט געזונגען און זיך געקושט מיט פּאָליציי באַ־אַמטע.

דערנאָך איז געקומען דאָס גרויזאַמע אויסניכטערן זיך, צוזאַמען מיט דעם אונערטרעגליכען באַוואוסטזיין פון זיין פאַלשטענדיגער איינזאַמקייט...

פון יענע, וועלכע ער האָט געקענט און וויפיעל ניט איז גערע־כענט פאַר מענשען, איז קיינער ניט געבליבען. עטוואָס שוידערלי־כעס האָט זיך דורכגעטראָגען איבער'ן שטאָדט און האָט אוועקגעטראַ־גען אַלעמען, אַזוי ווי זיי וואָלטען גאַר קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געוועזען. ווי אין נעבעל האָט ער זיך ערינערט אין קאַרנעט קראַוזע, נאַומאָוו'ן, ליזע'ן און דזשענעיעוו'ן...

מיט איהם איז בלויז פאַרבליבען דער אַלטער דאָקטאָר אַרנאָלדי. אַזאַ אַפּגעלאָזענער און שכור'ער, וואָס האָט שטענדיג אַזוי זינלאָז גע־פּליסטערט:

— איך בין דאָך שוין אַזוי אויך פון לאַנג געשטאָרבען!..

אויסער איהם באַשטעהן די אַרומיגע: פון סוחרים, גלחים, אָפּי־צערען און באַאַמטע, וואָס דינען, טרינקען, שפּילען אין קאָרטען; האָבען חתונה און פּלאָדען קינדער, אום די קינדער זאָלען אויסוואַק־סען און זיך פאַרוואַנדלען אין די זעלביגע סחרים, אָפיצערען, ביר־גער און ד. ג., און זאָלען אויך אַזוי דינען, שכור'ן און זיך מעהרען אהן אַ סוף און אָהן אַ זין.

דער דאָקטאָר אַרנאָלדי איז גערעכט: ער איז שוין פון לאַנג געשטאָרבען, כאָטש ער געהט אַרום, רעדט און פּיהלט. די איינציגע זאַך, וואָס ער האָט מוטה צו אַנערקענען, אַז ער איז געשטאָרבען, און טויזענדער און טויזענדער רידערען זיך אויף דעם גאַנצען ערד־קוגעל, ווי ווערים אַרום אַ נבלה, און אַנערקענען ניט אַז זיי זענען לעבעדיגע מתים, וועלכע זענען אין אַ בייזער איראָניע אַרויסגעלאָזען געוואָרען צו שפּאַצירען איבער דער וועלט ביז וואַנענט מען וועט זיי ניט באַגראָבען אין זייערע קברים.

און צווישען אַט די בלאַסע מתים איז איין נאַט ווייסט צוליעב וואָס, אומגעלאָפען און זיך געטומעלט דער קליינינקער סטודענט

טזשיזש. ער האָט אין עפּעס געגלויבט, געליטן אין נאָמען פון עפּעס העכערעס, זיך געהיצט...

איבריגענס גלויבט ער איצט אויך! ער ווייסט אַליין ניט אין וואָס, אָבער ער גלויבט דאָך. מיט אַנגסט און שמערצליכען וועהטאָג, גלויבט ער. האָפנונגסלאָז און טריב איז זיין גלויבען. אָבער איצט האָט ער זיך שוין אָפּגעריסען דערפון נאָך וואָס ער האָט געביינקט. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויפ'ן דעק, און אַזוי זינקט ער אַלץ טיעפער און טיעפער. דעם אמת געזאָגט, האָט ער שוין פון לאַנג געפיהלט אַז אַלעס איז פאַרלאָרען, אָבער ער האָט זיך אַליין געוואָלט אָפּנאַרען און האָט זיך געדראַפּעט מיט הענט און פיס אַרויף צום הימעל.

ברייט און אונענדליך איז דער וועג פון דער מענשהייט, און יעדער קלייניקער מעשעלע מאַכט איבער אַט דעם וועג, צוויי, דריי טריט, און דער נאָך שטעהט ער אָפּ, און פאַרלירט זיך ערגעץ ווייט פון הינטען.

גרויסע פיהרער, נביא'ם און לעהרער, וועמענס אַנדענקען עס באַגלייט די מענשליכע סטאַדע, וואָס טראָגט זיך פאַראויס אָהן אַן אָפּהאַלט, ביז וואַנענט זי ווערט אָפּגעווישט און באַדעקט מיט שטויב פון די יאָהר־טויזענדע. און די קלייניקע טזשיזשעס איילען זיך צו זייערע ניט טיעפע קברים און פאַלען אָהין אַריין, אַליין ניט מערקענדיג ווי אַזוי. אַזוי ווי טויטע מילבען, פאַרקערטע פון אימיצענס גלייכגילטיגער האַנט, פאַלען זיי אַריין אין די קברים מיט אַ שטילען קוים געהערטען גערודער. מען פאַרשיט זיי מיט ערד, אויף וועלכער מען לייגט נייע וועגען, אפילו זיך ניט פאַרטראַכטענדיג וועגען דעם, אַז דער גאַנצער שטויב אויף אַט די וועגען באַשטעהט פון זייערע הערצער, וואָס האָבען אַמאָל געשלאָגען, געליטען און געהאָפט.

דער סוף איז אונפאַרמיידליך, און אומזיסט קלעטערט דער קלייניקער טזשיזש אויפ'ן ברעג פון גרוב, ניט מערקענדיג ווי נוצלאָז און לעכערליך עס זענען זיינע אַנשטרענגונגען. אויב ער וועט זיך אויפהערען קלעטערען, ווי אַן אַראָפּגעקערטער מיט אַ באַרשט, באַרשטויבטע בלינדע פליג, וועט זיך קיין זאַך ניט אומבייטען פאַר איהם.

און אַט האָט ער זיך איינגעמיט, האָט אויפגעהערט צו קלעטערען

און האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויפ'ן דעק פון זינגלאָזען פּוילען און שברות. ער האָט זיך ערנידעריגט ביז אַ שמוציגער פאַרבינדונג מיט אַ דיקער, אַלטער און נאַרישער פרוי.

— ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט? — האָט זיך צום הונדערטען מאָל געפרעגט דער קליינינקער סטודענט.

ער איז געווען איינזאַם און איהם האָט זיך פאַרגלוסט כאָטש אַ קליין שטיקעלע פערזענליכער גליק, אַז כאָטש אימיצער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען, און איהם דערוואַרעמען מיט אַ צערטליכער באַציהונג. עס איז קיינער ניט געווען דערביי, קיינער האָט זיך ניט געקימערט וועגען איהם, און זי האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַזאַ גוּ־טער און פשוט'ער.

אין יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ ניכטערער איז ער אַוועק וואַנדערען איבער'ן שטאָדט. איבעראַל איז געווען פּוסט, די פינסטערניש האָט טויב פאַרצויגען די בלאָטיגע גאַ־סען, די אָרימע הייזלעך צוזאַמען מיט די נאַסע פאַרקאַנס און סעדער.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין קלאַב אָבער ער האָט דאָרטען קיינעם ניט געטראָפען. אַן איינזאַמער און בייזער איז ער אַוועק צום דאָקטאָר אַרנאָלדי אַהיים, אָבער ער האָט איהם אויך אין דערהיים ניט געפונען. און דאָ האָט זיך איהם באַגעגענט יענער פּריסטאַוו מיט וועלכען ער האָט שכור'ערהייט אויסגעטרונקען אויף „דו".

טזשיזש האָט זיך געוואָלט מאַכען אַז ער האָט איהם ניט באַ־מערקט, אָבער דער פּריסטאַוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך צולאַכט אויפ'ן קול און גענומען זיך וויצלען און איהם לאַדען צו זיך.

טזשיזש'ן איז געווען אונאַנגענעם וואָס ער האָט ערלויבט זיך צו פאַרשלעפּען צום פּריסטאַוו. וואו ער האָט אין דער גזעלשאַפט פון שכור'ע באַאַמטע זיך ווידער אָנגעטרונקען. די באַאַמטע האָבען הילכיג געלאַכט, און זיך נאַריש געוויצעלט. און האָבען איהם געגעבען מיאוסע אָנצוהערעניש וועגען זיין בעל־הבית;'טע. דער פּריסטאַוו האָט איהם נעקלאַפּט איבער'ן פּלייצע, און געזאָגט: „דו ביזט אַ חזיר!.." צוערשט האָט דאָס איהם אונערטרעגליך געשניטען, אָבער ווען עס האָט איהם גענומען רוישען אין קאָפּ, האָט ער אַלץ מעהר דערזעהן אין די באַאַמטע וואוילע בחורים, און דער פּריסטאַוו איז גאָר געוואָרען אַ האַרציגער מענש. ייערע שמוציגע גראָבע רייד

זענען געוואָרען וויציג און צום סוף האָט ער אַליין אויך אָנגעהויבען רעדען מיאוסע רייד. ער האָט זיך גענומען קושען, זינגען און לאַכען. אַ היים האָט ער זיך אומגעקערט שפּעט. די בעל־הבית'טע איז שוין געשלאָפען, נאָר זי איז אויפגעשטאַנען איהם עפענען די טיר. או אויפגערעגטער האָט טזשיזש גענומען שפּאַסען מיט איהר זעהער צווייריידייטיג און זי געבעטען אַראָפּנעהמען די שאַל, וואָס זי האָט אַרויפגעוואָרפען אויף די נאַקעטע פּלייצעס. דער בראָנפען, די נאָהענטקייט פון כמעט אַ נאַקעטער פרוי, איהר קוויטשערייען און קורצער געלעכטערל, האָבען איהם אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ.

עס איז געווען אַ מאָמענט ווען דער קליינינקער סטודענט האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזעהענדיג זיך אַ קליינינקען דאָרען און שכור־אויפגערעגטען, און זי — אַ ציניש‌ע, האַלב־נאַקעטע, דיקע פרוי. איהם האָט אַרומגענומען אַ מאָדנער כעס און פאַרצווייפלונג.

— עט, אַלץ איינס! — האָט זיך דורכגעטראָגען אין זיין מוח. עס האָט געפּאַלגט אַ עקעלהאַפטער ציניש‌ער גערודער, און מיט אַ מאָל איז זי אויסגעוואַקסען ביי איהם אין צימער. ער האָט זי אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן בעט, האָט זי אויסגעטאָן און זי געקושט אין דער דיקער נאַקעטער ברוסט...

— אַט, אַ נידערטרעכטיגקייט! — האָט זיך דורכגעטראָגען אין קליינינקען מוח. אויף אין דער פריה האָט ער מורא געהאַט אַרויסגעהן פון זיין צימער. אָבער זי אַליין איז געקומען צו איהם אַזאַ אָפענהערציגע, חוצפּה'דיגע און צורידען־שמייכלענדיגע. די דינסט איז ניט געווען און איהר קליינער זוהן, אַ גימנאַזיסט, האָט עפּעס גע'חזורט אין דעם שכנ'ישען צימער. מיט גרויל און אויפטרייסלענדען עקעל האָט זיך טזשיזש דערמאָנט, ווי דער אינגעל, וועמען עס איז לאַנגווייליג געוואָרען צו זיין אַליין האָט אונערוואַרטעט געעפענט די טיר, און זי, אַ האַלב־נאַקעטע און רויטע איז אַרויסגעלאָפען איהם אַנטקעגען, האָט איהם אַרויסגעוואָרפען פון צימער און האָט פאַרהאַקט די טיר.

אויף מאָרגען האָט זי געמאַכט אַ פאַמיליען מיטאָג. זי האָט איהם אונטערגעטראָגען די בעסטע שטיקלאַך, איהם גערופען קיריושאַ, זיך באַקלאָגט אויפ'ן זוהן, וואָס איז געזעסען אַריינגעטאָן דעם קאָפּ אין

טעלער, און האָט געבעטען טזשיזש'ן ער זאָל דאָס אינגעל נעמען אין די הענט.

נאָך מיטאָג איז דער קליינינקער סטודענט אוועק צו זיך אין צי־מער, האָט זיך דערטען פאַרשלאָסען. ער האָט זיך פאַרשלאָגען אין ווינקעל פון בעט און איז געזעסען אין א מין טויטער פאַרגעסענהייט און מיט אַן אונבאַוואוסטזיניגען אינסטינקטיווען גרויל געקוקט אויף דער האַרנאַדעל, וועלכע זי האָט פאַרלאָרען ביים בעט.

צו ביסלאַך איז פינסטער געוואָרען. שאָטענס האָבען זיך גענו־מען שפּרייטען איבער'ן צימער. עס האָבען זיך אויסגעלאָשען די רויטע פּאַסען אויפ'ן הימעל, אויף וועלבען עס האָבען זיך אַזוי האַרט און שוואַרץ געמאָהלען שאָטענס פון די נאַקעטע סעדער.

טזשיזש איז געזעסען אין זיין פאַרשפּאַרטען צימער, אַן אויס־געטריקענטער, בלאַסער און מיט זיין צושורפּעטען טשוביק אויפ'ן שטערען, האָט ער דערמאָנט אין א קראַנקען פויגעלע.

טעמפּ און לאַנגזאַם האָבען זיך געצויגען זיינע געדאַנקען, און קיין זאַך אויסער מוראַדיגער פאַרצווייפלונג איז ניט געווען אין זיין נשמה.

ווען מען זאָל קענען איבערגעבען אין ווערטער דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין נשמה און אין זיינע געדאַנקען, וואָלט דאָס גע־קלינגען אַזוי:

— גוט, איך גלויב! איך גלויב אַז דאָס לעבען איז שעהן און גרויס, אָבער ניט פאַר מיר!.. איך האָב שוין פאַרענדיגט אַלע מיינע חשבנות: איך וועל זיך שוין קיין מאָל פון דאַנענט ניט ארויסקלע־טערען און איך האָב שוין מעהר ניט קיין כוח און ניט קיין פאַרלאַנג צו קעמפען. איך מוז זיך אראָפּלאָזען אַלץ נידריגער און נידריגער...

קען דען זיין עפּעס נידריגערעס ווי דאָס, וואָס איז שוין דאָ!... זאָל זיין! — לעבט א י ה ר, זייט גליקליך. זאָלען זיך פאַר אייך עפענען נייע אונבאַוואוסטע האָריזאָנטען פון א פרייעם, א שעה־נעם מענשליכען לעבען!... אָבער איך בין פאַרלאָרען!... איך פיהל ווי עס שטילען זיך איין מיינע געדאַנקען, ווי מיין נשמה ווערט קליינליך און ביליג!.. איך בין ניט שולדיג אין דעם: איך האָב גע־קעמפט, געטרוימט און געגלויבט. איך האָב אויך אַנדערע געוועקט צום גלויבען!... אָבער ביי מיר האָבען ניט געסטאַיעט קיין כוחות!...

ווער איז שולדיג אין דעם, וואָס מיר איז ניט געגעבען געוואָרען אַט די כוחות. איך בין אַ קליינינקער, אַן אומגליקליכער מענשעלע, וועמען עס האָבען פאַרזעהן סיי די מענשען, סיי דער שיקזאַל! איך בין געפאַלען און וועל זיך שוין מעהר קיינמאָל ניט אויפהויבען!.. טאָ זאָל זיין שעהן דאָס לעבען, זאָלען מענשען גליקליך זיין...

אומקומענדיג, ציה איך אוים מיין האַנט און בענש דעם וועג פון יענע, פון יענע צוקונפטיגע מענשען, וועלכע וועלען מיך אפילו ניט דערמאָנען!

די צייט איז געגאַנגען, אַ חושך האָט האַדעקט די ערד און טזשיזש איז אַלץ געזעסען. ער האָט שוין מעהר ניט געטראַכט, נאָר בלויז געפיהלט ווי ער טוקט זיך איבער'ן קאָפּ אין אַן האָפנונגסלאָזער טויטער פאַרצווייפלונג.

איינינע מאָל האָט צו איהם אַנגעקלאַפּט די בעל־הבית'טע און גערופען קיריל דמיטריעוויטש! קירױשא!.. עפּענט!.. וואָס האָט איהר זיך פאַרשלאָסען!

אָבער דער קליינינקער סטודענט האָט זיך נאָך טיעפער פאַרוקט אין ווינקעל פון בעט און געענטפערט:

— איך פיהל זיך אביסעל ניט געזונט... איך וויל שלאָפען... עס איז געקומען די נאַכט. אין צימער איז געווען פינסטער און אַזוי אונהיימליך האָט זיך געהערט, ווי אונטער'ן וואַנט רוישט דער ווינט און אין די פענסטער קלאַפּען די טרוקענע שנייעלעך. צו טאָג האָט אַנגעהויבען שיטען אַן אמת'ער שניי, און עס האָט זיך צוזאַמערט דער ערשטער ווינטערדיגער שניי־שטורם.

אַ בלויענקע שיין האָט אריינגעדרונגען אין צימער. טזשיזש האָט מיט בלאַסע אויגען זיך שעמעוודיג געכומען ארומקוקען אין אַלע ווינקלעך. דער שטורם האָט זיך איינגעשטילט. די ערד איז געווען באַדעקט מיט שניי, אַלץ איז געווען אַזוי גלאַט, ווייס און ריין, ווי מיט ווייסען פּוך זענען באַוועגלאַז געשטאַנען באַדעקט די ביימער אין גאָרטען. ביי טזשיזשען אין צימער איז געווען שטיל און פוסט. די נאַקעטע ווענט האָבען געקוקט קאַלט און גרויזאַם, אַ שרעקליכע שטילקייט האָט געהערשט צווישען זיי.

דער קלײנינקער סטודענט איז געהאַנגען אויפן הענגער, נעבען זײַן קורצינקען מאַנטעלע. און דערבײַ זענען געשטאַנען אַ פּאָר קלײנע, צוריסענע, אַלטע קאַלאָשען.

ע נ ד ע.

פערלאג מאקס יאנקאוויץ

179 E. BROADWAY, N. Y.

	בראש.	געב.
מ. ארציבאשעוו:		
סאנין		$1.50
מיליאנען		1.00
פרויען		.70
אייפערזוכט	.30	.65
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער)		3.50
אסקאר ווײַלד:		
דאס בילד פון דאריאן גרעי		1.20
איסכילאס:		
דער גישמידטער פראמעטעאוס	.15	
מ. אדערשלעגער:		
וועלטלאך (ערצעהלונגען און בילדער)	.30	
לעאניד אנדרעיעוו:		
דער רויטער געלעכטער	.30	.65
פ. דאסטאיעווסקי:		
ארעמע מענשען		1.00
ערנידעריגטע און באליידיגטע, (אין 2 בענדער)		2.25
פארברעכען און שטראף (אין 2 בענדער)		3.25
אידיאט, אין 3 בענדער, 1,000 זייטען		5.00
וויקטאר הוגא:		
דער מענש וואס לאכט (אין 2 בענדער)		3.00

	בראָש.	געב.
אויגוסט סטרינדבערג:		
דער רויטער צימער		1.20
געזאמעלטע דראמען (אין 2 בענדער)		2.30
ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאַרלעזער	.30	.65
מאַרק אַרענשטיין:		
מיין ווייב'ס משוגעת	.20	
ה. זודערמאַן:		
יאָהאַנעס פייער	.25	
ל. קאָברין:		
יאַנקעל בוילע	.25	
פר. א. פאָרעל:		
די געשלעכטס־פראגע קאמפליט, נייע פארבע־סערטע אויפלאגע אין 2 בענדער		4.00
סיני ליכט:		
הומאריסטישע שריפטען		1.00
סט. פשיבישעווסקי:		
דעם טייפעל'ס קינדער		1.00
פונ'ם אפגרונד	.15	
ברוין וואָלטער:		
יעדע פרוי	.25	

עס דרוקט זיך אין קורצען וועט ערשיינען:

פ. דאָסטאָיעווסקי:

אין טויטען הויז.

טאָמאַס פיין:

צייט פון פארשטאנד.
דאס רעכט פון מענשען.
דער פשוט'ער שכל.

וואָלטער:

קאנדיד.